STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01683

DER SHTILER DON

Mikhail Aleksandrovich Sholokhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

ידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

דאָס נייע בוך

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

Druk. „Grafia“, W.-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52

זאָג-זשע, שטילער דאָן, זאָג-זשע, פאָטערל,
שפּייזער אונזערער, דאָן איוואַנאָוויטש,
וואָס באַרימט דו ביסט מיט דיין גוטן שם,
מיט דיין ווילן שם, שוין פון צייטן לאַנג.
זאָג, פאַרוואָס אַמאָל — פלעגסטו טרייבן שנעל
דיינע וואַסערן, שטראָמען לויטערע,
און אַצינד דו פליסט מרה-שחורהדיק,
מוטנע-אומעטיק ביזן טיפן גרונט.
ענטפערט אָפּ דער דאָן, זאָגט דער שטילער דאָן:
„מיינע וואַסערן מוזן מוטנע זיין,
ווייל איך האָב פאַרשפּרייט מיינע דאָנער זין,
אַדלערס ליכטיקע איבער ווייטער פרעמד.
און די ברעגן מיין — שדועבקט דער שטראָם אָן זיי,
איגזלען זאַמדיקע — ליגן געל אַנטבלויזט“...

(פון אַן אַלט קאָזאַקן-ליד)

PUBLIC LIBRARY
DETROIT MICH.

זעקסטע טייל

I

אין אַפּריל 1918־טן יאָר איז ביים דאָן פאָרגעקומען אַ גרויסע שפּאַלטונג: די פראָנט־קאָזאַקן פון די צפונדיקע קרייזן — כאָפּערער, אוסט־מעדוועדיצער און טיילווייז אייבערשטע דאָנער — זענען אַוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון און די אָפּטרעטנדיקע טיילן פון די רויטגוואַרדייער; די קאָזאַקן פון די אונטערשטע קרייזן האָבן זיי געטריבן און אַרויסגעשטויסן צו די גרענעצן פון דער פּראָווינץ, באַפרייענדיק מיט שלאַכטן יעדן שפּאַן היימישע ערד.

די כאָפּערער זענען אַוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון כמעט ביז איינעם, די אוסט־מעדוועדיצער — אין דער העלפט, די אייבערשטע דאָנער — בלויז אין אַן אומבאַדייטנדיקער צאָל.

ערשט אין 1918־טן יאָר האָט די געשיכטע ענדגילטיק צעטיילט די אייבערשטע און אונטערשטע. אָבער די התחלה פון דערדאָזיקער טיילונג איז אָנגעמערקט געוואָרן נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די ווייניקער פאַרמעגלעכע קאָזאַקן פון די צפונדיקע קרייזן, וואָס האָבן נישט געהאַט נישט די פעטע פעלדער פון דער אַזאָווער געגנט, נישט קיין ווייַנגערטנער, נישט קיין רייכע שטחים פאַר געיעג און פיש־פאַנג, פלעגן פון צייט־צו־צייט זיך אָפּרייסן פון טשערקאַסק, מאַכן פרייוויליקע אָנפאַלן אויף די גרויס-רוסישע געביטן און דינען אַלס זיכערער שטיצע פאַר אַלע בונטאַרן, אָנהייבנדיק פון ריאַזינען און ענדיקנדיק מיט סעקאַטשן.

אפילו אין די שפּעטערע צייטן, ווען דאָס גאַנצע קאָזאַקנטום האָט שטילערהייט געמירמלט, אונטערגעדריקט דורך דער מעכטיקער פויסט פון דער זעלבסטהערשאַפט, זענען אויך די אייבערשטע קאָזאַקן

אָפן אַרויסגעטרעטן און, אָנגעפירט דורך זייערע אַטאַמאַנען, געטרייסלט מיט די יסודות פון צאַרנטום: זיי האָבן זיך געשלאָגן מיטן קרוינישן חיל, באַרויבט די קאַראַוואַנען ביים דאָן, זיך אַריבערגעוואָרפן צו דער וואָלגע און געבונטעוועט די איינגעשטילטע זאַפאָראָזשער.

סוף אַפריל איז דער דאָן אין צוויי דריטל געווען אָפגערייניקט פון די באָלשעוויקעס. נאָכדעם ווי עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַן אייגענע מאַכט אין דער פראָווינץ, האָבן די פירער פון די מיליטערישע גרופן, וואָס האָבן געקעמפט אויף דרום, פאָרגעלייגט צונויפצורופן דעם קרייז. אויפן 28-סטן אַפריל איז אין נאָוואָטשערקאַסק באַשטימט געוואָרן די פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער ציטווייליקער דאָנער רעגירונג און די דעלעגאַטן פון די סטאַניצעס און מיליטערישע טיילן.

אין טאָטערישן כוטאָר איז אין צוואָנציקסטן אַפריל דערהאַלטן געוואָרן אַ פאַפיר פון וויעשענסקער סטאַניצע-אַטאַמאַן, אין וועלכן ער האָט מיטגעטיילט, אַז אין דער וויעשענסקער סטאַניצע קומט פאָר דעם 22-סטן פון דעם חודש די פאַרזאַמלונג פון דער סטאַניצע, כדי אויסצוקלויבן דעלעגאַטן צום מיליטערישן קרייז.

מיראָן גריגאָריעוויטש קאָרשונאָוו האָט איבערגעלייענט אויף אַ פאַרזאַמלונג דאָס פאַפיר. דער כוטאָר האָט געשיקט קיין וויעשענסק אים, דעם זיידן באָגאַטיריעוו און פאַנטעלעי פראָקאָפיעוויטשן.

אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער סטאַניצע האָט מען צווישן די איבעריקע דעלעגאַטן אויסגעקליבן אויך פאַנטעלע פראָקאָפיעוויטשן. פון וויעשענסק האָט ער זיך אומגעקערט דעם זעלבן טאָג און אויף צומאָרגנס באַשלאָסן צו פאָרן צוזאַמען מיטן מחותּן קיין מילעראָוואָ, כדי באַצייטנס אָנצוקומען קיין נאָוואָטשערקאַסק (מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אין מילעראָוואָ זיך געדאַרפט באַזאָרגן מיט נאַפט, זייף און נאָך עפעס פאַר דער באַלעבאַטישקייט, ער

האָט אויך, אגב אורחא, געשטעלט האָבן עפּעס פֿאַרדינען, איינ־קויפֿנדיק מאַכאָרקע פֿאַר דער מיל זיפּן און באַפּיס).

זיי זענען אַרויסגעפֿאָרן באַגינען. מיראָן גריגאָריעוויטשס שוואַרצע פֿערד האָבן לייכט געטראָגן די העל־געפֿאַרבטע בריטש־קע. די מחותּנים זענען געזעסן איינער לעבן אַנדערן. זיי זענען אַרויפֿגעפֿאָרן אויפֿן באַרג, זיך פֿונאַנדערגעשמועסט: אין מילעראָ־וואָ זענען געשטאַנען דייטשן, דעריבער האָט מיראָן גריגאָריע־וויטש געפֿרעגט אַ ביסל אומרויִק:

— ווי מיינט איר, מחותּן, די דייטשן וועלן אונדז נישט פֿאַרהאַלטן? דאָס איז אַ געמיין פֿאָלק, דער טייוול זאָל זיי קענען!

— ניין, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש פֿאַרזיכערט. — מאַטוועי קאַשולין איז אַנימלט דאָרט געווען, ער זאָגט — די דייטשן האָבן מורא... זיי שרעקן זיך מיט די קאָזאַקן אָנצוהייבן.

— וואָס ער רעדט דאָרט! — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אַריינגעשמייכלט אין דער פֿליכיקער געלקייט פֿון דער באָרד און אַ פּאָכע געטון מיטן רויטלעכן בייטש־שטעקן; ער האָט אַפּנים זיך באַרויִקט און אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש: — וואָס־זשע פֿאַר אַ מאַכט וועט איר איינפֿירן, ווי מיינסטו?

— מיר וועלן אַן אַטאַמאַן אויסקלויבן. אַן אייגענעם! אַ קאָזאַק!

— הלוואַי! קלויבט אויס עפּעס אַ לייטישן! טאַפּט גוט אויס די גענעראַלן, ווי אַ ציגיינער די פֿערד. ער זאָל קיין פֿעלער נישט האָבן.

— מיר וועלן אויסקלויבן. אין קלוגע קעפּ איז נאָך דערווייל דער דאָן נישט אָרים געוואָרן.

— יאָ, יאָ, מחותּן... זיי און די שוטים זייעט מען נישט — זיי וואַקסן אַליין. — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך פֿאַרזשמורעט, אַ טרויער האָט זיך אויסגעלייגט איבער זיין פּיעגוואַטע פּנים. — איך האָב געהאָפֿט מיין מיטקען פֿאַר אַ לייט צו מאַכן, געוואָלט

ער זאָל זיך לערנען אויף אָפיציר, און ער האָט אפילו די פּאַראַפיע־שול נישט געענדיקט, דעם צווייטן ווינטער אַנטלאָפן.

אויף אַ מינוט זענען זיי פאַרשוויגן געוואָרן, טראַכטנדיק וועגן די זין, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען ערגעץ נאָך די באָלשעוויקעס. די בריטשקע איז אונטערגעשפּרונגען איבערן געבערגלטן וועג; דאָס שוואַרצע פערד רעכטס האָט זיך געשטרויכלט, קלאַפּנדיק מיט דער נאָכנישט אָפּגעטעמפּטער פּאָדקאָווע; די בריטשקע האָט זיך געוויגט, און די מחותנים, וואָס זענען געזעסן האַרט איינער לעבן אַנדערן, האָבן זיך געריבן ווי פיש אין דער צייט פון מערן.

— ווו זענען איצינד אונזערע קאָזאַקן? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַ זיפץ געטאָן.

— זיי זענען אַוועק מיטן כאָפּער. פיעדאָטקאַ קאַלמיק האָט זיך אומגעקערט פון קומילזשענסק, פון זיין פערד איז אַ תּל געוואָרן. ער האָט געזאָגט, זיי האַלטן זיך מיטן שליאַך צו דער טישאַנער סטאַניצע.

ווידער זענען זיי פאַרשוויגן געוואָרן. דאָס ווינטל האָט קאַלט געבלאָזן אין די רוקנס. פון הינטן, אויף יענער זייט דאָן, אין ראָזן שייטער פון זון־אויפגאַנג האָבן מאַיעסטעטיש און שטיל געפלאַקערט די וועלדער, די לאָנקעס, די אָזיערעס, די פליכיקע פעלדער. ווי אַ שטיק געלער פלאַסטער איז געלעגן דאָס זאַמדיקע הויך־לאַנד, די קעמל־רוקנס פון די זאַמד־בערגלעך האָבן בראָנזיק געלויכטן.

דער פרילינג האָט זיך פויל דערנענטערט. די שמאַראַגדענע מאַטע גרינקייט פון די וועלדער האָט זיך פאַרביטן אויף אַ רייכער, געדיכטער, גרינער באַפעדערטקייט. דער סטעפּ האָט זיך צעבליט, דער שניי איז צעגאַנגען, איבערלאָזנדיק אין די טאָליקע ערטער אַ סך גלאַנציקע אָזיערעס, און אין די יאַרן, איבער די קרומע שיפּועים, האָט צום ליימיקן באָדן זיך נאָך געטוליעט דער שניי, וואָס איז געפּרעסן געוואָרן דורך דער לינדקייט, און זיך געבליכט העל און אַרויסרופנדיק.

אויפֿן צווייטן מעת־לעת פֿאַרנאַכט־צו זענען זיי אָנגעקומען קיין מילעראָוואָ, געשיקט בײַ אַ באַקאַנטן אוקראַינער, וואָס האָט געוווינט הינטער דער טונקל־גרויער וואַנט פֿון עלעוואַטאָר. אינדערפֿרי, נאָכן פֿרישטיק, האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אײַנגעשפּאַנט די פֿערד און אַוועקגעפֿאָרן צו די מאַגאַזינען. ער האָט אומגעשטערט געמיטן די באַן־ליניע און דאָ צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען דײַטשן. דרײַ לאַנדשטורמיסטן האָבן אים פֿאַרשטעלט דעם וועג. איינער פֿון זיי, אַ גידעריקער, פֿאַרוואַקסענער איבער די אויערן מיט אַ געקרײַזלטער קאַשטענעוואַטער באָרד, האָט באַפֿעליש אַ פֿאָכע געטון מיט דער האַנט.

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט פֿאַרצויגן די לייצן, רויִק און אָפּוואַרטנדיק געקייט מיט די ליפּן. די דײַטשן זענען צוגעקומען. אַ הויכער, פֿעט געפּיטערטער פּרייס האָט שמייכלענדיק אַ גלאַנץ געטון מיט די ציין און געזאָגט צום חבר:

— אָט איז אַ העכסט אויטענטישער קאָזאַק! זע, ער איז אפֿילו אין אַ קאָזאַקישן מונדיר! זײַנע זין האָבן זיך זיכער געשלאָגן מיט אונז. לאָמיר אים, ווי ער גייט און שטייט, אַוועקשיקן קיין בערלין. דאָס וועט זײַן דער אינטערעסאַנטסטער עקספּאָנאַט!

— מיר דאַרפֿן זײַנע פֿערד, און ער זאָל גיין צום טײַוול! — האָט אָן אַ שמייכל געענטפֿערט דער קלייענדיקער, מיט דער קאַשטענעוואַטער באָרד.

ער האָט פֿאָרזיכטיק אַרומגעקרײַזלט די פֿערד און צוגעגאַנגען צו דער בריטשקע.

— קריך אַראָפּ, אַלטער. מיר דאַרפֿן דײַנע פֿערד — איבערצופֿירן אָט פֿון דער מיל אַ פּאַרטיע מעל צום וואָקזאַל. נו, קריכשע, זאָגט מען דיר! נאָך די פֿערד וועסטו קומען צום קאָמענדאַנט, — דער דײַטש האָט אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף דער מיל און מיט אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדן ספֿק, באַפֿוילן מיראָן גריגאָריעוויטשן אַראָפּצוקריכן.

די צוויי איבעריקע זענען אַוועקגעגאַנגען צו דער מיל, זיך

אומקוקנדיק, לאַכנדיק. מיראָן גריגאָריעוויטשס פּנים איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ גרויליך־געלער רויטקייט. אַרומדרייענדיק די לייצן, איז ער פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער ברישקע און זיך געשטעלט פאַר די פערד.

„דער מחותן איז נישטאָ, — האָט ער כלאחר־יד אַ טראַכט געטון און פאַרשטאַרט געבליבן. — זיי ווען צונעמען די פערד! עך, איך בין אַריינגעפאַלן! דער טייוול האָט מיך אָנגעטראָגן!“

דער דייטש, פעסט צונויפדריקנדיק די ליפּן, האָט אָנגענומען מיראָן גריגאָריעוויטשן ביים אַרבל און מיט אַ צייכן אים אָנגעוויזן, ער זאָל גיין צו דער מיל.

— לאָז אָפּ! — מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך אַ צי געטון פאָרויס און שטאַרק בלייך געוואָרן. — די הענט נעם צו! די פערד וועל איך נישט געבן!

לויטן קול האָט דער דייטש זיך משער געווען, וואָס זיין ענטפער באַטייט. דאָס מויל האָט זיך ביי אים פּלוצלינג ווילד אויסגעקרימט, אויפדעקנדיק ציין, אַזש בלויע פון ווייסקייט, זיין קול האָט געקלונגען באַפעלעריש און רוגזהדיק. דער דייטש האָט אָנגענומען די ביקס, וואָס איז געהאָנגען אויף זיין אַקסל ביים רעמעט, און אין דעם אויגנבליק האָט מיראָן גריגאָריעוויטש זיך דערמאַנט זיין יוגנט: כמעט זיך נישט פאַרמעסטנדיק, האָט ער אים דערלאַנגט אַ ווילערישן זעץ איבערן קין. פון דעם זעץ האָט דער קאָפּ מיט אַ קנאַק זיך אים אַ טרייסל געטון און דער רעמעט פון דער קאַסקע אַרום דער גאָמבע האָט געפּלאַצט. דער דייטש איז אַ פאַל געטון, ווי אַ פלאַץ און, באַמיענדיק זיך אויפצושטיין, אַרויסגעלאָזט אַ שטיק ברוין געגליווערט בלוט פון מויל. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אים דערלאַנגט נאָכאַמאָל, שוין איבערן נאַקן, זיך אַרומגעקוקט און, אָנבייגנדיק, אַרויסגעכאַפּט די ביקס. אין דעם מאָמענט האָט זיין געדאַנק געאַרבעט שנעל און אומגעווייניטלעך קלאָר. אויסדרייענדיק די פערד, האָט ער שוין געוווּסט, אַז אין דער פלייצע אַריין וועט אים דער דייטש נישט נאָכשיסן און בלויז מורא געהאַט, עס זאָלן אים נישט דערזען

פון היגטערן פאַרקן פון די באַן-בנינים אָדער פון טאָר די וואַך-זעלנער.

אפילו אויף די געיעגן זענען די פערד מיט אַזאַ ווילדן גאַלאָפּ נישט געגאַנגען! אַפילו אויף די חתונות זענען די רעדער פון דער ברישקע אַזוי נישט אונטערגעשפּרונגען! „רבונו של עולם, זיי מציל! העלף, רבונו של עולם! אין נאָמען פון פאָטער!...‟ — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש אין גדאַנק געשעפּטשעט, נישט אַראָפּנעמענדיק די בייטש פון די פערדישע רוקנס. די איינגעבוירענע גיריקייט האָט אים שיער נישט אומגעברענגט: ער האָט געוואָלט אָפּטרעטן אויף דער קוואַרטיר נאָך דער איבערגעלאָזטער דערע; אָבער דער שכל האָט גובר געווען, — ער האָט זיך פאַרנומען אין אַ זייט. די צוואָנציק וויאָרסט ביזן דאָרף אָריעכאָוואָ איז ער דורכגעפלויגן, ווי ער האָט דערנאָך אַליין געזאָגט, שנעלער פון נביא אליהו אויף זיין טריומף-וואָגן. אין אָריעכאָוואָ איז ער אַריינגעשפּרונגען צו אַ באַקאַנטן אוקראַינער, דערציילט דעם באַלעבאָס וועגן דער געשעעניש, געבעטן צו באַהאַלטן אים מיט די פערד. דער אוקראַינער האָט אים טאַקע באַהאַלטן, אָבער מתרה געווען:

— איך וועל דיך באַהאַלטן, אָבער אויב מען וועט מיך שטאַרק פאָרשן, וועל איך, גריגאָריטש, אָנווייזן, וואָרים וואָס וועל איך דערפון האָבן! מען וועט מיר די כאַטע פאַרברענען און דאָס שטריקל אָנטון.

— באַהאַלט, באַהאַלט, טייערינקער! איך וועל דיר אָפּדינען, מיט וואָס דו וועסט נאָר וועלן! אַבי פון טויט זיי מציל, רוים אויף ערגעץ, — אַ סטאַדע שעפּסן וועל איך דיר אַהערטרייבן! צען פון די בעסטע שעפּסן נישט קאַרגן! — האָט מיראָן גריגאָריעוויטש זיך געבעטן און צוגעזאָגט, אַרונטערשלעפּנדיק די ברישקע אונטער דער שאָפּע.

ער האָט שטאַרקער, ווי פאַרן טויט, מורא געהאַט פאַרן נאָכיאָגן. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין הויף ביים אוקראַינער ביז אָוונט און עוקר געווען, ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טונקל

ווערן. דעם גאנצן וועג פון אָריעכאָווא האָט ער זיך געטראָגן אין גאלאָפּ, ווי אַ משוגענער, שטיקער שוים זענען אין ביידע זייטן געפאלן פון די פערד, די ברישקע איז אַזוי געפלויגן, אַז די ספּריכעס פון די רעדער האָבן זיך צונויפגעגאָסן, און ער איז צו זיך געקומען ערשט הינטערן ניזשנע־יאַבלאָנאָווער כוטאָר. נאָך איידער ער איז צוגעפאָרן, האָט ער אָפּערגענומען פון אונטערן גע־זעס די פּאַרכאַפּטע ביקס, געקוקט אַ ווײַלע אויפן רעמעט, וואָס איז אינעווייניק באַשריבן געווען מיט אַ טוש־בלײַפּעדער, און מיט דערלייכטערונג אַרויסגעזיפצט:

— נו, טייוולאָנישע זין — איר האָט דעריאָגט? צו קנאַפּע שווימערס זענט איר!

קיין שעפּסן דעם אוקראַינער האָט ער נישט אַהינגעטריבן. האַרבסט־צייט האָט ער פאַרבייפאָרנדיק אָפּגעטרעטן, אויפן אָפּ־וואַרטנדיקן בליק פון באַלעבאָס געענטפערט:

— די שעפּסלעך זענען היי־יאָר ביי אונז אויסגעפגרט. שלעכט וועגן די שעפּסלעך... אָבער באַרנעס פון אייגענעם סאָד האָב איך דיר יאָ געבראַנגט! — ער האָט אויסגעשיט פון דער ברישקע צוויי מעסטלעך באַרנעס, וואָס זענען איבערן וועג צעקלאַפּט געוואָרן, געזאָגט, אָפּווענדנדיק די שעלמישע אויגן אין אַ זייט: — די באַר־נעס זענען ביי אונז שוין איינמאָל גוטע... איינגעלעגענע... — און זיך געזעגנט.

אין דער צייט, וואָס מיראָן גריגאָריעוויטש האָט אין גאַלאָפּ זיך געטראָגן פון מיליעראָווא, האָט זיין מחותן צוגעוואַרט אויפן וואָקזאַל. אַ יונגער דייטשישער אָפיציר האָט אויסגעשריבן אַ ריי־זע־שיין, דורך אַן איבערזעצער אויסגעפרעגט פּאַנטעלעי פּראָקאָ־פיעוויטשן, פאַררייכערט אַ ביליקן ציגאַר און פּראָטעקציאָנעל גע־זאָגט:

— פאָרט, אָבער געדענקט, אַז אייך איז נייטיק אַ קלוגע מאַכט. קלויבט אויס אַ פּרעזידענט, אַ צאַר, וועמען איר ווילט, אָבער מיטן באַדינג, דעמדאָזיקן מענטש זאָל נישט פעלן קיין

שכל פון אַ מלוכה־מאַן און ער זאָל קענען פירן אַ לאָיאַלע פּאָליטיק לגבי אונזער מלוכה.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געוואָרפן אויפן דייטש אומפריינטלעכע בליקן. ער איז נישט געניגט געווען צו פירן געשפּרעכן און, באַקומענדיק די רייזע־שיין, איז ער גלייך געגאַנגען קויפן אַ בילעט.

אין נאָוואָטשערקאַסק האָט אים איבערראַשט די שפע פון יונגע אָפיצירן: זיי האָבן גרופּעסווייז זיך געדרייט איבער די גאַסן, געזעסן אין די רעסטאָראַנען, שפּאַצירט מיט פריילינס, געשווירבלט אַרום דעם פּאַלאַץ פון אַטאַמאַן און די געריכטס־בנינים, ווו דער קרייז האָט געדאַרפט געעפנט ווערן.

אין דער געמיינזאַמער קוואַרטיר פאַר די דעלעגאַטן האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש באַגעגנט עטלעכע אייגענע לייט און איין באַקאַנטן פון דער יעלאַנער סטאַניצע. די דעלעגאַטן זענען באַשטאַנען צומייסט פון קאָזאַקן; אָפיצירן איז געווען ווייניק, און פאָרשטייער פון דער סטאַניצע־אינטעליגענץ — סך־הכּל בלויז עטלעכע צענטליק. עס איז קאָמענטירט געוואָרן אויף אַן אומזיכערן אופן וועגן אויסוואַל פון דער פּראָווינץ־מאַכט. קלאָר איז אָנגעדייט געוואָרן איינס: מען דאַרף אויסקלויבן אַן אַטאַמאַן. עס זענען אָנגערופן געוואָרן פּאָפּולערע נעמען פון קאָזאַקישע גענעראַלן, עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן קאַנדידאַטורן.

אָוונט־צייט אין טאָג פון קומען, נאָך דער טיי, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך אַוועקגעזעצט אין זיין צימער טועם זיין פון די היימישע מאכלים. ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר זיך אַ שטיק געווענדזלטן קאַרפּ, אָנגעשניטן ברויט. צו אים האָבן זיך צוגעזעצט צוויי מיגולינער, עס זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע מאַן. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט, פּאַמעלעך איבערגעגאַנגען צו די וואַלן פון דער מאַכט.

— קיין בעסערן פון פאַרשטאָרבענעם קאַלעדינען — אַ ליכטיק גן־עדן זאָל ער האָבן! — וועט מען נישט געפינען, — האָט אַרויסגעזיפצט אַ גרוי־בערדיקער שומילינער.

— איך מיין אויך אַזוי, — האָט אַ יעלאַנער מסכים געווען.

איינער פון די אָנוועזנדיקע ביים שמועס, אַן אונטערעסאַול, אַ דעלעגאַט פון דער בעסערגעניעווער סטאַניצע, האָט זיך צע־רעדט נישט אָן היציקייט.

— וואָס הייסט — עס איז נישטאָ קיין פּאַסיקער מענטש? וואָס רעדט איר, מיינע הערן? און דער גענעראַל קראַסנאָוו?

— ווער איז דאָס דער קראַסנאָוו?

— וואָס הייסט ווער? איר שעמט אייך גאָרנישט, מיינע הערן, צו פרעגן? דער באַרימטער גענעראַל, דער קאָמאַנדיר פון דריטן רייטער־קאָרפּוס, דער חכם, דער געאָרגי־קאַוואַלער, דער טאַלענטפולער מיליטער־פירער.

דאָס באַגייסטערטע פאַרכליניעטע רעדן פון אונטערעסאַול האָט אויפגערייצט אַ דעלעגאַט, אַ פאָרשטייער פון איינער פון די פראָנט־אָפּטיילונגען.

— און איך זאָג אייך פאַקטיש: מיר קענען זיינע טאַלאַנטן! אַ נישטיקער גענעראַל! אין דער דייטשישער מלחמה האָבן מיר געזען ווי ער האָט זיך אויסגעצייכנט. ער וואָלט שוין געבליבן אַזוי ביי דער בריגאַדע, ווען נישט די רעוואָלוציע!

— ווי אַזוי־זשע, ליבינקער, רעדט איר אַזוי, נישט קענענ־דיק דעם גענעראַל קראַסנאָוו? און חוץ דעם, ווי וואַגט איר בכלל זיך אויסצודריקן אַזוי וועגן אַ גענעראַל, וואָס ווערט דורך אַלעמען געאַכטעט? איר האָט, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, פאַרגעסן, אַז איר זענט אַ פּשוטער קאָזאַק?

דער אונטערעסאַול האָט אַרויסגעזיגן די פאַרניכטנדיקע, קאַלטע ווערטער, און דער קאָזאַק האָט זיך פאַרלוירן, מורא גע־קריגן, — זיך צוריקציענדיק, האָט ער אַרויסגעמירמלט:

— איך, אייער וווילגעבוירנהייט, דערצייל נאָר, ווי אַזוי עס איז געווען, ווען איך האָב געדינט אונטער זיין אָנפירונג... ער האָט אויפן עסטרייכישן פראָנט אונזער פּולק אויף דער דראָט־פאַרצוימונג אַרויפגעזעצט! דעריבער [illegible]לטן מיר אים פאַר אַ

נישטיקן... און ווידעראַרום — הער ווייסט ?... אפשר איז גאָר פאַרקערט...

— און פאַרוואָס האָט מען אים אַ געאָרגי געגעבן?

שוטה! — פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך גענומען שטיקן מיט אַ ביין פון קאַרפּ; אויסהוסטנדיק זיך, איז ער אָנגעפאַלן אויפן פּראָנט-קאָזאַק: — איר האָט אייך אַריינגעקלאַפּט נאַרישקייטן אין די קעפּ, אויף אַלעמען רעדט איר, קיינער געפעלט אייך נישט... זעסט, סאַראַ מאָדע זיי האָבן איינגעפירט! איר וואָלט ווינציקער געפּלוידערט — וואָלט נישט געווען אַזאַ צערודערונג. איר זענט צו קלוג געוואָרן. פּיסקאַטשעס!

די טשערקאַסער, אַלע פון אונטערשטן ברעג דאָן זענען ווי אַ מויער פעסט געשטאַנען פאַר קראַסנאָוון. די אַלטע איז געווען צום הארץ אַ גענעראַל, אַ געאָרגי-קאַוואַלער; אַ סך האָבן נאָך געדינט אונטער זיין אָנפירונג אין דער יאַפּאַנישער מלחמה. די אָפיצירן האָט גערייצט קראַסנאָווס פאַרגאַנגענהייט: אַ גוואַרדייער, אַ וועלט-מענטש, אַ הויף-געבילדעטער גענעראַל, וואָס פלעגט פאַרקערן אין הויף און איז אויך געווען אין דער סוויטע פון זיין קייסערלעכער מאַיעסטעט. די ליבעראַלע אינטעליגענץ האָט באַפרידיקט דאָס, וואָס קראַסנאָוו איז נישט בלויז אַ גענעראַל, אַ מענטש פון פראָנט און מיליטערישן מושטער, נאָר, ווי עס זאָל נישט זיין, אויך אַ שרייבער, וואָס זיינע דערציילונגען פון אָפיצירישן לעבנס-שטייגער זענען אין זיין צייט מיט פאַרגעניגן געלייענט געוואָרן אין די ביילאַגעס צו דער „ניוואַ"*, און אויב אַ שרייבער, איז ער דאָך על כל פנים אַ קולטורעלער מענטש.

צווישן די דעלעגאַטן איז געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע

* וועכנטלעכער אילוסטרירטער זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּעטערבורג אין די יאָרן 1870 — 1917. ער האָט געהאַט אַ גרויסע פאַרשפּרייטונג צווישן דער קליין-בורזשואַזיע, צו וועמעס געשמאַק ער האָט זיך צוגעפּאַסט מיטן אינהאַלט.

PUBLIC LIBRARY

אַגיטאַציע פאַר קראַסנאָוון. פאַר זיין פערזאָן האָבן אָפּבליאַקירט די נעמען פון די איבעריקע גענעראַלן. וועגן אַפריקאַן באָגאַיעווסקין האָבן די אָפיצירן — קראַסנאָוס אָנהענגער — שעפּטשענדיק פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז באָגאַיעווסקי איז כלומרשט איינס מיט דעניקינען, און אויב מען וועט אויסקלויבן באָגאַיעווסקין אַלס אַטאַמאַן, וועלן אַלע קאָזאַקישע פּריווילעגיעס און די אויטאָנאָמיע גיין קאַפּוט, ווי נאָר מען וועט צעשלאָגן די באָלשעוויקעס און אַריינטרעטן קיין מאָסקווע.

אויך קראַסנאָוו האָט געהאַט קעגנער. איין דעלעגאַט, אַ לע־רער, האָט אָן דערפאָלג געפּרוווט פאַרשוואַרצן דעם גענעראַלס נאָמען. דער לערער האָט אַרומגעבלאָנזשעט איבער די צימערן פון די דעלעגאַטן, גיפטיק ווי אַ מוק אַריינגעזשוזשעט אין די קאָזאַקישע האָריקע אויערן:

— קראַסנאָוו? ער איז אי אַ פאַרשיווער גענעראַל, אי אַ שרייבער, וואָס איז ווערט דעם טייוול! אַ הויפישער קריכער, אַ לעקער! אַ מענטש, וואָס וויל, אַזוי צו זאָגן, אי דעם נאַציאָ־נאַלן קאַפּיטאַל דערווערבן, אי די דעמאָקראַטישע צניעות אָפּהיטן. אָט וועט איר זען, ער וועט נאָך פאַרקויפן דעם דאָן דעם ערשטן, בעסטן קויפער! אַ נישטיקער מענטש, אַלס פּאָליטיקער — אַ זעראָ... אַגעיעוון דאַרף מען אויסקלויבן! דער — איז גאָר עפּעס אַנדערש.

אָבער דער לערער האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג. און ווען עס האָבן דעם ערשטן מאַי, אין טאָג פון עפענען דעם קרייז, זיך דערהערט שטימען:

— איינלאַדן דעם גענעראַל קראַסנאָוו!

— העפלעך...

— הכנעהדיק...

— אונזער שטאָלץ!

— זאָל ער קומען אונז ווייזן ווי אַזוי צו לעבן! — האָט דער גאַנצער רחבותדיקער זאַל געשטורעמט.

די אָפיצירן האָבן באַסאַרטיק גענומען פּאַטשן מיט די הענט

און, קוקנדיק אויף זיי, האָבן אויך די קאָזאַקן אומגעשיקט און נישט הויך אָנגעהויבן קלאַפּן. זייערע שוואַרצע, פון אַרבעט געגאַרבטע הענט האָבן אַרויסגעגעבן אַ טרוקענעם גרילצענדיקן קלאַנג. מען קאָן זאָגן — אפילו אַ נישט אָנגענעמען, אין טיפער סתירה צו דער הייכער מוזיק פון די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס זענען געקומען פון די געקעכלטע קישעלעך אויף די הענט פון די פּריילינס און דאַמען, אָפיצירן און שטודירנדיקע, וואָס האָבן פאַרפולט די גאַלעריע און די קאָרידאָרן.

ווען אויף דער עסטראַדע איז פאַראַדמעסיק און ווילעריש אַרויסגעטרעטן דער הויכער, שלאַנקער, נישט געקוקט אויף זיין עלטער נאָך געניג שיינער גענעראַל, אין מונדיר, געדיכט באַהאָנגען מיט קרייצן און מעדאַלן, מיט עפּאָלעטן און אַנדערע גענערעלישע אויסצייכענונגען, — איז דער זאַל פאַרפלייצט געוואָרן פון אַפּלאָדיסמענטן און אויסרופן. די אַפּלאָדיסמענטן זענען איבערגאַנגען אין אַן אָוואַציע. אַ שטורעם פון באַגייסטערונג האָט געבאַשעוועט איבער די רייען פון די דעלעגאַטן. אין דעם גענעראַל, מיטן באַגייסטערטן און אויפגערעגטן פּנים, וואָס איז געשטאַנען אין דער פּאָזע פון אַ פּאָרטרעט, האָבן אַ סך דערזען אַ מאַטע אָפּשפּיגלונג פון דער געוועזענער מעכטיקייט פון דער אימפּעריע.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך צעוויינט און לאַנג געשנייצט די נאָז אין רויטן טיכל אַריין, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון היטל. „אָט דאָס הייסט — אַ געגעראַל! מ'זעט באַלד וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז! ווי דער קייסער אַליין, אפילו ענלעך צו אים. ער דערמאַנט שטאַרק אָן פאַרשטאָרבענעם אַלעקסאַנדער!" — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק מיט אַ געפיל פון גערירטקייט אויף קראַסנאָוון, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער ראַמפּע.

דער קרייז — וואָס איז אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „דער קרייז פון מציל זיין דעם דאָן" — האָט זיך נישט געאיילט מיט די זיצונגען. אויפן פאָרשלאַג פון קרייז-פאָרזיצער, דעם עסאַול יאַנאָוו, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן טראָגן

עפּאָלעטן און אַלע אויסצייכנונגען, וואָס געהערן צום מיליטערישן שטאַנד. קראַסנאָוו איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ גלענצנדער, מייס־טערהאַפּט געבויטער רעדע. ער האָט מיט געפיל גערעדט וועגן „רוסלאַנד, וואָס איז געשענדט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס״, און איר „געוועזענער מאַכט״, וועגן גורל פון דאָן. מאַלנדיק די קעגנוווערטיקע לאַגע, האָט ער קורץ באַרירט די דייטשישע אָקופּאַציע און אַרויסגערופן אַ שטורעם פון אָנערקענונג. ווען ער האָטביים פאַרענדיקן געגומען רעדן מיט פּאַטאָס וועגן דער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פון דער דאָנער געגנט נאָכן באַקעמפן די באָלשעוויקעס.

— אַ מעכטיקער מיליטערישער קרייז וועט אָנפירן מיט דער דאָנער געגנט! דאָס קאָזאַקנטום, באַפרייט דורך דער רעוואָלוציע, וועט צוריק איינפירן דעם הערלעכן אַלטן סדר פון קאָזאַקן־לעבן, און מיר, ווי אונזערע זיידעס פאַרצייטנס, וועלן קאָנען זאָגן מיט אַ פולקלינגענדיק, קרעפטיק קול: „לעב דיר פרידלעך, וויסער צאַר, אין דיין שטיינערנער מאָסקווע, און מיר, קאָזאַקן, ביים שטילן דאָן!״

דעם דריטן מאַי אויף דער אָוונט־זיצונג איז מיט הונדערט זיבן שטימען קעגן דרייסיק און ביי צען אָפּגעהאַלטענע אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיליטערישער אַטאַמאַן דער גענע־ראַל־מאַיאָר קראַסנאָוו. ער האָט נישט אָנגענומען דעם אַטאַמאַנישן פּערנאַטש* פון די הענט פון מיליטערישן עסאַול, שטעלנדיק אַלס באַדינג: צו באַשטעטיקן די גרונד־געזעצן, וועלכע ער האָט פאַר־געלייגט דעם קרייז און איבערגעבן אים די פולע אומבאַגרענעצ־טע אַטאַמאַנישע מאַכט.

— אונזער לאַנד געפינט זיך ערב אומקום! בלויז מיטן באַדינג פון פולן צוטרוי צום אַטאַמאַן וועל איך איבערנעמען דעם פּערנאַטש. די געשעענישן פאָדערן אַנטשלאָסענע און שטרענגע

* אַ מין בולאַווע — סימבאָל פון דער אַטאַמאַנישער מאַכט.

האַגדלונגען. בלויז דעמאָלט קאָן מען אַרבעטן מיט זיכערקייט און פריידיקן באַוווסטזיין פון דערפילטן חוב, ווען מען ווייסט, אַז דער קרייז — דער העכסטער אויסדריקער פון דעם ווילן פון דאָן — האָט צוטרוי צו דיר; ווען, להיפוך צו דער באָלשעוויסטישער הפקרות און אַנאַרכיע, וועלן איינגעשטעלט ווערן פעסטע רעכט-לעכע נאָרמען.

די געזעצן, וואָס זענען פאָרגעלייגט געוואָרן דורך קראַס-נאָוון, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אויף שנעל איבערגעניצעווע-טע, אַ ביסל רעסטאַווירטע געזעצן פון דער פריערדיקער אימ-פעריע. ווי אַזוי-זשע האָט דער קרייז זיי נישט געזאָלט אָננעמען? זיי זענען אָנגענומען געוואָרן מיט פרייד. אַלץ, אפילו די פאָן, וואָס איז אומגעלונגען געענדערט געוואָרן, האָט דערמאַנט אָן פריערדיקן: זי איז באַשטאַנען פון דריי פאַסן — בלוי, רויט, געל (די קאָזאַקן, די פרעמד-צוגעקומענע, די קאַלמיקן), און בלויז דער מלוכה-הערב, אַלס הנחה פאַרן נאַציאָנאַלן גייסט, איז אונטער-געוואָרפן געוואָרן אַ ראַדיקאַלער ענדערונג: אָנשטאָט דעם ווילדן צווייקעפיקן אָדלער מיט די אויסגעשפּרייטע פליגל און אַרויסגע-רוקטע נעגל, איז אויפגעמאָלט געווען אַ נאַקעטער קאָזאַק, אין אַ פּאַפּאַכע, מיט אַ שווערד, אַ ביקס און אַמוניציע, וואָס זיצט רייטנ-דיק אויף אַ פאַס ווייַן.

איינער פון די חניפהדיקע פּראָסטאַקישע דעלעגאַטן האָט געשטעלט אַ געפעליקע פראַגע:

— אפשר וועט אייער עקסעלענץ פאָרלייגן עפּעס צו ענדערן אָדער איבערמאַכן אין די פריערדיקע געזעצן?

קראַסנאָוו האָט מילד אַ שמייכל געטון און זיך דערלויבט צו מאַכן אַ שפּאַס. ער האָט צוזאָגנדיק זיך אַרומגעקוקט אויף די מיטגלידער פון קרייז און געענטפערט מיט אַ קול פון אַ מענטש, אַ צעבאַלעוועטן דורך דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט.

— איך קאָן. די פאַראַגראַפן אַכטאונפערציק, ניינאונפער-ציק און פופציק — וועגן דער פאָן, וועגן הערב און וועגן הימן. איר קאָנט מיר פאָרלייגן יעדע פאָן — חוץ דער רויטער, יעדן

הערב — חוץ דעם יידישן פינפשפיציקן שטערן אָדער אַנדערן מאַסאָנישן צייכן, און יעדן הימן — חוץ דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

דער קרייז האָט לאַכנדיק באַשטעטיקט די געזעצן. און שפּעטער איז לאַנג פון מויל־צו־מויל איבערגעגאַנגען דעם אַטאַ־מאַנס שפּאַס.

דעם פינפטן מאַי איז דער קרייז זיך פונאַנדערגעפאָרן. די לעצטע רעדעס זענען פאַרשטומט געוואָרן. דער קאָמאַנדיר פון דער דרומדיקער גרופּע, פּאָלקאָווניק דעניסאָוו, די רעכטע האַנט פון קראַסנאָוון, האָט צוגעזאָגט אין גאָר אַ קורצער צייט אויסצו־ראָטן די באָלשעוויסטישע קראַמאָלע. די מיטגלידער פון קרייז זענען אַוועקגעפאָרן באַרויִקטע, דערפרייטע סיי דורכן געלוּנ־גענעם אויסוואַל פון אַטאַמאַן, סיי דורך די ידיעות פון פראָנט.

אַ טיף־אויפגערודערטער, איבערפולטער מיט שטורמישער פרייד איז געפאָרן פון דער דאָנער רעזידענץ פּאַנטעלעי פּראָקאָ־פּיעוויטש. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דער פערנאַטש איז אַריינגעפאַלן אין די ריכטיקע הענט, אַז בקרוב וועט מען צע־שלאָגן די באָלשעוויקעס און די זין וועלן זיך אומקערן צו דער באַלעבאַטישקייט. דער אַלטער איז געזעסן ביים פענסטער פון וואַגאָן, אָנגעלענט מיטן עלנבויגן אויפן טיש; אין די אויערן האָבן זיך נאָך געפליעסקעט די געזעגענונגס־קלאַנגען פון דאָנער הימן, די הייטערע רייד זענען אַריינגעדרונגען ביז דער סאַמער דנאָ פון באַוווסטזיין, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט אויף אַן אמת טאַקע, ווי עס געהער צו זיין „זיך צעוויגט און צעשטו־רעמט דער רעכטגלויביקער שטילער דאָן".

אָבער אָפּפאָרנדיק עטלעכע וויאָרסט פון נאָוואָטשערקאַסק, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש דערזען דורכן פענסטער פּאָר־פּאָסטנס פון באַוואַרישן רייטער־מיליטער. אַ גרופּע דייטשישע ריי־טער האָט זיך באַוועגט פון ביידע זייטן טאַר אַקעגן דעם צוג. די רייטער האָבן רויק זיך געהאָרבעט אין די זאָטלען, די גוט־געפיטערטע, ברייט־ברוסטיקע פערד האָבן באַוועגט מיט די קורץ־געשוירענע וויינדלען און געגלאַנצט אין דער העלער זון. אָנגעע־

בויגן פּאָרויס, מיט אַ פֿײַנלעך־צעקרומטער ברעם, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך צוגעקוקט, ווי די קאָפּיטעס פֿון די דײַטשישע פֿערד טאָפּטשען זיגעריש די קאָזאַקישע ערד. און ער האָט דערנאָך לאַנג זיך געהאָרבעט, געסאָפּעט, אויסגעדרייט מיטן ברייטן רוקן צום פֿענסטער.

II

פֿון דאָן איבער אוקראַיִנע האָבן זיך געקײַקלט צוגן פֿון רויטע וואַגאָנעס, אַרויספֿירנדיק קיין דײַטשלאַנד ווייצן־מעל, פּוטער, אייער, אָקסן. אויף די פּלאַטפֿאָרמעס זענען געשטאַנען דײַטשן אין היטלען אָן דאַשקעס, אין בלוילעך־גרויע מונדירן, מיט אַרויפֿגעשרויפֿטע באַגנעטן אויף די ביקסן. די סאָלידע געלע דײַטשישע שטיוול מיט די געקאָוועטע אָפּצאַסן האָבן געטאָפּטשעט די דאָנער שליאַכן, די באַוואַרער רײַטער האָבן אָנגעטרונקען די פֿערד אין דאָן... און בײַ דער אוקראַיִנישער גרענעץ האָבן די יונגע קאָזאַקן, וואָס זענען גערופֿן געוואָרן אונטער די פֿענער און האָבן נאָרוואָס דורכגעמאַכט די מושטירונג אין פּערסיאַנאָווקע, זיך געשלאָגן מיט די פּעטליוראָווצעס. כמעט אַ העלפֿט פֿון נײַ־קאָמפּלעטירטן צוועלפֿטן דאָנער קאָזאַקן־פּולק איז געפֿאַלן הינטער סטאַראָביעלסק, אויסקעמפֿנדיק פֿאַר דער פּראָווינץ אַן איבעריק שטיק אוקראַיִנישע טעריטאָריע.

אויף צפֿון איז די אוסט־מעדוויעדיצער סטאַניצע איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט: דאָ האָט זי פֿאַרנומען מיראָנאָוו מיט אַן אָפּטײלונג קאָזאַקישע רויטגוואַרדייער, וואָס זענען זיך צונויפֿגעקומען צו אים פֿון דער גלאַזונאָווער, נאָוואָ־אַלעקסאַנדראָווער, סקומילזשינער, סקורישענסקער כוטאָרן און אַנדערע סטאַניצעס, אין אַ שעה אַרום האָט אים אַרויסגעשטויסן דעם אָפֿיציר אַלעקסעיעווס אָפּטײלונג פֿון ווייסע פּאַרטיזאַנער, און איבער די גאַסן האָבן געווימלט שינעלן פֿון גימנאַזיסטן, רעאַליסטן און סעמינאַ־

ריסטן, פון וועלכע עס זענען באַשטאַנען די קאַדרען פון דער אָפּטיילונג.

אויף צפון האָבן די קאָזאַקן פון אייבערשטן דאָן כוואַליענ־דיק זיך אַריבערגעטראָגן פון איין סטאַניצע אין דער צווייטער. מיראָנאָוו איז אַוועקגעגאַנגען צו די גרענעצן פון דער סאַראַטאָ־ווער גובערניע. כמעט דער גאַנצער כאָפּערער קרייז איז באַפרייט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס. סוף זומער איז די דאָנער אַרמיי, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון קאָזאַקן פון פאַרשידענעם עלטער, וואָס זענען נאָר פעיִק געווען צו טראָגן געווער, שטיין געבליבן בײַ די גרענעצן. רעאָרגאַניזירט אויפן וועג, קאָמפּלעטירט דורך די אָפיצירן, וואָס זענען אָנגעקומען פון נאָוואָטשערקאַסק, האָט די אַרמיי באַקומען דעם אָנבליק פון רעגולערן חייל: די קליינצאָליקע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך די סטאַניצעס, האָבן זיך צונויפגעגאָסן; עס זענען רעקאָנ־סטרואירט געוואָרן די פריערדיקע רעגולערע פּאָלקן מיטן פריער־דיקן קאָמפּלעט, וואָס איז ביצול געוואָרן אין דער דייטשישער מלחמה; פון די פּאָלקן זענען געשאַפן געוואָרן דיוויזיעס; אין די שטאַבן זענען די כאָרונזשעס פאַרטרעטן געוואָרן דורך אַלטע פּאָל־קאָווניקעס; אויך דער קאָמפּלעט פון די אָנפירער האָט בהדרגה זיך געביטן.

סוף זומער זענען די קעמפנדיקע גרופּן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון די מיגולינער, מיעשקאָווער, קאַזאַנער און שומילינער קאָזאַקן־סאָטניעס, אויפן באַפעל פון גענעראַל אַלפעראָוו אַריבער־געגאַנגען די דאָנער גרענעץ און, פאַרנעמענדיק דאָניעצק — דאָס ערשטע דאָרף אויף דער גרענעץ פון וואָראָניעזשער גובערניע, האָבן זיי אָנגעהויבן באַלאַגערן די קרייז־שטאָט באָגוטשאַר.

די סאָטניע טאַטערישע קאָזאַקן, אונטער דער אָנפירונג פון פּיאָטער מעליעכאָוו, איז שוין פיר מעת־לעת געגאַנגען איבער די כוטאָרן און סטאַניצעס אויף צפון פון אוסט־מעדוועדיצער קרייז. ערגעץ רעכטס פון זיי, נישט אָננעמענדיק קיין שלאַכט, האָט איי־

ליק אָפּגעטרעטן צו דער באַן-ליניע מיראָנאָוו. די גאַנצע צייט האָבן זיי נישט געזען דעם קעגנער. די מאַרשן זענען געווען קליינע. פּיעטראָ און אויך אַלע איבעריקע קאָזאַקן האָבן, נישט אָפּרעדנדיק זיך, באַשלאָסן, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו איילן זיך צום טויט און נאָך יעדן מאַרש איבערגעלאָזט הינטער זיך נישט מער ווי אַ דריי צענטליק וויאָרסט.

אויפן פינפטן מעת-לעת זענען זיי אָנגעקומען אין דער קו-מילזשענסקער סטאַניצע. זיי זענען אַריבער דעם כאָפּער אין דער ריכטונג פון דונדוקאָווער כוטאָר. איבער דער לאָנקע זענען גע-האָנגען, ווי אַ פאָרהאַנג פון מושלין, ראָיען פליגעלעך. זייער וויברירנדיקער קלאַנג איז כסדר געוואַקסן. זיי האָבן זיך געדרייט אין מיריאַדן, געווימלט, געקראָכן אין די אויערן, אין די אויגן פון די רייטער און פערד. די פערד האָבן זיך דענערווירט, געניסט, די קאָזאַקן האָבן זיך אָפּגעיאָגט מיט די הענט, אומאויפ-הערלעך גערייכערט דעם היימישן טיטון.

— נאַדיר אַ שפּיל! דער טייוול זאָל עס נעמען! — האָט כריסטאָניאַ אַ קרעכץ געטון, זיך אויסווישנדיק מיטן אַרבל זיין אויג, וואָס האָט געטרערט.

— וואָס, עס איז דיר אַריינגעפלויגן? — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון.

— דאָס אויג שטעכט. צום טייוול! אַפנים, אַ גיפטיקס געווען!

פאַררייסנדיק די רויטע ברעם, האָט כריסטאָניאַ אַרומגע-פירט דעם שאַרסטקע פינגער איבערן אויג-אַפּל; דערנאָך אָנ-בלאָזנדיק די ליפּ, לאַנג מיט דער פאַרקערטער האַנט געריבן דאָס אויג.

גריגאָרי איז געריטן לעבן אים. זיי האָבן זיך געהאַלטן צו-זאַמען די גאַנצע צייט, זינט זיי האָבן אַרויסמאַרשירט. עס איז צוגעשטאַנען צו זיי אויך אַניקושקאַ, וואָס איז דיק געוואָרן די לעצטע צייט, און צוליב דעם אויסגעזען נאָך מער ענלעך צו אַ באַבע. די אָפּטיילונג איז באַשטאַנען פון נישט קיין גאַנצער סאָט-ניע. פּיאָטערס געהילף איז געווען דער וואַכמייסטער לאַטישעוו,

וואָס האָט חתונה געהאַט פון טאַטערישן כוטאָר. גריגאָרי האָט קאָמאַנדירט מיט דער אָפּטיילונג. כמעט אַלע זיינע קאָזאַקן זענען געווען פון אונטערשטן עק כוטאָר: כריסטאָניאַ, אַניקושקאַ, פיעדאָט באָדאָווסקאָוו, מארטין שאַמיל, איוואַן טאָמילין, דער הויכער דאָרער באָרשטשעוו און דער בערישער, שווערפעליקער זאַכאַר קאָראָלעוו, פּראָכאָר זיקאָוו, דער ציגיינער מערקולאָוו, עפּיפאַן מאַקסייעוו, יעגאָר סינילין און נאָך אַנדערהאַלבן צענדליק גלייכיעריקע חברהלייט.

מיט דער צווייטער אָפּטיילונג האָט קאָמאַנדירט ניקאָלאַי קאָשעוואָי, מיט דער דריטער — יאַקאָוו קאָלאָוויעדין און מיט דער פערטער — מיטקאַ קאָרשונאָוו, וואָס איז נאָכן אויספירן דעם טויט־אורטייל אויף פּאָדטיאָלקאָוון גלייך נאָמינירט געוואָרן דורכן גענעראַל אַלפעראָוו אַלס עלטסטער אוריאַדניק.

די סאָטניע האָט דערוואָרעמט די פערד אין לייכטן רייטן איבערן סטעפּ. דער וועג האָט אַרומגעקרייזלט קליינע זומפּן, אַראָפּגענידערט אין טאָלן, פּאַרוואַקסענע מיט ווילדע גראָזן און ווערבע־קוסטעס, זיך געשלענגלט איבער דער לאָנקע.

אין די הינטערשטע רייען האָט מיט אַ באַס געלאַכט יאַקאָוו פּאָדקאָווא, אַנדריושאַ קאַשולין האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט אַ טענאָרל, אויך ער האָט אַוואַנסירט אויף אוריאַדניק, צו וועלכן ער האָט זיך דערדינט אויפן בלוט פון פּאָדטיאָלקאָווס חברים.

פּיעטראָ מעליעכאָוו איז געריטן מיט לאָטישעוון אין דער זייט פון די רייען. זיי האָבן וועגן עפּעס שטיל געשמועסט. לאָטישעוו האָט זיך געשפּילט מיטן נייעם טראָלד פון דער שווערד, פּיעטראָ האָט מיט דער לינקער האַנט געגלעט דאָס פערד, עס געקראַצט צווישן די אויערן. אויף לאָטישעווס פּנים מיט די פּוכיקע באַקן האָט געבליט אַ וואָרעמער שמייכל, זיינע פון רייכערן געלע, אויסגעשטשירבעטע ציין האָבן זיך געשוואַרצט פון אונטער די קליינע וואָנסעס אַפּער.

הינטער אַלע, אויף אַ געפלעקטער קאָבילקע, וואָס האָט אונטערגעהינקען אויף אַ פוס, האָט זיך געהעצקעט אַנטיפּ

אַודעיעוויטש, ברעכס זון, וועלכן די קאָזאַקן האָבן גערופן פּנטיפּ ברעכאָוויטש.

עמעצער פֿון די קאָזאַקן האָט פֿאַרפֿירט אַ שמועס, טייל, דעפֿאָרמירנדיק די רייען, זענען געריטן צו פֿינף אין אַ רייע, די איבעריקע האָבן אויפֿמערקזאַם באַטראַכט די אומבאַקאַנטע געגנט, די לאָנקע, וואָס איז צעוווּנדיקט געווען דורך דער געשטופּלטקייט פֿון די גערינצלטע אָזיערעס, גרינער פֿאַרצוימונג פֿון די טאָפּאָלן און ווערבעס. לויט דער לאָדונג איז קענטיק געווען, אַז די קאָזאַקן גייען אין אַ ווייטן וועג: די טאָרבעס פֿון די זאָטלען זענען געווען אָנגעשוואָלן, די פּראָוויאַנט-זעק געפּאַקט, אין די רעמעטן בײַ יעדן זאָרגפֿעלטיק אײַנגעשנאָלט דער שינעל. מען האָט אויך געקאָנט דערקענען לויטן געשפּאַן: יעדעס רעמעטל איז צוגענייט מיט דראָטווע, אַלץ איז צוגעפּאַסט, אויסגעאַרבעט. אויב מען האָט מיט אַ חודש צוריק געגלייבט, אַז קיין מלחמה וועט נישט זײַן, איז מען אַצינד שוין געגאַנגען אין הכנעהדיקן האָפֿנונגסלאָזן באַוווסטזײַן, אַז מען וועט נישט אויסמײַדן קיין בלוט. „הײַנט זיצסטו נאָך אין דער הויט, און מאָרגן וועלן אפֿשר קראָען אין פֿרײַען פֿעלד זי פֿון דיר אַראָפּשיילן", — האָט איטלעכער געטראַכט.

זיי זענען דורכגעפֿאָרן דעם כוטאָר קרעפּצי. די מיט קאַמיש-געדעקטע שיטערע כאַטעס האָבן זיך באַוויזן רעכטס. אַניקושקאַ האָט אַרויסגענומען פֿון דער הויזן-קעשענע אַ שטריץ, אָפּגעביסן אַ העלפֿט, ווילד אַנטבלויזנדיק די קליינע רייס-ציין, און פֿלינק, ווי אַ האָז, גענומען רודערן מיט די קינבאַקן, קײַענדיק.

— האָסט דיך אויסגעהונגערט? — האָט כריסטאָניאַ זײַטיק אויף אים אַ קוק געטון.

— אוודאי... דאָס ווײַב האָט אָפּגעבאַקן.

— און דו האָסט אַ געלענק צום עסן! דער טרעלבויך איז בײַ דיר, אַפּנים, ווי בײַ אַ חזיר. — ער האָט זיך אויסגעדרייט צו גריגאָריען און מיט אַ מין רוגזהדיק, קלאָגנדיק קול ווײַטער גערעדט: — ער פֿרעסט, דער נישט-גוטער, אַז ס'איז גאָרנישט תּופֿס צו זײַן! וווּ פּאַקט ער דאָס אַלץ אַרײַן? איך קוק מיך צו די

טעג צו אים, און עס ווערט מיר אַזש אַזוי ווי שרעקלעך: אַליין איז ער דאָך אַ קלײנער, און פּרעסט, אַז עס נעמט גאָר קיין סוף נישט.

— איך עס מײנס. איך וויל אַזוי. אויף בײנאַכט אַ שעפּס אויפגעפרעסן, מוזסטו אינדערפרי שוין ווייטער עסן. מיר פאַר־נוצן אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר אין מויל אַרײן לײגן.

אַניקושקאַ האָט צוגעלאַכט און אונטערגעוווּנקען צו גריגאָריען אויף כריסטאָניען, וואָס האָט בייז געשפּיגן.

— פּיעטראָ פּאַנטעלעיעוו, ווו וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף נאַכטלעגער? זעסט דאָך, די פערד זענען שוין אויסגעמאַטערט! — האָט טאָמילין אויסגעשריגן.

מערקולאָוו האָט אים אונטערגעהאַלטן:

— ס'איז צייט זיך אָפּצושטעלן אויף נאַכטלעגער. די זון פאַרגײט שוין.

פּיעטראָ האָט אַ פאָכע געטון מיטן ראַפּניק:

— מיר וועלן נעכטיקן אין קליוטשי. און אפשר וועלן מיר נאָך דערציִען ביז קומילגי.

מערקולאָוו האָט אַ שמייכל געטון אין שוואַרצן געקרײזלטן בערדל אַרײן, זיך איבערגעשעפּטשעט מיט טאָמילינען:

— ער פּײנערט זיך אויס פאַר אַלפעראָוון, די צויג! ער אײלט זיך...

עמעצער, וואָס האָט אָפּגעשוירן מערקולאָוון, האָט אים צו־ליב אַ שפּאַס אונטערגעהאַקט די באָרד, געמאַכט פון דער גרויסער באָרד אַ בערדעלע, עס פאַרשניצט אין אַ קרומען קלין. מערקו־לאָוו האָט אויסגעזען אַנדערש, קאָמיש, — דאָס האָט געדינט אַלס סיבה פאַר שטענדיקער לצנות. טאָמילין האָט זיך אויך דאָ נישט איינגעהאַלטן:

— און דו — פּײנסט דיך נישט אויס?

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס האָסט די באָרד ווי ביי אַ גענעראַל פאַרשוירן. נישקשה, מײנסט, דו האָסט דיך צוגעשוירן ווי אַ גע־

נעראַל, וועט מען דיר שוין אַ דיוויזיע געבן? און אַ פייג ווילסטו נישט?

— שוטה, טייוול! דו רעדסט צו אים ערנסט, און ער טרייבט לצנות.

אַזוי לאַכנדיק און שמועסנדיק זענען זיי אַריינגעריטן אין כוטאָר קליוטשי. אַנדריושקאַ קאַשולין, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פאָרויס אַלס קוואַרטיר-מייסטער, האָט אויפגענומען די סאָטניע ביים ערשטן הויף פון כוטאָר.

— אונזער אָפּטיילונג — נאָך מיר! פאַר דער ערשטער — אָט די דריי הייף, פאַר דער צווייטער — אין דער לינקער זייט, פאַר דער דריטער — אָט דער הויף, וווּ עס געפינט זיך דער ברונעם, און נאָך דריי הייף ווייטער.

— האָסט גאָרנישט געהערט? האָסט דיך נאָכגעפרעגט? — איז צוגעריטן צו אים פּיעטראָ.

— זייער געביין איז דאָ אפילו נישט געווען. אָבער קיין האַניק, זעסטו, חברהמאַן, פעלט שוין דאָ נישט. איין אַלטע האָט דרייהונדערט פּיעניעס. ביינאַכט וועט מען מוזן איינעם צעהאַקן!

— נו-נו, פלוידער נישט! איך וועל דיך צעהאַקן!

פּיעטראָ האָט זיך אָנגעכמורעט און דערלאַנגט דעם פערד מיטן ראַפּניק.

זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. אַוועקגעשטעלט די פערד. ס'איז טונקל געוואָרן. די באַלעבאַטים האָבן געגעבן די קאָזאַקן נאַכטעסן. פאַר די הייף, אויף די אָלכעס פון פאַריאָריקן האָלץ, האָבן זיך אויסגעזעצט די מיליטערלייט און קאָזאַקן פון כוטאָר. מען האָט געשמועסט וועגן דעם, וועגן יענעם, און זיך צעגאַנגען שלאָפן.

אינדערפרי זענען זיי אַרויסגעריטן פון כוטאָר. שוין כמעט הינטער סאַמע קולמיזשענסק האָט זיי דעריאָגט אַ שליח. פּיעטראָ האָט געעפנט דעם פּאַקעט, לאַנג אים געלייענט, זיך וויגנדיק אין זאָטל, האַלטנדיק אָנגעשטרענגט, ווי אַ משא, דעם בויגן

פּאַפּיר אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. גריגאָרי איז צו אים צוגעריטן.

— אַ באַפעל?

— אַהאַ!

— וואָס שרייבט מען?

— אַזוי זיך... מיליטערישע ענינים. די סאָטניע הייסט מען איבערגעבן. אַלע מיינע גלייכיעריקע רופט מען אָפּ, מען פאַרמירט אין קאַזאַן דאָס אַכטאונצוואָנציקסטע פּולק. די אַרטילעריסטן — אויך, און די באַדינונג פון די קוילנוואַרפער.

— און די איבעריקע וווהין?

— אָט דאָ איז געשריבן: „אין אַרזשענאָוו זיך שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון קאָמאַנדיר פון צוויי־און־צוואַנציקסטן פּולק. מאַרשירן אַן אָפּהאַלט". פאַרשטייסט! „אָן אָפּהאַלט!"

עס איז צוגעריטן לאַטישעוו, אַרויסגענומען פון פּיעטראָס האַנט דעם באַפעל. ער האָט געלייענט, באַוועגנדיק מיט די דיקע האַרטע ליפּן, קרום אויסבייגנדיק די ברעם.

— רירן! — האָט פּיעטראָ אויסגעשריגן.

די סאָטניע האָט זיך אַ וויג געטון, גענומען רוקן פאַמעלעך. די קאַזאַקן האָבן געוואָרפן בליקן הינטערוויילעכטס, זיך איינגעקוקט אין פּיעטערן, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. דעם באַפעל האָט פּיעטראָ באַקאַנט געמאַכט אין קולמיזשענסק. די קאַזאַקן פון די עלטערע יאָרן האָבן זיך גענומען פאַרעו, קלויבנדיק זיך אין וועג אַריין צוריק. זיי האָבן באַשלאָסן צו בלייבן איבערן טאָג אין דער סטאַניצע און צומאָרגנס באַגינען זיך אַוועקלאָזן אין פאַרשידענע זייטן. פּיעטראָ, וועלכער האָט אַ גאַנצן טאָג געזוכט אַ געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן מיטן ברודער, איז געקומען צו אים אויף דער קוואַרטיר.

— קום אַרויס אויפן פּלאַץ.

גריגאָרי איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון טויער. מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט זיי דעריאָגט, נאָר פּיעטראָ האָט אים קאַלט אַ בעט געטון:

— גיי אַוועק, מיטרי. איך וויל מיך דורכשמועסן מיטן ברודער.

— אדרבה. — מיטקאַ האָט קלוג אַ שמייכל געטון און הינ־טערשטעליק געבליבן.

גריגאָרי, וועלכער האָט זייטיק באַטראַכט פּיאָטערן, האָט געזען, אַז ער וויל רעדן עפּעס ערנסטס. אָפּוועגנדיק זיין כוונה, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט געמאַכטער הייטערקייט.

— עס איז פונדעסטוועגן מאָדנע: מען איז אַוועק פון דער היים אויף הונדערט וויאָרסט, און די מענטשן זענען דאָ שוין אַנ־דערע. זיי רעדן נישט אַזוי ווי ביי אונז, און די הייזער זענען אַנ־דערש געבויט, אַ שטייגער ווי ביי די פּאָליפּאָנען*. זעסט, אָט איז דאָס טויער געשאָליעוועט. ביי אונז זעט מען נישט אַזוינס. און דאָ, — ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נאָענטער רייכער כאַטע, — איז די פּריזבע אויך געשאָליעוועט; מסתמא, דאָס האָלץ זאָל נישט פוילן?

— הער אויף. — פּיעטראָ האָט זיך פאַרקרומט. — דו רעדסט נישט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף... וואַרט צו, לאָמיר זיך שטעלן ביים פּאַרקן. מענטשן קוקן.

אויף זיי האָבן געוואָרפן נייגיריקע בליקן די באַבעס און קאָזאַקן, וואָס זענען געגאַנגען אויפן פּלאַץ. אַן אַלטער, אין אַ בלויער ארומגעגאַרטלטער בלוזע און קאָזאַקיש היטל מיט אַ לאַמ־פּאַס, וואָס איז שוין ראָז געווען פון אַלטקייט, האָט זיך אָפּגע־שטעלט.

— איר בלייבט דאָ איבערן טאָג?

— מיר ווילן בלייבן.

— האָבער פאַר די פערד האָט איר?

— מיר האָבן אַ ביסל, — האָט פּיעטראָ זיך אָנגערופן.

---

* אלטגלוביקע.

— אויב נישט, קומט אַריין צו מיר, וועל איך אייך געבן אַ צוויי מעסטלעך.

— זאָל דיר כריסטוס באַצאָלן, זיידעשי!

— גאָט דער אַלמעכטיקער... קומט אַריין. אָט איז מיין כאַטע. די מיטן גרינעם בלעכערנעם דאַך.

— וועגן וואָס האָסטו געוואָלט רעדן? — האָט גריגאָרי אומגעדולדיק געפרעגט, זיך כמורענדיק.

— וועגן אַלץ. — פּיעטראָ האָט עפּעס שולדיק און געניייט אַ שמייכל געטון, פאַרבייסנדיק די ווייצענע וואָנסע אין ווינקל מויל. — די צייט, גרישאַטקאַ, איז אַזעלכע, אַז מיר וועלן זיך אפשר שוין נישט זען...

די אומקלאָרע פּיינטשאַפט צום ברודער, וואָס האָט גריגאָריען אַ ביס געטון, איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן, אונטערגעדריקט דורך פּיעטראָס נעבעכדיקן שמייכל און דעם אַלטן נאָמען „גרישאַטקאַ", וואָס איז געבליבן פון דער קינדהייט. פּיעטראָ האָט ליבלעך געקוקט אויפן ברודער, נאָך אַלץ אַזוי אומקלאָר שמייכלענדיק. ער האָט מיט אַ באַוועגונג פון די ליפּן אָפּגעווישט דעם שמייכל, — זיין פּנים האָט באַקומען אַ גראָבן אויסדרוק, און ער האָט געזאָגט:

— זע ווי זיי האָבן דאָס פאָלק צעטיילט, די שלאַנגען! ווי מען וואָלט מיט אַן אַקער דורכגעפאָרן: איין טייל — אין איין זייט, די צווייטע — אין דער צווייטער, ווי אונטערן אַקער-מעסער. אַ טייוולאָניש לעבן, און די צייט איז אַ שרעקלעכע! איינער דערקענט שוין נישט דעם צווייטן... אָט דו, — האָט ער האַסטיק געביטן דעם שמועס, — דו — ביסט מיינס אַן אייגענער ברודער, און, בנאמנות, איך פאַרשטיי דיך נישט! איך פיל, אַז דו גייסט עפּעס אַוועק פון מיר... זאָג איך אמת? — און ער האָט זיך אַליין געענטפערט: — אמת. דו פּלאָנטערסט דיך... איך האָב מורא, דו וועסט זיך אַריבערוואַרפן צו די רויטע... דו, גרישאַטקאַ, האָסט ביז איצט זיך נאָך נישט געפונען.

— און דו האָסט דיך געפונען? — האָט גריגאָרי געפרעגט,

קוקנדיק, ווי הינטער דער אומקלאָרער ליניע פון כאָפּער*, הינטערן קרייד־באַרג זעצט זיך די זון, ברענט דער מערב, און די וואָלקנס טראָגן זיך פון דאָרט, ווי אָפּגעברענטע שוואַרצע פליטן.

— איך האָב מיך געפונען. איך האָב אויף מיין בייט אָנגעטראָפן. פון איר וועסטו מיך שוין נישט אַראָפּשטופּן! איך, גרישקאַ, וועל מיך נישט אַזוי וואַקלען, ווי דו.

— האָ? — האָט גריגאָרי אַרויסגעדריקט אַ בייזן שמייכל.

— איך וועל נישט! — פּיעטראָ האָט צאָרניק אַ רודער געטון מיט דער וואָנסע, שנעל גענומען מרוגען, ווי אַ בלינדער. — מיך וועסטו צו די רויטע אפילו מיט קיין אַרקאַן** נישט אַריבערציען. דאָס קאָזאַקנטום איז קעגן זיי, בין איך אויך קעגן. שטעלן אַ ווידערשטאַנד וויל איך נישט, און וועל נישט! און ווי אַזוי זאָל איך עס דיר זאָגן?... איך האָב נישט נאָך וואָס, מיין וועג פירט נישט צו זיי!

— הער אויף מיט דעם, — האָט גריגאָרי מיד אַ בעט געטון. ער איז דער ערשטער אַוועקגעגאַנגען צו זיין קוואַרטיר, שאַרף אָפּדריקנדיק די טריט, באַוועגנדיק מיט דער געהאָרבעטער פּלייצע.

ביים טויער האָט פּיעטראָ זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— דו זאָג מיר, — וועל איך וויסן... זאָג מיר, גרישקאַ, וועסט נישט אַריבער צו זיי?

— עס איז שווער צו זאָגן... איך ווייס נישט.

גריגאָרי האָט געענטפערט אַפּאַטיש, אומגערן. פּיעטראָ האָט אַ זיפץ געטון, נאָר אויפגעהערט צו פרעגן. ער איז אַוועקגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, אַ מוטלאָזער. סיי אים, סיי גריגאָריען איז געווען זייער קלאָר: זייערע שטעגלעך, וואָס האָבן זיך פריער

---

* לינקער צופלוס פון דאָן.

** וואַרף־פּעטליע.

פאַרפלאָכטן, זענען געדיכט פאַרוואַקסן געוואָרן דורכן איבערגעלעבטן און פאַרשטעלט דעם וועג צום האַרץ. אַזוי לויפט און שלענגלט זיך איבער דער קרומער שיפּוע פון אַ באַרג־שפּאַלט אַ גלאַט שטעגעלע, וואָס איז אויסגעהאַקט געוואָרן דורך די קאָפּיטעס פון די ווילדע ציגן, און פּלוצלינג, ערגעץ ביי אַן אויסבויג, אַראָפּזינקענדיק צום גרונט, פאַרענדיקט עס זיך, ווערט אָפּגעהאַקט, — נישטאָ ווייטער קיין וועג, די דערנער שטאַרן ווי אַ וואַנט, אויסשפּרייטנדיק זיך אין אומהיימלעכער געדיכטקייט.

...צומאָרגנס האָט פּיעטראָ אַוועקגעפירט צוריק קיין וויעשענסק אַ האַלבע סאָטניע. דאָס איבערגעבליבענע יונגוואַרג האָט אונטער גריגאָריעס אָנפירונג זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון אַרזשאַנאָוו.

אינדערפרי האָט די זון געבאַקן אומרחמנותדיק. דער סטעפּ האָט געזאָטן אין גרויער פאַרנעפּלטקייט. אויפן פּאַן האָבן בלוי זיך געצייכנט די פּיאַלעטע כאָפּערער בערג, ווי אַ שאַפּירענע פאַרפלייצונג זענען געלעגן די זאַמדן. די פאַרשוויצטע פערד האָבן זיך געוויגט אונטער די רייטערס. די פּנימער פון די קאָזאַקן זענען גרוי געוואָרן, האָבן אָפּליאַקירט פון דער זון. די קישנס פון די זאָטלען, די רייט־אייזנס, די מעטאַלענע טיילן פון די געשפּאַנע זענען אַזוי דערהיצט געוואָרן, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען זיי אָנצורירן מיט אַ האַנט. אפילו אין וואַלד — אויך דאָ האָט פאַרפעלט קילקייט, — איז געהאָנגען אַ פאַרנע דושנעקייט, און עס האָט שטאַרק געשמעקט מיט רעגן.

אַ טיפער אומעט האָט באַהערשט גריגאָריען. ער האָט אַ גאַנצן טאָג זיך געוויגט אין זאָטל, כאַטיש טראַכטנדיק וועגן דער צוקונפט; ער האָט איבערגעקליבן אין זיין זכרון, ווי קרעלן אויף אַ שנור, פּיעטראָוס ווערטער, און זיך געפילט עלנט. דער האַרבער פערמענטירנדיקער טעם פון ווערמוט האָט געברענט די ליפּן, דער וועג האָט געריכערט מיט חמימה. אויסגעשפּרייט אונטער דער זון איז געלעגן דער געלדיק־גרויער סטעפּ. איבער אים

האָבן געבלאָנזשעט טרוקענע ווינטן, געקנייטשט דאָס שאָרסטקע גראָז, שטויביק אויפגעהויבן דאָס זאַמד.

אָוונט־צייט האָט אַ דורכזיכטיקער נעפּל פאַרצויגן די זון. דער הימל האָט אָפּבליאַקירט, איז גרוי געוואָרן. אויף מערב האָבן זיך באַוויזן וואָלקנס. זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, דערגרייכנדיק מיט די אַראָפּגעהאָנגענע עקן דעם נישט־דייטלעכן דין־געוועבטן פאָדעם פון האָריזאָנט. דערנאָך האָבן זיי דראָענדיק גענומען זיך טראָגן, געטריבן דורכן ווינט, נידעריק נאָכשלעפנדיק די גרויע ווינדלען, צוקער־ווייס זיך בלייכנדיק מיט די רונדע שפּיצן.

די אָפּטיילונג איז נאָכאַמאָל אַריבער דאָס טייכל קומילגע, אַריינגעדרונגען אונטערן קופּאָל פון טאָפּאָל־וואַלד. די בלעטער האָבן געבלינצלט אין ווינט מיט זייערע מילך־בלויע איבערגעקערטע זייטן, האַרמאָניש און באַסאַרטיק געשאָרכט. ערגעץ אויף דער צווייטער זייט כאָפּער האָט פון העל־ווייסן פאָדל פון וואָלקן זיך געשיט און געשמיסן די ערד אַ רעגן מיט אַ האָגל, אַרומגעגאַרטלט מיט דער פאַרביקער גאַרטל פון רעגנבויגן.

זיי האָבן גענעכטיקט אין אַ קליינעם פּוסטן כוטאָר. גריגאָרי האָט פאַרזאָרגט דאָס פערד און אַוועקגעגאַנגען צו די בינשטאָקן. דער באַלעבאָס, אַן אַלטער געקרייזלטער קאָזאַק, האָט אַרויסגעקליבן פון זיין באָרד זיי, וואָס זענען דאָרט שטעקן געבליבן, און מיט אַן אומרויִקן טאָן גערעדט צו גריגאָריען.

— אָט דעם פיען האָב איך נישט לאַנג געקויפט. איך האָב אים איבערגעפירט אַהער, און די יונגע זענען איבער עפּעס אַלע אויסגעפּגרט. זעסט, ווי די בינען שלעפן, — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ בינשטאָק און אָנגעוויזן אויף דער עפענונג: די בינען האָבן אומאויפהערלעך אַרויסגעשלעפּט די טויטע קערפּערלעך פון די יונגע און אַוועקגעפלויגן מיט זיי, טויב זשומענדיק.

דער באַלעבאָס האָט נעבעכדיק געזשמורעט די געלע אויגן, ביטער געטשמאָקעט מיט די ליפּן. ער איז געגאַנגען האַסטיק, שאַרף און קאַנטיק פאָכענדיק מיט די הענט. איבערמעסיק באַוועג-

לעך, ברייט צעוואַקסן, מיט אָפּגעריסענע אייליקע באַוועגונגען, האָט ער אַרויסגערופן עפּעס אַן אומרויִקייט און אויסגעזען איבעריק צווישן די בינשטאָקן, ווו דער גרויסער קאָלעקטיוו בינען האָט רעגלמעסיק און טיכטיק פאַמעלעך געפירט זיין קלוגע אַרבעט. גריגאָרי האָט זיך צוגעקוקט צו אים מיט אַ געפיל פון לייכטער אומגינציקייט. דאָסדאָזיקע געפיל איז אומווילנדיק אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם אַלטן ברייטפּלייציקן קאָזאַק, וואָס איז אַזויווי צונויפגעשטעלט געווען פון בלויז אויסברוכן און האָט גערעדט סקריפּענדיק און שנעל.

— היי-יאָר איז אַ גוט גערעטעניש. דער טימיאַן האָט שיין געבליט, זיי האָבן געטראָגן פון אים. די איינריכטונג פון רעמלעך איז בעסער. איך וועל זיי מסתמא איינפירן...

גריגאָרי האָט געטרונקען טיי מיט געדיכטן האָניק, וואָס האָט זיך געצויגן, ווי קליי. דער האָניק האָט זיס געשמעקט מיט טימיאַן און אַנדערע פעלד-קרייטעכצער. די טיי האָט אָנגעגאָסן דעם באַלעבאָס' טאָכטער — אַ הויכע שיינע זעלנערקע. איר מאַן איז אַוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון, דערפאַר האָט דער באַלעבאָס זיך געהאַלטן פרידלעך און רויִק. ער האָט נישט באַמערקט, ווי זיין טאָכטער האָט מיט דין-צונויפגעדריקטע בלייכע ליפּן געוואָרפן פלינקע בליקן פון אונטער די ברעמען אַפּער אויף גריגאָריען. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום טשייניק, און גריגאָרי האָט געזען די פּעך-שוואַרצע געקרייזלטע האָר אונטער איר אָרעם. ער האָט נישט איינמאָל זיך צונויפגעטראָפן מיט איר אויפמערקזאַמען נייגיריקן בליק, און איינמאָל האָט זיך אים אפילו געדאַכט, אַז צונויפטרעפנדיק זיך מיט אים מיטן בליק, האָט די יונגע קאָזאַטשקע זיך געשמייכלט אין די באַקן און פאַרבאָרגן אין די ווינקלען פון די ליפּן אַ וואַרעמען שמייכל.

— איך וועל אייך אויסבעטן אין שטוב, — האָט זי נאָך דער טיי געזאָגט גריגאָריען, דורכגייענדיק מיט אַ קישן און קאָלדרע און אָפּבריענדיק אים מיט איר אָפנהאַרציקן הונגעריקן בליק. אויפקלאַפּנדיק דאָס קישן, האָט זי כלומרשט כלאחר-יד שטיל און

אײַליק אים אַ זאָג געטון: — איך שלאָף אונטער דער שאָפּע... אין שטוב איז דושנע און די פליי בײַסן...

גריגאָרי האָט אויסגעטון בלויז די שטיוול און אַוועקגעגאַנגען צו איר אונטער דער שאָפּע, ווי נאָר ער האָט דערהערט דעם באַלעבאָס שנאָרכן. זי האָט אים געמאַכט אַן אָרט לעבן זיך אין דער אַרבע, וואָס איז אַראָפּגענומען געווען פון די אַקסן און, צודעקנדיק זיך מיטן שעפּסן־פּעלץ, באַרירנדיק גריגאָריען מיט די פּיס, איז זי פאַרשוויגן געוואָרן. אירע ליפּן זענען געווען טרוקן, האַרט און האָבן געשמעקט מיט ציבעלע און נישט אויסגעוועפּטן ריח פון פרישקייט. גריגאָרי איז דורכגעשלאָפן אויף איר דינער טונקעלער האַנט ביז אינדערפרי. זי האָט אים אַ גאַנצע נאַכט שטאַרק געדריקט צו זיך, גאָרנישט זאַט געוואָרן פון צערטלען און לאַכנדיק און שפּאַסנדיק ביז בלוט אים צעביסן די ליפּן און איבערגעלאָזט אויף זײַן האַלז, ברוסט און אַקסלען פּיאָלעטע פלעקן פון די קושנדיקע ביסן און דראָבנע צייכנס פון אירע קליינע חיהשע ציין. נאָכן דריטן מאָל קרייען פון די הענער האָט גריגאָרי שוין געוואָלט איבערוואַנדערן אין שטוב אַרײַן, נאָר זי האָט אים פאַרהאַלטן.

— לאָז אָפּ, ליבינקע, לאָז אָפּ, יאַגדעלע מײַנס! — האָט גריגאָרי זיך געבעטן, אַרײַנשמייכלענדיק אין דער שוואַרצער אַראָפּגעהאָנגענער וואָנסע, לײַכט באַמיִענדיק זיך צו באַפרײַען.

— ליג נאָך אַ ביסעלע... ליג!

— מען וועט דאָך דערזען! זע, עס הייבט שוין אָן צו טאָגן!

— נו, זאָל טאָגן!

— און דער טאַטע?

— דער טאַטע ווייסט.

— וואָס הייסט, ער ווייסט? — גריגאָרי האָט פאַרוווּנדערט אַ ציטער געטון מיט דער ברעם.

— אַזוי...

— וואָס הייסט אַזוי... פונוואַנען ווייסט ער?

— ער, זעסטו... האָט מיר נעכטן אָוונט געזאָגט: טאַמער, זאָגט ער, וועט דער אָפיציר צו דיר צושטיין, שלאָף דיך איבער מיט אים, נעם אים איין, וואָרים אַז נישט, וועט מען צוליב געראַסקען די פערד צונעמען, אָדער נאָך עפּעס... דער מאַן, געראַסים מייַנער, איז דאָך אָוועקגעגאַנגען מיט מיראָנאָוון...

— אַ-זוי-וי-וי! — גריגאָרי האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטון, נאָר אין דער נשמה זיך געפילט באַליידיקט.

דאָס אומאָנגענעמע געפיל האָט זי אַליין צעשטרייט. ליבּלעך באַרירנדיק דעם מוסקול אויף גריגאָריעס האַנט, האָט זי אַ ציטער געטון.

— מייַן געליבטער איז נישט אַזעלכער, ווי דו...

— וואָסער-זשע איז ער? — האָט גריגאָרי זיך פאַראינטערעסירט, קוקנדיק מיט ניכטערע אויגן אויפן מיטן הימל, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן בלייך ווערן.

— אַ נישטיקער... אַ לעמישקע... — זי האָט מיט צוטרוי זיך אַ צי געטון צו גריגאָריען, און איר קול האָבן זיך געהערט אייַנגעהאַלטענע טרערן. — איך האָב מיט אים געלעבט גאָר אָן פאַרגעניגן... ער פאַרשטייט זיך גאָרנישט אויף קיין פרוי...

די פרעמדע, קינדיש נאַיווע נשמה האָט זיך צעעפנט פאַר גריגאָריען פשוט, ווי עס עפנט זיך אַ בלימל, וואָס טרינקט זיך אָן מיט טוי. דאָס האָט פאַרשיכורט, געוועקט אַ לייכט געפיל פון רחמנות. גריגאָרי האָט מיט באַדויערן צערטלעך געגלעט די צעשויבערטע האָר פון זיין צופעליקער פריינדין, צוגויפגעלעגט די מידע אויגן.

דורכן דאַך פון דער שאָפּע, וואָס איז געדעקט געווען מיט קאַמיש, האָט זיך דורכגעזיגן דאָס ליכט פון דער לבנה, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן בלייך ווערן. עס האָט זיך אָפּגעריסן און האַסטיק אַראָפּגעקייקלט צום האָריזאָנט אַ פאַלנדיקער שטערן, איבערלאָזנדיק אַ קילן פאָספאָר-צייכן אויפן אַש-קאָלירקן הימל. אויפן סטאַוו האָט זיך צעקוואַקעט אַ קאַטשקע, און דער קוטשער האָט איר געענטפערט מיט הייזעריקער ליבלעכקייט.

גריגאָרי איז אַוועקגעגאַנגען אין שטוב אַרײַן, לײַכט טראָגנ־דיק דעם אויסגעלערטן קערפּער, וואָס איז אָנגעגאָסן געווען מיט אַ קלינגען פֿון זיסער מידעקייט. ער איז אײַנגעשלאָפֿן, פֿילנדיק אויף די ליפּן דעם זוניקן ריח פֿון אירע ליפּן, פֿלײַסיק באַהאַלטנ־דיק אין זכּרון דעם קערפּער פֿון דער קאָזאַטשקע, וואָס איז אַזוי גיריק געווען אויף צערטלעכקייט, און זײַן ריח, — דעם געמישטן ריח פֿון טימיאַן־האָניק, שווייס און וואַרעמקייט.

אין צוויי שעה אַרום האָבן אים אויפֿגעוועקט די קאָזאַקן. פּראָכאָר זיקאָוו האָט אים אָנגעזאָטלט דאָס פֿערד, אַרויסגעפֿירט פֿון טויער. גריגאָרי האָט זיך געזעגנט מיטן באַלעבאָס, האַרט אויסהאַלטנדיק זײַן פֿײַנטלעך־פֿאַרנעפּלטן בליק, — אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום באַלעבאָס׳ טאָכטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין שטוב אַרײַן. זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, באַהאַלטנדיק אין די ווינקלען פֿון די דינע לײַכט־געדרײַטלטע ליפּן אַ וואַרעמען שמייכל און אומקלאָרע ביטערקייט פֿון באַדויערונג.

גריגאָרי איז געריטן דורכן געסל, זיך אומקוקנדיק. דאָס געסל האָט אין אַ האַלבער דויע אַרומגענומען דעם הויף, ווו ער האָט גענעכטיקט, און ער האָט געזען, ווי די קאָזאַטשקע, וועלכע ער האָט איבער נאַכט צוגעטוליעט, האָט אים נאָכגעקוקט איבערן פּאַרקן, נאָכדרייענדיק דעם קאָפּ מיט דער שמאָלער דינער האַנט איבער די אויגן. גריגאָרי האָט אומגעריכט מיט פֿאַרקלעמענדיקער בענקשאַפֿט כּסדר געקוקט אַהינטער, געפּרוּווט זיך פֿאָרשטעלן דעם אויסדרוק פֿון איר פּנים, זי אײַנגאַנצן — און נישט געקאָנט. ער האָט בלויז געזען, ווי דער קאָפּ פֿון דער קאָזאַטשקע אין ווײַסן טיכל דרייט זיך פּאַמעלעך נאָך, אים נאָכקוקנדיק מיט די אויגן. אַזוי דרייט זיך נאָך דאָס קאַפּעליושל פֿון אַ זון־רויז, נאָכקוקנדיק דעם פּאַמעלעכן קרײַזלענדיקן גאַנג פֿון דער זון.

מיכאַיל קאָשעוואָיען האָט מען געטריבן מיטן עטאַפּ פֿון וויעשענסק אויפֿן פֿראָנט. ער איז דערגאַנגען ביז דער פּעדאָסעיע־ווער סטאַניצע. דאָרט האָט דער סטאַניצע־אַטאַמאַן אים פֿאַר־

האַלטן אויף אַ טאָג און מיט אַ קאָנוואָי אָפּגעשיקט צוריק קיין וויעשענסק.

— פאַרוואָס שיקט איר מיך צוריק ? — האָט מיכאַיל גע־פרעגט דעם סטאַניצע־שרייבער.

— מיר האָבן דערהאַלטן אַ פאַראָרדענונג פון וויעשקי, — האָט יענער אים אומגערן געענטפערט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מישקעס מוטער האָט אויף דער פאַרזאַמלונג פון כוטאָר, קריכנדיק אויף די קניען, אויסגעבעטן ביי די עלטסטע, און יענע האָבן אָנגעשריבן דעם באַשלוס פון דער געמיינדע מיט דער בקשה מיכאַיל קאָשעוואָיען, ווי דעם איינציקן שפּייזער פון דער פאַמיליע, צו באַשטימען אַלס טאַבון־וועכטער. צום וויעשענסקער סטאַניצע־אַטאַמאַן איז מיט דעם באַ־שלוס געפאָרן מיראָן גריגאָריעוויטש אַליין. ער האָט אויסגע־בעטן.

אין אַמט פון דער סטאַניצע האָט דער אַטאַמאַן אָנגעשריגן אויף מישקען, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אים אין פראָנט, דער־נאָך בייז פאַרענדיקט מיט אַ שטילערן טאָן :

— קיין באָלשעוויקעס טרויען מיר נישט די פאַרטיידיקונג פון דאָן ! גיי אַוועק אויף דער פּאַשע, וועסט דאָרט דינען אַלס טאַבון־וועכטער, און שפּעטער — וועט מען זען. געדענק אָבער, הונטישער זון ! עס איז בלויז אַ רחמנות אויף דיין מאַמען — אַז נישט... נו, גיי !

איבער די אָנגעהיצטע גאַסן איז מישקאַ שוין געגאַנגען אָן אַ קאָנוואָי. דער פּאַרקאַטעוועטער שינעל האָט אים געשניטן אין אַקסל. די פיס, וואָס זענען פאַרמאַטערט געוווען פון די הונדערט און פופציק וויאָרסט גאַנג, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען. ער האָט קוים דערצויגן ביז נאַכט צום כוטאָר, און צומאָרגנס, נאָכ־דעם ווי די מוטער האָט אים אָנגעצערטלט און באַוויינט, איז ער אַוועקגעפאָרן אויף דער פּאַשע, מיטנעמענדיק אין זכרון דער מוטערס פאַרעלטערט פּנים און די גרויע פּאַסמעס האָר, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אויף איר קאָפּ באַמערקט.

אויף דרום פון דער קאַרגינער סטאַניצע, אַכטאונצוואַנציק וויאָרסט אין דער לענג און זעקס אין דער ברייט, האָט זיך אויסגעשפּרייט די פאַרבאַטענע, פון אייביק אָן נישט געאַקערטע רויערד פון סטעפּ. דאָס שטיק ערד פון אַ סך טויזנטער דעסיאַטין איז אָפּגעטיילט געוואָרן אויף פּאַשע פאַר די פערד פון דער סטאַניצע. יאָר־יערלעך, אין טאָג פון הייליקן יעגאָר, האָבן די טאַבון־וועכטער פון וויעשענסק אַרויסגעפירט די אָגערס, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען איבערן ווינטער, און זיי אַוועקגעפירט אויף דער פּאַשע. אויפן חשבון פון דער סטאַניצע איז אויסגעבויט געוואָרן אינמיטן דער פּאַשע אַ שטאַל, מיט זומערדיקע אָפּענע אָפּצוימונגען פאַר אַכצן אָגערס, מיט אַ קאַזאַרמע דערלעבן פאַר די טאַבון־וועכטערס, אויפזעער און וועטערינאַר־פעלדשער. די קאָזאַקן פון וויעשענסקער יורט* האָבן געברענגט זייערע קאָבילעס, דער פעלדשער מיטן אויפזעער האָבן אַכטונג געגעבן ביים אָננעמען, אַז יעדע פון זיי זאָל נישט זיין קלענער זיין פון צוויי אַרשין און אַלט זיין, נישט ווינציקער פון פיר יאָר. די געזונטע האָט מען אָפּגעטיילט אין טאַבונען צו פערציק שטיק. יעדער אָגער האָט אַוועקגעפירט זיין טאַבון אין סטעפּ אַריין, אייפעריק היטנדיק די קאָבילעס.

מישקאַ איז געריטן אויף דער איינציקער קאָבילע, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין באַלעבאַטישקייט. די מוטער האָט אים באַגלייט, געווישט די טרערן מיטן פאַרטוך און געזאָגט:

— זי וועט זיך אפשר היצן, די קאָבילקע... גיב־זשע אַכטונג אויף איר, יאָג זי נישט צו שטאַרק. נאָך אַ פערד — איז אונז זייער נייטיק!

אינמיטן טאָג האָט מישקאַ דערזען דורכן פאַרנעם נעפּל, וואָס האָט זיך געהויבן פון טאָל, דעם בלעכערנעם דאַך פון דער קאַזאַרמע, די פאַרצוימונג און דעם שינדל־דאַך פון דער שטאַל,

* די ערד, וואָס געהערט צו אַ סטאַניצע אָדער כוטאָר.

וואָס איז שוין גרוי געווען פון רעגן. ער האָט אונטערגעטריבן די קאָבילע; און אַרויפקומענדיק אויפן באַרג, באַלד דערזען די בנינים און די מילך-ווייסע פאַרפלייצונג פון גראָז הינטער זיי. ערגעץ ווייט אויף מזרח האָט ווי אַ געלער פלעק זיך געטונקלט דער טאַבון פערד, וואָס איז געלאָפן צום סטאַוו; ביי זייער זייט איז נאָכגעריטן אַ טאַבון-וועכטער — אַ מענטש ווי אַ שפּילעכל, צוגעקלעבט צו אַ פערד, אויך ווי אַ שפּילעכל.

אַריינרייטנדיק אין הויף, איז מישקאַ אַראָפּ פון פערד, אָנגעבונדן די לייצן ביים גאַנעק און אַריינגעגאַנגען אין הויז. אין רחבותדיקן קאָרידאָר איז אים אַקעגנגעקומען איינער פון די טאַבון-וועכטער, אַ נישט הויכער זומער-געשפּרינקלטער קאָזאַק.

— וועמען דאַרפסטו? — האָט ער אומפריינטלעך געפרעגט, באַטראַכטנדיק מישקען פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך דאַרף צום אויפזעער.

— צו סטרוקאָוון? ער איז נישטאָ, ער איז אַרויסגעגאַנגען. סאַזאָנאָוו, זיין געהילף, איז דאָ דאָ. די צווייטע טיר לינקס... און וואָס דאַרפסטו אים? פונוואַנען ביסטו?

— איך בין געקומען אַלס טאַבון-וועכטער צו אייך.

— זיי שטופן, ווער עס קומט אונטער דער האַנט...

בורטשענדיק האָט ער זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. דער אַרקאַן, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט איבערן דיל. ער האָט געעפנט די טיר, שטייענדיק מיטן רוקן צו מישקען, אַ פאַכע געטון מיטן ראַפּניק און שוין פריינטלעכער געזאָגט:

— ביי אונז, ברידערקע, איז די דינסט אַ שווערע. טיילמאָל קריכט מען צוויי מעת-לעת פון פערד נישט אַראָפּ.

מישקאַ האָט געקוקט אויף זיין נישט אויסגעגלייכטן רוקן און קרום אויסגעבויגענע פיס. אין ליכט פון דער געעפנטער טיר האָט יעדער שטריך פון זיין דעפאָרמירטער פיגור זיך געצייכנט שאַרף און בולט. דעם טאַבון-וועכטערס רונד-אויסגעבויגענע פיס האָבן אַריינגעבראַכט מישקען אין אַ פריילעכער שטימונג. „ווי

ער וואָלט פערציק יאָר רייטנדיק אויף אַ פעסל געזעסן", — האָט ער אַ טראַכט געטון, פאַר זיך שמייכלענדיק און אָפּזוכנדיק מיט די אויגן די קליאַמקע.

סאַזאָנאָוו האָט אויפגענומען דעם נייעם טאַבון-וועכטער מיט מאַיעסטעטישער גלייכגילטיקייט. באַלד איז אויך געקומען פון ער-געץ דער אויפזעער, אַ פעסט-געבויטער קאָזאַק, אַ וואַכמייסטער פון אַטאַמאַנישן פולק, אַפּאַנאַסי סטרוקאָוו. ער האָט באַפוילן צו פאַררעכענען קאָשעוואָיען צו באַקומען פּראָוויאַנט, איניינעם מיט אים אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק, וואָס איז אָנגעהיצט געווען פון דער ווייסער חמימה.

— איינרייטן ווילדע פערד קענסטו?

— עס איז נישט אויסגעקומען, — האָט מישקאַ אָפנהאַרציק מודה געווען און גלייך באַמערקט, ווי דעם אויפזעערס פּנים, וואָס איז מאַט געווען פון דער היץ, איז באַלעבט געוואָרן, ווי פאַרגאָסן דורך אַ כוואַליע פון אומצופרידנהייט.

זיך קראַצנדיק דעם שווייסיקן רוקן, אויסבייגנדיק די מעכ-טיקע אַקסל-ביינער, האָט דער אויפזעער טעמפּ געקוקט מישקען צווישן די אויגן.

— אַן אַרקאַן פאַרוואַרפן קאָנסטו?

— איך קאָן.

— און פערד שוינסטו?

— איך שוין.

— זיי זענען — ווי מענטשן, נאָר שטומע. שוין זיי, — האָט ער באַפוילן, און אָן אַ סיבה בייז ווערנדיק, אויסגעשריגן: — שוין זיי, וואָרים אַז נישט — איז מיטן ראַפּניק!

זיין פּנים איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן אי באַלעבט, אי פול מיט אויסדרוק, נאָר באַלד איז די באַלעבטקייט פאַרשוווּנדן, יע-דער שטריך איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט דער קאָרע פון טעמפּער גלייכגילטיקייט.

— אַ ווייב האָסטו?

— ניין.

— דאָס הייסט אַ שוטה! וואָלסט חתונה געהאַט, — האָט דער אויפזעער פריידיק אונטערגעכאַפּט.

ער האָט וואַרטנדיק געשוויגן אַ ווײַלע, געקוקט אויף דער צעכראַסטעטער ברוסט פון סטעפּ, דערנאָך אַ גענעץ געטון און אַרייַנגעגאַנגען אין הויז. מער האָט מישקאַ אין משך פון אַ גאַנצן חודש דינסט אַלס טאַבון־וועכטער נישט געהערט פון אים קיין איין וואָרט.

אויף דער פּאַשע האָבן זיך תמיד געפונען פינאונפופציק אָגערס. אויף יעדן טאַבון־וועכטער איז אויסגעקומען צו צוויי, דריי טאַבונען. מישקען האָט מען איבערגעגעבן דעם גרויסן טאַבון, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן מעכטיקן אַלטן אָגער באַכאַר, און נאָך איינעם, אַ קלענערן, וועלכער איז באַשטאַנען פון ערך צוואָנציק קאָבילעס און דעם אָגער מיטן צונאָמען דער באַנאַלער. דער אויפזעער האָט גערופן איליאַ סאָלדאַטאָוון, איינעם פון די פלינקסטע און צומיינסט דרייסטע טאַבון־וועכטער, און אים איבערגעגעבן:

— אָט איז אַ נײַער טאַבון־וועכטער, מיכאַיל קאָשעוואָי פון טאָטערישן כוטאָר. ווייז אים אָן די טאַבונען פון באַנאַלן און באַכאַרן און גיב אים אַן אַרקאַן. ער וועט ווינען אין אייער בײַדל. ווייז אים אָן, וואָס ער האָט צו טון. גייט.

סאָלדאַטאָוו האָט שווייגנדיק פאַררייכערט און אַ ווונק געטון צו מישקען:

— קום!

— אויפן גאַנעק האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף מישקעס קאָבילקע, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אונטער דער זון:

— דיין נבלה?

— מיינע.

— זי איז זשרעבנע?

— ניין.

— באַדעק זי מיט באַכאַרן. ער שטאַמט פון די קעניגלעכע

שטאָלן, אַ האַלבער ענגלענדער. און שוין איינמאָל קערנדיק !... נו, זיך אויף.

זיי זענען געריטן צוזאַמען. די פערד האָבן געבראָדזשעט אין גראָז ביז איבער די קניען. די קאַזאַרמע און די שטאַלן זענען געבליבן ווייט הינטער זיי. פאָרויס, געהילט אין צאַרטער בלויער פאַרנעפלטקייט, האָט מאַיעסטעטיש געשוויגן דער סטעפּ. אין זעניט, אונטערן געוועב פון די אָפּאַל-וואָלקנדלעך, איז אַ פאַרחלשטע געזעסן די זון. פון הייסן גראָז האָט זיך געשפּרייט אַ שווערער געדיכטער אַראָמאַט. רעכטס, נאָך דער נעפּלהאַפט-געצייכנטער פאַרטיפונג פון טאָל, האָט פערלדיק-ווייס געשמייכלט דער שטרייף פון זשיראָוועער סטאַוו. און אַרום, — ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט גרייכן, — אַ גרינע ענדלאָזע רחבותדיקייט, ציטערנדיקע שטראָמען אָנגעגליטע לופט, אוראַלטער סטעפּ פאַרקאָוועט אין מיטאָגדיקער היץ, און אויפן האָריזאָנט — אומדערגרייכבאַר און לעגענדאַר — אַ גרויער ברוסטיקער באַרג.

דאָס גראָז האָט אין וואָרצל געגלאַנצט מיט געדיכטער טוניקעלער גרינקייט, זיך דורכגעלויכטן מיט די שפּיצן אין דער זון, אָנגענומען די קאָליר פון בראָנז. עס האָט זיך געשויבערט מיט די האַרבע בעזעמלעך דאָס נאָכנישט צייטיקע פעדער-גראָז, רונד זיך געבויגן אונטערן כוואַליענדיקן ווינטל. דער פּעזש האָט גיריק זיך געשטרעקט צו דער זון, פאַררייסנדיק די קערנדיקע קעפּלעך. ערטערוויז האָט בלינד און קלעפּיק זיך געדריקט צו דער ערד דער נידעריק-געוואַקסענער טימיאַן, דאָ און דאָרט דורכגעוואָרפן מיט סאַלפּעי, און ווידער האָט ווי אַ פאַרפלייצונג זיך אויסגעשפּרייט, באַקומענדיק די אויבערהאַנט, דאָס פעדער-גראָז, איבערגייענדיק אין פילפאַרביקן געמיש פון ווילדן האָבער, געלער גאָרטשיצע, מילך-בלימלעך, רויען, אַלץ פאַרכאַפּערישן שפּיציקן גראָז, וואָס שטויסט אַרויס פון פאַרנומענעם שטח אַלע איבעריקע גראָזן.

די קאָזאַקן זענען געריטן שווייגנדיק. מישקאַ האָט איבערגעלעבט אַ לאַנג שוין נישט געאַנט געפיל פון הכנעהדיקער פרידלעכקייט, דער סטעפּ האָט אים צוגעדריקט מיט זיין שטילקייט,

מיט דער קלוגער מאַיעסטעטישקייט. זיין חבר איז פּשוט געשלאָפן אין זאָטל, אָנגעבויגן צו דער פערדישער גריווע, אַרויפגעלייגט די זומער־געשפּרענקלטע הענט אויפן זאָטל־האָרן, ווי פאַרן אָננעמען די קאָמוניע.

פון אונטער זיינע פיס האָט אַ פלאַטער געטון אַ האָזל־הון, זיך אויפגעהויבן איבערן טאָל, גלאַנצנדיק מיטן ווייסן פליגל אין דער זון. בייגנדיק דאָס גראָז, איז פון דרום אָנגעלאָפן אַ ווינטל, וואָס האָט אינדערפרי נאָך אפשר געכוואַליעט דעם אַזאָווישן ים.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען זיי צוגעקומען צום טאַבון, וואָס האָט זיך געפּאַשעט לעבן אָסיענאָוער סטאַוו. סאָלדאַטאָוו האָט אויפגעוואַכט, — זיך אויסציענדיק אין זאָטל, און פויל געזאָגט:

— פּאַנטיעליושקאַ לאָמאַקינס טאַבון. מען זעט אים עפּעס נישט.

— ווי אַזוי רופט מען דעם אָגער? — האָט מישקאַ געפרעגט, זיך קוויקנדיק מיטן העל־געלן לאַנגן דאָנער.

— פּראַזיאָר. אַ בייזער, דער פאַרשאָלטענער! זעסט, ווי ער האָט די אויגנעס אַרויסגעזעצט! אַוועק!

דער אָגער האָט זיך אַ טראָג געטון אין דער זייט, און נאָך אים דער גאַנצער טאַבון קאָבילעס.

מישקאַ האָט איבערגענומען דעם טאַבון, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן און אַריינגעלייגט זיינע זאַכן אין פעלד־ביידל. ביז אים האָבן אין ביידל געוווינט דריי: סאָלדאַטאָוו, לאָמאַקין און אַ געדונגענער טאַבון־וועכטער — דער נישט יונגער, שווייגנדיקער קאָזאַק טוראָוויעראָוו. סאָלדאַטאָוו האָט זיך גערעכנט ביי זיי פאַרן עלטסטן. ער האָט גערן אַריינגעפירט מישקען אין דער אַרבעט, באַלד צומאַרגנס אים דערציילט וועגן כאַראַקטער און אייגנשאַפטן פון די אָגערס און, דין שמייכלענדיק, געעצהט:

— לויטן געזעץ דאַרפסטו מאַכן די דינסט אויף דיין אייגן פערדל, נאָר אויב דו וועסט טאָג־טעגלעך דערויף זיך אַרומ־

שלעפּן — ווּעסטוּ דערפוּן אַ תל מאַכן. לאָז עס אַריין אין טאַבוּן זאָטל אָן אַ פּרעמדס און בייט זיי אָפּט.

אין מישקעס אויגן האָט ער אַרויסגעטריבן פוּן טאַבוּן אַ קאָבילע און, צעוויגנדיק זיך, מיט אַ געווינטער פלינקער באַוועגונג פאַרוואָרפן אויף איר דעם אַרקאַן. ער האָט זי אָנגעזאָטלט מיט מישקעס זאָטל און זי צוגעפירט צו אים אַ ציטערנדיקע, זיך זעצנדיקע אויף די הינטערשטע פיס.

— זיץ אויף. זי איז, אַפּנים, נאָך נישט קיין איינגעריטענע! דער טייוול! זיץ אויף! — האָט ער בייז אַ געשריי געטון, שטאַרק פאַרציענדיק מיט דער רעכטער האַנט די לייץ, און מיט דער לינקער צונויפדריקנדיק די צעסאַפּעטע נאָזדרעס פון דער קאָבילע. — דו באַגיי דיך מילד מיט זיי. דאָס קאָנסטו נאָר אין דער שטאָל אַ געשריי טון אויף אַן אָגער: „אין דער זייט אַריין" — און ער וועט זיך דיר צו דער וואַנט צודריקן. — דאָ אָבער שפּיל דיך נישט! מיט באַכאַרן זיי באַזונדערס פאָרזיכטיק, נאָענט רייט נישט צו. ער וועט דיך דערהרגענען, — האָט ער געזאָגט, זיך אָנהאַלטנדיק ביים רייט-אייזן און ליבלעך אַריינכאַפּנדיק צווישן די פינגער דעם שטייפן, אַטלאַס-שוואַרצן אייטער פון דער קאָבילע, וואָס האָט געביטן די פיס.

III

אַ וואָך האָט מישקאַ זיך אָפּגערוט, גאַנצע טעג פאַרברענגענדיק אין זאָטל. דער סטעפּ האָט אים באַצווונגען, מעכטיק געניט צו לעבן מיט אַן אורעלט וועגעטירט לעבן. דער טאַבוּן איז אַרומגעגאַנגען ערגעץ נישט ווייט. מישקאַ האָט — אָדער זיצנדיק געדרימלט אין זאָטל, אָדער ליגנדיק אויפן גראָז אָן רעיונות זיך צוגעקוקט, ווי עס וואַנדערן איבערן הימל, געפּיטערטע דורכן ווינט, די טאַבוּנען וואָלקנס, באַפּרושעטע מיט ווייסן טוי-ג עפּריר. אין אָנהייב איז אַזאַ צושטאַנד פון אָפּגעזונדערטקייט אים געפעלן.

דאָס לעבן אויף דער פּאַשע, ווייט פון מענטשן, האָט אים אפילו באַפרידיקט. אָבער סוף וואָך, ווען ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין נייער לאַגע, האָט אויפגעוואַכט אין אים אַן אומקלאָרע שרעק: „דאָרט דעצידירן מענטשן וועגן זייער אייגענעם און פרעמדן גורל, און איך פּאַשע קאָבילעס. קאָן מען דען אַזוי? מען דאַרף אוועקגיין, וואָרים איך וועל דאָ איינגעזויגן ווערן”, — האָט ער געטראַכט, זיך אויסניכטערנדיק. נאָר אין באַוווסטזיין האָט פויל געטריפט אויף אַ צווייט געשעפּטשעריי: „זאָלן זיי זיך דאָרט מלחמה האַלטן! דאָרט איז טויט, און דאָ — פרייקייט, גראָז און הימל. דאָרט איז שנאה, און דאָ פרידן. וואָס גייען דיך אָן יענע?...” די געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן אייפעריק פרעסן מישקעס הכנעהדיקע רויִקייט. דאָס האָט אים געטריבן צו מענטשן, און ער האָט שוין אָפטער, ווי אין די פריערדיקע טעג, געזוכט באַגעגענישן מיט סאָלדאַטאָוון, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט מיט זיינע טאַבונען אין ראַיאָן פון דודאַרעווער סטאַוו, געפרווט זיך דערנענטערן מיט אים.

סאָלדאַטאָוו האָט אפנים נישט געפילט די לאַסט פון איינזאַמקייט. ער האָט זעלטן געגעכטיקט אין ביידל, און כמעט שטענדיק — מיטן טאַבון, אָדער ביים סטאַוו. ער האָט געלעבט מיט אַ חיהש לעבן, אַליין זיך געשאַפט עסן, און דאָס געטון מיט אומגעווייִנטלעכער פלינקייט, ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן בלויז מיט דעם זיך פאַרנומען. איינמאָל האָט מישקאַ דערזען, ווי ער פלעכט אַ נעץ פון פערדישע האָר. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט און געפרעגט:

— אויף וואָס פלעכסטו דאָס?

— אויף פיש.

— און וווּ געפינען זיי זיך?

— אין סטאַוו. קאַריסן.

— דו כאַפּסט מיט שלאַנגען?

— מיט ברויט און מיט שלאַנגען.

— קאָכסט זיי?

— איך ווענדזל און קאָך. נאַדיר, — האָט ער פריידיק מכבד געווען, אַרויסנעמענדיק פון דער קעשענע אַ געווענדזלטן קאָריס.

איינמאָל, נאָכרייטנדיק דעם טאַבון, האָט מישקאַ אָנגעטראָפן אויף אַן אויפגעכאַפּטער האָזל־הון אין אַ נעץ. דערלעבן איז גע־שטאַנען אַ צווייטע מייסטערהאַפּט אויסגעשטאָפּטע האָזל־הון און עס זענען געלעגן קונציק באַהאַלטן אין גראָז נעצן, צוגעבונדענע צו אַ פּלעקל. די האָזל־הון האָט סאָלדאַטאָוו דעם זעלבן אָוונט אָפּ־געבראָטן אין אַ גריבל, פריער זי גוט באַשיטנדיק מיט הייסע קוילן. ער האָט איינגעלאַדן אויף נאַכטעסן אויך מישקען. צע־רייסנדיק דאָס שמעקנדיקע פלייש, האָט ער געבעטן:

— אַ צווייט מאָל נעם נישט אַראָפּ, דו קאָנסט מיר נאָך קאַליע מאַכן.

— ווי אַזוי ביסטו אַהער אָנגעקומען? — האָט מישקאַ גע־פרעגט.

— איך בין אַן איינציקער שפּייזער.

סאָלדאַטאָוו האָט געשוויגן אַ ווײַלע און פּלוצלינג גע־פרעגט:

— הער, און ס'איז אמת, וואָס די יאַטן זאָגן, אַז דו ביסט אַ רויטער?

קאָשעוואָי, וועלכער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַ־גע, האָט זיך פאַרלוירן.

— ניין... נאָר ווי אַזוי זאָל איך עס דיר זאָגן... נו, יאָ, איך בין אַוועקגעגאַנגען צו זיי... מען האָט מיך געכאַפּט.

— נאָכוואָס ביסטו אַוועקגעגאַנגען? וואָס האָסטו געזוכט ביי זיי? — האָט סאָלדאַטאָוו שטיל געפרעגט מיט שטרענגע אויגן און אָנגעהויבן קייען פאַמעלעכער.

זיי זענען געזעסן לעבן פייער אויף אַ בערגל אין טרוקע־נעם טאָל. די קיזעקלעך האָבן געטשאַדעט, דאָס פייערל האָט גע־לויכטן פון אונטערן אַש אַפער. פון הינטן האָט מיט טרוקענער וואַרעמקייט און ריח פון וועלקנדיקן פיאָלון געאָטעמט די נאַכט

אין די רוקנס. דעם שוואַרצן הימל האָבן דורכגעשטריפּט פאַלנ־דיקע שטערן. עס איז געפאַלן איינער, און דערנאָך האָט לאַנג געלויכטן זיין האַריקער שפּור, ווי אויפן רוקן פון אַ פערד נאָכן שמיץ מיט אַ בייטש.

מישקאַ האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין סאָלדאַ־טאָווס פּנים, וואָס איז באַהויכט געווען מיטן גאָלדיקן אָפּגלאַנץ פון פייערל, און געענטפערט:

— איך האָב געוואָלט רעכט אויסקעמפן.

— פאַר וועמען? — האָט סאָלדאַטאָוו לעבהאַפט אַ פלאַטער געטון.

— פאַרן פאָלק.

— וואָסערע רעכט? דערצייל.

סאָלדאַטאָווס קול איז געוואָרן טויב און חניפהדיק. מישקע האָט אַ רגע זיך געוואַקלט, — אים האָט זיך געדאַכט, אַז סאָלדאַ־טאָוו האָט בכיוון אַריינגעלייגט אין פייער אַ פריש קיזעקל, כדי צו פאַרשטעלן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים. ער האָט זיך אַנט־שלאָסן און געזאָגט:

— גלייכע רעכט פאַר אַלע — אָט וואָס! עס דאַרפן נישט זיין — נישט קיין פּריצים, נישט קיין פויערים. פאַרשטאַנען? צו דעם וועט מען אַ סוף מאַכן.

— דו מיינסט, אַז די קאַדעטן וועלן נישט גובר זיין?

— אָבער — ניין.

— איז אָט וואָס דו האָסט געוואָלט!... — סאָלדאַטאָוו האָט אָפּגעאָטעמט און פּלוצלינג אויפגעשטאַנען. — דו, הונטישער זון, האָסט געוואָלט דאָס קאַזאַקנטום די זשידעס אין קנעכטשאַפט פאַר־קויפן?! — האָט ער בייז און הילכיק אויסגעשריגן. — דו... אין די ציין אַריין דיר! און איר אַלע זענט אַזעלכע, וואָס ווילט אונדז אויסראָטן?! אהא, אַזוי!... די זשידעס זאָלן זייערע פאַבריקן אין סטעפּ אויפשטעלן? אונדז פון דער ערד אַראָפּטרייבן?!

מישקאַ האָט, אַן איבערראַשטער, פּאַמעלעך זיך אויפגע־שטעלט אויף די פיס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז סאָלדאַטאָוו וויל

אים אַ קלאַפּ טאָן. ער האָט זיך גענומען רוקן הינטערווייילעכטס, און יענער, זעענדיק, אַז מישקאַ טרעט דערשראָקן אָפּ, — האָט ער זיך פאַרמאָסטן. מישקאַ האָט פאַרהאַלטן זיין האַנט אינדערלופטן, זי צונויפגעדריקט אין געלענק, פאַרשפּרעכנדיק געצהט:

— דו, פּעטער, הער אויף, וואָרים אַז נישט, וועל איך דיך אַוועקזעצן! וואָס האָסטו זיך צעיעלהוועט?

זיי זענען געשטאַנען אין דער פינסטערניש איינער קעגן צווייטן. דאָס פייער, וואָס איז צעטרעטן געוואָרן מיט די פיס, איז פאַרלאָשן געוואָרן; בלויז אין דער זייט האָט ראָז געגליט איין אַוועקגעוואָרפן קיזעקל. סאָלדאַטאָוו האָט מיט דער לינקער האַנט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער פון מישקעס בלוזע; פאַרדריקנדיק אים אין דער פויסט, אונטערהייבנדיק — האָט ער זיך באַמיט צו באַפרייען די רעכטע האַנט.

— ביים גאָרגל כאַפּ נישט אָן! — האָט מישקאַ געכאָרכלט, דרייענדיק מיטן שטאַרקן האַלז. — כאַפּ נישט אָן, זאָג איך דיר! איך וועל דיך אָנהרגענען, דו הערסט?...

— ניי־יי־ן, דו... איך וועל דיך אָנהרגענען... וואַרט־צו! — האָט סאָלדאַטאָוו פאַרשטיקט געזאָגט.

מישקאַ האָט זיך באַפרייט, אים אַ שטאַרקן וואָרף געטון פון זיך, און פילנדיק אַן עקלהאַפטן פאַרלאַנג אים אַ קלאַפּ צו טון, אומצוּוואַרפן און פריי לאָזן די הענט, האָט ער פיבערהאַפט גענומען זיך גלייך מאַכן די בלוזע.

סאָלדאַטאָוו איז נישט צוגעגאַנגען צו אים. קריצנדיק מיט די ציין, האָט ער, דורכגעפּלאָכטן מיט זידלערייען, אויסגעשריגן:

— איך וועל פאַרקלאָגן!... איך גיי שוין צום אויפזעער! איך וועל דיך גלייכלייגן!... מיאוסע ברואה! שלאַנג!... באָלשעוויק!... ווי פּאָדטיאָלקאָוון דאַרף מען דיך! אויף אַ צווייג! אויפן שנירקל!

„ער וועט פאַרקלאָגן... אָנמסרן... מען וועט מיך איינזעצן

אין תּפיסה... אויפן פּראָנט נישט שיקן — וועל איך, הייסט עס, נישט קאָנען אַריבערלויפן צו די אייגענע. איך בין פאַרלוירן!" — מישקאַ איז פאַרשטאַרט געוואָרן, און זיין געדאַנק, זוכנדיק אַן אויסגאַנג, האָט גענומען פאַרצווייפלט פלאַטערן, ווי עס פלאַטערט אַ פיש אין אַ גריבל, אָפּגעשניטן פון טייך דורכן וואַסער, וואָס איז אָפּגעפלאָסן. „דערהרגענען אים! באַלד דערשטיקן... אַנדערש קאָן מען נישט..." און זיך שוין אונטערוואַרפנדיק דעם מאָמענטאַלן באַשלוס, האָט דער געדאַנק צוגעזוכט אַ פאַרענטפערונג: „איך וועל זאָגן, אַז ער האָט זיך געוואָרפן מיך דערהרגענען... איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל... נישט בכיוון... אויף דער הייסער מינוט...

ציטערנדיק, האָט מישקאַ געמאַכט אַ טריט צו סאָלדאַטאָוון, און ווען יענער וואָלט אין דעם מאָמענט צוגעלאָפן, וואָלט זיך צעפלאַקערט צווישן זיי אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. אָבער סאָלדאַטאָוו האָט ווייטער אויסגעשריגן זיינע זידלערייען, און מישקאַ האָט זיך אָפּגעקילט, בלויז די פיס האָבן ביי אים ווייך געציטערט און אַ שווייס איז אַרויסגעטרעטן אויף זיין רוקן און אונטער די אָרעמס.

— נו, וואַרט־צו... דו הערסט? סאָלדאַטאָוו, שטיי נאָר. שריי נישט. דו האָסט דאָך דער ערשטער אָנגעהויבן...

און מישקאַ האָט גענומען הכנעהדיק זיך בעטן. זיין קין האָט געציטערט, די אויגן האָבן פאַרלוירן געבלאָנזשעט.

— וואָס עס קומט אַלץ פאָר צווישן פריינט... איך האָב דאָך דיר קיין קלאַפּ נישט געגעבן... און דו — האָסט מיך אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל... נו, וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? און דאָס אַלץ דאַרף מען דאָך באַווייזן?... אויב איך האָב דיך באַליידיקט... זיי מיר מוחל... בנאמנות! נו?

סאָלדאַטאָוו האָט אָנגעהויבן אַלץ שטילער שרייען און פאַרשוויגן געוואָרן. אין אַ מינוט אַרום האָט ער געזאָגט, זיך אויסדרייענדיק און אַרויסרייסנדיק זיין האַנט פון קאָשעוואָיס קאַלטער שווייסיקער האַנט.

— דו דרייסט ווי אַ שלאַנג מיטן וויינדל! נו, שוין גוט, איך

וועל נישט דערציילן. איך האָב רחמנות אויף דיר צוליב דיין נאַרישקייט... אָבער דו קום מיר נישט פאַר די אויגן, איך וויל נישט קוקן אויף דיר! אויסוווּרף דו! דו האָסט דיך די זשידעס פאַרקויפט, און איך האָב נישט קיין רחמנות אויף מענטשן, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר געלט.

מישקאַ האָט אין דער פינסטער געשמייכלט דערשלאָגן און נעבעכדיק, כאָטש סאָלדאַטאָוו האָט נישט געזען זיין פּנים, ווי ער האָט נישט געזען אויך דאָס, אַז מישקעס פויסטן דריקן זיך צונויף און שווילן אָן פון בלוט-צופלוס.

זיי זענען זיך צעגאַנגען, נישט זאָגנדיק מער קיין וואָרט. קאָשעוואָי האָט בייז געשמיסן דאָס פערד, זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ, זוכנדיק זיין טאַבון. אויף מזרח האָבן אויפגעפלאַקערט בליצן, עס האָט זיך דערהערט אַ דונערן.

די נאַכט האָט איבער דער פּאַשע זיך דורכגעטראָגן אַ שטורעם. אַרום האַלבע נאַכט איז מיט אַ פייפעריי, שווער סאַפּענדיק, אָנגעלאָפן אַ ווינט, נאָך אים האָט אומגעזען דורכגעצויגן אַ געדיכטע קילקייט און ביטערער שטויב. דער הימל האָט זיך אָנגעכמורעט. אַ בליץ האָט קרימלעך דורכגעאַקערט דעם געבערגלטן שוואַרצערדיקן וואָלקן, די שטילקייט האָט זיך לאַנג געזאַמלט, און ערגעץ ווייט האָט וואָרענענדיק אָפּגעהילכט אַ דונער. אַ קערנדיק זייען פון רעגן האָט אָנגעהויבן אומלייגן דאָס גראָז. אין ליכט פון בליץ, וואָס האָט נאָכאַמאָל אָנגעצייכנט אַ קרייז, האָט קאָשעוואָי דערזען אַ גרויען וואָלקן, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן הימל, אין די ראַנדן קויל-שוואַרץ, דראָענדיק, און אויף דער ערד, וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט אונטער אים, — די נעבעכדיקע, אין אַ קופּע צונויפגעטוליעטע פערד. אַ דונער האָט אַ זעץ געטון מיט אַן אימהדיקער קראַפט, דער בליץ האָט אַ שלאָג געטון אין דער ערד אַריין. נאָך דעם צווייטן קנאַק האָט פון וואָלקנס אינגעווייד שטראָמענדיק אַ פלייץ געטון אַ רעגן, דער סטעפּ האָט איינגעהאַלטן זיך צערוישט, דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן פון קאָשעוואָיס קאָפּ דאָס נאַסע היטל, מיט קראַפט אים צוגעבויגן צום האָרן פון זאָטל.

אַ ווײַלע האָט זיך געפּליעסקעט אַ שוואַרצע שטילקייט, דערנאָך האָט ווידער איבערן הימל דורכדזשיגיטירט אַ בליץ, נאָך טיפער מאַכנדיק דאָס טײַוולאָנישע חשכות. דער נאָכפאָלגנדיקער טראַסק פון דונער איז געווען אַזוי שטאַרק, טרוקן און הילכיק קנאַלנדיק, אַז קאָשעוואָיס פערד האָט זיך אַזעץ אַראָפּ געטון און געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס. די פערד אין טאַבון האָבן גענומען קלאַפּן מיט די קאָפּיטעס. מיטן גאַנצן כוח פאַרציענדיק די לייצן, האָט קאָשעוואָי אויסגעשריגן, וועלנדיק צוגעבן מוט די פערד:

— שטייט!... טררר...

אין ליכט פון צוקער־ווײַסן זיגזאַג פון בליץ, וואָס האָט לאַנג זיך געגליטשט איבער די קאַמען פון וואָלקן, האָט קאָשעוואָי דערזען, ווי דער טאַבון טראָגט זיך האַסטיק אויף אים אָרויף. די פערד האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין ווילדן גאַלאָפּ, כמעט באַרירנ־דיק מיט די גלאַנציקע מאָרדעס די ערד. זייערע צעבלאָזענע נאָז־לעכער האָבן שנאָרכענדיק געזופּט די לופט, די נישט געקאָוועטע קאָפּיטעס האָבן טויב אָפּגעקלונגען, פאָרויס האָט זיך געטראָגן באַכאַר מיט דער גרעסטער שנעלקייט. קאָשעוואָי האָט אַ ריס גע־טון זײַן פערד אין דער זײַט און קוים באַוויזן אָפּצושפּרינגען. די פערד האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן און שטיין געבליבן נישט ווײַט. נישט וויסנדיק, אַז דער טאַבון, אויפגערעגט און דערשראָקן פון שטורעם, האָט זיך אַ לאָז געטון אויף זײַן אויסגעשריי, האָט קאָ־שעוואָי נאָכאַמאָל נאָך העכער אויסגעשריגן:

— שטייט! אַנו!

— און ווידער — שוין אין דער פינסטער — האָט מיט אויס־טערלישער שנעלקייט זיך גענומען דערנענטערן צו אים דער גע־הילך פון די קאָפּיטעס. אין שרעק האָט קאָשעוואָי אַ זעץ געטון זײַן קאָבילקע מיטן ראַפּניק צווישן די אויגן, אָבער שוין נישט באַ־וויזן אָפּצושפּרינגען אין אַ זײַט. אָן הינטן פון זײַן קאָבילע האָט מיט דער ברוסט זיך אָנגעקלאַפּט עפּעס אַ ווילד געוואָרן פערד, און קאָשעוואָי איז ווי דורך אַ שטיין־שלײַדערער אַרויסגעפלויגן פון זאָטל. ער איז גאַנץ געבליבן נאָר דורך אַ נס: דער טאַבון

האָט אין זיין קאָמפּאַקטער מאַסע זיך דורכגעטראָגן אַ ביסל מער רעכטס, דעריבער איז ער נישט צעטרעטן געוואָרן, און בלויז עפּעס איין קאָבילע האָט אים אַריינגעדריקט מיט דער קאָפּי־טע די רעכטע האַנט אין דער בלאָטע. מישקאַ האָט זיך אויסגע־הויבן, באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, אָפּצוהיטן די שטילקייט און פּאָרזיכטיק אַוועקגעגאַנגען אין דער זייט. ער האָט געהערט, אַז דער טאַבון וואַרט נישט ווייט אויפן אויסגעשריי, כדי ווידער זיך אַ לאָז צו טון אויף אים אין משוגענעם גאַלאָפּ, און געהערט דאָס כאַראַקטעריסטישע אייגנטימלעכע שנאָרכען פון באַכאַרן.

צום מיידל איז קאָשעוואָי אָנגעקומען ערשט פאַרטאָג.

IV

דעם 15־טן מאַי איז דער אַטאַמאַן פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל קראַסנאָוו, אין דער באַגלייטונג פון פאָרזיצנדן פון רעגי־רונגס־ראַט, דעם אָנפירער פון אַמט פאַר אויסערלעכע ענינים, גע־נעראַל־מאַיאָר אַפריקאַן באָגאַיעווסקי, דעם גענעראַל־קוואַרטיר־מייס־טער פון דער דאָנער אַרמיי פּולקאָווניק קיסלאָוו און דעם קובאַ־נער אַטאַמאַן פילימאָנאָוו, אָנגעקומען אויף אַ דאַמפער אין דער סטאַניצע מאַניטש.

די באַלעבאַטים פון דער דאָנער און קובאַנער ערד האָבן גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט פון דעק, ווי דער דאַמפער רוקט זיך צו צום האַפן, ווי די מאַטראָסן פאָרען זיך און די גרויע כוואַ־ליעס רוישן. דערנאָך זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען אויפן ברעג, באַ־גלייט דורך די הונדערטער אויגן פון דער מחנה, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט ביים האַפן.

דער הימל, די האָריזאָנטן, דער טאָג, די לייכט־פאַרנעפּלטע לופט — אַלץ איז בלוי. אפילו דער דאָן שימערט אויך קענען זיין טבע מיט בלויקייט, אָפּשפּיגלענדיק, ווי אַן אויסגעבויגענער שפּיגל די שניי־שפּיצן פון די וואָלקנס.

דער ווינט איז אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פֿון דער זון, אויסגעטרוקנטע זאַלץ־פּלעצער און צעפּאַרעטן פּאַריעריקן גראָז. פֿון דער מחנה טראָגט זיך אַ רוישיק גערעדעריי. די גענעראַלן ווערן באַגריסט דורך דער אָרטיקער מאַכט און פּאָרן אויפֿן פּלאַץ.

אין הויז פֿון סטאַניצע־אַטאַמאַן האָט אין אַ שעה אַרום זיך אָנגעהויבן די באַראַטונג פֿון די פּאָרזיצנדע פֿון דער רעגירונג און דער פֿרייוויליקער אַרמיי. פֿון דער פֿרייוויליקער אַרמיי זענען געקומען די גענעראַלן דעניקין און אַלעקסעיעוו אין דער באַגלייטונג פֿון גענעראַל ראָמאַנאָווסקי, דעם שטאַב־אָנפֿירער פֿון דער אַרמיי, און די פּאָלקאָווניקעס ראַספּיאַנסקי און עוואַלד.

דער אויפֿנאַם האָט געאָטעמט מיט קילקייט. קראַסנאָוו האָט זיך געהאַלטן מיט שווערפֿעליקער ווירדע. אַלעקסעיעוו האָט זיך באַגריסט מיט די אָנוועזנדע און אַוועקגעזעצט צום טיש; אונטערשפּאַרנדיק מיט די דאַרע ווייסע הענט די אַראָפּגעהאָנגענע באַקן, האָט ער אַפּאַטיש פֿאַרמאַכט די אויגן. דאָס פֿאָרן אין אויטאָמאָביל האָט אים איינגעוויגט. ער איז אַזוי ווי איינגעטרוקנט געוואָרן פֿון אַלטקייט און די איבערגעלעבטע אויפֿטרייסלונגען. די ווינקלען פֿון די פֿאַרטרוקנטע ליפּן זענען טראַגיש אַראָפּגעלאָזט, די בלויע, מיט עדערלעך דורכגעפֿלאָכטענע, אויגנלעדלעך זענען אָנגעשוואָלן און שווער. אַ גרויסע צאָל דינע קנייטשלעך האָבן פֿעכעראַרטיק זיך אויסגעשפּרייט איבער די שלייפֿן. די פֿינגער, וואָס האָבן שטאַרק צוגעדריקט די גערונצלטע הויט פֿון די באַקן, האָבן מיט די שפּיצן זיך איינגעגראָבן אין די זקניש־געלבלעכע, קורץ־געשוירענע האָר. דער פּאָלקאָווניק ראַספּיאַנסקי האָט פֿאָרזיכטיק אויסגעשפּרייט איבערן טיש אַ שורכענדיקע מאַפּע, קיסלאָוו האָט אים צוגעהאָלפֿן. ראָמאַנסקי איז געשטאַנען דערלעבן, צוהאַלטנדיק מיטן נאָגל פֿון קליינעם פֿינגער דעם שפּיץ פֿון דער מאַפּע. באַגאַיעווסקי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פֿאַראַפּעט פֿון נישט הויכן פֿענסטער, זיך איינקוקנדיק מיט אַ פֿאַרקלעמט געפֿיל פֿון רחמנות אין שרעקלעך מידן פּנים פֿון אַלעקסעיעוון. דאָס פּנים האָט זיך געבלייכט ווי אַ גיפּסענע מאַסקע. „ווי ער איז געעלטערט גע־

וואָרן! שרעקלעך געעלטערט געוואָרן!" — האָט באַגאַיעווסקי אין רעיון געשעפּטשעט צו זיך, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אַלעקסעיעוון די פייכטע מאַנדל־אויגן. די אַנווערזנדיקע האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אַוועקצוזעצן ביים טיש, ווי דעניקין האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אויפגערייצטן שאַרפן טאָן, זיך ווענדנדיק צו קראַסנאָוון:

— איידער מיר עפענען די באַראַטונג, בין איך מחויב אייך צו מעלדן, אַז אונז וווּנדערט שטאַרק, וואָס איר ווייזט אָן אין דער דיספּאָזיציע וועגן פאַרנעמען באַטייסק, אַז אין רעכטן פליגל ביי אייך איז טעטיק אַ דייטשישער באַטאַליאָן און אַ באַטאַרייע. איך מוז מודה זיין, אַז דער פאַקט פון אַזאַ אַרט מיטווירקונג איז פאַר מיר מער ווי מאָדנע... איר וועט אונז דערלויבן זיך צו אינפאָר־מירן, וואָס אייך האָט באַוויגן זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיט די שונאים פון פאָטערלאַנד — מיט די ערנלאָזע שונאים! — און זיך באַנוצן מיט זייער הילף? איר ווייסט מסתמא, אַז די פאַרביג־דעטע זענען גרייט אונז צו שטיצן?... די פרייוויליקע אַרמיי שאַצט אָפּ דעם בונד מיט די דייטשן אַלס פאַרראַט פון געדאַנק וועגן אויפלעבן רוסלאַנד. די האַנדלונגען פון דער דאָנער רעגירונג ווערן אויך אַזוי אָפּגעשאַצט אין די ברייטע קרייזן פון די פאַרבינדעטע. איך בעט אייך דאָס אויפצוקלערן.

דעניקין האָט מיט אַ בייז־אויסגעבויגענער ברעם געוואַרט אויף אַן ענטפער.

בלויז אַ דאַנק דעם אויסגעאַרבעטן טאַקט פון אַ וועלט־מענטש איז קראַסנאָוון געלונגען צו דערהאַלטן זיין אינערלעכע רויִקייט; אָבער די אויפרעגונג האָט פונדעסטוועגן גובר געווען: דאָס נערוועזע צוקן אונטער די וואָנסעס האָט זיך געשטאַרקט און צעקרומט זיין מויל.

קראַסנאָוו האָט געענטפערט זייער רויִק און זייער העפלעך:

— ווען אויף דער קאָרט ווערט געשטעלט דער גורל פון גאַנצן בנין, ברעקלט מען זיך נישט מיט דער הילף אויך פון גע־וועזענע שונאים. און חוץ דעם האָט די רעגירונג פון דאָן, די רע־גירונג פון פינף־מיליאָניקן סוווערענעם פאָלק, וואָס איז פון קיי־

נעם נישט אפהענגיק, בכלל דאס רעכט צו האנדלען זעלבסטשטענ־דיק, אין הסכם מיט די אינטערעסן פון קאָזאַקנטום, וועלכע זי איז פאַרפליכטעט צו פאַרטיידיקן.

ביי די ווערטער האט אלעקסיעוו געעפנט די אויגן און, אפנים, מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך באַמיט צו הערן אויפמערק־זאַם. קראַסנאָוו האָט אַ קוק געטון אויף באַגאַיעווסקין, וואָס האָט נערוועז געדרייט די פאַרשפּיצטע וואָנסע, ווי אַ פייל, און ווייטער גערעדט:

— אין אייערע באַהאַנדלונגען, עקסעלענץ, וועגן איבער מאַטיוון, אַזוי צו זאָגן, פון עטישן כאַראַקטער. איר האָט אַרויסגע־זאָגט אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכע ווערטער וועגן אונזער כלומרשטן פאַראַט לגבי רוסלאַנד, לגבי די פאַרבינדעטע... אייך איז אָבער, מיין איך, באַקאַנט דער פאַקט, אַז די פרייוויליקע אַרמיי האָט באַקומען פון אונז קוילן, וואָס זענען אונז פאַרקויפט געוואָרן דורך די דייטשן ?...

— איך בעט שטרענג אָפּצוגרענעצן דערשיינונגען, טיף פאַרשידענע לויט זייער כאַראַקטער ! מיך אינטערעסירט נישט, אויף וואָסער וועג איר באַקומט אַמוניציע פון די דייטשן, אָבער — באַנוצן זיך מיט דער שטיצע פון זייער מיליטער ! — דעניקין האָט בייז אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

קראַסנאָוו האָט נאָכן פאַרענדיקן זיין רעדע כלאחר־יד, פאַר־זיכטיק, אָבער אַנטשלאָסן געגעבן צו פאַרשטיין דעניקינען, אַז ער איז נישט מער דער פריערדיקער בריגאַדע־גענעראַל, וועלכן ער האָט געזען אויפן עסטרייכיש־דייטשישן פראָנט.

איבערייסנדיק די אומבאַקוועמע שטילקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך קראַסנאָוס רעדע, האָט דעניקין קלוג אַריבערגע־פירט דעם שמועס אויף דער פראַגע וועגן צונויפגיסן די דאָנער מיט דער פרייוויליקער אַרמיי און שאַפן אַן איינהייטלעכע מילי־טער־אָנפירונג. אָבער דער פריערדיקער קאָנפליקט האָט שוין אין גרונט געדינט פאַר זיי אַלס התחלה פאַר די ווייטערדיקע, כסדר פראָגרעסירנדיקע, פאַרשאַרפטע באַציִונגען, וואָס האָבן זיך ענדי־

גילטיק איבערגעריסן מיטן מאָמענט, ווען קראַסנאָוו איז אָפּגע־טרעטן פון דער מאַכט.

קראַסנאָוו האָט אויסגעמיטן אַן אוממיטלבאַרן ענטפער, פאַרלייגנדיק אַ געמיינזאַמען מאַרש אויף צאַריצין, כדי, ערשטנס, צו באַהערשן דעם וויכטיקסטן סטראַטעגישן צענטער, און, צווייטנס, דערהאַלטנדיק אים, זיך צו פאַרייניקן מיט די אוראַלער קאָזאַקן.

עס איז פאָרגעקומען אַ קורצער שמועס:

— ...איך דאַרף אייך נישט איבערצייגן, וואָס פאַר אַ קאָלאָ־סאַלע באַדייטונג עס האָט פאַר אונז צאַריצין.

— די פרייוויליקע אַרמיי קאָן אָנטרעפן אויף די דייטשן. אויף צאַריצין וועל איך נישט גיין. פריער פאַר אַלץ דאַרף איך באַפרייען די קובאַנער.

— יאָ, אָבער דאָס פאַרנעמען צאַריצין — איז נאָך אַלץ די קאַרדינאַלסטע אויפגאַבע. די רעגירונג פון דאָנער חייל האָט מיך באַפולמעכטיקט צו בעטן אייער עקסעלענץ.

— איך חזר איבער: איך קאָן נישט פאַרלאָזן די קו־באַנער.

— בלויז מיטן באַדינג פון אַ מאַרש אויף צאַריצין קאָן מען רעדן וועגן איינשטעלן אַן איינהייטלעכע מיליטער־אָנפירונג.

אַלעקסעיעוו האָט נישט איינשטימיק אַ קיי געטון מיט די ליפּן.

— דאָס איז נישט צום אָננעמען! די קובאַנער וועלן נישט אַריבערטרעטן די גרענעץ פון דער פּראָווינץ, נישט האָבנדיק זי פולשטענדיק אָפּגערייניקט פון די באָלשעוויקעס, און די פרייווילי־קע אַרמיי באַשטייט פון צוויי מיט אַ האַלבן טויזנט באַגנעטן, פון וועלכע אַ דריט חלק — זענען פאַרוווּנדעטע און קראַנקע.

ביים באַשיידענעם מיטאָג האָט מען זיך אַפּאַטיש דורכגע־וואָרפן מיט אומבאַדייטנדע באַמערקונגען. עס איז קלאָר געווען, אַז עס וועט נישט קומען צו קיין אויסגלייך. דער פּולקאָווניק ראַס־פּיאַנסקי האָט דערציילט עפּעס אַ פריילעכן האַלב־אַנעקדאָטישן

העלדנטאַט פון די מאַרקאָווצעס, און די אָנגעשטרענגטקייט איז ביסלעכווייז פאַרשווּנדן אונטער דער געמיינזאַמער ווירקונג פון מיטאָג און דער פריילעכער דערציילונג. אָבער ווען מען האָט נאָכן מיטאָג פאַררייכערט און זיך צעגאַנגען איבערן זאַל, האָט דעניקין אָנגערירט ראָמאַנאָווסקין ביים אַקסל, מיט שאַרפע פאַרזשמורעטע אויגן אָנגעוויזן אויף קראַסנאָוון און אַ פליסטער געטון: — אַ פּראָווינציעלער נאַפּאָלעאָן... נישט קיין קלוגער מענטש, פאַרשטייט איר... — ראָמאַנאָווסקי האָט אַ שמייכל געטון און גלייך געענטפערט: — עס גלוסט זיך הערשן און רעגירן... דער בריגאַדע-גענעראַל פאַרשיכורט זיך מיט דער מאַכט פון אַ מאָנאַרך. לויט מיין מיינונג, האָט ער נישט קיין געפיל פאַר הומאָר...

זיי זענען זיך צעפאָרן ווי שונאים. פון דעם טאָג אָן האָבן די באַציִונגען צווישן דער פריייוויליקער אַרמיי און דער דאָנער רעגירונג זיך שטאַרק פאַרערגערט. די פאַרערגערונג דערגרייכט דעם העכסטן פונקט סוף יוני, ווען דער אָנפירונג פון דער פריייוויליקער אַרמיי ווערט באַקאַנט דער אינהאַלט פון קראַסנאָ'וס בריוו, וועלכער איז אַדרעסירט געווען צום דייטשישן קייזער ווילהעלם. די פאַרוווּנדעטע פריייוויליקע, וואָס האָבן זיך געהיילט אין נאָוואָטשערקאַסק, האָבן חוזק געמאַכט פון קראַסנאָווס שטרעבונג צו אויטאָנאָמיע און פון זיין שוואַכקייט אויפצולעבן די קאָזאַקישע טראַדיציעס, אין אייגענעם קרייז מיט שפּאָט אים גערופן „באַליעבאָס", און דעם אַלערהעכסטן דאָנער חייל געענדערט דעם נאָמען אויף „אַלערקאָמישסטן". אַלס ענטפער אויף דעם האָבן די דאָנער אָנהענגער פון זעלבשטענדיקייט זיי גערופן „וואַנדערנדיקע מוזיקאַנטן", הערשער אָן אַ טעריטאָריע. עמעצער פון די „גרויסע" אין דער פריייוויליקער אַרמיי האָט גיפטיק געזאָגט וועגן דער דאָנער רעגירונג: „דאָס איז אַ גאַסנפרוי, וואָס פאַרדינט אויף אַ דייטשיש בעט". אויף דעם האָט דער גענעראַל דעניסאָוו געענטפערט: „אויב די רעגירונג פון דאָן איז אַ גאַסנפרוי, איז די פריייוויליקע אַרמיי די קאַץ, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן דורך דערדאָזיקער גאַסנפרוי".

דער ענטפער איז געווען אַן אַנדייטונג אויף דער אָפּהענ־גיקייט פון דער פּרייוויליקער אַרמיי פון דאָן, וועלכער האָט זיך געטיילט מיט איר מיט דער אַמוניציע, וואָס ער האָט באַקומען פון דייטשלאַנד.

ראָסטאָוו און נאָוואָטשערקאַסק, וואָס זענען געווען דאָס הינטערלאַנד פון דער פּרייוויליקער אַרמיי, האָבן געשווירבלט מיט אָפיצירן, — ווי נבֿלה מיט ווערעם. טויזנטער פון זיי האָבן שפּעקולירט, געדינט אין אומצאָליקע אינסטיטוציעס אין הינטערלאַנד, זיך אויפגעהאַלטן בײַ קרובים און באַקאַנטע, מיט נאָכגעמאַכטע דאָקומענטן וועגן ווונדן געלעגן אין די שפּיטאָלן... אַלע צומיינסט העלדישע זענען אומגעקומען אין שלאַכטן, פון טיפוס, פון ווונדן, און די איבעריקע, וואָס האָבן פאַרלוירן אין משך פון די רעוואָ־לוציע־יאָרן אי די ערע, אי דאָס געוויסן, האָבן ווי שאַקאַלן זיך באַהאַלטן אין הינטערלאַנד, ווי ברודיקער שוים, ווי מיסט אַרומ־געשווומען אויף דער אויבערפלאַך פון די הערליכע טעג. דאָס זענען נאָך געווען די אומגעריִרטע, פאַרלעגענע קאַדרען פון אָפיצירנטום, וועלכע טשערניעצאָוו האָט אַמאָל דערנידעריקט, באַליידיקט און פאַרשעמט, רופנדיק זיי צו פאַרטיידיקן רוסלאַנד. אין דער מערהייט האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם עקל־האַפסטן מין פון דער אַזוי גערופענער דענקנדיקער אינטעליגענץ, וואָס האָט געטראָגן אַ מיליטערישן מונדיר. פון די באָלשעוויקעס זענען זיי אַנטלאָפן, צו די ווייסע נישט צוגעשטאַנען, געלעבט מיטן היינטיקן טאָג, דיסקוטירט וועגן גורל פון רוסלאַנד, פאַרדינט אויף מילך פאַר די קינדערלעך און הייס באַגערט די מלחמה זאָל זיך פאַרענדיקן.

זיי איז געווען אַלצאיינס, ווער עס זאָל רעגירן איבערן לאַנד, — קראַסנאָוו, די דייטשן, צי די באָלשעוויקעס, — אַבי עס זאָל נעמען אַ סוף.

און די געשעענישן זענען געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ שטורע־מישער. אין סיביר – דער טשעכאָסלאָוואַקישער אויפשטאַנד, אין אוקראַיִנע – מאַכנאָ, וואָס האָט אויף אַ דערוואַקסענעם אופן גע־

נומען רעדן מיט די דייטשן אויף דער שפראַך פון הערמאַטן און קוילנוואַרפער. קאַווקאַז, אַרכאַנגעלסק, פינלאַנד... גאַנץ רוסלאַנד איז אַרומגענומען מיט פייערדיקע רייפן... גאַנץ רוסלאַנד ווייטיקט אין געראַנגל פון דער גרויסער איבערבויונג.

אין יוני האָבן ברייט איבערן דאָן, ווי די מזרח־ווינטן, זיך צעטראָגן קלאַנגען, אַז די טשעכאָסלאָוואַקן פאַרנעמען סאַראַטאָוו, צאַריצין און אַסטראַכאַן, מיטן ציל צו שאַפן ביי דער וואָלגע אַ מזרח־פראָנט און אַטאַקירן די דייטשן. די דייטשן האָבן נישט גערן אָנגעהויבן דורכלאָזן אָפּיצירן, וואָס האָבן זיך דורכגעקליבן פון רוסלאַנד אונטער די פענער פון דער פרייוויליקער אַרמיי.

די דייטשישע אָנפירונג, באַאומרויִקט דורך די קלאַנגען וועגן שאַפן אַ „מזרח־פראָנט”, האָט געשיקט אירע פאָרשטייער צום דאָן. דעם 27־סטן יוני זענען קיין נאָוואָטשערקאַסק אָנגעקומען די מאַיאָרן פון דער דייטשישער אַרמיי — פאָן קאָקענהאַוזען, פאָן סטעפּאַני און פאָן שלייניץ.

דעם זעלבן טאָג זענען זיי אויפגענומען געוואָרן אין פּאַלאַץ דורכן אַטאַמאַן קראַסנאָוו אין דער קעגנוואַרט פון גענעראַל באָגאַיעווסקי.

מאַיאָר קאָקענהאַוזען האָט דערמאָנט, אַז די דייטשישע אָנפירונג האָט מיט אַלע כוחות, אפילו ביז אַ באַוואָפנטער אינטערווענץ, מיטגעהאָלפן דעם אַלערהעכסטן דאָנער חייל אין קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און ביים איינשטעלן די גרענעצן, און געפרעגט, ווי אַזוי די דאָנער רעגירונג וועט רעאַגירן, אויב די טשעכאָסלאָוואַקן וועלן אָנהייבן קעגן די דייטשן מיליטערישע אָפּעראַציעס. קראַסנאָוו האָט אים פאַרזיכערט, אַז דאָס קאָזאַקנטום וועט שטרענג אָפּהיטן די נייטראַליטעט און, פאַרשטייט זיך, נישט דערלויבן צו פאַרוואַנדלען דעם דאָן אין אַ מיליטערישער אַרענע. מאַיאָר פאָן סטעפּאַני האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג, אַז דעם אַטאַמאַנס ענטפער זאָל פאַרפעסטיקט ווערן שריפטלעך.

מיט דעם האָט די אוידיענץ זיך פאַרענדיקט, און צומאָרגנס האָט קראַסנאָוו אָנגעשריבן פאָלגענדן בריוו צום דייטשישן קייסער:

„אייער קייסערלעכע און קעניגלעכע מאַיעסטעט ! דער איבערגעבער פון דעם בריוו, דער אַטאַמאַן פון דער זימאָווער סטאַניצע (דער געזאַנדטער) פון אַלערהעכסטן חייל ביים הויף פון אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט און זיינע חברים, זענען באַפולמעכטיקט דורך מיר, דעם דאָנער אַטאַמאַן, צו באַגריסן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט, דעם מעכטיקן מאָנאַרך פון גרויסן דייטשלאַנד, און איבערגעבן פאָלגנדעס :

דער צוויי־חדשימדיקער קאַמף, וועלכן די טיכטיקע דאָנער קאָזאַקן פירן פאַר דער באַפרייאונג פון זייער פאָטערלאַנד מיט אַזאַ העלדישקייט, ווי די בורן, וואָס זענען פאַרוואַנדט מיטן דייטשישן פאָלק, האָבן נישט לאַנג געפירט קעגן די ענגלענדער, איז געקרוינט געוואָרן אויף אַלע פראָנטן פון אונזער מלוכה מיט אַ פולן נצחון, און ביי היינטיקן טאָג איז די ערד פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל אין ניין צענטל באַפרייט פון די ווילדע רויטגוואַרדייאישע באַנדעס. דער מלוכה־סדר אין לאַנד איז באַפעסטיקט און עס איז איינגעשטעלט געוואָרן פולע רעכטלעכקייט. אַ דאַנק דער פריינטלעכער, מיליטערישער הילף פון די חיילות פון אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט, איז געשאַפן געוואָרן רו אויף דרום פון אונזער טעריטאָריע, און דורך מיר איז צוגעגרייט געוואָרן אַ קאָרפוס קאָזאַקן צו האַלטן אָרדענונג אין לאַנד און קעגנווירקן דעם דרוק פון די אויסערלעכע שונאים. דעם יונגן מלוכה־אָרגאַניזם, וועלכן עס שטעלט אין איצטיקן מאָמענט מיט זיך פאָר דאָס דאָנער חייל, איז שווער צו עקזיסטירן אַליין און דעריבער האָט עס געשלאָסן אַן ענגן בונד מיט די אָנפירער פון די אַסטראַכאַנער און קובאַנער חיילות, מיטן פולקאָווניק פירשט טונדוטאָוו און פולקאָווניק פילימאָנאָוו, כדי נאָכן אָפרייניקן די טעריטאָריע פון אַסטראַכאַנער חייל און די קובאַנער פראָווינץ פון די באָלשעוויקעס, צו שאַפן אַ פעסטע מלוכהשע פאָרמאַציע אויף פעדעראַטיווע יסודות פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל, אַסטראַכאַנער חייל מיט די קאַלמיקן פון דער סטאַווראָפאָלער גובערניע, קובאַנער חייל, און אויך די פעלקער פון צפון־קאַווקאַז. די אַלע

מלוכות האָבן שוין געגעבן זייער הסכמה, און די ניי-געשאַפענע מלוכה, אין דער פולער איינשטימיקייט מיטן אַלערהעכסטן דאָנער חייל, האָט באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן, אַז איר טעריטאָריע זאָל ווערן אַן אַרענע פון בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, און זיך פאַרפליכטעט אָפצוהיטן פולע נייטראַליטעט. דער אַטאַמאַן פון אונזער זימאָווער סטאַניצע ביים הויף פון אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט איז באַפולמעכטיקט דורך מיר:

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט צו אָנערקענען די רעכט פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל אויף זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ, און נאָכן באַפרייען די קובאַנער, אַסטראַכאַנער, טערסקער חיילות און צפון-קאַווקאַז — די רעכט אויף זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ אויך פון דער גאַנצער פעדעראַציע אונטערן נאָמען: דאָן-קאַווקאַזער פאַרבאַנד.

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט צו אָנערקענען די אַלטע געאָגראַפישע און עטנאָגראַפישע גרענעצן פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל, צו העלפן אַנטשיידן דעם סכסוך צווישן אוקראַינע און דאָנער חייל צוליב טאַגאַנראָג און זיין אומגעגנט לטובת דעם דאָנער חייל, וואָס פאַרוואַלטעט מיט טאַגאַנראָג שוין העכער פינפהונדערט יאָר און פאַר וועלכן דער טאַגאַנראָגער קרייז שטעלט מיט זיך פאָר אַ טייל פון טמוטאַראַקאַן, פון וואַנען עס שטאַמט טאַקע דאָס דאָנער חייל.

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט מיטצווירקן וועגן פאַראייניקן צום חייל צוליב סטראַטעגישע טעמים די שטעט קאַמישין און צאַריצין פון דער סאַראַטאָווער גובערניע, די שטאָט וואָראָניעזש און די סטאַציעס ליסקי און פאָוואָרינאָ און דורכצופירן די גרענעץ פון דאָנער חייל, ווי דאָס איז אָנגעוויזן אויף דער מאַפע, וואָס געפינט זיך אין דער זימאָווער סטאַניצע.

צו בעטן אייער מאַיעסטעט אויסצואיבן אַ דרוק אויף דער סאָוויעטישער מאַכט אין מאָסקווע און זי צווינגען דורך אייער באַפעל אָפצורייניקן די גרענעצן פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל און די איבעריקע מלוכות, וואָס דאַרפן אַריינגיין אין דאָן-קאַווקאַזער פאַר-

באַנד, פון די רויבערישע אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי אױף געבן די מעגלעכקייט איינצושטעלן נאָרמאַלע, פרידלעכע באַציונגען צווישן מאָסקווע און דעם דאָנער חייל. אַלע היזקות פון דער באַפעלקערונג פון דאָנער חייל, וואָס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער אָקופּאַציע פון די באָלשעוויקעס, דאַרפן פאַרגיטיקט ווערן דורך סאָוויעט-רוסלאַנד.

צו בעטן אייער קייסערלעכע מאַיעסטעט צו העלפן אונזער יונגער רעגירונג מיט האַרמאַטן, ביקסן, אַמוניציע און טעכנישע איינריכטונגען, און אויב אייער קייסערלעכער מאַ׳עסטעט וועט ווילגעפעלן, אויפצושטעלן אין די גרענעצן פון דאָנער חייל פאַבריקן פון האַרמאַטן, ביקסן און אַמוניציע.

דאָס אַלערהעכסטע דאָנער חייל און די איבעריקע מלוכות פון דאָן-קאַווקאַזער פאַרבאַנד וועלן נישט פאַרגעסן די פריינטלעכע הילף פון דייטשישן פאָלק, מיט וועלכן די קאָזאַקן האָבן האַנט-ביי-האַנט זיך געשלאָגן נאָך אין דער צייט פון דער דרייסיק-יעריקער מלחמה, ווען די דאָנער פולקן האָבן זיך געפונען אין די רייען פון וואַלענשטיינס אַרמיי, אין 1807–1813, ווען די דאָנער קאָזאַקן מיט זייער אַטאַמאַן גראַף פּלאַטאָוו האָבן געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון דייטשלאַנד, און אַצינד נאָך דריי מיט אַ האַלב יאָר בלוטיקע מלחמה אויף די פעלדער פון פּרייסן, גאַליציע און פּוילן, האָבן די קאָזאַקן און דייטשן קעגנזייטיק זיך אויסגעלערנט שעצן די העלדישקייט און שטאַנדהאַפטיקייט פון זייערע חיילות, און אויסשטרעקנדיק זיך די הענט, ווי צוויי איידעלע קעמפער, קעמפן זיי היינט צוזאַמען פאַר דער פרייהייט פון היימישן דאָן.

דאָס אַלערהעכסטע דאָנער חייל פאַרפליכטעט זיך פאַר דער הילף פון אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט אָפּצוהיטן פולע נייטראַליטעט בשעת דער וועלט-מלחמה פון די פעלקער און נישט אַרויפלאָזן אויף איר טעריטאָריע קיין באַוואָפנטע קרעפטן, וואָס זענען פיינטלעך צום דייטשישן פאָלק, אויף וואָס עס האָבן געגעבן

זייער הסכמה אי דער אַטאַמאַן פון אַסטראַכאַנער חייל פירשט טונדוטאָוו, אי די קובאַנישע רעגירונג, און נאָך דער פאַרייני־קונג — אויך די איבעריקע טיילן פון דאָן־קאַווקאַזער פאַרבאַנד.

דאָס אַלערהעכסטע דאָנער חייל גיט דער דייטשישער אימ־פעריע די אויסשליסלעכע רעכט אַרויסצופירן, נאָכן באַפרידיקן די לאָקאַלע באַדערפענישן, דעם איבערפלוס פון תבואה — אין קער־נער און מעל, לעדערוואַרג און רויע מעל, וואָל, פיש־פּראָדוקטן, פעטס פון חיות און געוויקסן, פוטער, טיטון, בהמות, פערד, ווייַן און אַנדערע אַגראַר־פּראָדוקטן. אַלס אויסטויש פאַר דעם וועט די דייטשישע אימפּעריע צושטעלן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, כעמישע אויסאַרבעטונגען און גאַרבעריי־עקסטראַקטן. אַרויסשיקן אַן עקספּעדיציע מיט אַלע איינריכטונגען און געהעריקן זאַ־פּאַס מאַטעריאַלן צום אויספּאַרטיקן מלוכה־פּאַפּירן, אויפשטעלן ביי אונז פאַבריקן פון טעקסטיל, לעדער, כעמיקאַלן, צוקער און אַנדע־רע פּראָדוקטן, אויך פון עלעקטרישע מכשירים.

חוץ דעם וועט די רעגירונג פון אַלערהעכסטן דאָנער חייל געבן דער דייטשישער פּראָדוקציע באַזונדערע הנחות ביים לאָקירן אירע קאַפּיטאַלן אין די דאָנער אונטערנעמונגען פון האַנדל און אינדוסטריע, באַזונדערס ביים אויסבויען נייע וועגן אויפן וואַסער און יבשה.

אַן ענגער אָפּמאַך וועט ברענגען געמיינזאַמע נוצן, און אַ פריינטשאַפט, באַפעסטיקט דורכן בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף די בשותּפותדיקע פעלדער דורך די העלדישע פעלקער פון די דייטשן און קאָזאַקן, וועט ווערן אַ מעכטיקע קראַפט אין קאַמף מיט אַלע אונזערע שונאים.

צו אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט ווענדט זיך מיט דעם בריוו נישט קיין דיפּלאָמאַט און ראַפינירטער קענער פון אינ־טערנאַציאָנאַלן רעכט, נאָר אַ זעלנער, וואָס איז געוווינט אין ערלעכן קאַמף צו אַכטן די קראַפט פון דייטשישן געווער, און דע־ריבער בעט איך מיר מוחל צו זיין די פּשוטקייט פון מיין טאָן,

וואָס איז פרעמד פון יעדער צווייזייטיקייט, און בעט צו גלייבן אין דער אויפריכטיקייט פון מיינע געפילן.
מיט דער פולער אַכטונג פאַר אייער קייסערלעכער מאַיעסטעט, פ י אָ ט ע ר ק ר אַ ס נ אָ ו,
דאָנער אַטאַמאַן, גענעראַל-מאַיאָר".

דעם צווייטן יולי איז דער בריוו באַטראַכט געוואָרן דורכן ראַט פון די אָפּטיילונג-אָנפירער, און נישט געקוקט דערויף, וואָס די באַציִונג צו אים איז געווען אַ גאַנץ צוריקגעהאַלטענע און פון דער זייט פון באַגאַיעווסקין און נאָך עטלעכע מיטגלידער פון דער רעגירונג — אפילו אַן אויסגעשפּראָכן-נעגאַטיווע, האָט קראַסנאָוו זיך נישט אָפּגעהאַלטן אים איבערצוגעבן דעם אַטאַמאַן פון דער זימאָווער סטאַניצע, דעם ליכטענבערגער הערצאָג, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן מיט אים קיין קיעוו, און פון דאָרט, מיטן גענעראַל טשעריאַטשוקין, קיין דייטשלאַנד.

נישט אָן באַגאַיעווסקיס וויסן איז דער בריוו פאַרן אַוועקגעשיקט ווערן איבערגעפירט געוואָרן אין דער אויסלענדישער אָפּטיילונג, זיינע קאָפּיעס זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און, פאַרזען מיט די געהעריקע קאָמענטאַרן, ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן איבער די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען און סטאַניצעס. דער בריוו האָט געדינט אַלס מעכטיק מיטל פון פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט אַלץ העכער אָנגעהויבן רעדן, אַז קראַסנאָוו האָט זיך פאַרקויפט די דייטשן. אויפן פראָנט האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון אויפרעגונג.

און אין דער צייט האָבן די דייטשן, באַפליגלטע דורך זייערע דערפאָלגן, אַוועקגעפירט דעם רוסישן גענעראַל טשעריאַטשוקין הינטער פאַריז, און ער האָט, צוזאַמען מיט די הויכגעשטעלטע פערזאָנען פון דייטשישן גענעראַל-שטאַב, זיך צוגעקוקט צו דער מעכטיקער ווירקונג פון קרופּס שווערער אַרטילעריע, צו דער מפּלה פון די ענגליש-פראַנצויזישע חיילות.

V

אין דער צייט פון אייז-גאַנג איז יעווגעני ליסטניצקי פאַרוווּנדעט געוואָרן צוויי מאָל: דאָס ערשטע מאָל — אין אַ שלאַכט פאַרן באַהערשן די אוסט-לאַבינסקער סטאַניצע, דאָס צווייטע מאָל — ביים שטורעם אויף יעקאַטערינאָדאַר.ביידע ווונדן זענען געווען אומבאַדייטנדיקע, און ער האָט זיך ווידער אומגעקערט אין די רייען. אָבער אין מאַי, ווען די פרייוויליקע אַרמיי האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ראַיאָן פון נאָוואָטשערקאַסק אויף אַ קורצן אָפּרו, האָט ליסטניצקי זיך דערפילט שלעכט און אויסגעפועלט פאַר זיך אַ וועכנטלעכן אורלויב. ווי גרויס זיין פאַרלאַנג איז נישט געווען צו פאָרן אַהיים, האָט ער דאָך באַשלאָסן צו בלייבן אין נאָוואָטשערקאַסק, כדי זיך אָפּצורוען, נישט פאַרלירנדיק קיין צייט אויף דער רייזע.

צוזאַמען מיט אים האָט באַקומען אורלויב זיין חבר פון דער אָפּטיילונג, ריטמייסטער גאָרטשאַקאָוו. גאָרטשאַקאָוו האָט אים פאָרגעלייגט צו פאַרברענגען די צייט ביי אים.

— קיין קינדער האָב איך נישט, און מיין ווייב וועט זיין צופרידן דיך צו זען. זי קען דאָך דיך פון מיינע בריוו.

אין אַ הייסן זומערדיקן העלן נאָכמיטאָג זענען זיי צוגעפאָרן צו אַ געהאָרבעט אָפּגעזונדערט הייזל אויף איינער פון די וואָקזאַלגאַסן.

— דאָס איז פריער געווען מיין רעזידענץ, — האָט געזאָגט דער שוואַרץ-וואָנסיקער הויכער גאָרטשאַקאָוו, שפּרייזנדיק שנעל און זיך אומקוקנדיק אויף ליסטניצקין. זיינע בולטע, פון שוואַרצקייט אַזש בלויע אויגן זענען פייכט געווען פון גליקלעכער אויפרעגונג, די פליישיקע נאָז, ווי ביי אַ גריך, איז פאַרצויגן געווען אין אַ שמייכל. ברייט שפּרייזנדיק, טרוקן שאָרכענדיק מיט די אויסגערייבענע ראַנדן פון זיינע האַקי-רייט-הויזן, איז ער אַריינגעגאַנגען

אין הויז, גלייך אָנפילנדיק די צימערן מיטן ביטערן ריח פון זעלי־נערישקייט.

— ווו איז לאָלאַ ? ווו איז אָלגאַ ניקאָלאַיעווונאַ ? — האָט ער אַ געשריי געטון צו דער שמייכלענדיקער דינסט, וואָס איז אייליק אַריינגעקומען פון קיך. — אין סאָד ? קום אַהין.

אין סאָד, אונטער די עפלביימער — זענען אויסגעשפרייט געפלעקטע שאָטנס, ווי טיגער־פעלן, עס שמעקט מיט בינשטאָקן און אויסגעוואַרעמטער ערד. ביי ליסטניצקין אין די שייבלעך פון די פענסנע ברעכן זיך און צעשפּרינגען די זון־שטראַלן, ווי שראַפּנעל־קיילעכלעך. ערגעץ אויפן טאָר ברומט אומגעזעטיקט מיט אַ באַס אַ לאָקאָמאָטיוו. איבעררייסנדיק דאָסדאָזיקע איינטאָניקע זיפּצנ־דיקע ברומען, רופט גאָרטשאַקאָוו :

— לאָלאַ ! לאָלאַ ! ווו־זשע ביסטו ?

פון אַ זייטיקער שמאָלער אַלעע, שוועבנדיק הינטער די רויזן־קוסטעס, האָט אויפגעטויכט אַ הויכע פרוי אין אַ העל קלייד.

זי איז אויף אַ רגע שטיין געבליבן, צודריקנדיק מיט אַ דערשראָקענער הערלעכער באַוועגונג די הענט צו דער ברוסט און דערנאָך מיט אַ געשריי זיי אויסגעשטרעקט און זיך געלאָזט לויפן צו זיי. זי איז געלאָפן אַזוי שנעל, אַז ליסטניצקי האָט בלויז גע־זען די קיילעכיק־בולטע שעלכלעך פון אירע קניען, וואָס האָבן געצאַפּלט אונטערן קלייד, די שמאָלע שפּיצן פון די לעטשלעך און גאָלדיקן שויבער פון די האָר, וואָס האָט זיך צעפלאַטערט איבער איר פאַרוואָרפענעם קאָפּ.

זיך אויסשטרעקנדיק אויף די שפּיצן־פינגער, פאַרוואָרפנדיק די אויסגעבויגענע, אַנטבלויזטע, ראָזע הענט פון דער זון אויפן מאַנס אַקסלען, האָט זי אים געקושט אין די פאַרשטויבטע באַקן, אין דער נאָז, אין די אויגן, אין די ליפּן, אין האַלז, וואָס איז שוואַרץ געוועזן פון זון און ווינט. די אָפּגעהאַקטע טשמאָקענדיקע קלאַנגען פון די קושן האָבן זיך געשיט ענלעך צום קנאַלן פון אַ קוילנוואַרפער.

ליסטניצקי האָט זיך געווישט די פענסנע, אַריינאָטעמענדיק

דעם ריח פון די בלומען, וואָס האָט זיך געטראָגן אַרום אים, און געשמייכלט, — אַליין דאָס אָנערקענענדיק, — מיט אַ זייער נאַרישן געצוווּנגענעם שמייכל.

ווען דער אויסברוך פון פרייד האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט און עס האָט אַרײַנגעטרעטן אַ פויזע אויף אַ רגע, האָט גאָרטשאַקאָוו פאַרזיכטיק, אָבער אַנטשלאָסן צענומען זיין ווייבס פינגער, וואָס האָבן זיך פאַרשלאָסן אַרום זיין האַלז און, אָננעמענדיק זיין ווייב ביי די אַקסל, זי לייכט אָנגעדרייט אין דער זייט.

— לאַלאַ... מיין פריינט ליסטניצקי.

— אַך, ליסטניצקי! עס פרייט מיך זייער! דער מאַן האָט מיר וועגן אייך... — זי האָט זיך פאַרהאַקט, שנעל אַ קוק געטון אויף אים מיט אירע לאַכנדיקע, פון גליק גאָרנישט זעענדיקע אויגן.

זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען. גאָרטשאַקאָווס האָריקע האַנט מיט די ראַצן און נישט ריינע נעגל איז געלעגן אויפן ווייבס מיידלישער טאַליע. ליסטניצקי האָט, שפרייזנדיק, געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף דער האַנט, אַרײַנגעאָטעמט דעם ריח פון די בלומען און דורך דער זון אָנגעוואַרעמטן פרויען-קערפער, און זיך געפילט טיף אומגליקלעך, ווי אַ קינד, וואָס איז דורך עמעצן אומגערעכט און שווער באַליידיקט געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן ראָזן מושעל פון קליינעם אויער, וואָס איז באַדעקט געווען מיטן געוועב פון די גאָלדיק-ברוינע האָר, אויף דער זיידענער הויט פון דער באַק, וואָס האָט זיך געפינען ווייט פון אים אינגאַנצן אויף איין אַרשין; זיינע אויגן האָבן ווי יאַשטשערקעס זיך אַראָפּגעגליטשט צו איר דעקאָלט, און ער האָט געזען די נישט-הויכע געבערגלטע מילכיק-געלע ברוסט און דאָס בראָנזיקע ברוינע ווערצעלע. פון צייט-צו-צייט האָט די גאָרטשאַקאָוואַ געווענדט אויף אים אירע העל-בלויע אויגן, זייער בליק איז געווען צערטלעך, פריינטלעך, אָבער אַ לייכטע פאַרדראָסיקע ווייטיק האָט אַרומגענומען ליסטניצקין, ווען די זעלבע אויגן, אָנגעשטעלט אויף גאָרטשאַקאָווס שוואַרצע פנים, האָבן געלויכטן מיט גאָר אַן אַנדער ליכט...

ערשט ביים מיטאָג האָט ליסטניצקי, ווי עס געהער, צו זיין באַטראַכט די באַלעבאָסטע. סיי איר שלאַנקע פיגור, סיי דאָס פּנים האָבן געאָטעמט מיט יענער געמינערטער שיינקייט פון פּרויען, וואָס האָבן שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם דרייסיקסטן האַרבסט. אָבער אין די שעלמישע קאַלטע אויגן, אין די באַוועגונגען האָט זיך נאָך אויפגעהאַלטן אַ נישט אויסגענוצטער זאַפּאַס פון יוגנט־לעכקייט. איר פּנים מיט די ווייכע, אין זייער אומרעגולערקייט, חנעוודיקע שטריכן איז געווען, כ׳לעבן, אַ גאַנץ דורכשניטלעכס. בלויז איין קאָנטראַסט האָט זיך שאַרף געוואָרפן אין די אויגן אריין: דינע פּורפּור־רויטע, געפּלאַצטע, הייסע ליפּן, ווי מען טרעפט נאָר ביי שוואַרצע דרום־פּרויען, לייכט־גערייטלטע באַקן און העלע ברעמען. זי האָט גערן געלאַכט, אָבער איר שמייכל, וואָס האָט אַנטפּלעקט געדיכטע קליינע, ווי צוגעפיילטע, ציין, האָט דערמאַנט אָן עפּעס אויסשטודירטס. איר נידעריק קול איז געווען מאַט און אָרים אין מאָדעלירונג. ליסטניצקין, וועלכער האָט צוויי חדשים נישט געזען קיין פרויען, חוץ די אָפּגענוצטע שוועס־טערן, האָט זי אויסגעזען אומגעוויינלעך שיין. ער האָט גע־קוקט אויף אָלגאַ ניקאָלאַיעוונעס שטאָלצער האַלטונג פון קאָפּ, וואָס איז באַשווערט געווען דורך די געדיכט־פאַרפלאָכטענע האָר, געענטפערט נישט צו דער זאַך און באַלד, זיך פאַררופנדיק אויף זיין מידקייט, אַוועקגעגאַנגען אין צימער אַריין, וואָס איז אים אָפּ־געגעבן געוואָרן.

...און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג, תענוגפולע און פאַר־בענקטע. שפּעטער האָט ליסטניצקי מיט גליקזעליקייט זיי דערמאַנט אין זכרון, אָבער דעמאָלט האָט ער זיך געפייניקט, ווי אַ ייִנגל, זינלאָז און נאַריש. די גאָרטשאַקאָווס האָבן, ווי אַ פּאָר טויבן, זיך אָפּגעזונדערט, אים אויסגעמיטן. פון צימער, וואָס האָט זיך געפו־נען אין שכנות מיט זייער שלאָפצימער, האָט מען אים איבערגע־טראָגן אין אַ צימער אַריין, וואָס האָט זיך געפונען אין עק, מיטן אויסרייד פון רעמאָנט, וועגן וועלכן גאָרטשאַקאָוו האָט גערעדט, פאַרבייסנדיק די וואָנסע, מיט אַ שמייכלדיקער ערנסטקייט אויפן

יונג-געוואָרענעם ראַזירטן פּנים. ליסטניצקי האָט אָנערקענט, אַז ער זשעגירט זיין פריינט, אָבער איבערצייַגן זיך צו באַקאַנטע האָט ער דאָך נישט געוואָלט. גאַנצע טעג איז ער אָפּגעלעגן אונטערן עפּלבוים, אין אָראַנזשענעם שאָטן, געלייענט די ציַיטונגען, וואָס זענען איילעקגעדרוקט געווען אויף געמיין פּאַק-פּאַפּיר, איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן נישט דערפרישנדיקן שלאָף. די מעלאַנכאָלישע לאַנגווייליקייט האָט געטיילט מיט אים דער פּרעכטיקער ווייס-געשפּריצטער פּאָינטער פון שאָקאָלאַד-קאָליר. ער האָט שווייגנדיק געאייפערט דעם באַלעבאָס צום ווייב, אָוועקגעגאַנגען צו ליסטניצקין, זיך געלייגט, געזיפצט מיט אים אינאיינעם און יענער האָט, גלעטנדיק אים, מיט געפיל געשעפּטשעט:

פאַרזינק אין טרויס... די קוקסט אַלץ טונקעלער
מיט דיינע גאָלדיק-שמאָלע אויגן...

ער האָט מיט ליבשאַפט איבערגעקליבן אין זכרון אַלע נישט-פּאַרגעסענע, ווי טימיאַן-האָניק שמעקנדיקע און גערדיכטע פּערזן פון בונינס לידער און ווידער איינגעשלאָפן.

אָלגאַ ניקאָלאַיעווּנאַ האָט מיט איר פרויען-אינטואיציע אויפגענומען די שטימונגען, וואָס האָבן אים באַהערשט. אויב זי איז פריער געווען צוריקגעהאַלטן, איז זי אַצינד געוואָרן נאָך צוריקגעהאַלטענער אין דער באַציִונג צו אים. איינמאָל, זיך אומקערנדיק אינאָוונט פון שטאָט-גאָרטן, זענען זיי געגאַנגען אין צווייען (גאָרטשאַקאָוו האָבן אָפּגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג באַקאַנטע אָפיצירן פון מאַרקאָווס פּולק). ליסטניצקי האָט געפירט אָלגאַ ניקאָלאַיעווּנען אונטער דער האַנט, זי באַאומרויִקט, פעסט צודריקנדיק איר אָרעם צו זיך.

— וואָס קוקט איר אַזוי? — האָט זי געפרעגט שמייכלענדיק.

ליסטניצקין האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט אין איר ני-דעריק קול קאָקעטישע, אַרויסרופנדיקע טענער. בלויז דערפאַר האָט ער ריזיקירט צו שטעלן אין קאָן אַ מעלענכאָלישע סטראָפע (די טעג האָט אים באַהערשט די פּאָעזיע, און די געדאַנקען האָבן,

ווי בינען, געטראָגן אין די וואַקס־קעמערלעך פון זכרון פרעמד־אויסגעזויגענעם ווייטיק).

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, שמייכלענדיק געשעפּטשעט:

און צוגעשמידט צו דיר... אין טונקלהייט
פון דיין וואָל פאַר מיר זיך שפּרייט
דער ברעג פון צויבערפולן לאַנד,
די צויבערפולע ווייט.

זי האָט פאַמעלעכינקע באַפרייט איר האַנט, געזאָגט מיט אַ שטיפעריש קול:

— יעווגעני ליסטניצקי, איך זע גאַנץ גוט... איך קאָן נישט נישט זען, ווי איר באַציט זיך צו מיר... און איר שעמט זיך גאָר־נישט? וואָרט־צו, וואָרט־צו! איך האָב מיר אייך פאָרגעשטעלט... אַ ביסל אַנדערש... לאָמיר־זשע מאַכן אַ סוף צו דעם. וואָרים אַזוי קומט דאָס אויס אי עפּעס נישט דערזאָגט, אי נישט ערלעך... איך — בין אַ שלעכטער אָביעקט פאַר אַזעלכע עקספּערימענטן... אייך האָט זיך פאַרגלוסט אַ ביסל שפּילן? לאָמיר־זשע נישט אי־בעררייסן די פריינטלעכע באַציִונגען, און הערט אויף מיט די נאַרישקייטן. איך בין דאָך נישט קיין „אומבאַקאַנטע שיינהייט". איר פאַרשטייט? איר זענט מסכים? גיט מיר אייער האַנט!

ליסטניצקי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון איידעלער באַ־ליידיקונג, נאָר צום סוף נישט אויסגעהאַלטן די ראָלע און זיך צעלאַכט צוזאַמען מיט איר. נאָכדעם ווי גאָרטשאַקאָוו האָט זיי דעריאָגט, איז אָלגאַ ניקאָלאַיעווונאַ נאָך הייטערער געוואָרן, אָבער ליסטניצקי האָט אָנגעהויבן שווייגן און ביז אַהיים אין געדאַנק אומרחמנותדיק חוזק געמאַכט פון זיך.

אָלגאַ ניקאָלאַיעווונאַ האָט, ביי איר גאַנצער קלוגשאַפט, אויפריכטיק געגלייבט, אַז נאָך דער אויפקלערונג וועלן זיי בלייבן פריינט. אויסערלעך האָט ליסטניצקי אונטערגעהאַלטן ביי איר די־דאָזיקע זיכערקייט, אָבער אין דער נשמה האָט ער זי כמעט

פאַראַכטעט, און אין עטלעכע טעג אַרום, כאַפנדיק זיך ביים פיינלעכן אויסזוכן נעגאַטיווע שטריכן אין אַלגעס כאַראַקטער און אויסערלעכקייט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער שטייט אויפן ראַנד פון אַן עכט גרויס געפיל.

עס זענען דורכגעלאָפן די טעג פון אורלויב, איבערלאָזנדיק אין באַוווסטזיין אַ פערמענטירנדיקן אָפּזאַץ. די פריייוויליקע אַר־מיי, קאָמפּלעטירט און אויסגערוט, האָט זיך געגרייט צו געבן קלעפּ; די צענטראַפּוגאַלע כוחות האָבן זי געצויגן אויף קובאַן. אינגיכן האָבן גאָרטשאַקאָוו און ליסטניצקי פאַרלאָזט נאָוואָ־טשערקאַסק.

אָלגאַ האָט זיי באַגלייט. דאָס שוואַרצע זיידענע קלייד האָט אונטערגעשטראָכן איר באַשיידענע שיינקייט. זי האָט געשמייכלט מיט פאַרוויינטע אויגן, די נישט־אָנגעשוואָלענע ליפּן האָבן צוגע־געבן איר פּנים אַ קינדישן אויסדרוק פון שמערצלעכער געריר־קייט. אַזעלכע איז זי איינגעקריצט געבליבן אין ליסטניצקיס זכרון. און ער האָט לאַנג און זאָרגפול, דורך אַלע זיינע בלוטיקע און שמוציקע איבערלעבונגען, אויפגעהאַלטן אין די דערינערונגען איר ליכטיק געשטאַלט, אַרומהילנדיק עס מיטן אָרעאָל פון אומדער־גרייכבאַרקייט און פאַרהערלעכונג.

אין יוני האָט די פריייוויליקע אַרמיי זיך שוין אַריינגעצויגן אין קאַמף. באַלד אין דער ערשטער שלאַכט האָט אַ שפּליטער פון אַ דרייצאָליקן גראַנאַט אויפגעריסן דעם ריטמייסטער גאָרטשאַקאָוון דעם בויך. מ׳האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון דער קאַמף־ליניע. אין אַ שעה אַרום, ליגנדיק אויפן וואָגן און אָפּגייענדיק מיט בלוט און השתנה, האָט ער געזאָגט צו ליסטניצקין:

— איך טראַכט נישט, אַז איך וועל שטאַרבן... מען וועט מיר באַלד מאַכן די אָפּעראַציע... עס איז נישטאָ קיין כלאָראָפאָרם, זאָגן זיי... עס איז נישט כדאַי צו שטאַרבן. ווי מיינסטו?... אָבער יעדנפאַלס... זייענדיק ביים פולן געדאַנק און אַזוי ווייטער... יעווּ־געני, פאַרלאָז נישט לאָלען... סיי איך, סיי זי האָבן נישט קיין

עלטערן. דו ביסט — אַן ערלעכער און ווילער... האָב חתונה מיט איר... ווילסט נישט?...

ער האָט געקוקט אויף יעווגעניען מיט געבעט און פאַראַכ־טונג, זיינע באַקן, וואָס זענען בלוי געווען פון נישט ראַזירן, האָבן געציטערט. ער האָט פאַרזיכטיק צוגעדריקט די פאַרבלוטיקטע און מיט ערד אויסגעשמירטע הענט צום אויפגעריסענעם בויך און גע־זאָגט, אָפּלעקנדיק דעם ראָזן שוים פון די ליפּן:

— זאָגסטו מיר צו? פאַרלאָז זי נישט... אויב די רוסישע זעלנערלעך... וועלן דיך אויך נישט אַזוי צורעכט מאַכן. זאָגסטו מיר צו? זי — איז אַ גוטע פרוי... — ער האָט זיך מיאוס פאַר־קרומט — פון טורגעניעווס פרויען... אַצינד זענען אַזעלכע נישטאָ... זאָגסטו מיר צו? דו שווייגסט?

— איך זאָג דיר צו.

— נו, גיי־זשע צום טייוול!... זיי געזונט!...

ער האָט אָנגעכאַפּט ליסטניצקיס האַנט און זי פיבער־האַפט געדריקט, דערנאָך מיט אַן אומגעלומפּערטער, פאַרצווייפל־טער באַוועגונג אים אַ שלעפּ געטון צו זיך און, ציטערנ־דיק פון אָנשטרענגונג, אונטערגעהויבן דעם פייכטן קאָפּ און זי־צוגעדריקט צו ליסטניצקיס האַנט מיט פאַרטרוקנטע ליפּן. ער האָט איילנדיק זיך איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער פּאָלע פון שינעל, אַוועקגעדרייט, און דער דערשיטערטער ליסטניצקי האָט כלאחור־יד דערזען ווי זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן גליווערנדיק ציטערן און אויף זיין באַק האָט זיך באַוויזן אַ גרויער פייכטער שטרייף.

אין צוויי טעג אַרום איז גאָרטשאַקאָוו געשטאָרבן. נאָך אין אַ טאָג אַרום האָט מען ליסטניצקין אַוועקגעשיקט קיין טיכאָרעצק מיט אַ שווער־פאַרווונדעטער לינקער האַנט און זייט.

הינטער קאָרענאָווסק האָט זיך פאַרוויקלט אַ לאַנגע און עקשנותדיקע שלאַכט. ליסטניצקי איז מיט זיין פּולק געגאַנגען צוויי מאָל אין אַטאַקע און קאָנטר־אַטאַקע. די רייען פון זיין באַ־טאַליאָן האָבן זיך אויפגעהויבן צום דריטן מאָל. אונטערגעטריבן דורך די אויסגעשרייען פון ראָטע־קאָמאַנדיר: „נישט לייגן זיך!"

„אָדלער, פאָרויס!" „פאָרויס — פאַר דער טאַט פון קאָרנילאָוון!" — איז ער געלאָפן איבער נישט אָפּגעשניטענעם ווייץ מיט אַ שווערן טריט, האַלטנדיק אַלס באַשיצונג מיט דער לינקער האַנט דאָס לאָפּעטקעלע איבערן קאָפּ און מיט דער רעכטער צונויפדריקנדיק די ביקס. איינמאָל האָט אַ קויל מיט אַ קלינגענדיקן פייף זיך אַ גליטש געטון איבערן אייזן פון משופּעדיקן לאָפּעטקעלע און, אויסגלייכנדיק די האַנטאַבע, האָט ליסטניצקי דערפילט אַ פריידיקן שטאָך: „פאַרבייגעפלויגן!" דערנאָך אָבער איז זיין האַנט אָפּגעוואָרפן געוואָרן אינדערזייט דורך אַ קורצן, אומגעווייניטלעך־שטאַרקן שטויס. ער האָט אַרויסגעלאָזט דאָס לאָפּעטקעלע און פון אימפּעט, מיט אַן אומבאַשיצטן קאָפּ, אָפּגעלאָפן נאָך אַ צען קלאַפּטער. ער האָט געפּרוווט נעמען די ביקס אויפן אַקסל, אָבער נישט געקאָנט אונטערהייבן די האַנט. אַ ווייטיק האָט שווער זיך אַריינגעגאָסן, ווי בליי אין אַ פאָרם, אין זיין יעדן גלעדנק. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין ראָוו צווישן די בייטן, עטלעכע מאָל זיך נישט באַהערשט און אויסגעשריגן. אַ צווייטע קויל האָט אים אַ ביס געטון אין דער זייט, ווען ער איז שוין געלעגן, און ער האָט פּאַמעלעך און שווער פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

אין טיכאָרעצק האָט מען אים אַמפּוטירט די צעשמעטערטע האַנט און אַרויסגענומען אַ שטיקל ביין פון דער זייט. ער איז געלעגן צוויי וואָכן, זיך געפּייניקט פון פאַרצווייפלונג, ווייטיק און לאַנגווייליקייט. דערנאָך האָט מען אים איבערגעפירט קיין נאָוואָטשערקאַסק. נאָך דרייסיק מאַטערנדיקע מעת־לעת אין לאַזאַרעט, די איבערבינדונגען, דערעסענע פּנימער פון די שוועסטערן און דאָקטוירים, דער האַרבער ריח פון יאָד און קאַרבאָל... פון צייט־צו־צייט איז געקומען אָלגאַ ניקאָלאַיעוונאַ. אירע באַקן האָבן געהאַט אַ גרינלעך־געלע קאָליר. די טרויער־קליידונג האָט אונטערגעשטראָכן דעם נישט־אויסגעווייגטן אומעט פון די פּוסט־געוואָרענע אויגן. ליסטניצקי האָט לאַנג געקוקט אין אירע אָפּבליאַקירטע אויגן, געשוויגן, שעמעוודיק און גנביש באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע דעם ליידיקן אַרבל פון דער בלוזע. זי האָט כלומרשט

אומגערן זיך נאָכגעפרעגט וועגן די פּרטים פון מאַנס טויט, איר בליק האָט געבלאָנזשעט איבער די קויקעס, זי האָט אויסגעהערט צעשטרייט. זיך אויסשרייבנדיק פון לאַזאַרעט, איז ליסטניצקי געקומען צו איר. זי האָט אים אויפגענומען ביים גאַנעק און זיך אָוועקגעדרייט, ווען ער האָט, קושנדיק איר האַנט, נידעריק אָנגעבויגן דעם קאָפּ מיט די געדיכטע, קורץ-געשוירענע גרוילעכע האָר.

ער איז געווען זאָרגפעלטיק ראַזירט, דער עלעגאַנטער פרענטש פון האַקי-קאָליר איז געלעגן אויף אים פּאָרווורפסלאָז, ווי פריער, אָבער דער לײדיקער אַרבל האָט פּײַנלעך באַאומרויִקט, — פיבערהאַפט האָט זיך באַוועגט אין אים דאָס שטיקל פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט. זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין הויז, ליסטניצקי האָט אָנגעהויבן רעדן, זיך נישט זעצנדיק:

— באָריס האָט פאַרן טויט מיך געבעטן... גענומען ביי מיר אַ צוזאָג, אַז איך וועל אײַך נישט פאַרלאָזן...

— איך ווייס.

— פונוואַנען?

— פון זײַן לעצטן בריוו...

— זײַן פאַרלאַנג איז געווען, מיר זאָלן זײַן צוזאַמען... פאַרשטייט זיך, אויב איר וועט מסכּים זײַן, אויב אײַך וועט געפעלן חתונה צו האָבן מיט אַן אינוואַליד... איך בעט אײַך צו גלייבן... רעדן וועגן געפילן וואָלט אַצינד געווען... אָבער איך וויל אויפריכטיק אײַך זאָל גוט זײַן...

ליסטניצקיס פאַרלוירנקייט און זײַן אומגעבונדן אויפגערעגט רעדן האָבן זי גערירט.

— איך האָב געטראַכט וועגן דעם... איך בין מסכּים.

— מיר וועלן אָוועקפאָרן אין גוט אַרײַן צו מײַן פאָטער.

— גוט.

— דאָס איבעריקע קאָן מען אָרומרעדן שפּעטער.

— יאָ.

ער האָט העפלעך באַרירט מיט די ליפּן איר, ווי פאָרצײַ

ליכטע האַנט, און ווען ער האָט אויפגעהויבן די הכנעהדיקע אויגן, האָט ער באַמערקט אַ שאָטן פון אַ שמייכל אויף אירע ליפּן.

ליבע און שטאַרקע געשלעכטלעכע תאווה האָבן געצויגן ליסטניצקין צו אָלגען. ער האָט אָנגעהויבן פאַרברענגען ביי איר יעדן טאָג. דאָס האַרץ, מיד פון וואָכעדיקן קאַמף, האָט געבענקט נאָך אַ מעשהלע... און ער האָט געטראַכט וועגן זיך, ווי אַ העלד פון אַ קלאַסישן ראָמאַן, געדולדיק געזוכט ביי זיך דערהויבענע געפילן, וועלכע ער האָט קיינמאָל צו קיינעם נישט געפילט, — אפשר כדי צו פאַרשלייערן די נאַקעטקייט פון זיין פשוטער געשלעכטלעכער תאווה. פונדעסטוועגן האָט דאָס מעשהלע מיט איין פליגל באַרירט די ווירקלעכקייט: נישט בלויז די געשלעכטלעכע תאווה, נאָר נאָך עפּעס אַן אומגעזעענער פאָדעם האָט אים פאַרבונדן מיט דער פרוי, וועלכע ער האָט פלוצלינג באַגעגנט אויף זיין וועג. ער האָט אומקלאָר זיך פונאַנדערגעקליבן אין זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, פילנדיק בלויז איין זאַך פעסט און באַשטימט: אַז מיט אים, דעם פאַרקריפּלטן און אַרויסגעוואָרפענעם פון דער רייע, פירט אָן דער הפקרדיקער און ווילדער אינסטינקט — „איך מעג אַלץ”. אפילו אין די צערפולע טעג, ווען אָלגע האָט נאָך געטראָגן אין זיך, ווי אַ פרוכט, די ביטערקייט פון שווערן פאַרלוסט, האָט ער אויך, אָנגעצונדן פון איפּערזוכט צום טויטן גאָרטשאַקאָוון, זי פאַרלאַנגט, פאַרלאַנגט אומדערמידלעך... ווי דאָס ווילדע ווירבלען אין אַ קעסל-גרוב האָט זיך געשוימט דאָס לעבן. אין די טעג האָבן די מענטשן, וואָס האָבן געשמעקט פולווער, פאַרבלענדטע און פאַרטייבטע פון די געשעענישן, געלעבט האַסטיק און גיריק בלויז מיטן קעגנווערטיקן טאָג. און אפשר האָט אויך ליסטניצקי צוליב דעם זיך געאיילט צו פאַרבינדן זיין לעבן מיט אָלגעס לעבן, אומקלאָר פאָרפילנדיק די אומפאַרמיידלעכע מפלה פון דער זאַך, פאַר וועלכער ער איז געגאַנגען אויפן טויט.

ער האָט מודיע געווען דעם פאָטער דורך אַן אויספירלעכן

בריוו, אַז ער האָט חתונה און וועט בקרוב קומען מיטן ווייב קיין יאַגאָדנאָיע.

„...איך האָב מיינס פאַרענדיקט. איך וואָלט נאָך ווייטער, אויך מיט דער איינציקער האַנט, געקאָנט פאַרטיליקן דאָס אויפגע־בונטעוועטע ערב־רב, אָט דאָס פאַרשאָלטענע „פאָלק”, אויף וועמעס גורל די רוסישע אינטעליגענץ האָט צענטליקער יאָרן געוויינט און זיך באַגאַוועט, אָבער, כ׳לעבן, דאָס זעט מיר אַצינד אויס ווילד און זינלאָז... קראַסנאָוו קאָן נישט קומען צו קיין אויסגלייך מיט דעניקינען און אין ביידע לאַגערס — הערשט קעגנזייטיקע העצע, אינטריגע, געמיינהייט און חזירײַ. טײַלמאָל ווערט מיר אַזש אומהיימלעך. וואָס וועט אַצינד זיין? איך פאָר אַהיים אייך אַרומנעמען מיט דער איינציקער האַנט, לעבן מיט אייך צוזאַמען און פון דער זייט זיך צוקוקן צום קאַמף. איך בין שוין נישט קיין זעלנער, נאָר אַ קאַליקע, פיזיש און גייסטיק. איך בין מיד, איך קאַפּיטולירֿ. מסתמא איז דאָס טײַלווייז אויך די סיבה פון מיין חתונה־האָבן און שטרעבן צו דערגרייכן „אַ שטילן האַפן”, — האָט ער פאַרענדיקט דעם בריוו מיט אַ טרויעריק־איראָנישן צושריפט.

דאָס אָוועקפאָרן קיין נאָוואָטשערקאַסק איז באַשטימט גע־וואָרן אויף דער אַנדערער וואָך. עטלעכע טעג פאַרן אָוועקפאָרן האָט ליסטניצקי איינגאַנצן זיך איבערגעצויגן צו דער גאָרטשאַקאָ־ווא. נאָך דער נאַכט, וואָס האָט זיי דערנענטערט, איז אָלגאַ אַזוי ווי אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, אומעטיק געוואָרן. זי איז אויך שפּעטער אָקעגנגעקומען זיינע פאַרלאַנגען, אָבער שווער זיך געפייניקט פון דער געשאַפענער לאַגע און אין דער נשמה זיך געפילט באַליי־דיקט. ליסטניצקי האָט נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז מיט אַ באַזונדערער מאָס דאַרף מען מעסטן דאָס געפיל פון ליבע, וואָס פאַרבינדט זיי, אָבער מיט איין מאָס — די פייַנטשאַפט.

ביז זיין אָוועקפאָרן האָט יעווגעני געטראַכט וועגן אַקסיניען אומגערן, בלויז צופעליק. ער האָט זיך פאַרשטעלט פון די געדאַנ־קען וועגן איר, ווי מיט דער האַנט פאַר דער זון. אָבער קעגן

זיין ווילן האָבן די זכרונות פון דערדאָזיקער פאַרבינדונג, וואָס איז אין משך פון די יאָרן אויסגעוואַקסן צו אַ פעסטן בונד, אַלץ עקשנותדיקער — ווי שטרייפן ליכט — זיך אָנגעהויבן דורכזייען און אים באַאומרויִקן. איינמאָל האָט ער שוין אַ טראַכט געטון: „איך וועל נישט איבעררייסן מיט איר". זי וועט מסכים זיין. אָבער דאָס געפיל פון אָרנטלעכקייט האָט גובר געווען, — ער האָט באַשלאָסן נאָכן קומען זיך דורכצושמועסן, און אויב עס וועט זיין אַ מעגלעכקייט, — זיך צו שיידן.

זיי זענען אָנגעקומען קיין יאַגאָדנאָיע דעם פערטן טאָג פאַרנאַכט-צו. דער אַלטער הער האָט אָפּגעוואַרט דאָס יונגע פּאָר אַ וויאָרסט פון גוט. יעווגעני האָט דערזען נאָך פון ווייטנס, ווי דער פאָטער האָט שווער אַריבערגעהויבן דעם פוס איבערן געזעס פון דער רייט-בריטשקע און אַראָפּגענומען דעם הוט.

— איך בין אַרויסגעפאָרן אַקעגן די טייערע געסט. נו, לאָמיך אייך נאָר אָנקוקן... — האָט ער אַ הודושע געטון מיט זיין באַס, אומגעלומפּערט אַרומנעמענדיק די שנור און שטעכנדיק אירע באַקן מיט זיינע בערשטל-וואָנסעס, וואָס זענען גרין געווען פון רייכערן.

— זיצט אויף מיט אונז, פאָטער! קוטשער, פאָר! אַ, זיידע סאַשקאַ, וואָס מאַכט איר! איר לעבט? זעצט אייך אויף מיין אָרט, פאָטער. איך וועל מיך זעצן לעבן קוטשער.

דער אַלטער האָט זיך געזעצט לעבן אַלגען, מיטן טיכל אָפּגעווישט די וואָנסעס און איינגעהאַלטן, מיט געמאַכטער ווילערישקייט באַטראַכט דעם זון.

— נו, וואָס מאַכסטו, ליבינקער?

— עס פרייט מיך זייער אייך צו זען!

— אַן אינוואַליד, זאָגסטו?

— וואָס-זשע קאָן מען טון? אַן אינוואַליד.

דער פאָטער האָט מיט געמאַכטער גלייכגילטיקייט געקוקט אויף יעווגעניען, זיך באַמיט דורך דער שטרענגקייט צו פאַרבאָרגן דעם אויסדרוק פון מיטגעפיל, אויסמיידנדיק צו קוקן אויפן

ליידיקן אַרבל פֿון מונדיר, וואָס איז פֿאַרשטעקט געווען הינטערן פּאַסעק.

— נישקשה, איך בין שוין געוווינט — יעווגעני האָט אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל.

— אוודאי וועסטו געוווינט ווערן, — האָט דער פֿאָטער גלייך מסכּים געווען, — אַבי דער קאָפּ איז גאַנץ. איז מיט דער וואָפּנשילד... האַ? מיט דער וואָפּנשילד, זאָג איך, האָסטו דיך אומגעקערט. און דערצו נאָך אפֿילו מיט אַ שיינער געפֿאַנגענער?

יעווגעני האָט זיך געקוויקט מיטן פֿאָטערס ראַפּינירטער, עטוואָס געעלטערטער עלעגאַנץ, מיט די אויגן געפֿרעגט ביי אַלגען: „נו, ווי געפֿעלט דיר דער אַלטער?" און לויטן הייטערן שמייכל, לויט דער וואַרעמקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון אירע אויגן, אַן ווערטער פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿאָטער איז איר געפֿעלן.

די גרויע פֿלינקע פֿערד האָבן שנעל געטראָגן די ברישקע באַרג-אַרויף. פֿון באַרג האָט מען דערזען די בנינים, די גרינע צעפּאַטלטע גריווע פֿון וועלדל, די ווייסע ווענט פֿון הויז, די קלאָנען, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט די פֿענסטער.

— ווי שיין דאָ איז! אַך, ווי שיין! — האָט אַלגאַ זיך באַגייסטערט.

פֿון הויף, הויך שפּרינגענדיק, זענען געלאָפֿן פֿיר שוואַרצע כאַרטן. זיי האָבן אַרומגערינגלט די בריטשקע. דער זיידע סאַשקאַ האָט מיט דער בייטש הינטערווייַלעכטס אַ שמיץ געטון איינעם, וואָס איז צוגעשפּרונגען צו נאָענט, מיט רוגזה אויסגעשריגן:

— אונטער די רעדער קריכסטו, טיי-וו-ל! אַוועק!

יעווגעני איז געזעסן מיטן רוקן צו די פֿערד; זיי האָבן אַלעמאָל געפֿאָרסקעט; דער ווינט האָט צוגעבראַנגט דאָס שפּריצן פֿון זייערע נאָזלעכער, וואָס איז אין דראַבנע טראָפּנס געפֿאַלן אויף זיין האַלז.

ער האָט געשמייכלט, געקוקט אויפֿן פֿאָטער, אויף אַלגען, אויפֿן וועג, וואָס איז אויסגעזייעט געווען מיט זאַנגען, אויפֿן

בערגל, וואָס האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן, פאַרשטעלנדיק דאָס ווייטע הויכלאַנד מיטן האָריזאָנט.

— ווי רויִק דאָ איז! און ווי שטיל...

אָלגאַ האָט מיט אַ שמייכל באַגלייט די גאַפּעס, וואָס זענען שווייגנדיק געפלויגן איבערן וועג, די קוסטעס, וואָס זענען געלאָפן צוריק.

— מען איז אַרויסגעקומען אַקעגן אונז. — דער אַלטער הער האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

— ווער?

— די הויף-דינערשאַפט.

יעווגעני האָט זיך אומגעקוקט, נאָך נישט דערקענט די פנימער פון די שטייענדיקע, אָבער שוין געפילט אין אײנער פון די פרויען אַקסיניען און שטאַרק רויט געוואָרן. ער האָט זיך גערעכט, אַז אַקסיניעס פנים וועט זיין אויפגערעגט, אָבער ווען די ברישקע איז שנעל צוגעפאָרן צום טויער און ער האָט מיט ציטערניש אין האַרץ אַ קוק געטון רעכטס און דערזען אַקסיניען, — האָט אים איבערראַשט איר פנים, דאָס איינגעהאַלטן-פריילעכע און שמייכלענדיקע. ביי אים איז ווי אַ משא אַראָפּגעפאַלן פון די אַקסלען, ער האָט זיך באַרויִקט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום באַגריסן.

— וואָס פאַר אַ פאַרריסענע שיינהייט! ווער איז דאָס?... זי איז רייצנד שיין, נישט אמת? — אָלגאַ האָט מיט באַגייסטערטע אויגן אָנגעוויזן אויף אַקסיניען.

אָבער יעווגעני האָט שוין צוריק געווינען דעם מוט; ער האָט רויִק און קאַלט מסכים געווען:

— יאָ, אַ שיינע פרוי. דאָס איז אונזער הויז-פרוי.

אָלגאַס אָנוועזנהייט האָט אין הויז אָוועקגעלייגט איר חותם אויף אַלעם. דער אַלטער הער, וואָס פלעגט פריער גאַנצע טעג אַרומגיין איבער די צימערן אין נאַכט-העמד און אין די וואַרעמע געשטריקע גאַטקעס, האָט אַצינד באַפוילן אַרויסצונעמען פון די

קופּערטס די סורדוטן מיט די לאַנגע גענערעלישע הויזן, וואָס זע־נען געווען דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון נאַפטאַלין. פריער גלייכגיל־טיק צו אַלעם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין פּערזאָן, האָט ער אַצינד געשריגן אויף אַקסיניען פאַרן מינדסטן קנייטשעלע אויף דער געפּרעסטער וועש און געמאַכט שרעקלעכע אויגן, ווען זי האָט אים אינדערפרי דערלאַנגט די שטיוול, נישט אָפּגעפּוצטע. ער איז פרישער געוואָרן און אָנגענעם פאַרוואונדערט יעווגעניען מיטן גלאַנץ פון די שטענדיק־ראַזירטע באַקן.

אַקסיניאַ האָט זיך באַמיט געניוגן צו טון דער יונגער באַלע־באָסטע, ווי זי וואָלט פאַרגעפּילט עפּעס שלעכטס. זי איז געווען זייער אונטערטעניק און איבערמעסיק געפעליק. לוקעריאַ איז ממש געקראַכן פון דער הויט אָפּצוקאָכן וואָס בעסער דאָס מיטאָג און איבערגעשטיגן זיך אַליין מיטן אויסטראַכטן אַלץ באַטעמטערע סאָסן און נייע געריכטסן. די ווירקונג פון די פאָרגעקומענע ענדערונגען אין יאַגאָדנאָיע האָט אויך אָנגערירט דעם זיידן סאַשקאַ, וואָס האָט זיך שוין געהאַט איינגאַנצן אָפּגעלאָזט און שטאַרק געעל־טערט געוואָרן. איינמאָל האָט אים דער אַלטער באַגעגנט ביים גאַנעק, באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס און בייז־דראָענדיק אַ רוף גע־טון מיטן פינגער.

— וואָס־זשע איז דאָס מיט דיר, דו הינטישער זון? האַ? — דער אַלטער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר שרעקלעכע אויגן. — אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זענען ביי דיר די הויזן? האַ?

— נו, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד? — האָט דער זיידע סאַשקאַ עזותדיק געענטפערט, אָבער אַליין געווען לייכט פאַרוווּ־דערט סיי פון דער אומגעוויינטלעכער פראַגע, סיי פון באַלעבאָס׳ ציטערנדיקן קול.

— אין הויז געפינט זיך אַ יונגע פרוי, און דו, כאַם, ווילסט מיך אין קבר אַריינטרייבן? פאַרוואָס פאַרקנעפּלסטו דיר נישט דעם קראָק, באַק פאַרשטונקענער! נו? !...

דעם זיידע סאַשקעס ברודיקע פינגער האָבן זיך צוגערירט צו די הויזן און דורכגעלאָפן איבער דער לאַנגער רייע האַרטע

קנעפּ, ווי איבער די קלאַווישן פון אַ קלאַנגלאָזער האַרמאָשקע. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס עזותדיקס זאָגן דעם באַלעבאָס, נאָר יענער האָט, ווי אין דער יוגנט, אַ טופּע געטון מיטן פוס, אַזוי, אַז די פּאָדעשווע פון שפּיציקן אַלטמאָדישן שטיוול איז אָפּגעשפּרונגען, און ער האָט בייז אויסגעשריגן:

— אין שטאַל אַריין! מאַרש! איך וועל לוקעריען הייסן דיך מיט אָקריפּ אָפּקרעלן! די בלאָטע קראַץ אָפּ פון דיר, פערדישע בהמה!

יעווגעני האָט אָפּגערוט, אַרומגעבלאָנזשעט מיט דער ביקס איבער די יאַרן, אַרום די אָפּגעשניטענע הירוש-פעלדער געשאָסן קוראָפּאַטוועס. בלויז איין זאַך האָט אים באַאומרויִקט: די פראַגע וועגן אַקסיניען. אָבער איינמאָל אינאָוונט האָט דער פאָטער אַריינגערופן צו זיך יעווגעניען; פאַרזיכטיק קוקנדיק אויף דער טיר און אויסמיידנדיק זיך צו באַגעגענען מיט די אויגן, האָט ער אָנגעהויבן רעדן:

— איך, זעסטו... דו וועסט מיר מוחל זיין מיין אַריינמישן זיך אין דיינע פּערזענלעכע אינטערעסן. נאָר איך וויל וויסן, וואָס דו טראַכסט צו טון מיט אַקסיניען?

די איילִיקייט, מיט וועלכער יעווגעני האָט אָנגעהויבן פאַררייכערן, האָט אים פאַרראַטן. ער איז ווידער רויט געוואָרן, ווי אין טאָג פון זיין קומען, און פילנדיק דאָס, איז ער נאָך מער רויט געוואָרן.

— איך ווייס נישט... איך ווייס פּשוט נישט... — האָט ער אָפּנהאַרציק מודה געווען.

דער אַלטער האָט ערנסט געזאָגט:

— איך ווייס יאָ. גיי און שמועס דיך שוין דורך מיט איר. לייג איר פּאָר געלט, אַ פאַרגיטיקונג, — האָט ער אַ שמייכל געטון אין ווינקל פון דער וואָנסע, — בעט, זי זאָל אַוועקפאָרן. מיר וועלן געפינען אַ צווייטע אויף איר אָרט.

יעווגעני איז גלייך אַוועקגעגאַנגען אין צימער אַריין פון דער דינערשאַפט.

אַקסיניאַ איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער טיר און גע־קנעטן טייג. אויף אירע פּלייצעס, מיטן דייטלעכן ראָוויקל אינמיטן, האָבן זיך באַוויגן די אַקסלביינער, אויף די טונקעלע דיקע הענט, מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל איבער די עלנבויגנס, זענען אונטער־געשפּרונגען די מוסקולן. יעווגעני האָט אַ קוק געטון אויף איר האַלז מיט די געלאָקטע ווייכע האָר און געזאָגט:

— אַקסיניאַ, איך וועל אייך בעטן אויף אַ מינוט.

זי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט, באַמיִענדיק זיך צוצוגעבן איר אויפגעלויכטן פּנים אַן אויסדרוק פון געפעליקער גלייכגילטי־קייט. אָבער יעווגעני האָט באַמערקט, ווי אירע פינגער האָבן גע־ציטערט, אַראָפּלאָזנדיק די אַרבל.

— איך גיי שוין. — זי האָט געוואָרפן אַ דערשראָקענעם בליק אויף דער קעכין און, נישט זייענדיק בכוח גובר צו זיין די פרייד, נאָכגעגאַנגען יעווגעניען מיט אַ גליקלעכן בעטנדיקן שמייכל.

אויפן גאַנעק האָט ער איר געזאָגט:

— מיר וועלן אַריינגיין אין סאַד, מיר דאַרפן זיך דורכ־שמועסן.

— קומט, — האָט זי דערפרייט און הכנעהדיק מסכים גע־ווען, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַן אָנהייב פון די פריערדיקע באַ־ציִונגען.

אויפן וועג האָט יעווגעני מיט אַ האַלב קול געפרעגט:

— דו ווייסט נאָכוואָס איך האָב דיך גערופן?

זי האָט אַ שמייכל געטון אין דער פינסטער, אָנגעכאַפּט זיין האַנט, אָבער ער האָט זי האַסטיק באַפרייט, און אַקסיניאַ האָט אַלץ פאַרשטאַנען. זי איז שטיין געבליבן.

— וואָס האָט איר געוואָלט, יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש? ווייַ־טער וועל איך נישט גיין.

— גוט, מיר קאָנען זיך דורכשמועסן אויך דאָ. קיינער הערט אונדז נישט... — יעווגעני האָט זיך געאיילט, געפּלאָנטערט אין דער אומגעזעענער נעץ פון ווערטער. — דו דאַרפסט מיך

פּאַרשטיין, אַצינד קאָן איך שוין נישט ווי פריער... איך קאָן נישט לעבן מיט דיר... דו פאַרשטייסט? אַצינד האָב איך דאָך שוין חתונה געהאַט, און ווי אַן אָרנטלעכער מענטש, קאָן איך נישט טון קיין געמיינהייט... די פליכט פון געוויסן דערלויבט נישט... — האָט ער געזאָגט, פיינלעך זיך שעמענדיק צוליב זיינע הויכע פראַזן.

די נאַכט איז נאָר-וואָס אָנגעקומען פון פינסטערן מזרח. אויף מערב האָט זיך נאָך גערייטלט אַ שטיקל הימל, אָנגעצונדן פון דער שקיעה. אין שייער האָט מען געדרעשעט ביי לאַמטערן, אויסנוצנדיק דאָס לינדע וועטער, — דאָרט האָט האַסטיק און שטאַרק געקלאַפּט דער דופק פון דער מאַשין און עס האָבן טומלדיק געַרעדט די אַרבעטער; דער דרעשער, וואָס האָט אומאויפהערלעך געקאָרמעט די הונגעריקע דרעש-מאַשין, האָט געשריגן מיט אַ הייזעריק-גליקלעך קול: „דערלאַנג! דערלאַנג! דערלאַ-אַ-אַנג!” אין סאַד איז צייטיק געוואָרן די שטילקייט. עס האָט געשמעקט מיט קראָפּיווע, מיט ווייץ, מיט טוי.

אַקסיניאַ האָט געשוויגן.

— וואָס ווילסטו זאָגן? וואָס-זשע שווייגסטו, אַקסיניאַ?

— איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— איך וויל דיר געבן געלט, דו מוזסט אָוועקפאָרן פונדאַנען, איך מיין, דו וועסט מסכים זיין... מיר וועט שווער זיין דיך כּסדר צו זען.

— אין אַ וואָך אַרום ענדיקט זיך מיין חודש. איך מעג צודינען?

— אוודאי, אוודאי!

אַקסיניאַ האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך עפּעס זייטיק, אומדרייסט, ווי אַ געשלאָגענע, זיך דערנענטערט צו יעווגעניען און געזאָגט:

— נו, מילאַ, וועל איך שוין גיין... וועסט צום סוף נישט קיין מיטלייד האָבן? די בענקשאַפט האָט אַזוי געווירקט אויף מיר, ווי איך וואָלט קיין געוויסן נישט געהאַט... איך האָב

מיך דאָ שרעקלעך געפּייניקט אַליין... פאַראורטייל מיך נישט, זשעניאַ.

איר קול איז געווען קלינגענדיק און טרוקן. יעווגעני האָט אומזיסט זיך באַמיט צו פאַרשטיין, צי זי רעדט ערנסט אָדער שפּאַסט.

— וואָס ווילסטו?

ער האָט פאַרדראָסיק אַ הוסט געטון און פּלוצלינג פאַרשטאַנען, אַז זי זוכט ווידער אומדרייסט זיין האַנט...

אין פינף מינוט אַרום איז ער אַפּערגעגאַנגען פון הינטער אַ נאַסן שמעקעדיקן קוסט ווייַנפּערלעך, צוגעגאַנגען צו די שטאַכעטן פון גאַנעק, און רויכערנדיק מיטן פּאַפּיראָס, לאַנג מיטן נאָז-טיכל זיך געווישט די הויזן אויף די קני'ען, וואָס זענען גרין געווען פון זאַפטיקן גראָז.

אַרויפגייענדיק אויפן גאַנעק, האָט ער זיך אומגעקוקט. אין צימער פון דער דינערשאַפט, אין געלן ליכט פון פענסטער, האָט זיך געזען אַקסיניעס שלאַנקע פיגור, — זי האָט מיט פאַרהויבענע הענט זיך גלייך געמאַכט די האָר, געקוקט אויפן פייער און געשמייכלט...

VI

עס איז צייטיק געוואָרן דאָס פעדער-גראָז. דער סטעפּ האָט אויף אַ סך ווירסטן זיך אָנגעטון אין צעוויגטן זילבער. דער ווינט איז אָנגעלאָפן און עס שטייף געבויגן, געשויבערט, געבערגלט, געטריבן דאָ אויף דרום, דאָ אויף מערב די גרוי-אָפּאַלענע כוואַליעס. דאָרט, ווו דער פליסיקער לופט-שטראָם האָט זיך דורכגעטראָגן, האָט דאָס פעדער-גראָז תפילהדיק זיך געבוקט און אַ טונקעלער שטעג איז לאַנג אויף זיין גרויען רוקן געלעגן.

עס האָבן אָפּגעבליט די פאַרשידנקאָליריקע גראָזן. אויף די בערגלעך האָט אומעטיק געוועלקט דער פון זון פאַרברענטער

ווערמוט. די קורצע נעכט זענען שנעל פאַרגאַנגען. אין די נעכט האָבן פון קויל־שוואַרצן הימל געפינקלט אומצייליקע שטערן; די לבנה — די קליינע קאָזאַקישע זון, — האָט מיטן טונקל־אָפּגע־בראָכענעם ראַנד געלויכטן קאַרג, בלייך; דער רחבותדיקער שליאַך פון מילך־וועג האָט זיך פאַרפלאָכטן מיט אַנדערע שטערן־וועגן, די האַרבע לופט איז געווען געדיכט, דער ווינט טרוקן, דורכגענומען מיט אַ ריח פון פּיאָלון; די ערד, אָנגעזאַפּט מיט דער ביטערקייט פון אומעטום צעוואַקסענעם פּיאָלון, האָט געלעכצט נאָך קילקייט. עס האָבן געשימערט די שטאָלצע שטערן־שליאַכן, נאָך נישט באַרירטע פון קיין קאָפּיטע, פון קיין מענטשלעכן טריט; דער אויסגעזייעטער שטערן־ווייץ איז פאַרלוירן געגאַנגען אויפן טרוקענעם שוואַרצערדיקן הימל, נישט אויפגייענדיק און דערפריי־ענדיק דאָס אויג מיט זיין וואַקסן; די לבנה — אַ פאַרדאַרטע זון־רויז, אין סטעפּ — טרוקעניש, פאַרברענט גראָז, און אינדערהייך, דאָס ווייסע אומאויפהערלעכע זילבערנע געטשוויטשעריי פון די וואַכטלען און מעטאַלענע קלינגען פון די פעלד־גרילן.

אין די טעג — חמימה, דושנעקייט, שטויביקער נעפּל. אין דער אָפּבליאַקירטער בלויקייט פון הימל — די אומרחמנותדיקע זון און בלוילעך־שטאָלערנע האַלב־קרייזן פון די פליגל פון אַ גייער. איבערן סטעפּ לייכט אומדערטרעגלעך־בלענדנדיק דאָס פעדער־געוויקס, עס רויכערט זיך דאָס גרויע הייסע גראָז פון קעמל־קאָליר; דער גייער שווימט זייטיק אין דער בלויקייט, — אונטן איבערן גראָז גליטשט זיך שטיל זיין גרויסער שאָטן.

די פעלד־מייז פּייפן יעמערלעך און הייזעריק. אויף די גע־לע וואַרימע בערגלעך פון די נאָרעס דרימלען די באָבאַקעס. דער סטעפּ איז הייס, אָבער טויט, און די אַרומיקייט איז דורכזיכטיק־אומבאַוועגלעך. אפילו דאָס בערגל אויפן האָריזאָנט איז אויך לע־גענדאַר איינגעהילט אין בלויער פאַרנעפּלטקייט און זעט אויס, ווי עס וואָלט געשלאָפן...

סטעפּ, דו היים מיינע! ביטערער ווינט, פאַרפלאָנטערט אין די גריווע פון די טאַבון־פערד. די טרוקענע פערדישע נאָזלעכער

זענען געזאַלצן פון ווינט און, אַריינאָטעמענדיק דעם ביטער-גע-זאַלצענעם ריח, קייעט דאָס פערד מיט זיידענע ליפּן און הירזשעט, פּילנדיק אויף זיי דעם טעם פון ווינט און זון. היימישער סטעפּ אונטערן נידעריקן דאָנער הימל! קרומע היילן, טרוקענע טאָלן, רויט-ליימיקע יאַרן, אומענדלעכע שטחים פון פעדער-גראָז און פאַרוואַקסענע שפּורן פון פערדישע קאָפּיטעס, בערגלעך אין קלוגן שטילשווייגן, וואָס היטן דעם באַגראָבענעם קאָזאַקישן רום... נידע-ריק בייג איך מיך און קוש, ווי אַ זון, דיין ערד, דאָנער, מיט קאָ-זאַקישן בלוט באַגאָסענער, סטעפּ!

ער האָט אַ קליינעם דאַרן שלאַנגיקן קאָפּ. די אויערן זענען קליין, אומבאַוועגלעך. די ברוסט-מוסקולן — מעכטיק אַנטוויקלט. די פיס — דינע, שטאַרקע, די קנעכלעך אָן אַ פעלער, די קאָפּיטעס געטאָקט, ווי פון קיזל-שטיין. די היפטן — עטוואָס שיף, דער וויינדל — כוואַליענדיק.. ער — איז אַ ראַסיקער דאָנער. נאָך ווייניק: ער איז פון אָן איידעלער ראַסע, אין זיינע אָדערן פליסט נישט קיין טראָפּן צוגעמישט בלוט. און דאָס זעט זיך אין אַלעם. ער הייסט — מאַלברוק.

ביים טרינקען האָט ער פאַרטיידיקט זיין קאָבילע און זיך געשלאָגן מיט אַ צווייטן, שטאַרקערן און עלטערן אָגער, און יע-נער האָט אים אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון אין לינקן פעדערשטן פוס, נישט געקוקט דערויף, וואָס אויף דער פּאַשע זענען די אָגערס נישט געקאָוועט. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, געביסן איינער דעם אַנדערן, זיך געשלאָגן מיט די פעדער-שטע פיס, געריסן די הויט אויף זיך....

דער טאַבון-וועכטער איז נישט געווען נאָענט, — ער איז געשלאָפן אין סטעפּ מיטן רוקן קעגן דער זון און צע-שפּרייטע פיס אין די פאַרשטויבטע אָנגעהיצטע שטיוול. דער קעג-נער האָט אומגעוואָרפן מאַלברוקן אויף דער ערד, דערנאָך אים ווייט-ווייט אַוועקגעטריבן פון טאַבון און, איבערלאָזנדיק אים דאָרט

אַן אָפּגייענדיקן מיט בלוט, פאַרנומען ביידע טאַבונען און זיי אַוועק־געפירט לענגאויס דעם זומפּיקן טאָל.

דעם פאַרוואונדעטן אָגער האָט מען אַוועקגעשטעלט אין שטאַל, דער פעלדשער האָט אים אויסגעהיילט דעם צעקלאַפּטן פוס. און אויפן זעקסטן טאָג, קומענדיק מיט אַ באַריכט צום אויפזעער, האָט מישקאַ קאָשעוואָי זיך צוגעזען ווי אַזוי מאַלברוק, געטריבן פון מעכטיקן אינסטינקט אַלס פאָרפלאַנצער פון זיין מין, האָט איבערגעביסן דעם רעמעט און אַרויסגעשפּרונגען פון דער פאַרצוימונג. ער האָט פאַרכאַפּט די געפּענטעטע קאָבילעס, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט פאַר דער קאַזאַרמע און געדינט צום רייטן פאַר די טאַבון־וועכטער, אויפזעער און פעלדשער, און זיי אַוועקגעטריבן אין סטעפּ אַריין — פריער פאַמעלעך, דערנאָך אַלץ שנעלער, בייסנדיק די הינטערשטעליק־געבליבענע. די טאַבון־וועכטער און דער אויפזעער זענען אַרויסגעלאָפן פון דער קאַזאַרמע. זיי האָבן בלויז געהערט, ווי די פענטעס אויף די קאָבילעס האָבן הילכיק געפּלאַצט.

— ער האָט אונז צוגענומען די פערד, דער פאַרשאָלטענער!...

דער אויפזעער האָט געזידלט, אָבער נאָכגעקוקט די דערוויטערטע פערד, נישט אָן פאַרבאָרגענער צופרידנקייט.

אינמיטן טאָג האָט מאַלברוק צוריקגעברענגט די פערד צום טרינקען. די טאַבון־וועכטער האָבן צוגענומען ביי אים די קאָבילעס, און אים אַליין האָט מישקאַ אָנגעזאָטלט, אַוועקגעפירט אין סטעפּ אַריין און אַריינגעלאָזט אין פריערדיקן טאַבון.

אין משך פון די צוויי חדשים דינסט אַלס טאַבון־וועכטער האָט קאָשעוואָי אויפמערקזאַם אויסשטודירט דאָס לעבן פון די פערד אויף דער פּאַשע; אויסשטודירט און זיך דורכגעדרינגען מיט טיפער אַכטונג צו זייער שכל און נישט מענטשלעכער איידלקייט. פאַר זיינע אויגן איז פאָרגעקומען דאָס באַדעקן די קאָבילעס, און דערדאָזיקער אייביקער אַקט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויפן אוראַלטן אופן, איז געווען אַזוי נאַטירלעך־צניעותדיק און פשוט, אַז נישט ווילנדיק איז אין קאָשעוואָיס געדאַנק אויסגעפאַלן דער פאַרגלייך נישט לטובת די מענטשן. אָבער אין די

באַציִונגען פון די פערד איז געווען אויך אַ סך מענטשלעכס. מישקאַ האָט למשל באַמערקט, אַז דער אַלטער אַגער באַכאַר, וואָס איז אומגעווײנטלעך רשעותדיק און גראָב אין דער באַציִונג צו די קאָזאַקעס, האָט אויסגעטײלט איין קאַשטענעוואַטע פּיריעריקע שײנהײט מיט אַ ברײט פלעמל אויפן שטערן און הײסע אויגן. ער איז תמיד לעבן איר געווען אומרויִק און שטאַרק אויפגערעגט, תמיד זי באַשמעקט מיט אַ באַזונדער אײנגעהאַלטן און לײדנשאַפטלעך שנאָרכען. ער האָט אין דער פאַרצוימונג תמיד ליב געהאַט אַרויפצולײגן זײַן בײזן קאָפּ אויפן רוקן פון דער געליבטער קאָבילע און אַזוי לאַנג דרימלען. מישקאַ האָט זיך צוגעקוקט צו אים זײַטיק, געזען ווי אונטער דער דינער הויט פון אָגער ציטערן פלעגמאַטיש די בינטלעך מוסקולן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז באַכאַר האָט ליב דידאָזיקע קאָבילע מיט אַ זקנישער, הילפלאָז-שטאַרקער און טרויעריקער ליבע.

געדינט האָט קאָשעוואָי רעכטפאַרטיק. די ידיעה וועגן זײַן טיכטיקײט איז, אַפּנים, דערגאַנגען צום אַטאַמאַן פון דער סטאַניצע, און אין די ערשטע טעג פון אויגוסט האָט דער אויפזעער באַקומען אַ באַפעל אָפּצוקאָמאַנדירן קאָשעוואָיען צו דער דיספּאָזיציע פון דער סטאַניצע-מאַכט.

מישקאַ האָט זיך שנעל פאַרפּאַקט, אָפּגעגעבן די רעגירונגס-זאַכן און אין זעלבן טאָג פאַרנאַכט אַוועקגעריטן אַהײם. ער האָט כּסדר אונטערגעטריבן זײַן קאָבילקע. מיטן זון-פאַרגאַנג שוין אָנגעקומען קײן קאַרגין און דאָרט אויפן בערגל דעריאָגט אַ וואָגן, וואָס איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון וויעשענסק.

דער פורמאַן, אַן אוקראַיִנער, האָט אונטערגעטריבן די זאַטע פערד. אויפן הינטערשטן געזעס פון דער רעסאָרן-בריטשקע איז געזעסן אויסגעלײגט אַ ציווילער ברײט-פּלײציקער מאַנספּערשוין אין אַ סורדוט פון שטאָטישן פאַסאָן און גרויען פילצענעם הוט פאַררוקט אויפן נאַקן. אַ געוויסע צײַט איז מישקאַ נאָכגעריטן פון הינטן, קוקנדיק אויף די שיפּע אַקסלען פון דעם מענטש אין הוט, וואָס האָבן אונטערגעציטערט צוליבן טרײסלען זיך פון דער

בריטשקע און אויפן ווייסן פארשטויבטן פאסיקל פון קאלנער. ביי די פיס פון פאסאזשיר איז געלעגן א געלער סאקוואיאזש און א זאק, צוגעדעקט מיט אן איינגעלייגטן פאלטן. דער אומבאקאנטער ריח פון ציגאר האט שארף געקיצלט מישקעס נאזלעכער. „עפעס א באאמטער פארט אין דער סטאניצע אריין״ — האט מישקא א טראכט געטון, אויסגלייכנדיק די קאבילע מיט דער בריטשקע. ער האט זייטיק א קוק געטון אונטערן ראנד פון הוט און האלב־געעפנט דאס מויל, פילנדיק ווי פון שרעק און גרויס פארוואונדערונג הייבן אן לויפן מוראשקעס איבער זיין רוקן; אין דער בריטשקע איז געלעגן אויסגעלייגט סטיעפאן אסטאכאוו, קייענדיק אומגעדולדיק דאס שווארצע שטיקל ציגאר, זשמורענדיק די דרייסטע העלע אויגן. נישט גלייבנדיק זיך אליין, האט מישקא נאכאמאל באטראכט דאס באקאנטע מאדנע־געענדערטע פנים פון לאנדסמאן, ענדגילטיק זיך איבערצייגט, אז די רעסארן וויגן טאקע דעם לעבעדיקן סטיעפאנען און, באדעקנדיק זיך מיט שוויס פון אויפרעגונג, א הוסט געטון:

— אנטשולדיקט, העד, איר זענט נישט אמאל אסטאכאוו?

דער מענטש אין דער בריטשקע האט מיט א באוועגונג פון קאפ אראפגערוקט דעם הוט אויפן שטערן, זיך אויסגעדרייט און אויפגעהויבן די אויגן אויף מישקען.

— יא, אסטאכאוו. וואס איז דען? און איר... שטיי נאר, דו ביסט דאך, דאכט זיך, — קאשעוואי? — ער האט זיך אונטערגעהויבן, געשמייכלט בלויז מיט די טונקעלע ליפן פון אונטער די צוגעשוירענע קאשטאנעוואטע וואנסעס אפער און, דערהאלטנדיק אין די אויגן און אין גאנצן פנים דעם אויסדרוק פון נישט־צוטריטלעכער שטרענגקייט, מיט צעשטרייטער פריידיקייט אויסגעשטרעקט די האנט. — קאשעוואי? מיכאיל? אט ווען איך זע!... עס פרייט מיך זייער...

— ווי אזוי־זשע איז דאס אבער? ווי אזוי־זשע? — מישקא האט נאכגעלאזט די לייצן, מיט פארוואונדערונג צעשפרייט די

הענט. — מען האָט דאָך געזאָגט, אַז מען האָט דיך דערהרגעט. איך קוק: ס'איז אַסטאַכאָוו...

מישקאַ האָט זיך צעבליט אין אַ שמייכל, נישט געקאָנט רויִק איינזיצן אין זאָטל, אָבער סטיעפּאַנס אויסערלעכקייט, זיין קלאָרע שפּראַך האָבן אים אַריינגעבּרענגט אין פאַרלעגנהייט. ער האָט געענדערט די באַציִונג און דערנאָך די גאַנצע צייט פון שמועס זיך געווענדט צו אים אויף „איר", פילנדיק אומקלאָר עפּעס אַ אומגעזעענע גרענעץ, וואָס צעטיילט זיי.

צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. די פערד זענען געגאַנגען טריט־ביי־טריט. אויף מערב האָט הערלעך געבליט דער זון־פאַרגאַנג, אין הימל זענען געשווומען פאַרנאַכטיקע לאַזור־וואָלקנדלעך. אין דער זייט פון וועג האָט אין געדיכטן הירזש הילכיק געשריגן אַ וואַכטל, די שטויביקע שטילקייט האָט זיך געזעצט איבערן סטעפּ, וואָס האָט פאַרשלונגען די טומלדיקייט פון טאָג. דאָרט, ווו די וועגן צעשיידן זיך און גייען אַוועק קיין טשוקאַרין און קרוזשילין, האָט זיך געזען אויפן פאָן פון בעז־בלויען הימל דער אומקלאָרער סילועט פון אַ קאַפּליצע. איבער איר איז ווערטיקאַל געהאָנגען אַ צונויפגעזאַמלטע מחנה ציגל־רויטע וואָלקנס.

— פון וואַנען־זשע האָט איר זיך דערנומען, סטיעפּאַן אַנדרעיִטש? — האָט מישקאַ פריידיק זיך נאָכגעפרעגט.

— פון דייטשלאַנד. איך האָב מיך פאַרנומען אַהיים.

— פאַרוואָס־זשע האָבן אונזערע קאָזאַקן געזאָגט: מען האָט סטיעפּאַנען אין אונזערע אויגן דערהרגעט.

סטיעפּאַן האָט געענטפערט איינגעהאַלטן, פלעגמאַטיש, ווי דאָס נאָכפרעגן וואָלט אים געווען צולאַסט:

— מען האָט מיך פאַרווונדעט צוויי מאָל, און די קאָזאַקן... ווי קאָזאַקן! זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט... איך בין אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט... די דייטשן האָבן מיך אויסגעהיילט און געשיקט אויף אַרבעט.

— איר האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געשריבן...

— ס׳איז נישט געווען וועמען צו שרייבן. — סטיעפּאַן האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס שטיקל און גלייך פאַררייכערט אַ צווייטן ציגאַר.

— און דעם ווייב? דאָס ווייב אייערס איז געזונט און פילט זיך גוט.

— איך האָב דאָך נישט געלעבט מיט איר, — ס׳איז דאָך, דאַכט זיך, באַקאַנט.

סטיעפּאַנס קול האָט געקלונגען טרוקן, קיין איין וואָרעמער טאָן האָט זיך נישט אַריינגעגנבעט דערין. דאָס דערמאָנען אָן ווייב האָט אים נישט אויפגערעגט.

— וואָס־זשע, איר האָט נישט געבענקט אין פרעמדן לאַנד? — האָט מישקאַ גיריק אויסגעפרעגט, כמעט אינגאַנצן זיך אָנלענענדיק מיט דער ברוסט אויפן זאָטל־האָרן.

— אינאָנהייב האָב איר געבענקט, דערנאָך זיך צו־געוווינט. מיר האָט זיך געלעבט גאַנץ גוט. — שווייגנדיק אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן: — איך האָב שוין געוואָלט אינגאַנצן בלייבן אין דייטשלאַנד, ווערן אַ בירגער. אָבער פּלוצלינג האָט עס מיך אַ צי געטון אַהיים — איך האָב אַלץ אַוועקגעוואָרפן און גע־פאָרן.

סטיעפּאַן האָט מילדער געמאַכט דעם האַרבן אויסדרוק פון זיינע אויגן און צום ערשטן מאָל אַ שמייכל געטון.

— און איר זעט וואָס פאַר אַ צעמישונג עס קומט דאָ פאָר ביי אונז?... מיר פירן מלחמה צווישן זיך.

— יאָ־אָ־אָ... איך האָב געהערט.

— מיט וועלכן וועג זענט איר געפאָרן?

— פון פראַנקרייך, מיט אַ שיף פון מאַרסייל — אַזאַ שטאָט — קיין נאָוואָטשערקאַסק.

— אייך וועט מען אויך מאָבּיליזירן?

— מסתּמא אַזוי... וואָס הערט זיך נייעס אין כוטאָר?

— קאָן מען דען אַלץ אויסדערציילן? אַ סך נייעס.

— מיין הויז שטייט נאָך?

— דער ווינט שאָקלט עס...

— די שכנים ? ביי די מעליעכאָווס לעבן אַלע ?

— זיי לעבן.

— וועגן מיין געוועזענעם ווייב הערט איר עפּעס ?

— זי איז נאָך אַלץ דאָרט, אין יאַגאָדנאָיע.

— און גריגאָרי... לעבט מיט איר ?

— ניין, ער איז מיט דער געזעצלעכער. מיט אייער אַקסיניען זיך צעגאַנגען...

— אַזוי ?... איך האָב גאָרנישט געוווּסט.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. קאָשעוואָי האָט ווידער כּסדר גיריק באַטראַכט סטיעפּאַנען. ער האָט געזאָגט מיט אָנערקענונג און חשיבות :

— עס האָט זיך אייך, אַפּנים, גוט געלעבט, סטיעפּאַן אַנדרעיִטש, איר זענט אָנגעטון פיין, ווי אַ דייטישער מענטש.

— דאָרט גייען אַלע פיין אָנגעטון. — סטיעפּאַן האָט זיך פאַרומט, אָנגערירט דעם אַקסל פון פורמאַן : — נו, טרייב אונטער.

דער פורמאַן האָט אומגערן אַ פּאַטש געטון מיט דער בייטש, די מידע פערד האָבן נישט גלייך אַ צי געטון די אָרטשיקעס. די ברישקע, אונטערשפּרינגענדיק מיט די רעדער, האָט זיך גענומען וויגן איבער די גריבּיקע ערטער און סטיעפּאַן האָט פאַרענדיקט דעם שמועס, זיך אויסדרייענדיק מיטן רוקן צו מישקען און פרעגנדיק :

— דו רייטסט אין כוטאָר אַריין ?

— ניין, אין דער סטאַניצע.

אויפן שיידוועג האָט מישקע זיך פאַרנומען רעכטס און אונטערגעהויבן אויף די רייט-אייזנס.

— זייט געזעגנט דערווייל, סטיעפּאַן אַנדרעיִטש !

יענער האָט מיטן שווערן בינטל פינגער באַרירט דעם פאַרשטויבטן ראַנד פון הוט און געענטפערט קאַלט, אַרויס-

רעדנדיק דייטלעך יעדע זילבע, ווי נישט קיין רוסישער:
— זייט געזונט!

VII

דער פראָנט האָט זיך אויסגעגלייכט לויט דער ליניע פּילאָ־נאָווע—פּאָוואָרינאָ. די רויטע האָבן קאָנצענטרירט די כוחות, גע־גרייט די פויסט צו געבן אַ קלאַפּ. די קאָזאַקן האָבן פלעגמאַטיש אַנטוויקלט דעם אָנגריף. פילנדיק אַ שטאַרקן מאַנגל אין אַמוניציע, האָבן זיי נישט געשטרעבט אַריבערצוטרעטן די גרענעצן פון דער פּראָווינץ. אויפן פילאָנאָווער פראָנט איז דער דערפאָלג פון די מי־ליטערישע אָפּעראַציעס געווען אַ וואַקלהאַפטער. אין אויגוסט האָט זיך איינגעשטעלט אַ פאַרהעלטנישמעסיקער שטילשטאַנד און די קאָזאַקן, וואָס זענען געקומען פון פראָנט אויף קורצטערמיניקע אורלויבן, האָבן געזאָגט, אַז אין האַרבסט דאַרף מען זיך ריכטן אויף וואַפנשטילשטאַנד.

אין דער צייט האָט מען אין הינטערלאַנד, אין די סטאַני־צעס און כוטאָרן, אָראָפּגענומען דעם שניט. עס האָבן אויסגעפעלט אַרבעטס־הענט. די אַלטע לייט און באַבעס האָבן זיך נישט קיין עצה געגעבן מיט דער אַרבעט; דערצו נאָך האָט געשטערט דאָס כסדר־דיקע באַשטימען די באַלעבאַטים צו פאָרן צושטעלן פּראָוויאַנט און אַמוניציע צום פראָנט.

פון טאַטערישן כוטאָר זענען כמעט יעדן טאָג לויט אַ סדר אַוועקגעפאָרן קיין וויעשענסק פינף־זעקס וואָגנס, אין וויעשענסק האָט מען אויף זיי אויפגעלאָדנט קעסטלעך קוילן און גראַנאַטן, זיי אַוועקגעשיקט צום טראַנספּאָרט־פּונקט אין אַנדראָפּאָווער כוטאָר און פון דאָרט, אויב ס׳איז נייטיק געווען, אפילו ווייטער אין די כאָ־פּערער כוטאָרן.

דער כוטאָר האָט געלעבט טומלדיק, אָבער פאַרטון אין זיך. אַלע האָבן זיך געצויגן מיט די געדאַנקען צום ווייטן פראָנט, מיט

שמערצלעכן אומרו אָפּגעוואָרט שלעכטע ידיעות וועגן די קאָ־זאַקן. סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו קומען האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן כוטאָר: אין יעדער כאַטע, אין יעדן שייער האָט מען גע־האַלטן אין איין רעדן וועגן דעם. עס איז געקומען אַ קאָזאַק, אַ לאַנג שוין באַגראָבענער, און וועלכן כמעט אַלע האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן. איז דאָס נישט געווען וווּנדערלעך?

סטיעפּאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַניקושקעס ווייב, אַריינ־געטראָגן זיינע זאַכן אין דער כאַטע. און בשעת די באַלעבאָסטע האָט אים געגרייט נאַכטעסן, איז ער אַוועקגעגאַנגען צו זיין הויז. ער האָט מיט אַ שווערן באַלעבאַטישן טריט לאַנג געמאָסטן דעם הויף, וואָס איז איינגעהילט געווען אין בלייכן ליכט פון דער לבנה, אַרומגערגעגאַנגען אונטער די האַלב־חרובע שאָפעס, באַ־טראַכט דאָס הויז, געפּרוּווט שאָקלען די סלופּעס פון פּאַרקן... ביי אַניקושקעס באַבע איז דאָס געפּרעגלטס שוין לאַנג אויסגעקילט געווען אויפן טיש, און סטיעפּאַן האָט נאָך אַלץ באַטראַכט זיין, מיט גראָז באַוואַקסענע, באַלעבאַטישקייט, זיך אויסגעקנאַקט די פינגער און עפּעס שטיל און שטאַמלדיק געבורטשעט.

נאָך די זעלבע נאַכט זענען צו אים געקומען קאָזאַקן — באַ־גריסן אים און זיך אויספרעגן וועגן לעבן אין געפאַנגענשאַפט. אַניקושקעס כאַטע איז פול געפּאַקט געווען מיט באַבעס און קינ־דער. זיי זענען געשטאַנען געדיכט איינער לעבן אַנדערן, אויסגע־הערט סטיעפּאַנען דערציילן, און זייערע אָפענע מיילער האָבן זיך געטונקלט. סטיעפּאַן האָט גערעדט אומגערן, זיין געעלטערט פּנים איז קיין איינמאָל נישט באַלויכטן געוואָרן פון אַ שמייכל. עס איז קענטיק געווען, אַז ער האָט אַ סך דורכגעמאַכט אין לעבן און שטאַרק זיך געענדערט.

אינדערפרי — סטיעפּאַן איז נאָך געשלאָפן אין שטוב — איז געקומען פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. ער האָט מיט אַ באַס אַריינ־געהוסט אין דער פויסט, געוואַרט, ביז דער מיליטערמאַן וועט אויפוואַכן. פון שטוב האָט געצויגן מיט שאַרפער קעלט פון דער ערדענער פּאָדלאָגע, מיט אומבאַקאַנטן, שטיקנדיקן, האַרבן טיטון

און ריח פון ווייטן וועג, מיט וועלכן אַ רייזנדער ווערט אויף לאַנג אָנגעזאַפּט.

סטיעפּאַן האָט אויפגעוואַכט, מען האָט געהערט: ער רייבט אַ שוועבעלע צום פאַררייכערן.

— ווער דערלויבן אַריינצוגיין? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפרעגט און, ווי ער וואָלט זיך געדאַרפט שטעלן פאַר אַן עלטסטן, אייליק גענומען גלייך מאַכן די פאַלבן אויף זיין נייער בלוזע, וועלכע איליניטשנאַ האָט אים ספּעציעל אָנגעטון צו דער זעונג.

— קומט אַריין.

סטיעפּאַן האָט זיך אָנגעטון, רויכערנדיק מיטן שטיקל ציגאַר, זשמורענדיק דאָס פאַרשלאָפענע אויג פון רויך. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט איבערגעשפּרייזט די שוועל נישט אָן פאַרלעגנהייט און, איבערראַשט פון סטיעפּאַנס געענדערטע פּנים און מעטאַלענע שלעסלעך פון זיינע זיידענע שעלקעס, איז ער שטיין געבליבן און אויסגעשטרעקט די שוואַרצע האַנט, ווי אַ שיפעלע.

— זיי באַגריסט, שכן! אַבי מען זעט דיך אַ לעבעדיקן...

— זייט באַגריסט!

סטיעפּאַן האָט פאַרהויבן די שעלקעס איבער די שיפע מעכטיקע אַקסלען, אַ באַוועג געטון מיט זיי און מיט ווירדע אַריינגעלייגט זיין האַנט אין אַלטנס שאַרסטקער האַנט. זיי האָבן זיך פלינק געביטן מיט די בליקן. אין סטיעפּאַנס אויגן האָבן בלוי אויפגעלויכטן פונקען פון אומפריינטלעכקייט, אין מעליעכאָווס שיקלדיקע בולטע אויגן — אַכטונג און אַ לייכטע, עטוואָס איראָנישע פאַרוואונדערונג.

— האָסט דיך געעלטערט, סטיעפּאַ... געעלטערט, ליבינקער.

— יאָ, זיך געעלטערט.

— דיך האָט מען שוין דאָ געהאַט באַגראָבן, ווי מיין גרישקען... — האָט ער אַרויסגעזאָגט און אין פאַרלעגנהייט זיך פאַרהאַקט: נישט געדאַרפט דאָס איצט פאַרן מויל ברענגען. ער האָט

געפּרוּווט פאַרגלעטן: — דאַנקען גאָט! ביסט צוריקגעקומען געזונט... אַ דאַנק דיר, גאָט! מײַן גרישקען האָט מען שוין אויך געהאַט באַגראָבן, אָבער ער איז, ווי לאַזאַר, אויפגעשטאַנען. ער האָט שוין צוויי קינדערלעך, און זײַן ווײַב נאַטאַליע האָט, דאַנקען גאָט, זיך פאַרבעסערט. אַ שיין ווײַבעלע געוואָרן... נו, און דו, ליבינקער, ווי פילסט דיך?

— אַ דאַנק.

— צום שכן צו גאַסט וועסטו קומען? קום, וועסט מיר אַ כבוד אָנטון, מיר וועלן שמועסן אַ ביסל.

סטיעפּאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָבער פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געבעטן עקשנותדיק, זיך באַליידיקט, און סטיעפּאַן האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן, פאַרקעמט אַרויף די קורץ-געשוירענע האָר אויפן אַלטנס פראַגע: „ווו האָסטו דעם טשוב אַהינגעטון? פאַרהוליעט?" — האָט ער אַ שמייכל געטון און, מיט זיכערקייט אָנטוענדיק דעם הוט אויפן קאָפּ, דער ערשטער אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַרײַן.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געווען אומגעווײנטלעך ליבלעך, אַזוי, אַז סטיעפּאַן האָט נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון: „ער וויל די אַלטע עוולה פאַרגלעטן".

איליניטשנאַ האָט נאָכגעפאָלגט די שווײַגנדיקע אָנווײַזונגען פון מאַנס אויגן, פלינק זיך געדרייט איבער דער קיך, אונטערגעיילט נאַטאַליען און דוניאַשקען, אַליין געגרייט צום טיש. די ווײַבער האָבן אַלעמאָל געוואָרפן בײַגיריקע בליקן אין דער זייט אַרײַן, וווּ סטיעפּאַן איז געזעסן אונטער די הייליקע בילדער, מיט די אויגן באַטאַפּט זײַן סורדוט, זײַן קעלנערל, זײַן זילבערן קייטל פון זייגער, די פריזור, זיך דורכגעקוקט, שלעכט מאַסקירנדיק דאָס שמייכלען פון פאַרוווּנדערונג. דאַריאַ איז אַרײַנגעקומען פון הויף אַ פאַררייטלטע, זי האָט זשעבירט געשמייכלט און, אָפּווישנדיק די דינע ליפּן מיטן ברעג פאַרטוך, פאַרזשמורעט די אויגן:

— אָן, שכן־לעב, איך האָב אייך גאָרנישט דערקענט. איר זענט שוין גאָרנישט ענלעך צו קיין קאָזאַק.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט נישט פאַרלוירן קיין צייט, אַרויפגעשטעלט אַ פלעשל סאַמאָגאָן אויפן טיש, אַרויסגעוואָרפן דעם טוכענעם קאָרק פון העלזל, אַ שמעק געטון צום זיסלעך־ביטערן ריכל און גענומען רימען:

— פאַרזוך. פון דער אייגענער פאַבריק. וועסט אַ שוועבעלע צולייגן — וועט אַ בלוי פייערל אויפפלאַקערן, באמונות!

עס איז געפירט געוואָרן אַן איבערגעריסענער שמועס. סטיעפּאַן האָט געטרונקען אומגערן, אָבער אויסטרינקענדיק, האָט ער אָנגעהויבן שנעל שיכור ווערן, און איז ווייכער געוואָרן.

— דו, שכן־לעב, וואָלסט אַצינד געדאַרפט חתונה האָבן.

— וואָס רעדט איר! און ווו וועל איך דאָס אַלטע ווייב אַהינטון?

— דאָס אַלטע ווייב... וואָס וועסטו מאַכן מיט איר? דו מיינסט, אַז אַ ווייב ווערט קיינמאָל נישט אָפּגענוצט... אַ ווייב — איז ווי אַ קאָבילע: דו רייטסט אַזוי לאַנג אויף איר, כּל־זמן זי האָט די ציין אין מויל... מיר וועלן דיר אַ יונגע געפינען.

— אונזער לעבן איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן... ווער האָט אַצינד אין זינען חתונה צו האָבן... איך האָב אורלויב אָנדערהאַלבן וואָכן, דערנאָך וועט מען דאַרפן אין אַמט זיך מעלדן און, מסתמא, אויפן פראָנט גיין, — האָט סטיעפּאַן געזאָגט, אַלץ מער שיכור ווערנדיק און ביסלעכווייז פאַרלירנדיק דעם אויסלענדישן אַקצענט.

ער איז בקרוב אָוועקגעגאַנגען, באַגלייט פון דאַריעס באַגייסטערטן בליק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך פאַרשידענע וויכּוחים און מיינונגען.

— ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעבילדעט, דער הונטישער זון! האָסט געזען, ווי ער האָט גערעדט! ווי אַן אַקציזניק אָדער עפּעס איידעלער מאַן... איך קום אַריין, און ער שטייט אויף און טוט אַן אויף דער בלוזע איבער די אַקסלען זיידענע שעלקעס מיט בלעכלעך, באמונות! ווי אַ פערד האָבן זיי אים דעם

רוקן מיט דער ברוסט אַרומגענומען. און צוואָס? נאָכוואָס דאַרף מען דאָס? ער איז דאָך אַצינד, ווי גאָר אַ געלערנטער מענטש. — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך אַנטציקט, שטאַרק געחנפעט פון דעם, וואָס סטיעפּאַן האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין אויפנאַם, נישט געדענקט די אַמאָליקע עוולה און געקומען צו אים.

פון שמועסן איז קלאָר געוואָרן, אַז סטיעפּאַן וועט נאָכן פאַרענדיקן די דינסט וווינען אין כוטאָר, צוריק אויפריכטן דאָס הויז מיט דער באַלעבאַטישקייט. ער האָט כּלאחר־יד אָנגעמערקט, אַז ער האָט מיטלען אויף דעם און אַרויסגערופן ביי פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן אַ גאַנצן פּלאָנטער נאָכטראַכטונגען און אומגערנוויליקע אַכטונג.

— ער איז ביי געלט, אפנים, — האָט פּראָקאָפּיעוויטש געזאָגט נאָך זיין אַוועקגיין, — ער האָט קאַפּיטאַל, די נבלה. אַנדערע קאָזאַקן קומען פון געפאַנגענשאַפט, ווי די מוטער האָט זיי געהאַט, און ער האָט זיך אין עסיק און אין האָניק אויסגעפוצט... ער האָט אַ מענטש דערהרגעט אָדער ביי עמעצן געלט אַרויסגעגנבעט.

די ערשטע טעג האָט סטיעפּאַן פאַרברענגט ביי דער אַניקושקין אין דער כאַטע, זעלטן זיך געוויזן אין גאַס. די שכנים האָבן אים געהאַלטן אויפן אויג, געהיטן זיין יעדע באַוועגונג, אפילו אַניקושקעס ווייב געפּרוווט אויספרעגן, וואָס סטיעפּאַן האָט בדעה צו טון. אָבער יענע האָט פאַרקוועטשט די ליפּן, געהאַלטן סוד, זיך אָפּגעפּטרט מיט נישט וויסן.

פאַרשידענע השערות זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין כוטאָר נאָכדעם, ווי אַניקושקעס באָבע האָט געדונגען אַ פערד ביי די מעליעכאָווס און שבת אינדערפרי אַוועקגעפאָרן אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג. איין פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך משער געווען, אין וואָס עס האַנדלט זיך. „זי פאָרט נאָך אַקסיניען", — האָט ער אַ וווּנק געטון צו איליניטשנען, אייַנשפּאַנענדיק אין טאַראַנטאַס די לאָמע קאָבילע. — די באָבע איז געשיקט געוואָרן קיין יאַגאָדנאָיע דורך סטיעפּאַנען: „וועסט געוויר ווערן באַ אַקסיניען,

צי זי וויל פאַרגעסן אָן אַלע פריערדיקע עוולות און זיך אומקערן צום מאַן?"

סטיעפּאַן האָט דעם טאָג אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס געדולד און די רויִקייט, ביז אָוונט זיך אַרומגעדרייט איבערן כוטאָר, לאַנג געזעסן אויפן גאַנעק פון מאָכאָווס הויז מיט סערגעי פּלאַטאָנאָוויטשן און צאַצען, דערציילט וועגן דייטשלאַנד, וועגן זיין לעבן דאָרט, וועגן דער רייזע איבער פראַנקרייך און איבערן ים. גערעדט, אויסגעהערט מאָכאָווס קלאָגן זיך, און די גאַנצע צייט כסדר געקוקט אויפן זייגער...

די באַלעבאָסטע האָט זיך אומגעקערט פון יאַגאָדנאָיע ביןהשמשות-צייט. צוגרייטנדיק דאָס נאַכטעסן אין דער זומערדיקער קיך, דערציילט, אַז אַקסיניאַ האָט זיך דערשראָקן פון דעם אומגעריכטן נייעס, זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף אים, אָבער אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט זיך אומצוקערן.

— עס איז איר נישט קיין נויט זיך אומצוקערן, זי לעבט ווי אַ פּריצה. איז דיק געוואָרן. דאָס פּנים ביי איר איז ווייסער. פון קיין שווערער אַרבעט ווייסט זי נישט. וואָס-זשע נאָך פעלט איר? זי איז אַזוי אָנגעטון, — אַז ס׳איז גאָרנישט זיך פאָרצושטעלן. דער טאָג איז אַ וואָכעדיקער, און דאָס קלייד אויף איר איז, ווי שניי, און די הענט זענען ריין-געוואַשענע... — האָט זי געזאָגט און פון קנאה אַ זיפץ געטון.

ביי סטיעפּאַנען האָבן די באַקן-ביינער זיך געריטלט, אין די אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָבן פייערלעך פון כעס און בענקשאַפט זיך געצונדן און געלאָשן. ער האָט מיטן לעפל געשעפּט די זויערמילך פון דער שיסל, באַמיִענדיק זיך, אַז די האַנט זאָל אים נישט ציטערן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט מיט באַרעכנטער געלאַסנקייט:

— זאָגסטו, אַז אַקסיניאַ האָט זיך געריטמט מיט איר לעבן?

— אוודאי! קיינער וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט אַזוי צו לעבן.

— אויף מיר האָט זי זיך נאָכגעפרעגט?

— וואָס דען! זי איז שטאַרק בלייך געוואָרן, ווען כ'האָב איר געזאָגט, אַז איר זענט געקומען.

נאָכן נאַכטעסן איז סטיעפּאַן אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט גראָז.

דער קורצער אויגוסט־בין־השמשות איז שנעל צוגעסאַלן און זיך פאַרלאָשן. אין דער פייכטער קילקייט פון דער נאַכט האָבן האַסטיק געקלאַפּט די באַראַבאַנען פון די ווייע־מאַשינען און עס האָט זיך געהערט אַ רוישיק רעדן. אונטער דער געלער געפלעקטער לבנה האָבן די מענטשן זיך געטומלט ביי זייער אַרבעט: געווייעט די איבערן טאָג אויסגעדראָשענע תבואה, איבערגעפירט די קערנער אין די שפּייכלערס אַריין. דער כוטאָר האָט זיך געהילט אין ריח פון פריש־געדראָשענעם ווייץ און שטויב פון מעקענע. ערגעץ נישט ווייט פון פלאַץ האָט געגאָדערט די דרעש־מאַשין אויף דאַמף און עס האָבן געבילן הינט.

פון די ווייטע שייערס האָבן מאָנאָטאָן אָפּגעקלונגען די טע־נער פון אַ ליד. פון דאָן האָט געצויגן מיט זיסלעכער פייכטקייט.

סטיעפּאַן האָט זיך אָנגעלענט אָן פּאַרקן און לאַנג געקוקט אויפן ברייטן פלוס פון דאָן, וואָס האָט זיך געזען אויף דער צווייטער זייט גאַס, אויפן פייערדיקן, געשלענגלטן שטעג, וואָס די לבנה האָט קרימלעך אויסגעטרעטן. אַ דין געקרייזלט רינצלען האָט זיך געוויקלט איבערן טייך. אויף דער צווייטער זייט דאָן האָבן פרידלעך געדרימלט טאָפּאָלן. סטיעפּאַן איז באַהערשט געוואָרן פון אַ שטילער און מעכטיקער בענקשאַפט.

פאַרטאָג איז געפאַלן אַ רעגן, אָבער נאָך זון־אויפגאַנג זע־נען די וואָלקנס זיך צעגאַנגען, און אין אַ צוויי שעה אַרום האָבן בלויז די קופּקעלעך פאַרהאַרטעוועטע בלאָטע לענגאויס די קאָליעס דערמאַנט אָן שלעכטן וועטער.

אינדערפרי איז סטיעפּאַן אָנגעקומען קיין יאַגאָדנאָיע. ער האָט מיט אומרויִקע הענט אָנגעבונדן דאָס פערד ביים פּאַרקן און

מיט האַסטיקע ברייטע טריט אַריינגעגאַנגען אין צימער פון דער דינערשאַפט.

דער גרויסער הויף, באַדעקט מיט פאַרטרוקנט גראָז, איז געווען פוסט. ביי דער שטאַל האָבן אין מיסט זיך געגראָבן הינער. איבערן איינגעלייגטן פּאַרקן האָט זיך אַרומגעדרייט אַ האָן, שוואַרץ ווי אַ קראָ. צוגויפגעזופנדיק די הינער, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פּיקט רויטע שניידערלעך, וואָס קריכן אַרום איבערן פּאַרקן. די פעט-געוואָרענע כאַרטן זענען געלעגן אין שאָטן לעבן הינערשלאַק. זעקס שוואַרץ-געפלעקטע הינטעלעך האָבן אומגעוואָרפן די מוטער, אַ יונגע צויג נאָכן ערשטן האָבן, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הינטערשטע פיסלעך און געזייגט, ציִענדיק ביי די עלאַסטישע גרויע וואָרצלען. די שאָטן-זייט אונטערן בלעכערנעם דאַך פון פריצישן הויף איז באַדעקט געווען מיט אַ גלאַנציקן טוי.

סטיעפּאַן האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט, אַריינגעגאַנגען אין צימער פון דער דינערשאַפט און געפרעגט ביי דער דיקער קעכין:

— צי קאָן איך זען אַקסיניען?

— ווער זענט איר? — האָט יענע זיך פאַראינטערעסירט, אָפּווישנדיק דאָס פאַרשוויצטע געשטופּלטע פּנים מיטן פאַרטוך.

— אייך איז דאָס נישט נייטיק צו וויסן. ווו איז אַקסיניאַ?

— ביים פריץ. וואַרט-צו.

סטיעפּאַן האָט זיך געזעצט, מיט אַ באַוועגונג פון שטאַרקער מידעקייט אַרויפגעלייגט דעם הוט אויף די קני. די קעכין האָט אַריינגערוקט אין אויוון די טעפּ, געקלאַפּט מיטן שאַר-אייזן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן גאַסט. אין קיך האָט זיך געפילט אַ זויערער ריח פון צוואָרעכטס און האָפּן. די פליגן האָבן שוואַרץ באַדעקט די פּליטע פון אויוון, די ווענט, דעם טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט מעל. סטיעפּאַן האָט אָנגעשטרענגט זיך איינגעהערט, געוואַרט, דער באַקאַנטער אָפּקלאַנג פון אַקסיניעס

טריט האָבן אים ווי אַ הייב געטון פון דער באַנק. ער איז אויפגעשטאַנען, אַראָפּלאָזנדיק דעם הוט פון די קניען.

אַקסיניאַ איז אַריינגעקומען, טראָגנדיק אַ שטויס טעלערס. איר פּנים איז טויט-בלייך געוואָרן, די פּוכיקע ליפּן האָבן אין די ווינקלען אָנגעהויבן ציטערן. זי איז שטיין געבליבן, הילפלאָז צודריקנדיק די טעלערס צו דער ברוסט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די דערשראָקענע אויגן פון סטיעפּאַנען. דערנאָך האָט זי זיך פלוצלינג פון אָרט אַ ריס געטון, שנעל צוגעגאַנגען צום טיש און באַפרייט אירע הענט.

— וואָס מאַכסטו?

סטיעפּאַן האָט געאָטעמט פּאַמעלעך, טיף, ווי אין שלאָף, דער אָנגעשטרענגטער שמייכל האָט צעשפּרייט זיינע ליפּן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אַקסיניען, שווייגנדיק און אָנגעבויגן פאָרויס.

— צו מיר אין צימער אַריין... — האָט אַקסיניאַ מיט אַ באַוועגונג אים איינגעלאַדן.

דעם הוט האָט סטיעפּאַן אויפגעהויבן, ווי אַ משא; דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין און פאַרטונקלט די אויגן. ווי באָר זיי זענען אַריינגעקומען אין אַקסיניעס צימער און, אָפּגעטיילט דורכן טישל, זיך געזעצט, האָט אַקסיניאַ באַלד מיט אַ קרעכץ געפרעגט, זיך אָפּלעקנדיק די פאַרטרוקנטע ליפּן.

— פונוואַנען קומסטו אַהער?...

סטיעפּאַן האָט אומבאַשטימט און אומנאַטירלעך-פריילעך, ווי אַ שיכורער, אַ מאַכע געטון מיט דער האַנט. פון זיינע ליפּן איז נאָך אַלץ נישט פאַרשוווּנדן דער פריידיק-שמערצלעכער שמייכל.

— פון געפאַנגענשאַפט... איך בין געקומען צו דיר, אַקסיניאַ...

ער האָט עפּעס אומגעלומפּערט געבומען זיך פאָרען, אויפגעשפּרונגען, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליין פּעקעלע, אַראָפּ-

געריסן דאָס טיכל דערפון און, קוים-באַוועגנדיק מיט די ציטערנ-דיקע פינגער, אַרויסגענומען אַ זילבערן האַנט-זייגערל און אַ רינגל מיט אַ בילּיק בלוי שטיינדל. דאָס אַלץ האָט ער איר דערלאַנגט אויף אַ פאַרשוויצטער האַנט, און אַקסיניאַ האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון דעם איר פרעמדן פּנים, וואָס איז מיאוס געווען פון הכנעהדיקן שמייכלען.

— נעם, איך האָב עס דיר געבראַנגט.. מיר האָבן צוזאַמען געלעבט...

— וואָס דאַרף איך עס ? וואַרט-צו — האָבן אַקסיניעס בלייכע ליפּן געשעפּטשעט.

— נעם... באַליידיק נישט... מען דאַרף די נאַרישקייטן אַוועקוואַרפן...

אַקסיניאַ האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט, איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען צום טאַפּטשאַן.

— מען האָט געזאָגט, אַז דו ביסט אומגעקומען...

— וואָלסטו צופרידן געווען ?

זי האָט נישט געענטפערט, שוין רויִקער באַטראַכט דעם מאַן אינגאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס, און אַ סיבה זיך גלייך געמאַכט די פאַלדן פון גוט-אויסגעפּרעסטן קלייד. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן און געזאָגט:

— אַניקושקעס באַבע האָסטו געשיקט ?... זי האָט געזאָגט, אַז דו רופסט מיך צו דיר... וווינען...

— וועסטו גיין ? — האָט סטיעפּאַן איבערגעשלאָגן.

— ניין, — אַקסיניעס קול האָט אָפּגעקלונגען טרוקן. — ניין, איך וועל נישט גיין.

— פאַרוואָס ?

— איך בין אָפּגעוווינט געוואָרן, ס'איז אויך אַ ביסל שפּעט-לעך... שפּעט.

— און איך, זעסטו, וויל מיך באַזעצן אויף דער באַלעבאַ-טישקייט. ווען איך בין פון דייטשלאַנד געפאָרן — האָב איך גע-טראַכט וועגן דעם, אויך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן — ווען איך

בין דאָרט געווען... וואָס-זשע, אַקסיניאַ, וועט פון דיר ווערן? גריגאָרי האָט דיך אַוועקגעוואָרפן... אפשר האָסטו שוין אַ צווייטן? איך האָב געהערט, דאַכט זיך, דעם פריצס זון... איז דאָס אמת?

אַקסיניעס באַקן זענען פלאַמיק רויט געוואָרן, טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע פאַרשעמטע אויגן.

— איך לעב אַצינד מיט אים. אמת.

— איך מאַך דיר נישט קיין פאָרוואורף, — האָט סטיעפּאַן זיך דערשראָקן. — איך זאָג דאָס דערפאַר, ווייל אפשר האָסטו נאָך גאָרנישט באַשלאָסן? אים ביסטו אויף לאַנג נישט נייטיק, דאָס איז ביי אים בלויז אַ פאַרווײלונג... אָט באַווייזן זיך שוין ביי דיר קנייטשעלעך אונטער די אויגן... ער וועט דאָך דיך אַוועקוואַרפן, וועסט אים נמאס ווערן — וועט ער דיך אַרויסטרייבן. ווו וועסטו דיך דעמאָלט אַהינטון? און דאָס דינען איז דיר נאָך נישט פאַרמיאוסט געוואָרן? זע אַליין... איך האָב געבראַנגט געלט. די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר לעבן לייטיש, איך האָב געמיינט, מיר וועלן זיך צונויפגיין... איך וויל דאָס אַלטע פאַרגעסן...

— און וואָס האָסטו געטראַכט אַמאָל, ליבער פריינט, סטיעפּאַ! — האָט אַקסיניאַ, אַ ציטערנדיקע, געזאָגט מיט פריידיקע טרערן, אויפשפּרינגענדיק פון טאַפּטשאַן און צוגייענדיק צום טיש. — וואָס האָסטו געטראַכט אַמאָל, ווען דו האָסט מיין יונג לעבן אין דער בלאָטע אַריינגעטרעטן? דו האָסט מיך צו גרישקען געשטופּט... דו האָסט מיר דאָס האַרץ אויסגעטרוקנט... געדענקסט, וואָס דו האָסט מיר אָנגעטון?

— איך בין נישט געקומען זיך רעכענען... פונוואַנען ווייסטו? אפשר האָב איך צוליב דעם אַ סך געליטן. אפשר האָב איך דאָס אַלץ נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אין זכרון... — סטיעפּאַן האָט לאַנג געקוקט אויף זיינע הענט, וואָס זענען אויסגעלייגט געווען אויפן טיש, פּאַמעלעך געבויגן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי פון מויל אַרויסגעריסן. — איך האָב געטראַכט וועגן דיר... דאָס האַרץ

האָט געבלוטיקט... טאָג און נאַכט דיך אין זינען געהאַט... איך האָב דאָרט געלעבט מיט אַן אַלמנה, אַ דייטשקע... רייך גע־לעבט — און אַלץ אַוועקגעוואָרפן... עס האָט מיך אַ צי־געטאָן אַהיים...

— שטיל לעבן האָט זיך דיר פאַרגלוסט? — האָט אַקסיניאַ געפרעגט, ביז ציטערנדיק מיט די נאָז־לעכער. — באַלעבאַטעווען ווילסטו? מסתמא, קינדערלעך האָבן, אַ ווייב, וואָס זאָל פאַר דיר קאָכן, דיך אָנקאָרמען און אָנפּויען? — זי האָט שטרענג און אומ־היימלעך אַ לאַך געטאָן. — ניין, זאָל מיך שוין גאָט באַשירעמען! איך בין אַלט, אָט האָסטו שוין קנייטשעלעך באַמערקט... און איך האָב אויך שוין פאַרגעסן ווי אַזוי קינדער צו האָבן. איך בין אַ געליבטע, און געליבטע טאָרן קיין קינדער נישט האָבן... דו דאַרפסט אַזעלכע?

— דו ביסט אַ לייכטע געוואָרן...

— ווי דו זעסט.

— איז, הייסט עס, נישט?

— ניין, איך וועל נישט גיין. ניין.

— נו, זיי־זשע געזונט. — סטיעפּאַן איז אויפגעשטאַנען, אומ־זיסט אַ דריי געטון דאָס זייגערל אין דער האַנט און ווידער עס אַרויפגעלייגט אויפן טיש. — ווען דיך מישב זיין, גיב צו וויסן.

אַקסיניאַ האָט אים באַגלייט ביז צום טויער. זי האָט לאַנג געקוקט, ווי דער שטויב הייבט זיך פון אונטער די רעדער און פאַרהילט סטיעפּאַנס ברייטע פּלייצעס.

טרערן פון כעס זענען איר געקומען אין די אויגן אַריין. זי האָט שטיל געשלוכצט, טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. — זי האָט באַוויינט איר לעבן, וואָס איז ווידער אויפן ווינט צעווייעט געוואָרן. נאָכדעם, ווי זי איז גע־וויר געוואָרן, אַז יעווגעני דאַרף זי נישט מער און געהערט, אַז דער מאַן האָט זיך אומגעקערט, האָט זי באַשלאָסן צו גיין צו אים, כדי אויפסניי צונויפצוקלייבן די ברעקלעך פון נישט גע־

וועזענעם גליק... מיט דעם באַשלוס האָט זי געוואָרט אויף סטיעפּאַנען, אָבער ווען זי האָט אים דערזען אַ דערנידעריקטן און אונטערטעניקן, — האָט אַ בייזער שטאָלץ, דער שטאָלץ, וואָס האָט איר נישט דערלויבט, אַן אָוועגוואָרפענער, צו בלייבן אין יאַגאָדנאָיע, זיך קאַפּויער געשטעלט אין איר. איר בייזער, פון איר נישט אָפּהענגיקער ווילן, האָט אָנגעפירט מיט אַלע אירע רייד און האַנדלונגען. זי האָט זיך דערמאָנט די איבערגעלעבטע באַליידיקונגען, אַלץ דערמאָנט, וואָס זי האָט געליטן פון דעם מענטש מיט די גרויסע אייזערנע הענט, און אַליין נישט וועלנדיק איבערדרייסן, זיך שרעקנדיק אין דער נשמה פאַר דעם, וואָס זי האָט געטון, האָט זי זיך געשטיקט מיט די שטעכעדיקע ווערטער: „ניין, איך וועל נישט גיין צו דיר. ניין".

זי האָט נאָכאַמאָל זיך אַ ציִ געטון מיטן בליק צום טאַראַנטאַס, וואָס האָט זיך דערווייטערט. סטיעפּאַן איז, פאָכענדיק מיט דער בייטש, פאַרשוואונדן הינטערן בעז־בלויען שטיק פעלד ביים וועג, וואָס איז נידעריק באַוואַקסן געווען מיט פּיאָלון...

צומאָרגנס האָט אַקסיניאַ באַקומען איר שכירות און צונויפגענומען אירע זאַכן. ביים געזעגענען זיך מיט יעווגעניען האָט זי זיך צעוויינט:

— דערמאַנט נישט צום שלעכטן, יעווגעני ניקאָלאַיעוויטש.

— נו, וואָס פאַלט דיר איין, ליבינקע!... איך דאַנק דיר פאַר אַלעם.

זיין קול, פאַרבאָרגנדיק די אויפרעגונג, האָט געקלונגען מיט געמאַכטער הייטערקייט.

און זי איז אַוועקגעגאַנגען. אין אָוונט איז זי שוין געווען אין טאַטערישן כוטאָר.

סטיעפּאַן האָט אָפּגעוואָרט אַקסיניען ביים טויער.

— ביסט געקומען? — האָט ער שמייכלענדיק געפרעגט. — אינגאַנצן? קאָן איך האָפן, אַז דו וועסט מער נישט אַוועקגיין?

— איך וועל נישט אַוועקגיין. — האָט אַקסיניאַ פּשוט גע־

ענטפֿערט, מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ באַטראַכטנדיק די האַלבֿ-חרובֿע כאַטע און דעם הויף, וואָס איז געדיכט פֿאַרוואַקסן געווען מיט שטעכעדיקע קוסטעס און ווילדע קרייטעכצער.

VIII

נישט ווייט פֿון דער דורנאָווער סטאַניצע איז דאָס וויעשענסקער פֿולק צום ערשטן מאָל אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין אַ שלאַכט מיט די אָפּטרעטנדיקע רויטגוואַרדייאישע אָפּטיילונגען.

די סאָטניע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גריגאָרי מעליעכאָוו האָט מיטאָג-צייט פֿאַרנומען אַ נישט גרויסן כוטאָר, וואָס איז ווילד פֿאַרוואַקסן געווען מיט קליינע פּרוכט-גערטנדלעך. גריגאָרי האָט באַפֿוילן די קאָזאַקן אַראָפּצושטייגן פֿון די פֿערד אין פּייכטן שאָטן פֿון די ווערבעס, לעבן טייכל, וואָס האָט דורכגעגראָבן אַ נישט טיפֿן ראָוו איבערן כוטאָר. ערגעץ נישט ווייט האָבן פֿון דער שוואַרצער פּייכטער ערד, פֿליעסקענדיק געשלאָגן קוואַלן; דאָס וואַסער איז געווען אייז-קאַלט; די קאָזאַקן האָבן עס גיריק געטרונקען, שעפּנדיק מיט די היטלען און דערנאָך, אונטערקרעכצנדיק פֿון תענוג, צוריק זיי אָנגעטון אויף די פֿאַרשוויצטע קעפּ. איבערן כוטאָר, דעם פֿאַרשמאַכטן פֿון היץ, איז ווערטיקאַל געהאָנגען די זון. די ערד האָט געגליט אין דער מיטאָגדיקער חמימה. די גראָזן און בלעטער פֿון די ווערבעס, באַשפּריצט מיט גיפּטיק-ברענענדיקע שטראַלן, זענען מיד אַראָפּגעהאָנגען. אָבער ביים טייכל אין שאָטן פֿון די ווערבעס האָט געהערשט אַ מחיהדיקע קילקייט. צירלעך האָבן געגרינט דער ווילדער רעטעך און נאָך עפּעס אַ מין זאַפּטיקע גראָזן, וואָס זענען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן דורכן זומפּיקן באָדן. אין די קליינע בוכטעס האָבן מיט אַ גלוסטיק מיידליש שמייכלען געשימערט די וואַסער-אַרבעס. ערגעץ הינטער אַן אויסבויג האָבן אין וואַסער געקוואַקעט און געפּאַטשט מיט די פֿליגל קאַטשקעס. די פֿערד האָבן שנאָרכנדיק געצויגן צום וואַסער,

געטרעטן מיט טשמאָקענדיקע טריט אין דער זומפּיקער בלאָטע, געריסן די לײַצן פון די הענט און פאַרקראָכן אינמיטן טײַכל, צעמישנדיק דאָס וואַסער און זוכנדיק מיט די ליפּן אַ פרישערן שטראָם. פון זייערע אַראָפּגעלאָזטע ליפּן האָט דער הייסער ווינט אָפּגעריסן שנירלעך קערנדיקע בריליאַנטענע טראָפּנס. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוועבלדיקער ריח פון דער אויפגערודערטער ייִליקער ערד, פון די ראָר-שטעקנס, אַ ביטערער און זיסלעכער אַראָמאַט פון די פייכט-שימלענדיקע וואָרצלען פון די ווערבעס...

די קאָזאַקן האָבן זיך נאָר-וואָס אויסגעלייגט צווישן ווילדן רעטעך און געגומען שמועסן און רייכערן — ווי די אויסשפּירער האָבן זיך אומגעקערט. דאָס וואָרט „רויטע“ האָט גלייך געשטעלט די קאָזאַקן אויף די פיס. זיי האָבן פאַרצויגן די פּאַסקעס און ווידער געגאַנגען צום טייכל, אָנגעפילט די פעלד-פלאַשן, געטרונקען און מסתמא געטראַכט יעדערער פאַר זיך — „אפשר וועט מיר נאָך אַמאָל אויסקומען צו טרינקען אַזאַ וואַסער, אַזוי לויטער ווי אַ קינדישע טרער, און אפשר נישט...“

אויפן וועג זענען זיי אַריבערגעריטן דאָס טייכל, זיך אָפּגעשטעלט. הינטערן כוטאָר, איבערן גרוילעך-זאַמדיקן, מיט ווילד-גראָז פאַרוואַקסענעם בערגל האָט אויף אַ וויאָרסט ווייט זיך באַוועגט דעם שונאס אַ פּאַטרול. אַכט רייטער זענען פאַרזיכטיק אַראָפּגעריטן צום כוטאָר.

— מיר וועלן זיי פאַרנעמען! דערלויבסט? — האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו פאַרגעלייגט גריגאָריען.

ער איז מיט אַ קרײַזלענדיקן וועג אַרויסגעריטן מיט אַ האַלבער אָפּטיילונג פון כוטאָר; אָבער דער פּאַטראָל, דערזעענדיק די קאָזאַקן, האָט אויסגעדרייט צוריק.

מיט אַ שעה שפּעטער, ווען עס זענען אָנגעקומען די צוויי איבעריקע רייטער-סאָטניעס פון פּאָלק, זענען זיי אַרויסגעטרעטן. די אויסשפּירער האָבן געמעלדן, אַז די רויטע, וואָס באַשטייען אַן ערך פון טויזנט באַגנעטן, גייען זיי אַקעגן. די וויעשענסקער סאָטניעס האָבן פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיטן יעלאַנער און בוקאַנאַ-

ווער פּוּלק, וואָס איז געגאַנגען רעכטס, אָבער דאָך באַשלאָסן אָנ־צוהייבן אַ שלאַכט. אַריבעררייטנדיק דעם באַרג, זענען זיי אַראָפּ־געשטיגן פון די פערד. די אָנטרייבער האָבן אַוועקגעפירט די פערד אין טאָל אַריין, וואָס האָט זיך משופּעדיק אַראָפּגעלאָזט צום כוטאָר. ערגעץ רעכטס האָבן זיך באַגעגנט די פּאַטראָלן. העפטיק האָט אָנגעהויבן קנאַלן אַ מאַשין־ביקס.

באַלד האָבן זיך באַוויזן די שיטערע טיראַליערן פון די רויטע. גריגאָרי האָט אויסגעשפּרייט זיין סאָטניע אויפן בערגל. די קאָזאַקן זענען געלעגן איבער דער שיפּוע, וואָס איז פאַרוואַקסן געווען מיט געדיכטע קליינע קוסטעס. פון הינטער אַ קרעמפּן ווילדן עפּלבוים האָט גריגאָרי דורך אַ לאָרנעטע געקוקט אויף די ווייטע טיראַליערן פון שונא. ער האָט דייטלעך געזען ווי די ערשטע צוויי טיראַליערן און הינטער זיי, צווישן די גרויע נישט אַראָפּ־גענומענע סטויגן תּבֿואה, האָט זיך אין טיראַליער אויסגעשפּרייט אַ שוואַרצע מאַרש־קאָלאָנע.

סײַ אים, סײַ די קאָזאַקן האָט פאַרוווּנדערט, וואָס פאַרן ערשטן טיראַליער איז אויף אַ הויך אַ ווייס פערד געריטן אַ רײַ־טער, — אַפּנים, אַ קאָמאַנדיר, און פאַרן צווייטן טיראַליער זענען געגאַנגען צוויי אָפּגעזונדערט. אויך דעם דריטן האָט געפירט אַ קאָמאַנדיר און לעבן אים האָט געפלאַטערט אַ פאָן. דאָס טוך האָט זיך גערייטלט אויפן טונקל־געלן פאָן פון דער תּבֿואה, ווי אַ טראָפּן בלוט.

— בײַ זיי גייען די קאָמיסאַרן פאָרויס! — האָט איינער פון די קאָזאַקן אויסגעשריגן.

— אָ! דאָס איז העלדיש! — האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו באַ־גייסטערט געלאַכט.

— זעט, חבֿרה! אָט וואָסערע די רויטע זענען!

כמעט די גאַנצע סאָטניע איז אויפגעשטאַנען, זיך דורכ־שרייענדיק. איבער די אויגן האָבן זיך באַוויזן די הענט, ווי דעכ־לעך קעגן דער זון. דאָס שמועסן איז פאַרשוויגן געוואָרן און אַ מאַיעסטעטישע שטילקייט, וואָס זאָגט תּמיד פאָר דעם טויט, האָט

פּרידלעך און װײך, װי דער שאָטן פון אַ װאָלקן, זיך גענומען שפּרײטן איבערן סטעפּ און דער טאָליקער פּאַשע.

גריגאָרי האָט געקוקט הינטער זיך. נאָכן אַש-גרױען אינזל מיט די װערבעס, אין דער זײט פון כוטאָר, האָט זיך בערגלדיק געהויבן אַ שטויב: די צװײטע סאָטניע איז אײליק אַװעק אין פלאַנג פון שונא. דער טאָל האָט נאָך דערװײל פאַרשטעלט דאָס באַװעגן זיך פון דער סאָטניע, אָבער נאָך אַ פיר װיאָרסט האָט זי דײטלעך זיך באַװיזן אױפן באַרג, און גריגאָרי האָט אין געדאַנק אָפּגעשאַצט דעם שטח און די צײט, װען די סאָטניע װעט זיך אױסגלײכן מיטן פלאַנג.

— לײ-ײ-גן זיך! — האָט גריגאָרי קאָמאַנדעװעט, האַסטיק זיך אױסדרײענדיק און באַהאַלטנדיק די לאָרנעטע אין טאַש.

ער איז צוגעגאַנגען צו זײן מיראָליער. די פּנימער פון די קאָזאַקן, רױט-גלאַנציקע און שװאַרצע פון דער היץ און שטויב, האָבן זיך אױסגעדרײט צו אים. די קאָזאַקן האָבן זיך איבערגעקוקט און אױסגעלײגט. נאָך דער קאָמאַנדע: „גרײטן זיך!" — האָבן װילד גענומען קנאַקן די ביקסן-שלעסער. גריגאָרי האָט פון-דערהײך געזען בלױז די צעשפּרײטע פיס, די שפּיצן פון די היטלען און רוקנס אין די פאַרשטױבטע בלוזעס, מיט די פון שװײס נאַסע פאַרטיפטע ערטער און אַקסלבײנער. די קאָזאַקן האָבן זיך פונאַנדערגעשפּרײט, זוכנדיק באַשיצונג, אױסקלױבנדיק באַקװעמערע ערטער. טײל האָבן געפּרוװט גראָבן מיט די שװערדן די רױע ערד.

אין דער צײט האָט דאָס װינטל אָנגעטראָגן פון דער זײט, װו די רױטע האָבן זיך געפונען, אומקלאָרע טענער פון געזאַנג...

די טיראַליערן זענען געגאַנגען אין קרומע זיגזאַגן, כװאַליענדיק. פאַרלױרן אין דער הײסער װײטקײט, זענען פון דאָרט אָנגעשװומען מאַטע מענטשלעכע קולות.

גריגאָרי האָט דערפילט, אַז דאָס האַרץ האָט אין אים אַ פלאַטער געטון און זיך אָפּגעריסן... ער האָט שױן אַמאָל געהערט דעמדאָזיקן אומעטיקן מאָטיװ, געהערט, װי די מאַקראַװסאַװער

מאַטראָסן האָבן אים געזונגען אין גלובאָקאָיע, אַראָפּנעמענדיק די היטלען אָן די דאַשקעס, ווי צו אַ תּפילה, גערירט בלישטשענדיק מיט די אויגן. אין אים איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן אַ טונקעלע אומרויִקייט, ענלעך צו שרעק.

— וואָס רעוּוען זיי? — האָט אַן אַלטער קאָזאַק געפרעגט, אויפגערעגט דרייענדיק מיטן קאָפּ.

— עפּעס ווי אַ תּפילה, — האָט אים אַ צווייטער געענטפערט, וואָס איז געלעגן רעכטס.

— אַ טייוולאָנישע תּפילה ביי זיי! — האָט אַנדרעי קאַשולין אַ שמייכל געטון; קוקנדיק מיט עזות אויף גריגאָריען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט ער געפרעגט: — דו, פּאַנטעלעיעוו, ביסט דאָך געווען ביי זיי, — ווייסטו דאָך, מסתּמא, נאָכוואָס זיי זינגען אַצינד? האָסט דאָך זיי זיכער אַמאָל אונטערגעהאַלטן?

„...באַ־הערשן די ערד!“ — האָבן מיט יובלדיקן אויסגעשריי זיך צעפלאַטערט די ווערטער, אומדייטלעכע צוליב דער ווייטקייט, און ווידער האָט די שטילקייט זיך צעפליעסקעט איבערן סטעפּ. די קאָזאַקן זענען באַהערשט געוואָרן פון אַ בייזער פרייד לעכקייט. עמעצער האָט זיך צעלאַכט אינמיטן דער ליניע. מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט גראָב אויסגעשריגן:

— העי, איר דאָרט, איר הערט?! איבער דער ערד האָט זיך זיי פאַרגלוסט צו הערשן!... — און געזאָגט אַ מיאוס זידלוואָרט. — גריגאָר פּאַנטעלעיעוו! דערלויב מיר, איך וועל אָט יענעם פון פערד אַראָפּזעצן! איך וועל איינמאָל אויסשיסן!

נישט וואַרטנדיק אויף דער הסכּמה, האָט ער אויסגעשאָסן. די קויל האָט באַאומרויִקט דער רייטער. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען, אַוועקגעגעבן דאָס פערד, גענומען גיין פאָרויס דער ליניע, גלאַנצנדיק מיט דער אַנטבלויזטער שווערד.

די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן שיסן. די רויטע האָבן זיך אויסגעלייגט. גריגאָרי האָט באַפוילן צו עפענען אַ פייער פון מאַשינגעווער. נאָך צוויי מאָל אויסשיסן האָט די ערשטע ליניע זיך אויפגעהויבן און גענומען אַריבערלויפן. זיי זענען אָפּגעלאָפן אַ צען

קלאַפטער און ווידער זיך געלייגט. גריגאָרי האָט דערזען דורך דער לאָרנעטע, ווי די רויטאַרמייער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די לאָפעטקעלעך, זיך אַרומגראָבנדיק. איבער זיי האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלויער שטויב, פאַר דער ליניע זענען אויסגעוואַקסן קליינע בערגלעך, ווי ביי די נאָרעס פון באָבאַקעס. פון דאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן געבן זאַלפן. דאָס שיסעריי האָט זיך געשטאַרקט. עס האָט זיך פאַרנומען אויף אַ לאַנגער שלאַכט. אין אַ שעה אַרום האָבן ביי די קאָזאַקן זיך באַוויזן פאַרלוסטן. איינעם פון דער ערשטער אָפטיילונג האָט אַ קויל דערהרגעט אויף טויט, דריי פאַרווונדעטע זענען אַוועקגעקראָכן צו די פערד-אָנטרייבער אין טאָל אַריין. די צווייטע סאָטניע האָט זיך באַוויזן אין פלאַנג, זי איז, אויפהייבנדיק אַ שטויב, געגאַנגען אין אַטאַקע. די אַטאַקע איז אָפגעשלאָגן געוואָרן דורכן פייער פון די קוילנוואַרפער. מען האָט געזען, ווי די קאָזאַקן זענען אין פּאַניק געלאָפן צוריק, צונויפקנוילנדיק אין קופקעלעך און אויסשפרייטנדיק זיך ווי אַ פעכער. אָפטרעטנדיק, האָט די סאָטניע זיך אויסגעגלייכט און אָן געשריי געגאַנגען אַ צווייט מאָל. און ווידער האָט דאָס העפטיקע פייער זיי צוריקגעיאָגט, ווי דער ווינט יאָגט בלעטער.

אָבער די אַטאַקעס האָבן דאָך אַ וואַקל געטון די שטאַנדהאַפטיקייט פון די רויטגוואַרדייער, — די ערשטע רייען האָבן זיך אויסגעמישט, גענומען אָפטרעטן צוריק.

גריגאָרי האָט נישט אָפגעשטעלט דאָס פייער און אויפגעהויבן די סאָטניע. די קאָזאַקן זענען געגאַנגען, זיך נישט לייגנדיק. די נישט דעצידירטקייט און שווערע אומזיכערקייט, וואָס האָט זיי באַהערשט אין אָנהייב, איז אַזוי ווי פאַרשוווּנדן. זייער הייטערע שטימונג האָט אונטערגעהאַלטן די באַטאַרייע, וואָס איז שנעל צוגעפאָרן אויף דער פּאָזיציע. די ערשטע באַטאַרייע-אָפטיילונג, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אין קאַמפּס-אָרדענונג, האָט געעפנט אַ פייער. גריגאָרי האָט אַוועקגעשיקט אַ באַפעל צו די אָנטרייבער, זיי זאָלן צוברענגען די פערד. ער האָט זיך געגרייט צו אַן אַטאַקע. לעבן יענעם עפלבוים, פונוואַנען ער האָט אין

אָנהייב פון דער שלאַכט אָבסערווירט די רויטע, איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַקס דער דריטער האַרמאַט. אַ הויכער אָפּיציר אין שמאָלע גאַליפּע־הויזן האָט מיט אַ טענאָר בייז געשריגן אויף די פּאַרשפּעטיקטע רייטער, צולויפנדיק צום האַרמאַט און קלאַפּנדיק זיך מיטן שפּיצרוט איבער דער כאָליעווע:

— פיר אַוועק! נו?! דער טייוול זאָל אייך נעמען!...

אַ האַלבע וויאָרסט ווייט פון דער באַטאַרייע האָבן דער אָבסערוואַטאָר און דער עלטסטער אָפּיציר, אַראָפּשטייגנדיק פון די פערד, פון בערגל דורך דער לאָרנעטע געקוקט אויף די אָפּטרעטנדיקע רייען פון שונא. די טעלעפּאָניסטן האָבן לויפנדיק געשלעפּט דעם קאַבעל און פאַרייניקט די באַטאַרייע מיטן אָבסערוואַציע־פּונקט. די דיקע פינגער פון באַיאָרטן עסאַול — דעם קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע — האָבן נערוועז געדרייט דאָס רעדעלע פון דער לאָרנעטע (אויף איינעם פון זיינע פינגער האָט גאָלדיק זיך געפֿרייטלט דאָס קדושין־רינגל). ער האָט פאַרטון זיך געטאָפּטשעט אַרום דעם ערשטן האַרמאַט, אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ פון די אָפּקלינגענדיקע קוילן, און ביי זיין יעדער העפטיקער באַוועגונג האָט דער אָפּגעטראָגענער מיליטערישער טאַש זיך אים אין דער זייט נאָכגעבאָמבלט.

נאָכן פוכיקן און הילכיקן טראַסק האָט גריגאָרי דערקענט דאָס אָרט, וווּ דער ערשטער גראַנאַט אויף פּרווו איז געפאַלן, ער האָט זיך אומגעקוקט: די באַדינונג האָט מיט אָנשטרענגונג, סאָפּענדיק, אָנגעלאָדנט דעם האַרמאַט. דער ערשטער שראַפּנעל איז געפאַלן צווישן די סטויגן נישט אַראָפּגענומענעם ווייץ, און לאַנג איז אויפן בלויען פאָן צעגאַנגען דאָס בייגוולנע קניילעכל רויך, וואָס איז צעריסן געוואָרן דורכן ווינט.

פיר האַרמאַטן האָבן כסדר אַריבערגעוואָרפן גראַנאַטן אַהין, נאָך די אומגעוואָרפענע סטויגן ווייץ, אָבער איבער גריגאָריעס דערוואַרטונג, האָט דאָס האַרמאַטן־פייער נישט אַריינגעבראַכט קיין אָנזעעוודיקע צעמישונג אין די רייען פון די רויטע, — זיי זענען אַוועקגעגאַנגען נישט איילִיק, אָרגאַניזירט, זיך אַראָפּלאָזנדיק

פון באַרג אין טאָל, און די סאָטניע האָט זיי פאַרלוירן פון אויג. גריגאָרי, וועלכער האָט אַצינד פאַרשטאַנען די זינלאָזיקייט פון אַן אַטאַקע, האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן נאָך איבערצורעדן מיטן קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע. ער איז צוגעגאַנגען מיט אַ שווערן טריט און, באַרירנדיק מיט דער לינקער האַנט דאָס געקרייזלטע שפּיצל פון זיין וואָנסע, וואָס איז געל אָפּגעברענט געוועז פון דער זון, האָט ער פריינטלעך אַ שמייכל געטון:

— איך האָב געוואָלט גיין אין אַטאַקע.

— וואָס פאַר אַן אַטאַקע דאָרט! — דער עסאַול האָט העפטיק אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און מיט דער פאַרקערטער האַנט פאַרהאַלטן דאָס ריטשקעלע שווייס, וואָס איז אים אַפּערגערונען פון אונטערן דאַשעק. — איר זעט, ווי זיי ציִען אָפּ, די הינטישע זין? זיי וועלן זיך נישט לאָזן! און עס וואָלט אויך קאָמיש געווען, — דער גאַנצער אָנפירנדיקער קאָמפּלעט פון דידאָזיקע טיילן זייִערע — באַשטייט דאָך פון קאַדרען-אָפיצירן. מיין חבר, דער מיליטערישער עלטסטער סיעראָוו — דינט דאָך ביי זיי...

— פונוואַנען ווייסט איר? — גריגאָרי האָט אומגלויבלעך געזשמורעט די אויגן.

— איבערלויפער... אָפּשטעלן דאָס פייער! — האָט דער עסאַול קאָמאַנדעוועט און, ווי זיך צו באַרעכטיקן, אויפגעקלערט: — עס האָט קיין זין נישט כּתם צו שיסן, און גראַנאַטן האָבן מיר ווייניק... איר זענט מעליעכאָוו? לאָמיר זיין באַקענט: פּאָלטאַווצעוו. — ער האָט מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַריינגערוקט אין גריגאָריעס האַנט זיין גרויסע שווייסיקע האַנט, נאָך אַ קורצן דריק זי פלינק אַריבערגעוואָרפן אין געעפנטן אָפיצירישן טאַש אַריין און אַרויסגענומען די פּאַפּיראָסן. — פאַררייכערט!

מיט אַ טויב געוויש האָבן זיך אויפגעהויבן פון טאָל די רייטער. די באַטאַרייע איז צוגעגרייט געוואָרן צום אָפּפאָרן. גריגאָרי האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויפצוזיצן און אַוועקגעפירט זיין סאָטניע נאָך די רויטע, וואָס האָבן אָפּגעטרעטן אויף יענער זייט באַרג.

זיי האָבן פאַרנומען דעם צווייטן כוטאָר, אָבער אים אָפּגעגעבן אָן ווידערשטאַנד. דאָ האָבן זיך אָפּגעשטעלטדי דריי סאָטניעס מיט דער באַטאַרייע. די איבערגעשראָקענע מענטשן זענען נישט אַרויסגעקומען פון די הייזער. די קאָזאַקן האָבן זיך געדרייט איבער די הייף, זוכנדיק עסן. גריגאָרי איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד ביים הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט, עס אַריינגעפירט אין הויף און אָנגעבונדן ביים גאַנעק. דער באַלעבאָס — אַ לאַנגער באַיאָרטער קאָזאַק — איז געלעגן אויפן בעט און קרעכצנדיק געקייקלט דעם פּראָפּאָרציאָנעל-קליינעם פויגלישן קאָפּ איבערן ברודיקן קישן.

— ביסט קראַנק? — האָט גריגאָרי אַ שמייכל געטון, זיך באַגריסנדיק.

— קראַ-אַ-אַנק...

דער באַלעבאָס האָט זיך געמאַכט קראַנק, און לויטן אומרויִקן בלינצלען פון זיינע אויגן, זיך משער געווען, אַז מען גלייבט אים נישט.

— איר וועט געבן עפּעס עסן די קאָזאַקן? — האָט גריגאָרי סאָדערנדיק געפרעגט.

— און וויפיל זענט איר? — די באַלעבאָסטע איז אַוועקגעגאַנגען פון אויוון.

— פינף.

— נו, מילא, קומט אַריין, מיר וועלן זיך טיילן מיט וואָס גאָט האָט געגעבן.

גריגאָרי האָט אָפּגעגעסן מיטאָג מיט די קאָזאַקן און אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

לעבן ברונעם איז געשטאַנען אין פולער מיליטערישער גרייטקייט די באַטאַרייע. די איינגעשפּאַנטע פערד האָבן געגעסן דעם גערשטן, טרייסלענדיק מיט די טאָרבעס. די רייטער און באַדינונג האָבן זיך באַהאַלטן פאַר דער זון אין שאָטן פון די קוילן-קעסטלעך, זענען געזעסן און געלעגן ביי די האַרמאַטן. איין אַרטילעריסט איז געשלאָפן מיטן פנים אַראָפּ, די פיס פאַרלייגט

איינער איבערן אַנדערן און געציקט מיט אַן אַקסל אין שלאָף. ער איז מסתמא פריער געלעגן אין שאָטן, אָבער די זון האָט זיך אי־בערגערוקט און אַציגד געברענט זיינע אָפּגעדעקטע געקרייזלטע האָר, וואָס זענען באַשיט געווען מיט שטרויעלעך.

אונטערן ברייטן רעמעגמענעם געשפּאַן פון די פערד האָט פון שווייס געגלאַנצט די נאַסע שוימיק־געלע פעל. די ביים פאַרקן אָנגעבונדענע אָפיצירישע רייט־פערד און זייער באַדינונג זענען געשטאַנען מיט מיד־געבויגענע פיס. די קאָזאַקן — פאַרשטויבטע און שווייסיקע — האָבן שווייגנדיק גערוט. די אָפיצירן און דער קאָ־מאַנדיר פון דער באַטאַרייע זענען געזעסן אויף דער ערד, אָנגע־לענט מיט די רוקנס אָן ברונעם און גערייכערט. נישט ווייט פון זיי, מיט אויסגעשטרעקטע פיס, ווי אַ זעקס־עקיקער שטערן, זענען געלעגן קאָזאַקן אויפן פאַרטרוקנטן גראָז. זיי האָבן מיט פאַרטוענע פנימער געשעפּט זויערמילך פון אַן עמער, און פון צייט־צו־צייט האָט עמעצער אויסגעשפּיגן אַ גערשטן־קערנדל, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין מויל.

די זון האָט געבאַקן אומרחמנותדיק. דער כוטאָר האָט אויסגעשפּרייט צום באַרג זיינע כמעט פּוסטע גאַסן. אין די שפּייכ־לערס, אונטער די דעכער פון די שאָפּעס, ביי די פּאַרקנס, אין געלן שאָטן פון ווילדן רעטעך זענען געשלאָפן קאָזאַקן. די נישט־אויסגעזאָטלטע פערד, וואָס זענען געדיכט צעשטעלט געווען ביי די פּאַרקנס, האָבן זיך געמאַטערט פון היץ און דרימל. עס איז פאַרבייגעריטן אַ קאָזאַק, פויל אויפגעהויבן דעם ראַפּניק ביז צום פערדס רוקן. און ווידער האָט די גאַס זיך געצויגן — ווי אַ פאַר־געסענער שליאַך אין סטעפּ, און צופעליק און איבעריק האָבן אויף איר אויסגעזען די גרין־געפאַרבטע האַרמאַטן און שלאָפנ־דיקע, פון די מאַרשן און דער זון, פאַרמאַטערטע מענטשן.

געפּייניקט פון לאַנגווייליקייט, האָט גריגאָרי שוין געוואָלט אַריינגיין אין הויז, אָבער לענגאויס דער גאַס האָבן זיך באַוויזן דריי רייטער־קאָזאַקן פון אַ פרעמדער סאָטניע. זיי האָבן געטריבן אַ קליין קופּקעלע געפאַנגענע רויטאַרמייער. די אַרטילעריסטן האָבן

זיך אַ רודער געטון, אויפגעשטאַנען, אָפּגעקלאַפּט דעם שטויב פון די בלוזעס און הויזן. עס זענען אויך אויפגעשטאַנען די אָפּי-צירן. אין שכנישן הויף האָט עמעצער פריידיק אויסגעשריגן:

— חברה, מען טרייבט געפאַנגענע!... איך זאָג ליגנט? שווער איך ביי דער הייליקער מוטער!

פון די הייף זענען אַיילִיק אַרויסגעגאַנגען פאַרשלאָפענע קאָ-זאַקן. די געפאַנגענע זענען צוגעקומען — אַכט פאַרשטויבטע יונגע חברהלייט, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַ שווערן ריח פון שווייס אַרום זיך. מען האָט זיי געדיכט אַרומגערינגלט.

— ווו האָט מען זיי פאַרנומען? — האָט געפרעגט דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע, באַטראַכטנדיק די געפאַנגענע מיט קאַלטער נייגיריקייט.

איינער פון די קאָנוואָי-לייט האָט געענטפערט, נישט אָן באַרימערישער צופרידנהייט:

— מלחמה-פּירעך! דאָס האָבן מיר זיי צווישן די זון-רויזן ביים כוטאָר געפאַנגען. זיי האָבן זיך באַהאַלטן ווי וואַכטלען פאַר אַ שפּאַרבער. מיר האָבן זיי פון די פערד דערזען און גענומען יאָגן. איינעם האָבן מיר דערהרגעט...

די רויטגוואַרדייער האָבן דערשראָקן זיך געטוליעט. זיי האָבן משמעות מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט דערהרגענען. זייערע אויגן זענען הילפלאָז אַרומגעלאָפן איבער די פּנימער פון די קאָזאַקן. בלויז איינער, לויטן אויסזען אַן עלטערער, אַ ברוין-אָפּגעברענטער, מיט בולטע באַקן-ביינער, אין אַ ברודיקער בלוזע און שטאַרק-אָפּגענוצטע וויקלערס, האָט מיט פאַראַכטונג געקוקט איבער די קעפּ מיט עטוואָס שיקלדיקע שוואַרצע אויגן און שטאַרק-פאַרפּרעסטע ביז בלוט-צעהאַקטע ליפּן. ער איז געווען אַ פעסט-געבויטער, אַ ברייטפּלייציקער. אויף זיינע שוואַרצע האַרטע האָר, ווי ביי אַ פערד, איז געזעסן, ווי אַ גרינער שטריך צוגעפּלאַטשט, אַ היטל מיט אַ צייכן פון אַ קאָקאַרדע, וואָס האָט זיך ביי אים דערהאַלטן, אפשר, נאָך פון דער דייטשישער מלחמה. ער איז גע-שטאַנען פריי, מיט שוואַרצע גראָבע פינגער און פאַרטרוקנט בלוט

אויף די נעגל זיך צוגערירט צום אויפגעשפּיליעטן קאָלנער פון העמד און שאַרפן גאָרגל־קנאָפּ, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט שוואַרצע האַרטע האָר. אויסערלעך האָט ער אויסגעזען גלייכגילטיק, אָבער דער פריי־אַרויסגעשטעלטער פוס, ביז דער קני אומגעלומפּערט דיק פון וויקלער, וואָס איז געווען אַרומגעדרייט אַרום הויז, האָט פּיבערהאַפט געציטערט. די איבעריקע זענען געווען בלייך, אָן אויסדרוק. בלויז ער איינער אַליין האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין צוליב זיינע ברייטע אַקסלען, טאַטערישן און ענערגישן פּנים. אפשר דערפאַר האָט דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע זיך געווענדט צו אים מיט דער פראַגע:

— ווער ביסטו?

דעם רויטגוואַרדייערס קליינע אויגן, ענלעכע צו שטיקלעך אַנטראַציט, זענען באַלעבט געוואָרן, און ער אינגאַנצן האָט עפּעס אומבאַמערקט, אָבער פלינק זיך אַ שטעל געטון.

— אַ רויטגוואַרדייער. אַ רוס.

— וווּ געבוירן?

— אַ פּענזער.

— אַ פרייוויליקער, אויסוורף?

— ניין. אַ העכערער אונטעראָפיציר פון דער אַלטער אַרמיי. גענומען געוואָרן אין זיבעצנטן יאָר, און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג...

איינער פון די קאָנוואָי־לייט האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס:

— ער האָט געשאָסן אויף אונז, דער פיינטלעכער הונט!

— געשאָסן? — האָט דער עסאַול זיך אָנגעכמורעט, און אויפכאַפּנדיק גריגאָריעס בליק, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים, מיט די אויגן אַ וויַיז געטון אויפן געפאַנגענעם. — וואָס זאָגט איר צו אים?... — געשאָסן, האַ? וואָס־זשע, עס איז דיר נישט איינגעפאַלן, אַז מען וועט דיך פאַנגען? און אויב מען וועט דיך אַצינד פאַר דעם פאַרטיק מאַכן?

— איך האָב מיך געוואָלט אָפּשיסן. — די צעהאַקטע ליפּן האָבן זיך צעעפנט אין אַ שולדיקן שמייכל.

— אַ שיינע פרי! פאַרוואָס־זשע האָסטו דיך נישט אָפּגע־שאָסן?

— אַ־אַ־אַ... — דעם עסאַולס אויגן זענען קאַלט געוואָרן, אָבער ער האָט געקוקט אויפן זעלנער מיט נישט פאַרבאָרגענער צופרידנהייט. — און איר, הינטישע זין, פונוואַנען זענט? — האָט ער שוין מיט גאָר אַן אַנדערן טאָן געפרעגט, באַלאַנזשענדיק מיט פריילעכע אויגן איבער די איבעריקע.

— ציביליזירטע זענען מיר, אייער הויכוויילגעבוירנהייט! סאָראָטאָוער... באַלאַשאָווער... — האָט אַרויסגעקרעכצט אַ הויכער בחור מיט אַ לאַנגן האַלז, אָפּט מרוגעמדיק און קראַצנדיק זיך די זשאַווער־געלע האָר.

גריגאָרי האָט מיט פיינלעכער נייגיריקייט באַטראַכט די יונגע חברהלייט אין האַקי־קאַליר, זייערע פשוטע פויערישע פנימער, נישט אָנזעעוודיקן אינפאַנטעריע־אויסזיכט. פיינטשאַפט האָט געוועקט אין אים בלויז דער איינער מיט די ברייטע באַקנביינער. ער האָט זיך געווענדט צו אים שפּאָטיש און בייז:

— נאָכוואָס האָסטו דיך מודה געווען? דו האָסט מסתמא ביי זיי אַ ראָטע אָנגעפירט? ביסט אַ קאָמאַנדיר? אַ קאָמוניסט? קוילן, זאָגסטו, האָבן דיר פאַרפעלט? און מיר וועלן דיך דער־פאַר מיט די שווערדן צעהאַקן — וואָס וועסטו אויף דעם זאָגן?

דער רויטגוואַרדייער, באַוועגנדיק מיט די נאָזלעכער, וואָס זענען ביי אים צעהאַקט געווען דורך אַ קאָלבע, האָט שוין דרייס־טער געזאָגט:

— איך האָב מיך מודה געווען נישט צוליב העלדישקייט. וואָס וועל איך לייקענען? האָסט געשאָסן — זיי דיך מודה... נישט אַזוי? וואָס שייך ווידער... מילא, דערהרגעט. איך דערוואַרט

נישט פון אייך קיין גוטס, אויף דעם זענט איר דאָך קאָזאַקן... — און ער האָט ווידער אַ שמייכל געטון, דער אויסוואורף...

אַרום האָט מען געשמייכלט מיט באַגיטיקונג. באַזיגט דורכן סאָלדאַטס לאָגישן רעדן, איז גריגאָרי אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געזען, ווי די געפאַנגענע זענען צוגעגאַנגען צום ברונעם זיך אָנטרינקען. פון געסל איז אין רייען אַרויסגעגאַנגען אַ סאָטניע קאָזאַקישע פוסגייער.

IX

אויך שפעטער, ווען דאָס פולק איז אַריין אין אַ פאַזע פון בסדרדיקע שלאַכטן, ווען אָנשטאָט שוץ־פונקטן איז אין קרומע זיגזאַגן געלעגן פונאַנדערגעוויקלט דער גאַנצער פראָנט, האָט גריגאָרי תמיד, ביים צונויפטרעפן זיך מיטן שונא, אין אוממיטלבאַרער נאָענטקייט מיט אים, איבערגעלעבט אַלץ דאָס זעלבע שאַרפע געפיל פון גרויסער, אומגעזעטיקטער ניי־גיריקייט צו די באַלשעוויקעס, צו די רוסישע זעלנער, מיט וועלכע ער האָט צוליב עפעס געמוזט זיך שלאָגן. אין אים איז ווי אויף אייביק פאַרבליבן יענץ נאַיִווע קינדישע געפיל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די ערשטע טעג פון דער פיריעריקער מלחמה, ווען ער האָט הינטער לעשניוו פון בערגל צום ערשטן מאָל אָבסערווירט דאָס באַוועגן זיך פון עסטרייך־אונגאַרישן חייל און די טאַבאָרן. „און וואָס פאַר אַ מענטשן זענען דאָס ? וואָסערע זענען זיי ?” ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען אין זיין לעבן קיין פעריאָד, אין וועלכן ער האָט זיך געשלאָגן הינטער גלובאָקאָיע מיט טשערניעצאָווס אָפטיילונג. אָבער דעמאָלט האָט ער גוט געקענט זיינע שונאים, — צומיינסט זענען דאָס געווען דאָנער אָפיצירן, קאָזאַקן. און דאָ איז אים אויסגעקומען צו האָבן צו טון מיט רוסישע זעלנער, מיט עפעס אַנדערע מענטשן, מיט די, וואָס האָבן אין זייער רוב געשטיצט די סאָוויע־

טישע מאַכט און געשטרעבט, ווי ער האָט געמיינט, צו פאַרכאַפּן די קאָזאַקישע ערד און זייערע גיטער.

נאָך איין מאָל האָט ער עפּעס אין אַ שלאַכט כמעט אויג אויף אויג זיך צונויפגעטראָפן מיט רויטגוואַרדייער, וואָס האָבן אומגעריכט זיך אַרויסגעשיט פון אַ זייטיקער הייל. ער איז אַרויסגעריטן מיט זיין אָפּטיילונג אויף אויסשפּירונג, צוגעריטן איבער דער שיפּוע פון דער הייל צום אָרט, ווו זי האָט זיך גענומען פונאַנדערצווייגן, און דאָ פלוצלינג דערהערט רעדן רוסיש מיט אַ האַרטער „ג", שעלטן אין דער מאַמען אריין און אַ דראָבנע שאָרכען פון טריט. עטלעכע רויטגוואַרדייער — צווישן זיי איין כינעזער — זענען אַרויסגעשפּרונגען אויפן באַרג און, צעטומלטע דורכן אָנבליק פון די קאָזאַקן, אויף אַ רגע פאַרגליווערט געבליבן אין פאַרוווּנדערונג.

— קאָזאַקן! — האָט איינער מיט אַ דערשראָקן קוואַקענדיק קול אויסגעשריגן, פאַלנדיק.

דער כינעזער האָט אויסגעשאָסן. און באַלד האָט יענער בלאָנדער, וואָס איז געפאַלן, שאַרף און שנעל גענומען שרייען, זיך פאַרכליניענדיק:

— חברים! די מאַקסימקע דערלאַנגט! קאָזאַקן!

— דערלאַנג-זשע! קאָזאַקן!...

דעם כינעזער האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו אָוועקגעלייגט מיטן נאַגאַן און, האַסטיק אויסדרייענדיק דאָס פערד, שטויסנדיק דערמיט גריגאָריעס פערד, האָט ער דער ערשטער אָוועקגאַלאָפּירט איבער דער קרומער שיפּוע פון דער הייל, אַרבעטנדיק מיט די לייצן און אָנפּירנדיק איבער די גריביקע ערטער מיטן צעשראָקענעם לויפן פון פערד. נאָך אים האָבן גאַלאָפּירט די איבעריקע, זיך קנוילנדיק און באַמיִענדיק איבערצויאָגן איינער דעם אַנדערן. הינטער זייערע רוקנס האָט מיט אַ באַריטאָן גענומען ברומען אַ קוילנוואַרפער, די קוילן האָבן אָפּגעהאַקט די בלעטער פון די קוסטעס און ווילדע יימלעך, וואָס זענען געדיכט געוואַקסן

אויף די שיפּועים און שפּיצן בערגלעך, געקרישלט און ווילד גע־
ריסן דעם שטייניקן באָדן פון טאָל.

נאָך עטלעכע מאָל האָט ער זיך צונויפגעטראָפן פּנים קעגן
פּנים מיט די רויטע, געזען, ווי די קוילן פון די קאָזאַקן האָבן
אַפּערגעריסן די ערד ביי די רויטאַרמייער פון אונטער די פיס,
און יענע זענען געפאַלן און זיך געשיידט מיטן לעבן אויף דער־
דאָזיקער פּרוכטבאַרער, זיי פרעמדער ערד.

און ביסלעכווייז האָט גריגאָרי אָנגעהויבן זיך דורכדרינגען
מיט אַ פייַנטשאַפט צו די באָלשעוויקעס. זיי האָבן זיך אַרייַנגעריסן
אין זיין לעבן ווי שונאים, אים אַוועקגענומען פון דער ערד! ער
האָט געזען: ווי דאָס זעלבע געפיל באַהערשט אויף די אַנדערע
קאָזאַקן. זיי אַלע האָט זיך געדאַכט, אַז בלויז צוליב דער שולד
פון די באָלשעוויקעס, וואָס זענען אָנגעפאַלן אויף זייער פּראָווינץ,
קומט פאַר דידאָזיקע מלחמה. און קוקנדיק אויף די נישט אָראָפּ־
געראַמטע סטויגן ווייץ, אויף דער נישט אָפּגעשניטענער, דורך די
קאָפּיטעס צעטרעטענער תבואה, אויף די ליידיקע שייערס, האָט
איטלעכער זיך דערמאָנט אָן זיינע דיעסיאַטינען, אויף וועלכע עס
אַרבעטן איבער די כוחות די באָבעס, און דאָס האַרץ איז אין אים
האַרט און חיהש־פאַרווילדעט געוואָרן. גריגאָריען האָט זיך טייל־
מאָל אין קאַמף געדאַכט, אַז אויף די פייַנט זיינע – די טאַמבאָ־
ווער, ריאַזאַנער, סאַראַטאָווער פּויערים – גייען זיך שלאָגן, גע־
טריבן פון זעלבן אייפעריקן געפיל נאָך ערד. „מיר שלאָגן זיך פאַר
איר, ווי פאַר אַ געליבטער” – האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון.

מען האָט אָנגעהויבן ווינציקער נעמען אין געפאַנגענשאַפט.
אַלץ אָפטער זענען געוואָרן די פאַלן פון דערהרגענען די געפאַנ־
גענע. אין אַ ברייטערער כוואַליע האָבן זיך צעגאָסן איבערן פראָנט
די רויבערייען: מען האָט גערויבט ביי די פאַרדעכטיקע אין סימ־
פּאַטיע צו די באָלשעוויקעס, ביי די משפחות פון די רויטגוואַר־
דייער, מען האָט אויסגעטון נאַקעט די געפאַנגענע...

מען האָט גערויבט אַלץ, אָנהייבנדיק פון פערד און בריטש־

קעס און פאַרענדיקנדיק מיט פולשטענדיק נישט נייטיקע זאַכן, וואָס זענען בלויז געפאַלן צולאַסט.

עס האָבן גערויבט סיי די קאָזאַקן, סיי די אָפיצירן. די טאַבאָרן זענען אָנגעשוואָלן געווען פון רויב. וואָס איז אַלץ נישט געווען אויף די וואָגנס! אי אָנטון, אי סאַמאָוואַרן, אי ניי-מאַשינען, אי פערדישע געשפאַנען — אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט וועלכן ס'איז ווערט. דער רויב איז פון די טאַבאָרן אָפטראַנספּאָרטירט געוואָרן איבער די הייזער. עס זענען געקומען קרובים, זיי האָבן געפירט שפּייז און אַמוניציע פאַר דער אָפּטיילונג און צוריקצוּוועג אָנגעלאָדן די ברישקעס מיט דעם גערויבטן. די רייטער-פולקן — און זיי זענען געווען צומייַנסט — האָבן זיך אויפגעפירט באַזונדערס הפקרדיק. אַ פוסגייער האָט, חוץ אין טאָרניסטער, נישט געהאַט וווּ צו לייגן, אָבער דער רייטער האָט זיך אָנגעפּאַקט די זעק ביים זאָטל, פאַרשנירט אין די רימענס, און זיין פערד איז מער ענלעך געווען צו אַ לאַסט-חיה, ווי צו אַ פראָנט-פערד. זיי האָבן זיך צעגאַרטלט, די ברידערלעך. דער רויב אין דער מלחמה איז תמיד געווען די וויכטיקסטע טרייב-קראַפט פאַר די קאָזאַקן. גריגאָרי האָט דאָס געוווּסט אי פון דעם, וואָס די אַלטע פלעגן דערציילן וועגן אַמאָליקע מלחמות, אי פון דער אייגענער פּראַקטיק. נאָך בשעת דער דייטשישער מלחמה, ווען דאָס פולק איז געגאַנגען אין הינטערלאַנד פון פּרייסן, האָט דער בריגאַדע-קאָמאַנדיר — אַ פאַרדינסטפולער גענעראַל — אויסגעשטעלט צוועלף סאָטניעס און אַ זאָג געטון, אָנווייזנדיק מיטן ראַפּניק אויפן קליינעם שטעטל, וואָס איז געלעגן הינטער די בערגלעך:

— וועט איר זי נעמען — גיב איך די שטאָט אויף צוויי שעה צו אייער דיספּאָזיציע. אָבער נאָך די צוויי שעה וועט דער ערשטער, וואָס וועט געכאַפּט ווערן ביים ראַבירן, — געשטעלט ווערן צו דער וואַנט.

גריגאָריען איז דאָס איבער עפּעס נישט איינגעגאַנגען אין האַרץ, ער האָט גענומען בלויז שפּייז און פאַשע פאַרן פערד, אומקלאָר זיך שרעקנדיק צו נעמען פרעמד אייגנס און מיט ווידער-

ווילן זיך באַציִענדיק צו די רויבערייען. באַזונדערס עקלהאַפט האָט אים אויסגעזען דאָס רויבן ביי די אייגענע קאָזאַקן. די סאָטניע האָט ער געהאַלטן שטרענג. אויב זיינע קאָזאַקן האָבן שוין עפּעס גענומען, איז עס געווען אין געהיים און אין זעלטענע פאַלן. ער האָט נישט באַפוילן אומצוברענגען און אויסטון די געפאַנגענע. מיט זיין איבערמעסיקער ווייכקייט אַרויסגערופן אומצופרידנהייט ביי די קאָזאַקן און דעם פּולק-קאָמאַנדיר. מען האָט אים אַרויסגערופן אויף אַן אויפקלערונג אין דיוויזיע-שטאַב. איינער פון די שטאַב-לייט איז אָנגעפאַלן אויף אים, גראָב זיך צעשרייענדיק:

— וואָס מאַכסטו מיר קאַליע די סאָטניע, כאַרוּנזשי? וואָס פאַר אַ ליבעראַלע שטיק פירסטו איין? ווילסט דיך אויף יעדן פאַל פאַרזיכערן? שפּילסט אַ טאָפּעלע שפּיל, ווי אַמאָל?... ווי אַזוי קאָן מען אויף דיר נישט שרייען?... נאַר אָן טענות! וואָס דיסציפּלין איז — ווייסטו? ווילסט — מיר זאָלן דיך טוישן? וועלן מיר דיך טוישן! כ׳באַפעל דיר היינט שוין איבערצוגעבן די סאָטניע! און — קיין וואָרט נישט מער!

סוף חודש האָט דאָס פּולק צוזאַמען מיט דער דריי-און-דרייסיקסטער סאָטניע פון יעלאַנער פּולק, וואָס איז מיטגעגאַנגען אין דער זייט, פאַרנומען דעם כוטאָר גרעמיאַטשי לאָג.

אונטן אין טאָל האָבן געדיכט זיך געטוליעט ווערבעס, יעשאַנס און טאָפּאָלן. איבער דער שיפּוע זענען צעשטעלט געווען אַ דריי צענטליק ווייסע כאַטעס, אַרומגעצוימטע מיט אַ נידעריקער שטיינערנער צוים. איבערן כוטאָר, אויפן באַרג, איז געשטאַנען אַן אַלטע ווינטמיל, צעטריטלעך פאַר אַלע ווינטן. אויפן פאָן פון ווייסן וואָלקן, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פון הינטערן באַרג אַפער, האָבן אירע טויט-שטאַרנדיקע פליגל קרום זיך געשוואַרצט, ווי אַן אָנגעבויגענער צלם. דער טאָג איז געווען רעגנדיק און כמורנע. איבערן טאָל האָט געפּרושעט אַ געלער געוויטער: די בלעטער האָבן שאַרכענדיק זיך געלייגט איבער דער ערד. די שיין-געוואַקסענע ווערבעס האָבן דורכגעלויכטן מיט מאַלינע-בלוט. די שייערס

האָבן זיך געבערגלט מיט זייער לייכטנדיק שטרוי. אַ ווייכער ערב־ווינטערדיקער איבערציִער האָט מאַט צוגעדעקט די שמעקנדיקע ערד.

גריגאָרי האָט פאַרנומען מיט זיין אָפּטיילונג דאָס הויז, וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן דורך די קוואַרטירמייסטערס. דער באַלעבאָס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַוועקגעגאַנגען מיט די רויטע. די אַלטע שיינע באַלעבאָסטע מיט דער יונגער טאָכטער האָבן גוטוויליק באַדינט די אָפּטיילונג. גריגאָרי איז אַריינגעגאַנגען פון קיך אין דער שטוב און זיך אַרומגעקוקט. די באַלעבאַטים האָבן, אַפּנים, געלעבט ברייוות: געפאַרבטע דילן, ווינער שטולן, אַ שפּיגל אויף די ווענט, געוויינטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון מיליטערלייט און אַ שילערישע שריפטלעכע אויסצייכענונג אין אַ שוואַרץ רעמל. גריגאָרי האָט אויפגעהאָנגען דאָס רעגנמאַנטל אויפן אויוון און פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס.

עס איז אַריינגעקומען פּראָכאָר זיקאָוו, אַוועקגעשטעלט די ביקס ביים בעט און גלייכגילטיק מודיע געווען:

— דער טאַבאָר איז געקומען. מיט אים אויך אייער פאָטער, גריגאָר פּאַנטעלעיעוויטש.

— נו, זאָג נישט קיין ליגנט!

— אויף אַן אמת. חוץ אים, נאָך אַ זעקס וואָגנס פון אונזער כוטאָר. גיי, באַגריס דיך מיט זיי!

גריגאָרי האָט גענומען דעם שינעל אויף די אַקסלען און אַרויסגעגאַנגען.

אין טויער האָט ביי דער צוים אַריינגעפירט די פערד פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש. אויף דער בריטשקע איז געזעסן דאַריאַ, איינגעטוליעט אין טולופּ פון היימישער אויסאַרבעטונג. זי האָט געהאַלטן די לייצן און פון אונטערן נאַסן קאַפּטור אָפּגעשמייכלט צו גריגאָריען מיט גלאַנציקע לאַכנדיקע אויגן.

— וואָס האָט אייך אַהערגעבראַכט, לאַנדסלייט? — האָט גריגאָרי אויסגעשריגן, שמייכלענדיק צום פאָטער.

— אָ, זון מײַנער, אַבי מען זעט דיך געזונט ! צו גאַסט זע־נען מיר געקומען, אומגעבעטענע צוגעפאָרן.

גריגאָרי האָט גײַענדיק אַרומגענומען דעם פאָטערס ברייטע אַקסלען, אָנגעהויבן אָפּטשעפּען די שטריק פון די אָרטשיקעס.

— האָסט דיך נישט געריכט, זאָגסטו, גריגאָרי ?

— אוודאי.

— און מיר, זעסטו, זענען באַשטימט געוואָרן מיטן טאַבאָר צו פאָרן... פאַרנומען אונז. גראַנאַטן אײַך געבראַכט, — אָבער קעמפט.

אויסשפּאַנענדיק די פערד, האָבן זיי זיך דורכגעוואָרפן מיט אָפּגעריסענע פראַזן. דאַריאַ האָט אַראָפּגענומען פון דער בריטשקע דעם פּראָוויאַנט און פאַשע פאַר די פערד.

— און דו נאָכוואָס ביסט געקומען ? — האָט גריגאָרי גע־פרעגט.

— מיטן טאַטן. ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, פון יום־טוב אָן נאָך אַלץ נישט צו זיך געקומען. די מאַמע האָט זיך געשראָקן : טאָמער מאַכט זיך עפּעס, און ער וועט זײַן אַליין אין דער פרעמד...

צוזאָרפנדיק די פערד העל־גרינעם שמעקעדיקן פעוש, איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש צוגעגאַנגען צו גריגאָריען, געפרעגט מיט אַ הייזעריק שעפּטשען און אומרויִק ברייט צעעפנט די שוואַר־צע אויגן מיט די קרענקלעך־רויטע ווייסלען :

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס ?

— נישקשה. מיר פירן מלחמה.

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז די קאָזאַקן ווילן כלומרשט נישט אַריבערטרעטן די גרענעץ... איז דאָס אמת ?

— פּלוידערייען... — האָט גריגאָרי אויסמײַדנדיק גע־ענטפערט.

— וואָס מײַנט איר עס מיט זיך, ברידער ? — האָט דער אַלטער אָנגעפרעמדט און פאַרלוירן געזאָגט. — וואָס איז דאָס אַזוינס ? און די אַלטע לײַט בײַ אונז לייגן אויף אײַך האָפענונ־

גען... וואָר־זשע, חוץ אייך, וועט פּאָטערל־דאָן פּאַרטיידיקן, אויב איר — גאָט באַהיט! — וועט נישט וועלן מלחמה האַלטן?... וואָס האָט דאָס צו באַטייטן? אייערע לייט פון טאַבאָר האַלטן אין איין פלוידערן... רופן אַרויס אומרויִקייט, די הינטישע זין!

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע. עס זענען זיך צונויפגעקומען קאָזאַקן. דער שמועס האָט לכתחילה זיך געדרייט אַרום די נייעסן פון כוטאָר. דאַריאַ האָט זיך דורכגעשעפּטשעט מיט דער באַלעבאָסטע, אויפגעבונדן דאָס פּעקל פּראָוויאַנט און גענומען גרייטן נאַכטעסן.

— מען שמועסט, דו ביסט שוין אויס סאָטניע־קאָמאַנדיר? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפרעגט, זיך צעקעמענדיק די צונויפגעקנאָדערטע באָרד מיט אַ ביינערן קעמעלע.

— איך פיר אַצינד אָן מיט אַן אָפּטיילונג.

גריגאָריעס גלייכגילטיקער ענטפער האָט דעם פאָטער אַ שטאָך געטון. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אָנגעכמורעט דעם שטערן, צוגעהינקט צום טיש, צעשטרייט אָפּגעזאָגט די תּפילה און, אָפּווישנדיק דעם לעפל מיט דער פּאָלע פון טשעקמען, באַליידיקט געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט מען עס דיך אַזוי באַהאַנדלט? דו האָסט אפשר די אָנפירערשאַפט נישט צופרידנגעשטעלט?

גריגאָריען האָט זיך נישט געגלוסט צו רעדן וועגן דעם אין קעגנוואַרט פון די קאָזאַקן, ער האָט איבערדריסיק אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל:

— מען האָט געשיקט אַ נייעם... אַ געבילדעטן.

— דין־זשע זיי אַזוי אויך, זון מיינער! זיי וועלן זיך שנעל איבערצייגן! אַ געבילדעטער האָט זיך זיי פאַרגלוסט! זאָג זיי: מיך האָט די דייטשישע מלחמה אויסגעבילדעט, איך ווייס אַ סך מער, ווי נישט איין געבילדעטער!

דער אַלטער האָט אָפן אויסגעדרוקט זיינע תּרעומות און גריגאָרי האָט זיך געקרומט, קוקנדיק זייטיק אויף די קאָזאַקן, צי זיי שמייכלען נישט?

די דעגראַדאַציע האָט אים נישט געערגערט. ער האָט גערן איבערגעגעבן די סאָטניע, פאַרשטייענדיק, אַז ער וועט אַזוי אַרום נישט דאַרפן טראָגן די אחריות פאַרן לעבן פון די כוטאָר-לייט. אָבער זיין אייגנליבע איז דאָך געקרענקט געווען, און דער פאָטער האָט מיט זיינע רייד אומווילנדיק אים פאַרשאַפט עגמת-נפש.

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, און פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, דערפילנדיק זיך שטאַרקער אין דער אָנוועזנהייט פון אַריינגעקומענעם לאַנדסמאַן באָגאַטיריעוו, האָט אָנגעהויבן רעדן:

— האַלט איר זיך טאַקע ביים געדאַנק — נישט צו גיין ווייטער פון די גרענעצן?

פּראָכאָר זיקאָוו האָט אָפּט געמרוגעט מיט די קעלבערנע מילדע אויגן, געשוויגן און שטיל געשמייכלט. מיטקאַ קאָרשונאָוו איז געזעסן טשיפּקע ביים אויוון און זיך געבריט די פינגער מיטן שטיקל פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט צוגעוויכערט. די איבעריקע דריי קאָזאַקן זענען געזעסן און געלעגן אויף די בענק. אויף דעם דאָזיקער פראַגע האָט עפּעס קיינער נישט געענטפערט. באָגאַטיריעוו האָט פאַרביטערט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— זיי נעמען זיך די זאַכן נישט איבעריק צום האַרץ. — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ געדיכטן הודזשענדיקן באַס — פאַר זייערטוועגן מעג אפילו קיין גראָז אויף די פעלדער נישט וואַקסן...

— און נאָך וואָס זאָלן מיר גיין ווייטער? — האָט פויל געפרעגט דאָס קרענקלעכע קאָזאַקל אַליין. — נאָך וואָס זאָלן מיר טאַקע גיין? מיר זענען געבליבן יתומים נאָכן ווייב, און איך וועל גיין אומזיסט דאָס לעבן אַוועקגעבן.

— מיר וועלן זיי פון דער קאָזאַקישער ערד אַראָפּטרייבן — און זיך אומקערן אַהיים! — האָט אים אַ צווייטער אָנטשלאָסן אונטערגעהאַלטן.

מיטקאַ קאָרשונאָוו האָט אַ שמייכל געטון בלויז מיט די גרינע אויגן, זיך פאַרדרייט די דינע ווייכע וואָנסע.

— פאר מיינעטוועגן קאָן מען כאָטש נאָך פינף יאָר מלחמה האַלטן. איך האָב ליב!

— אַרויסגיין!... זאָטלען! — האָט מען געגומען רופן פון הויף.

— איר זעט! — האָט אַליין פאַרצווייפלט אויסגעשריגן. — איר זעט, פאָטער! מען האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצוטרוקענען, און דאָרט שרייט מען שוין — „אַרויסגיין!" ווידער, הייסט עס, אויף דער פּאָזיציע! און איר זאָגט: גרענעצן! וואָס פאַר אַ גרענעצן קאָנען דאָ זיין? אַהיים דאַרף מען זיך אומקערן! צו שלום דאַרף מען זיך דערשלאָגן, און איר זאָגט...

דער אַליאַרם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשער. גריגאָרי האָט אַ בייזער אַריינגעפירט דאָס פערד אין הויף, אָן אַ סיבה עס אַ זעץ געטון מיטן שטיוול אונטער דער פּאַכווע און מיט ווילד אַרויסגעשטאַרצטע אויגן אַ רעווע געטון:

— דו, טייוול! גיי גלייך!

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געררייכערט ביי דער טיר. דורכלאָזנדיק די אַריינגייענדיקע קאָזאַקן, האָט ער געפרעגט:

— וואָס זענט איר אויפגערעגט?

— אַן אַליאַרם!... אַ טאַבון בהמות האָבן זיי פאַר די רויטע אָנגענומען.

גריגאָרי האָט אויסגעטון דעם שינעל און זיך געזעצט בייַם טיש. די איבעריקע האָבן קרעכצנדיק זיך אויסגעטון, אָנגעוואָרפן די שווערדן, ביקסן און קוילן-טאַשן אויף די בענק.

ווען אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַרויסגערופן גריגאָריען אויפן הויף. זיי האָבן זיך געזעצט אויפן גאַנעק.

— איך וויל עפּעס שמועסן מיט דיר. — דער אַלטער האָט אָנגערירט גריגאָריען ביי דער קני און געגומען שעפּטשען: — מיט אַ וואָך צוריק בין איך געפאָרן צו פּיעטראָ. דאָס אַכטאונצוואַנציקסטע פּולק זייערס שטייט אַצינד הינטער קאַלאַטש... איך בין דאָרט, זון מיינער, אַ ביסל צו זיך געקומען. פּיעטראָ אינטע-

רעסירט זיך מער, אַ סך מער מיטן באַלעבאַטישקייט! ער האָט מיר געגעבן אַ באַרג אָנטועכטס, אַ פערד, צוקער... דאָס פערד איז אַ גוטס...

— וואָרט-צו! — האָט גריגאָרי אים שטרענג איבערגעשלאָגן, אָן אָפּגעבריטער פון דעם, וואָס ער האָט זיך משער געווען. — דו ביסט אַמאָל נישט געקומען אַהער צוליבן זעלבן?

— וואָס איז דען?

— וואָס הייסט — וואָס?

— מענטשן נעמען דאָך, גרישאַ...

— מענטשן! נעמען! — האָט גריגאָרי מיט ווילדן כעס איבערגעחזרט, נישט געפינענדיק קיין ווערטער. — דאָס אייגענע איז אייך ווייניק? כאַמעס, וואָס איר זענט! פאַר אַזעלכע שטיקלעך האָט מען אויפן דייטשישן פראָנט מענטשן געשאָסן!...

— שריי נישט אַזוי! — האָט דער פאָטער קאַלט אים אָפּגעשטעלט. — איך בעט נישט ביי דיר. איך דאַרף גאָרנישט. איך לעב הייַנט, און מאָרגן — האָב איך די פיס אויסגעצויגן... דו טראַכט וועגן דיר. זעט נאָר דעם עושר! אינדערהיים איז בלויז די בריטשקע געבליבן, און ער... און פאַרוואָס זאָל מען נישט נעמען ביי דידאָזיקע, וואָס זענען צו די רויטע צוגעשטאַנען?... ס׳איז דאָך אַן עבירה ביי זיי נישט צו נעמען! און אינדערהיים וואָלט יעדע קלייניקייט צונוץ געקומען.

— דו הער מיר אויף מיט דעם! אַז נישט, וועל איך דיך גלייך פונדאַנען אַרויסבאַגלייטן! איך האָב די קאָזאַקן פאַר דעם די מאָרדעס געפּאַטשט, און מיין פאָטער איז געקומען רויבן די באַפעלקערונג! — האָט גריגאָרי ציטערנדיק זיך געשטיקט מיט די ווערטער.

— דערפאַר טאַקע האָט מען דיך געמאַכט פאַר אויס סאָטניע-קאָמאַנדיר! — האָט דער פאָטער אים גיפטיק אַ שטאָך געטון.

— צו וועלכן טייוול האָב איך עס געדאַרפט! איך וועל אויך די אָפּטיילונג איבערגעבן.

— און דו וועסט זייער קלוג טון! גוט אַזוי, גוט אַזוי...

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. גריגאָרי האָט פאַררײַכערט און בײַ דער שײַן פון שוועבעלע כּלאחר־יד דערזען דעם פּאַטערס פאַר־לוירענע און באַליידיקטע פּנים. ערשט אַצינד זענען אים קלאָר גע־וואָרן די סיבות פון פּאַטערס קומען. „צוליב דעם האָט ער אויך דאַריען מיטגענומען, דער אַלטער טײַוול, זי זאָל היטן דאָס אָנגע־רויבטע", — האָט ער געטראַכט.

— סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו האָט זיך באַוויזן, האָסט גע־הערט? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש גלײַכגילטיק אָנגע־הויבן.

— וואָס הייסט? — גריגאָרי האָט אפילו אַרויסגעלאָזט דעם פּאַפּיראָס פון דער האַנט.

— אַזוי, אַזוי. עס ווײַזט זיך אַרויס — ער איז געווען אין געפאַנגענשאַפט, נישט געהרגעט געוואָרן. געקומען אין אָרדענונג. ער האָט מלבושים און אַנדערע זאַכן אָנגעבראַנגט אָן אַ שיעור. פולע צוויי וואָגנס! — האָט דער אַלטער געהאַקט ליגנט, זיך רו־מענדיק, ווי סטיעפּאַן וואָלט געווען זײַנס אַן אייגענער. — אַקסי־ניען האָט ער אַהיימגענומען און באַלד אַוועקגעגאַנגען דינען. מען האָט אים געגעבן אַ גוטן אַמט. ער איז געוואָרן אַן עטאַפּ־קאָמענ־דאַנט ערגעץ. דאַכט זיך, אין קאַזאַנסק.

— תּבואה האָט איר אַ סך אָנגעמאָלן? — האָט גריגאָרי איבערגעפירט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— פערציק מעסטלעך.

— און וואָס מאַכן דײַנע אייניקלעך?

— אָהאָ, די אייניקלעך, ברודער, זענען העלדן! וואָלסט זיי אַ מתּנה געשיקט.

— וואָסער מתּנה קאָן מען פון פראָנט שיקן! — האָט גרי־גאָרי פאַרבענקט אָפּגעזיפצט, און מיט די געדאַנקען געווען בײַ אַקסיניען און סטיעפּאַנען.

— קיין ביקס וועל איך נישט קריגן בײַ דיר? האָסט נישט קיין איבעריקע?

— וואָס טויג זי דיר?

— פאַר דער היים. עס קומט צונויף פאַר אַ חיה, פאַר אַ שלעכטן מענטש. אויף יעדן פאַל. קוילן האָב איך אַ גאַנץ קעסטל גענומען. מען האָט געפּירט, — האָב איך גענומען.

— נעם אין טאַבאַר. דאָס גוטס פעלט נישט. — גריגאָרי האָט כמורנע אַ שמייכל געטון. — נו, גיי שלאָפן! איך דאַרף גיין אויפן וואַך־פּאָסטן.

אינדערפרי איז אַ טייל פון פּולק אַרויסגעריטן פון כוטאָר. גריגאָרי איז געריטן אין זיכערקייט, אַז ער האָט דעם פאָטער פאַרשעמט און ער וועט אָוועקפאָרן מיט גאָרנישט. אָבער פּאַנטע־לעי פּראָקאָפּיעוויטש איז אַריינגעגאַנגען אין שפּייכלער, נאָכדעם ווי ער האָט באַגלייט די קאָזאַקן, אַראָפּגענומען די כאָמוטן און לייצן פון די האַקעס און זיי אַרויסגעטראָגן אויף זיין ברישקע. פון הינטן איז אים נאָכגעגאַנגען די באַלעבאָסטע, דאָס פּנים פאַרגאָסן מיט טרערן, געשריגן, אים אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען:

— פאָטערל! טייערינקער! ווי האָסטו נישט קיין מורא זיך צו פאַרזינדיקן? פאַרוואָס באַליידיקסטו די יתומים? גיב אָפּ די כאָמוטן! גיב אָפּ, ווי גאָט איז דיר ליב!

— נו־נו, דו לאָז גאָט צורו! — האָט מעליעכאָוו מיט ברייטע שפּרייזן אונטערגעהינקען און זיך אָפּגעיאָגט פון דער באַבע. — אייערע מענער וואָלטן ביי אונז אויך זיכער גענומען. דיינער איז דאָך, מסתמא, אַ קאָמיסאַר?... טשעפּע דיך אָפּ! אויב „דיינס און מיינס איז סיי־ווי גאָטס" — טאָ שווייג־זשע, קלאָג דיך נישט!

דערנאָך האָט ער אָפּגעהאַקט די שלעסער פון די קופערטס, ביים אײנשטימיקן שווייגן פון די טאַבאָר־לייט אַרויסגענומען די בעסערע הויזן און מונדירן, זיי באַקוקט אין דער ליכט, באַטאַפּט מיט די שוואַרצע קורצע פינגער, פאַרבונדן אין פּעקלעך...

ער איז אָוועקגעפאָרן פאַרמיטאָג. אויף דער בריטשקע, וואָס אָנגעלאָדן געווען ביז אַרויף, איז אויף די פּעקלעך געזעסן מיט פאַרקוועטשטע דינע ליפּן דאַריאַ. פון הינטן איבער אַלעם איז געלעגן דער קעסל פון באָד. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אים

אַרויסגעריסן פון דער פּליטע אין באָד, קוים דערטראָגן צו דער בריטשקע און אויף דאַריעס תּרעומותדיקער באַמערקונג:

— איר, פּאַטערל, וועט אפילו דאָס ד... נישט איבער־לאָזן! — האָט ער בייז געענטפערט: — שווייג, בהמה! איך וועל זיי דעם קעסל איבערלאָזן! דו ביסט פּונקט אַזאַ באַלעבאָסטע, ווי גרישקאַ, דער געצנדינער! און מיר וועט דער קעסל צונויץ קו־מען. אַזוי־אַזוי!... נו, פאָר שוין! וואָס האָסטו די ליפּן צע־שפּרייט?

דער פון טרערן אָנגעשוואָלענער באַלעבאָסטע, וואָס האָט פאַרמאַכט דאָס טויער נאָך אים, האָט ער גוטמוטיק געזאָגט:

— זיי געזונט, ווייבעלע! נעם נישט פאַר אומגוט. איר וועט זיך נאָך אַרויספאַרבעטן.

X

אַ קייט פון טעג... איין רינג איינגעשמידט אין צווייטן. מאַרשן. שלאַכטן. אָפּרו. היץ. רעגן. געמישטע ריחות פון פערדישן שוויס און אָנגעהיצטער לעדער פון זאָטל. אין די אָדערן — פון כסדרדיקער אָנשטרענגונג — נישט קיין בלוט, נאָר אָנגעוואַרימט קוועקזילבער. דער קאָפּ — פון נישט דערשלאָפן — איז שווערער פון אַ דרייצאָליקן גראַנאַט. גריגאָרי וואָלט געוואָלט זיך אָפּרוען, אויס־שלאָפן! און דערנאָך נאָכגיין איבערן ווייכן אַקער־שטעג דעם אַקער, אונטערפייפן אויף די אָקסן, הערן דעם בושעלס הילכיקע אויסגעשרייען פון אונטערן בלויען הימל אַפער, צאַרט אַראָפּנעמען דאָס אָנגעפלויגענע זילבערנע שפּינוועבס פון די באַקן און אָן אויפהער טרינקען דעם ווייניקן ריח פון דער האַרבסטיקער אויפגעאַקער־טער ערד.

און אָנשטאָט דעם — דורך די שאַרפן פון די וועגן — צעשניטע־נע תבואה־פעלדער. איבער די וועגן מחנות נאַקעטע, פון שטויב טויט־שוואַרצע געפאַנגענע. עס גייט אַ סאָטניע. טאָפּטשעט די

וועגן, צעטראָטעוועט מיט די אײַזערנע פּאַדקעוועס די תּבואה. אין די כוטאָרס רעווידירן אַמאָטאָרן די משפּחות פון די קאָזאַקן, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען צו די רויטע, שלאָגן מיט די נאַהײַקעס די ווײַבער און מאַמעס פון די פאַררעטער...

עס האָבן זיך געצויגן טעג, אָנגעזאַפּטע מיט לאַנגווײַליקייט. זיי זענען אויסגעוועפּט געוואָרן פון זכרון און קיין איין געשעע־ניש, אפילו אַ באַדײַטנדיקע, האָט נישט איבערגעלאָזט קיין שפּורן נאָך זיך. די וואָכעדיקייט פון דער מלחמה האָט אויסגעזעען נאָך לאַנגווײַליקער, ווי אין דער פריערדיקער קאַמפּאַניע, אפשר דער־פאַר — וואָס אַלץ איז שוין דורכגעמאַכט געוועזן פריער. אויך צו דער מלחמה גופא האָבן אַלע פריערדיקע אָנטײלנעמער זיך באַ־צויגן מיט ביטול: סײַ דער פאַרנעם, סײַ די כּוחות, סײַ די פאַר־לוסטן — אַלץ איז אין פאַרגלײַך מיט דער דײַטשישער מלחמה געוועזן, ווי אַ שפּילעכל. בלויז דער שוואַרצער טויט אַליין, ווי אויף די פעלדער אין פּרײַסן, איז אויסגעוואַקסן אין זײַן פולער גרייס, געשראָקן און געבייט זיך צו היטן פאַר אים מיט אַלע מיט־לען, ווי אַ חיה.

— איז דען דאָס אַ מלחמה? יאָ, אַ שיין גלײַכן. אין דער דײַטשישער מלחמה, אַז דער דײַטש פלעגט אָנהייבן שיטן פון די האַרמאַטן — האָט ער גאַנצע פולקן ביזן וואָרצל אויסגעקאָשעט. און אַצינד, אויב עס ווערן נאָר צוויי פון אַ סאָטניע פאַרווונ־דעט, — זאָגט מען שוין, אַז עס זענען דאָ פאַרלוסטן! — האָבן די אַלטע פראָנט־קעמפער אײַנגעטענהט.

פונדעסטוועגן האָט אויך דידאָזיקע שפּילעוודיקע מלחמה אויפגערעגט. עס האָט זיך געזאַמלט אומצופרידנקייט, מידעקייט, פאַרביטערונג. אין דער סאָטניע האָט מען אַלץ עקשנותדיקער גע־רעדט:

— מיר וועלן אַרויסשטויסן די רויטע פון דער דאָנער ערד — און גענוג! ווײַטער פון דער גרענעץ וועלן מיר נישט גיין. זאָל זיך רוסלאַנד רעגירן אויף איר שטייגער, און מיר —

אויף אונזער שטייגער. מיר וועלן ביי זיי אונזער אָרדענונג נישט איינפירן.

הינטער פילאָנאָוו האָבן אַ גאַנצן האַרבסט זיך געצויגן נאַכלעסיקע שלאַכטן. דער וויכטיקסטער סטראַטעגישער צענטער איז געווען צאַריצין, אַהין האָבן סיי די ווייסע, סיי די רויטע איבערגעוואָרפן זייערע בעסטע קרעפטן, און אויפן צפון-פראָנט האָט קיין איינער פון די צדדים נישט געהאַט קיין איבערגעוויכט. ביידע צדדים האָבן געזאַמלט כוחות פאַר אַן אַנטשלאָסענעם אָנגריף. די קאָזאַקן האָבן געהאַט מער רייטער-מיליטער; אויסנוצנדיק דעמדאָזיקן איבערגעוויכט, האָבן זיי געפירט קאָמבינירטע אָפּעראַציעס, אַרומגעכאַפּט די פלאַנגען, פאַרלאָפן אין רוקן. דער איבערגעוויכט איז געווען אויף דער זייט פון די קאָזאַקן בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט זיי קעגנגעשטעלט די מאָראַליש-וואַקלהאַפטע אָפּטיילונגען פון די פריש-מאָביליזירטע רויטאַרמייער, הויפטזעכלעך אין דער געגנט פון פראָנט. די סאַראַטאָווער, טאַמבאָווער האָבן זיך אונטערגעגעבן אין די טויזנטער. ווי נאָר אָבער די אָנפירונג האָט אַ וואָרף געטון אויפן פראָנט אַן אַרבעטער-פולק, אַ מאַטראָסן-אָפּטיילונג אָדער מיראָנאָווס רייטער, — האָט די סיטואַציע זיך אויסגעגלייכט און, אי די איניציאַטיוו איז ווידער איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין דער אַנדערער, אי עס זענען כסדר אָפּגעהאַלטן געוואָרן נצחונות פון ריין-לאָקאַלער באַדייטונג.

גריגאָרי האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה, גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט צו איר פאַרלויף. ער איז געווען איבערצייגט: אַז ביז ווינטער וועט דער פראָנט זיך אויפלעזן; געוווסט, אַז די קאָזאַקן זענען געשטימט פרידלעך און עס קאָן גאָר נישט זיין קיין רייד וועגן פאַרציִען די מלחמה. אין פולק פלעגן פון צייט-צו-צייט אָנקומען צייטונגען. גריגאָרי האָט מיט ווידערווילן גענומען אין דער האַנט אַריין דעם געלן נומער פון דעם „אייבערשטן דאָנער קאַנט", וואָס איז געדרוקט געווען אויף פאַק-פאַפיר, און געלויפיק דורכקוקן די ידיעות פון די פראָנטן, קריצנדיק מיט די ציין. און די קאָזאַקן האָבן גוטמוטיק געהירזשעט, ווען

ער האָט זײ געלײענט אויפֿן קול די בראַוורע, איבלדיק-העלדישע קאָמוניקאַטן:

„דעם 27-סטן סעפּטעמבער, אין דער ריכטונג פֿון פּילאָנאָוו, קאַמפֿן מיט פֿאַרשידענעם דערפֿאָלג. אין דער נאַכט אויפֿן 26-סטן האָט דאָס טיכטיקע וויעשענסקער פֿולק אַרויסגעשטויסן דעם שונא פֿון פֿאָדגאָרנער כוטאָר און איבער זײַן רוקן זיך אַרײַנגעריסן אין לוקיאַנאָווער כוטאָר. עס זענען גענומען געוואָרן טראָפּעען און אַ גרויסע צאָל געפֿאַנגענע. די רויטע אָפּטײלונגען טרעטן אָפּ אין אומאָרדענונג. די שטימונג בײַ די קאָזאַקן איז אַ הײטערע. די דאָנער רײַסן זיך צו נײַע נצחונות“.

— וויפֿיל געפֿאַנגענע האָבן מיר גענומען? אַ גרויסע צאָל? אָך-אָך, הינ-טישע זין! צוויי-אונדרײַסיק מאַן האָט מען גענומען! און זײ... אַך-כאַ-כאַ!... — האָט מיטקאַ קאָרשונאָוו זיך געקײַקלט, אויפֿרײַסנדיק אין דער גאַנצער ברייט דאָס אָנצײַניקע מויל, האַלטנדיק זיך מיט די לאַנגע הענט בײַ די זײַטן.

די קאָזאַקן האָבן אויך נישט געגלייבט די ידיעות וועגן די דערפֿאָלגן פֿון די „קאַדעטן“ אין סיביר און אין קובאַן. שוין צו אומפֿאַרשעמט און עזותדיק האָט געשיט מיט שקרים „דער אײבערשטער דאָנער קאַנט“. אָכוואַטקין — אַ קאָזאַק פֿון אומגעוויינטלעכער הײך און גרויסע הענט — האָט, נאָכן איבערלײענען דאָס אַרטיקל וועגן טשעכאָסלאָוואַקישן בונט, געזאָגט אין קעגנוואָרט פֿון גריגאָריען:

— אָט וועלן זײ צודריקן דעם טשעך, אַ וואַרף טון קעגן אונז די גאַנצע אַרמײ, וואָס זײ האָבן קעגן אים אַרויסגעשטעלט, — און ס'וועט ווערן פֿון אונז אַ נאַסע ראָשטשיניע... — מיט אײן וואָרט — ראָסײ! — און ער האָט דראָענדיק פֿאַרענדיקט:

— אַ געלעכטער מײנט איר?

— שרעק נישט! ס'האָט אַזש בײַם נאָפּל אַ דרײ געטון פֿון זײַן נאַריש רעדן, — האָט פּראָכאָר זיקאָוו מיט דער האַנט צוועקגעמאַכט.

אָבער גריגאָרי, פאַרדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט מיט שטי־לער שאָדנפרייד פאַר זיך אַ טראַכט געטון: „אמת!“

ער איז דעם אָוונט לאַנג געזעסן ביים טיש, זיך געהאָר־בעט, צעשפּיליעט דעם קאָלנער פון דער אָפּבליאַקירטער בלווע מיט די זעלבע בליאַקירטע שליפעס פון האַקי־קאָליר. זיין אָפּגע־ברענט פנים, אויף וועלכן די נישט געזונטע פולקייט האָט אויס־געגלייכט די קנייטשן און שאַרפע באַקנביינער, איז געווען שטרענג. ער האָט באַוועגט מיטן שוואַרצן מוסקולירטן האַלז, זיך געדרייט דאָס געקרייזלטע, פון דער זון געל־געוואָרענע, שפּיצל פון דער וואָנסע און אָנגעשטרענגט געקוקט אין איין פינטל מיט די האַר־טע אויגן, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן באַקומען אַ קאַלטן אויס־דרוק. ער האָט געטראַכט געשפּאַנט מיט אומגעוויינטלעכער אָנ־שטרענגונג און, ווי ער וואָלט געענטפערט אויף דער אַלגעמיינער אָנפראַגע, ערשט פאַרן שלאָפן גיין געזאָגט:

— נישטאָ קיין אויסגאַנג!

ער איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, אָפט אַרויסגעגאַנ־גען אַ קוק טון צום פערד און לאַנג געשטאַנען אויפן גאַנעק, גע־הילט אין דער שוואַרצער זייד־שאַרכענדיקער שטילקייט.

אַפנים, עס האָט נאָך שטיל און פלאַטערדיק געלויכטן יענץ קליינע שטערנדל, אונטער וועלכן גריגאָרי איז געבוירן געוואָרן; אַפנים, ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט, עס זאָל זיך אָפּרייסן און אַ פלי טון, אָנצינדנדיק דעם הימל מיט זיין פאַלנדיקן קילן פלאַם. דריי פערד זענען אונטער גריגאָריען געפאַלן אין משך פון האַרבסט, אין פינף ערטער איז זיין שינעל דורכגעלעכערט גע־וואָרן. דער טויט האָט ווי געשפּילט זיך מיטן קאָזאַק, אים אַרומ־געהילט מיט זיין שוואַרצן פליגל. איינמאָל האָט אַ קויל דורכגע־האַקט דאָס מעשענע הענטל פון דער שווערד, דער טראָלז איז אַראָפּגעפאַלן צו די פיס פון פערד, ווי אַ דורכגעגריזשעטער.

— עמעצער איז פאַר דיר שטאַרק מתפלל, גריגאָרי, — האָט אים מיטקאַ קאָרשונאָוו געזאָגט און זיך געוווּנדערט אויף גרי־גאָריעס אומעטיק שמייכלען.

דער פראָנט האָט זיך איבערגעוואָרפן איבער דער באַן־ליניע. טאָג־טעגלעך האָבן וואָגנס צוגעפירט קנוילן שטעכעדיקע דראָט. טאָג־טעגלעך האָט דער טעלעגראַף פונאַנדערגעטראָגן איבערן פראָנט די ווערטער:

„אַ ליאַדע טאָג וועט אָנקומען דאָס מיליטער פון די פאַרבינדעטע. ס'איז נייטיק זיך צו פאַרפעסטיקן אויף די גרענעצן פון דער פראָווינץ ביזן אָנקומען פון דער פאַרשטאַרקונג, פאַר יעדן פרייז אָפּצוהאַלטן דעם דרוק פון די רויטע".

די מאָביליזירטע באַפעלקערונג האָט צעלעכערט מיט די אייזערנע דרענגער די געפרוירענע ערד, געגראָבן אָקאָפּעס, זיי איינגעפלאָכטן אין שטעכעדיקער דראָט. און אין די נעכט, ווען די קאָזאַקן האָבן פאַרלאָזט די אָקאָפּעס און געגאַנגען אין די כאַטעס אַריין זיך אָנוואַרעמען, זענען צו די אָקאָפּעס צוגעקומען אויסשפּירער־רויטגוואַרדייער, אומגעלייגט די פאַרצוימונגען און צוגעשלעפּט צו די שפּיצן פון דער שטעכעדיקער דראָט אויפרופן צו די קאָזאַקן. די קאָזאַקן האָבן זיי געלייענט מיט גיריקייט, ווי בריוו פון אייגענע. ס'איז געווען קלאָר, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען איז נישט מעגלעך פאָרצוזעצן די מלחמה. עס האָבן געהאַלטן שטאַרקע פרעסט, זיך געביטן אויף מילד וועטער, בשפעדיקן שניי־פאַל. דער שניי האָט פאַרשיט די אָקאָפּעס. אין די אָקאָפּעס איז שווער געווען צו בלייבן אפילו אַ שעה. די קאָזאַקן האָבן געפרירט, זיך אָפּגעפרוירן די הענט מיט די פיס. אַ סך פון דער אינפאַנטעריע און די פלאַסטונען* האָבן נישט געהאַט קיין שטיוול. טייל זענען געגאַנגען אויפן פראָנט, ווי אויפן הויף אַרויף אויסבעטן די בהמות: אין די לאַפּטשעס און לייכטע שאַראָוואַרן. אין די פאַרבינדעטע האָבן זיי נישט געגלייבט. — „זיי רייטן אויף זשוקעס!" — האָט איינמאָל אַנדריושאַ קאַשולין ביטער געזאָגט. און צונויפטרעפנדיק זיך מיט די פאַטרולן פון די רויטע, האָבן די קאָזאַקן געהערט, ווי

* קאַזאַקן — פוסגייער.

יענע האָבן געזאָגט: „עהע-העי! יויזלעך! איר צו אונז אויף טאַנקס, און מיר צו אייך אויף שליטנס! שמירט אייך אויס די פּיענטעס מיט חלב, — מיר וועלן בקרוב קומען צו גאַסט צו אייך!"

אינמיטן נאָוועמבער זענען די רויטע איבערגעגאַנגען אין אָנגריף. זיי האָבן עקשנותדיק אָפּגעשטופּט די קאָזאַקן-אָפּטיילונגען פון דער באַן-ליניע, אָבער דער איבערברוך פון די אָפּעראַציעס איז ערשט פאַרגעקומען שפּעטער. דעם 16-טן דעצעמבער האָט מיראָנאָוווס רייטער-מיליטער נאָך אַ לאַנגער שלאַכט צעקלאַפּט דאָס 33-סטע פּולק, אָבער אויפן אָפּשניט פון וויעשענסקער פּולק, וואָס איז אויסגעשפּרייט געווען ביים קאַלאַדיעזנער כוטאָר, זיך אָנגע-טראָפן אויף אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. פון הינטער אַ פאַר-שנייטן פאַרקן לענגאויס די שייערס האָט די וויעשענסקער באַדי-נונג פון די קוילנוואַרפער אויפגענומען דעם שונא, וואָס האָט אָנ-געגריפן צופוס, מיט אַ הוראַגאַן-פייער. דער קוילנוואַרפער פון רעכטן פלאַנג אין די געניטע הענט פון קאַרגינער קאָזאַק אַנטי-פּאָוו, האָט קנאַלנדיק געזייעט אין דער טיף און אויסגעקאָשעט די איבערלויפנדיקע טיראַליערן. די סאָטניע איז פאַרהילט געוואָרן אין רויך פון די שאָסן. אויפן לינקן פלאַנג האָבן זיך שוין אַ לאָז געטון צוויי סאָטניעס אַרומרינגלען.

אָוונטצייט האָט די פּלעגמאַטיש-אָנגרייפנדיקע רויטגוואַרדיי-אישע אָפּטיילונגען געביטן אַן אָפּטיילונג מאַטראָסן, וואָס זענען נאָר-וואָס אָנגעקומען אויפן פראָנט. זיי זענען געגאַנגען אין אַטאַקע אויף די קוילנוואַרפערס מיט בראַווער העלדישקייט, זיך נישט לייגנדיק, נישט שרייענדיק.

גריגאָרי האָט געשאָסן אָן אויפהער. די לופע האָט זיך אָנ-געהיצט און געבריט די פינגער. אָפּגעקילט די ביקס, האָט גריגאָ-רי ווידער אַריינגעזעצט אַ קוילן-מאַגאַזין און מיטן פאַרזשמורעטן אויג ווידער אויפגעכאַפּט די ווייטע שוואַרצע פיגורלעך אויפן ציל-פּונקט.

די מאַטראָסן האָבן זיי צעקלאַפּט. די סאָטניע איז שנעל

אויפגעזעסן אויף די פערד, דורכגעגאַלאָפּירט דעם כוטאָר און אַוועק באַרג-אַרויף. גריגאָרי האָט זיך אומגעקוקט און גלייכגילטיק נאָכגעלאָזט די לייצן. פון באַרג האָט ווייט זיך געזען דאָס פאַרבעבקטע פאַרשנייעטע פעלד מיט די בערגלעך און קוסטעס, באַדעקטע מיט שניי און פיאָלעטע פאַרנאַכטיקע שאָטנס איבער די שיפּועים פון די היילן. אויפן שטח פון אַ וויאָרסט זענען איבערן פעלד געלעגן שוואַרץ אויסגעזייעט די טויטע קערפּערס פון די מאַטראָסן, וואָס זענען אויסגעקאָשעט געוואָרן דורכן פייער פון מאַשינגעווער. אָנגעטועטע אין רעגנמאַנטלען און לעדערנע קורטקעס, האָבן זיי זיך געשוואַרצט אויפן שניי, ווי אַ טשאַטע קראָען, וואָס האָבן אינמיטן פליִען זיך געזעצט אָפּרוען...

די סאָטניעס, וואָס זענען צעטיילט געווען דורכן אָנגריף און האָבן פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיטן יעלאַנער פולק און אייגעם פון די פולקן פון אוסט-מיעדוויעדיצער קרייז, וואָס האָט זיך געפונען פון זיי רעכטס, האָבן אָוונט-צייט זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אין צוויי כוטאָרן ביי אַ קליין טייכל, אַ צופלוס פון בוזולוק.

גריגאָרי האָט זיך באַגעגנט אין אַ געסל מיטן פולק-קאָמאַנדיר און זיין אַדיוטאַנט ערשט בין-השמשות, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון אָרט, ווו ער האָט אויפן באַפעל פון סאָטניע-קאָמאַנדיר אויסגעשטעלט וואַך-פּאָסטנס.

— ווו איז די דריטע סאָטניע ? — האָט דער קאָמאַנדיר געפרעגט, פאַרציִענדיק די לייצן.

גריגאָרי האָט געענטפערט. די רייטער האָבן געריִרט פון אָרט.

— די פאַרלוסטן פון דער סאָטניע זענען גרויסע ? — האָט דער אַדיוטאַנט געפרעגט, אַוועקרייטנדיק; ער האָט נישט דערהערט דעם ענטפער און איבערגעפרעגט : — וואָס ?

אָבער גריגאָרי האָט נישט געענטפערט און געגאַנגען ווייטער.

די גאַנצע נאַכט האָבן געצויגן דורכן כוטאָר עפּעס טאַבאָרן.

לעבן הויף, ווו גריגאָרי האָט געגעכטיקט מיט די קאָזאַקן, איז לאַנג געשטאַנען אַ באַטאַרייע. דורכן איינציקן פענסטערל האָבן זיך געהערט זידלווערטער, געשרייען פון דורכפאָרער, טומל פון באַוועגונג. אין דער כאַטע זענען אַריינגעקומען זיך אָנוואַרעמען אַרטילעריסטן, שטאַב-אָרדינאַנסן פון פולק, וואָס זענען אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אופן אַריינגעפאַלן אין כוטאָר. האַלבע נאַכט, אויפוועקנדיק די קאָזאַקן און דעם באַלעבאָס, זענען אַריינגעפאַלן דריי מאַן פון דער באַטאַריע-באַדינונג. זיי האָבן נישט ווייט פון טייכל פאַרזונקען אַ האַרמאַט און באַשלאָסן צו נעכטיקן, כדי אינ-דערפרי אים אַרויסצושלעפן מיט אָקסן. גריגאָרי האָט אויפגעוואַכט, לאַנג געקוקט, ווי די אַרטילעריסטן האָבן קרעכצנדיק אָפּגערייניקט די פאַרפרוירענע בלאָטע פון די שטיוול, זיי אויסגעטון און אויפ-געהאָנגען די נאַסע אָנוטשעס אויפן אייוועלע. דער נאָך איז אַריינ-געקומען אַן אָפיציר, אַן אַרטילעריסט, אויסגעשמירט ביז איבער די אויערן. ער האָט געבעטן, מ'זאָל אים דערלויבן איבערצונעכ-טיקן, אויסגעטון דעם שינעל און לאַנג מיט אַ גלייכגילטיקער מינע צעשמירט מיטן אַרבל פון פרענטש די בלאָטע איבערן פּנים.

— איין האַרמאַט האָבן מיר פאַרלוירן, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף גריגאָריען מיט אונטערטעניקע אויגן, ווי ביי אַ מיד פערד. — היינט איז געווען אַזאַ שלאַכט, ווי הינטער מאַטשעכאַ. זיי האָבן אונז דערטאַפּט נאָכן צווייטן שאָס... און דאָ האָט אַזאַ זעץ געטון — אַז די אַקס פון האַרמאַט איז מאָמענטאַל צעשמע-טערט געוואָרן! אונזער האַרמאַט איז געשטאַנען אין אַ שייער. קאָן מען נאָך בעסער מאַסקירן!? — צו יעדער פראַזע האָט ער פון געוווינהייט, און מסתמא נישט באַוווסטזיניק, צוגעטשעפּעט אַ מיאוס זידלוואָרט. — איר זענט פון וויעשענסקער פולק. און טיי וועט איר טרינקען? באַלעבאָסטעשי, איר וואָלט אונז אפשר דעם סאַמאָוואַר אויפגעשטעלט, האַ?

ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פלוידערער, אַלס איבערדריי-סיקער מיטשמועסער. טיי האָט ער געטרונקען אָן אויפהער. און

אין משך פון אַ האַלבער שעה האָט שוין גריגאָרי געוווּסט, אַז ער שטאַמט פון דער פּאַלטאַווער סטאַניצע, האָט געענדיקט אַ רעאַל-שולע, איז געווען אין דער דייטשישער מלחמה און צוויי מאָל אומגעלומפּערט חתונה געהאַט.

— אַצינד איז שוין אַ סוף צו דער דאָנער אַרמיי! — האָט ער געזאָגט, אָפּלעקנדיק מיט דער שאַרפער רויטער צונג דעם שווייס פון דער געגאָלטער ליפּ. — די מלחמה האַלט ביים פאַר-ענדיקן זיך. מאָרגן וועט דער פראָנט זיך צעקריכן, און אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועלן מיר שוין זיין אין נאָוואָטשערקאַסק. זיי האָבן געוואָלט מיט באָרוועסע קאָזאַקן שטורעמען רוסלאַנד! נו, זענען זיי נישט קיין אידיאָטן? און די קאַדר-אָפיצירן זענען אַלע אויסוואורפן, באמנות! איר זענט דאָך אַ קאָזאַק! יאָ? אָט מיט אייערע הענט ווילן זיי דאָס די קאַשטאַנעס פון פייער אַרויס-שאַרן און אַליין וועגן זיי באַבקע-בלעטער און גרויפּן אין די אינ-טענדאַנטורן.

ער האָט אָפּט געמרוגעט מיט די פאַרבלאָזע אויגן, זיך באַוועגט, אַרויפגעלייגט אויפן טיש מיטן גאַנצן היפשן פעסט-געבויטן קערפּער, די ווינקלען פון זיינע גרויסע צעשפּרייטע ליפּן זענען געווען מרה-שחורהדיק און אַפּאַטיש אַראָפּגעלאָזט און אויפן פּנים איז געבליבן דער זעלבער פריערדיקער אונטערטעניקער אויסדרוק, ווי ביי אַ פאַרמאַטערט פערד.

— פריער, אפילו אין דער עפּאָכע פון נאַפּאַלעאָנען, איז גוט געווען מלחמה צו האַלטן. עס זענען זיך צונויפגעקומען צוויי אַרמייען, זיך צונויפגעשטויסן, פונאַנדערגעגאַנגען. נישט קיין פראָנטן, נישט קיין זיצן אין שוץ-גראָבנס. און אַצינד הייב דיך אָן פונאַנדערקלייבן אין די אָפּעראַציעס, — דער טייוול אַליין קאָן דעם קאָפּ פאַרלירן. אויב די היסטאָריקער האָבן פריער ליגנט גע-זאָגט, וועלן זיי אין דער באַשרייבונג פון דער איצטיקער מלחמה שוין איינמאָל האַקן מיט שקרים!... בלויז לאַנגווייליקייט, נישט קיין מלחמה! נישטאָ קיין קאָלאָריט. אַ בלאָטע! און בכלל — אומזין. איך וואָלט דידאַקטיש קאָכלעפל צונויפגעפירט איינעם

מיטן צווייטן און געזאָגט: „אָט האָט איר, הער לעָנין, אַ וואָכ־מייסטער, — לערנט זיך בײַ אים אומגיין מיט געווער. און פאַר אייך, הער קראַסנאָוו, איז אַ חרפּה נישט צו קענען". און זאָלן זיי זיך, ווי דוד מיט גליתן, שלאָגן: ווער ס'וועט זײַן שטאַרקער, צו דעם געהערט די מאַכט. דעם פאָלק איז אַלצאיינס ווער עס זאָל רעגירן. ווי מיינט איר, הער כאָרונזשי?

גריגאָרי האָט נישט געענטפערט. שלעפעריק זיך צוגעקוקט צו די האַסטיקע באַוועגונגען פון זײַנע דיקע פלייצעס און הענט, צו דער רויטער צונג, וואָס האָט אומאָנגענעם אָפט זיך געדרייט אין דער עפענונג פון מויל. עס האָט זיך געגלוסט שלאָפן; עס האָט דענערווירט דער איבערדריסיקער שוטהוואָטער אַרטילעריסט, ס'האָט אַרויסגערופן איבל דער הינטישער ריח, וואָס האָט זיך גע־טראָגן פון זײַנע שווייסיקע פיס...

אינדערפרי האָט גריגאָרי אויפגעוואַכט מיט אַ נודנע גע־פיל פון עפּעס אומבאַשטימטס. די אַנטשיידונג, וועלכע ער האָט פאָרגעזען נאָך האַרבסט־צײַט, האָט אים פונדעסטוועגן איבער־ראַשט. גריגאָרי האָט פאַרזען, ווי דער ווידערווילן צו דער מלחמה, וואָס האָט לכתחילה געריזלט אין די סאָטניעס און פּולקן אין קליי־נע שטראָמלעך, האָט אומבאַמערקבאַר זיך צונויפגעגאָסן אין אַ מעכטיקן שטראָם. און אַצינד — האָט ער געזען בלויז אָט דעם שטראָם, וואָס האָט מיט גיריקער האַסטיקייט צעשווענקט דעם פראָנט.

אַזוי רײַט ערב־פרילינג אַ מענטש איבערן סטעפּ. די זון לײַכט. אַרום — ליגט דער אומבאַווירטער פּיאָלעטער שניי. און אונטער אים, אומבאַמערקבאַר פאַרן אויג, קומט פאָר די אוראַלטע ווונדערפולע אַרבעט — דאָס באַפרײַען זיך פון דער ערד. די זון פרעסט דעם שניי, לעכערט אים, פאַרגיסט אים פון הינטן מיט פײַכטקייט. איין וואַרעמע נעפּלדיקע נאַכט — און אינדערפרי זעצט זיך שוין דער אייבערשטער שיכט פון שניי מיט אַ געוויש און טויבן אָפּקלאַנג, איבער די וועגן און רעדער־קאָליעס בלעזלט זיך גרין וואַסער, פון אונטער די קאָפּיטעס שפּריצט אין אַלע

זייטן מיט נאַסע שטיקער שניי. ס׳איז וואַרעם. ס׳גייען אויף און אַנטבלויזן זיך זאַמדיקע בערגלעך, ס׳שמעקט בראַשיתדיק מיט ליידיקן באָדן, צעפּרייעטן גראָז. האַלבע נאַכט רעווען מעכטיק די היילן, הודזשען די יאַרן, פאַרשיטע מיט שניי-לאַווינעס, מיט זיס-לעכן ווייריך פאַרעט די סאַמעט-שוואַרצע אַנטבלויזטע ערד. אין אָוונט צעברעכט דאָס טייכל פון סטעפּ מיט אַ קרעכצערײ דאָס אייז איבער זיך, טרייבט עס מיט פולע וואַסערן שטייף אַנגע-קוואָלן, ווי די ברוסט פון אַ זייגערין. און, איבערראַשט פון אומ-גערינכטן אויסגאַנג פון ווינטער, שטייט דער מענטש אויף אַ זאַמד-בערגל, זוכט מיט די אויגן אַ פלאַכער אָרט, איילט אונטער מיטן ראַפּניק דאָס! פאַרשוויצטע פערד, וואָס באַוועגט מיט די אויערן. און אַרום בלויט זיך פאַררעטעריש און אומשולדיק דער שניי, דרימלדיק און ווייס ליגט דער ווינטער.

דעם גאַנצן טאָג איז דאָס פאָלק אָפּגעטרעטן, די סאַבאָרן האָבן געאיילט איבער די וועגן. ערגעץ רעכטס, אונטערן גרויען וואָלקן, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט, האָבן פאַרזונקען געקראַכט האַרמאַטן-זאַלפּן. איבערן אויפגעטייעטן מיסטיקן וועג האָבן געשלעפּט די סאָטניעס, האָבן געקנעטן דעם נאַסן שניי די פערד מיט די פאַרשפּריצטע האָר-בערשטלעך ביי די קאָפּיטעס. אויף די זייטן פון די וועגן זענען שנעל געריטן אָרדינאַנסן. שווייגנדיקע קראָען, גלאַנציקע, גראַנאַט-באַפעדערטע, מיט קורצע ווידלען, אומגעלומפּערטע, ווי קאַוואַלעריסטן, וואָס גייען צופוס, האָבן מיט אַ וויכטיקער מינע זיך געוויגט, שפּאַצירנדיק ביי דער זייט פון וועג און דורכלאָזנדיק פאַר זיך, ווי אויף אַ רעווי, די אָפּטרעטנדיקע קאָזאַקן-סאָטניעס, קאָלאָנעס אָפּגעריסענע פּלאַסטונ-צעס, שנורן טאַבאָרן.

גריגאָרי האָט פאַרשטאַנען, אַז די אויפשפּרינגענדיקע פּרו-ווּשינע פון דעם ריקצוג וועט שוין קיין זאַך נישט בכוח זיין אָפּ-צושטעלן. און דורכגעדרונגען פון פרייידיקער אַנטשלאָסנקייט, האָט ער ביינאַכט פרייוויליק פאַרלאָזט דאָס פאָלק.

— וווהין קלויבסטו דיך, גריגאָר פּאַנטעלייעוו — האָט

מיטקאַ קאָרשונאָוו געפרעגט, קוקנדיק איראָניש, ווי גריגאָרי טוט אָן דאָס רעגנמאַנטל אויפן שינעל, העננט זיך אָן די שווערד מיטן נאַגאַן.

— וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן?

— כ'בין נייגיריק.

גריגאָרי האָט אַ רודער געטון מיט די מוסקולן פון די גערייטלטע באַקן און געענטפערט, הייטער אונטערווינקענדיק:

— אין ערגעץ־לאַנד. פאַרשטאַנען?

און איז אַרויסגעגאַנגען.

זיין פערד איז געשטאַנען נישט אויסגעזאָטלט. ביז אינדערפרי האָט ער געלאָפירט איבער די שליאַכן, וואָס האָבן געפאַרעט פון ביינאַכטיקן פראָסט. „כ'וועל פאַרבערענגען אין דער היים, און ווען כ'וועל הערן, אַז זיי גייען דורך, וועל איך צושטיין צו זיי", — האָט ער זייטיק געטראַכט וועגן די, מיט וועלכע ער האָט ערשט נעכטן צוזאַמען געקעמפט האַנט ביי האַנט.

צומאָרגנס פאַרנאַכט־צו האָט ער שוין אַריינגעפירט אין פאָטערס הויף זיין פערד, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ צוויי־הונדערט־וויאָרסטיקן מאַרש, איז דאַר געוואָרן אין משך פון די צוויי טעג און זיך געוואַקלט פון מידעקייט.

XI

דעם פיראונצוואַנציקסטן נאָוועמבער איז אין נאָוואָטשערקאַסק באַקאַנט געוואָרן, אַז ס'איז אָנגעקומען די מיסיע פון די פאַרבינדעטע מלוכות. איבער דער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז אַ מעכטיקע ענגלישע עסקאַדרע שטייט שוין אין נאָוואָראָסייסקער האַפן, אַז עס ווערן שוין אַרויסגעזעצט, איבערגעוואָרפענע פון סאַלאָניקי, גרויסע דעסאַנטן פון פאַרבינדעטן מיליטער, אַז אַ קאָרפוס קאָלירטע פראַנצויזישע שיסער זענען שוין אַרויסגעזעצט און וועלן אין דער נאָענטסטער צו־

קונפט אָנהייבן אַן אָנגריף צוזאַמען מיט דער פרייוויליקער אַרמיי. ווי אַ שניי-קויל האָבן די קלאַנגען זיך געקאָליערט איבער דער שטאָט.

דעם פינאַנצוואָנציקסטן אינדערפרי האָט קראַסנאָוו באַפוילן אַרויסצושיקן אַ קאָזאַקישע ערן-וואַך פון דער לייב-גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פולק. איילעק האָט מען אָנגעטון צוויי סאָטניעס יונגע אַטאַמאַנצעס אין הויכע שטיוול און ווייסע פאַסקעס און אויך אַזוי איילעק זיי אַוועקגעשיקט קיין טאַגאַנראָג צוזאַמען מיט אַ סאָטניע טרומייטערער.

די פאָרשטייער פון די ענגלישע און פראַנצויזישע מיליטערישע מיסיעס אין דרום-רוסלאַנד האָבן באַשלאָסן, מיטן ציל פון אַן אייגנטימלעכער פאָליטישער אויספאָרשונג, צו שיקן קיין נאָוואָטשערקאַסק עטלעכע אָפיצירן. זייער אויסגאַבע איז באַשטאַנען אין באַקענען זיך מיט דער לאַגע ביים דאָן און מיט די פערספעקטיוון פון אַ ווייטערדיקן קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. ענגלאַנד איז רעפּרעזענטירט געווען דורכן קאַפּיטאַן באָנד און די לייטענאַנטן בלומפעלד און מאָגראַ. פראַנקרייך — דורכן קאַפּיטאַן אָשען און די לייטענאַנטן דיופרע און פאַר. דאָס אָנקומען פון אָט דידאָזיקע ניט הויכע ראַנגעס פון די פאַרבינדעטע מיליטערישע מיסיעס, וואָס זענען, לויט אַ קאַפּריז פון צופאַל, נאָמינירט געוואָרן אַלט „געזאַנדטע", האָט דאָס אָנגעמאַכט אַזוי פיל גערודער אין אַטאַמאַנישן פאַלאַץ.

מיט גרויס כבוד האָט מען צוגעשטעלט די „געזאַנדטע" קיין נאָוואָטשערקאַסק. די איבערמעסיקע קריכערישע הכנעה האָט די באַשיידענע אָפיצירן פאַרדרייט די קעפ, און דערפילנדיק זייער „אמתע" גרויסקייט, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן פראָטעקציאָנעל קוקן אויף די באַרימטע קאָזאַקישע גענעראַלן און הויכגעשטעלטע פערזאָנען פון דער אַלערהעכסטער רעקוויזיטאָרישער רעפּובליק.

ביי די יונגע פראַנצויזישע לייטענאַנטן האָבן דורכן אויסערלעכן גלאַנץ פון דער העפלעכקייט און זיסער פראַנצויזישער ליבלעכקייט זיך שוין אָנגעהויבן דורכשלאָגן אין די שמועסן מיט

די קאזאקישע גענעראלן קאלטע טענער פון פראטעקציאנעלקייט און גאווה.

איגאוונט איז אין פאלאץ סערווירט געווען א מיטאג פאר הונדערט מאן. א מיליטערישער כאר האט געשפרייט איבערן זאל זיידענע טיכער פון קאזאקישע לידער, רייך-באהאפטענע דורך די טענארן פון די באגלייטער. א בלאז-ארקעסטער האט ראשיק גע-שאלט און אויסגעפירט די הימנען פון די פארבינדעטע. די „גע-זאנדטע" האבן געגעסן, ווי עס פאסט פאר אזא מאמענט, באשיידן און מיט גרויס ווירדע. פילנדיק די היסטארישע באדייטונג פון מאמענט, האבן די אטאמאנישע געסט זיך שטיל צוגעקוקט צו זיי.

קראסנאוו האט אנגעהויבן האלטן א רעדע:

— איר געפינט זיך, מיינע הערן, אין היסטארישן זאל, וואס פון זיינע ווענט קוקן אויף אייך די שטומע אויגן פון די העלדן פון א צווייטער נאציאנאלער מלחמה, אין טויזנט אכטהונדערט צוועלפטן יאר. פלאטאוו, אילאווייסקי, דעניסאוו דערמאנען אייך די הייליקע טעג, ווען די באפעלקערונג פון פאריז האט באגריסט אירע באפרייער — די דאנער קאזאקן, ווען דער קייסער אלעק-סאנדער דער ערשטער האט צוריק אויפגעשטעלט פון די ברוך-שטיקער און חורבות דאס הערלעכע פראנקרייך...

ביי די דעלעגאטן פון „הערלעכן פראנקרייך" האבן פון דער גרויסער צאל אויסגעטרונקענעם צימלאנער זיך שוין פריילעך אנ-געצונדן און בוימלדיק פארנעפלט די אויגן, אבער קראסנאווס רע-דע האבן זיי אויסגעהערט מיט אויפמערקזאמקייט. ברייט שיל-דערנדיק די קאטאסטראפאלע אומגליקן, וועלכע דאס רוסישע פאלק לעבט איבער אונטערן „יאך פון די ווילדע באלשעוויקעס", האט קראסנאוו פאטעטיש פארענדיקט:

— ...די בעסטע פארשטייער פון רוסישן פאלק קומען אום אין די באלשעוויסטישע תפיסה-קעלערן. זייערע בליקן זענען גע-ווענדט צו אייך: זיי ווארטן אויף אייער הילף, און זיי, בלויז זיי זענט איר מחויב צו העלפן, נישט דעם דאן. מ י ר קאנען מיט

שטאָלץ זאָגן, — מיר זענען פריי! אָבער אַלע אונזערע געדאַנקען, דער ציל פון אונזער קאַמף איז — אַ גרויס רוסלאַנד, וואָס איז טריי אירע פאַרבינדעטע, גרייט צו קעמפן פאַר זייערע אינטערעסן, זיך מקריב צו זיין פאַרזיי און גאַרט אַצינד שרעקלעך נאָך זייער הילף. מיט הונדערט און פיר יאָר צוריק, אין חודש מערץ, האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק באַגריסט דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן און די רוסישע גוואַרדיע. און פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע ערע אין לעבן פון פראַנקרייך, וואָס האָט זי אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט. מיט הונדערט און פיר יאָר צוריק איז אונזער אַטאַמאַן גראַף פּלאַטאָוו געווען צוגאַסט אין לאָנדאָן. מיר וואַרטן אייך אָפּ אין מאָסקווע! מיר וואַרטן אייך אָפּ, כדי ביי די קלאַנגען פון יובלדיקע מאַרשן און אונזער הימן צוזאַמען אַריינצוגיין אין קרעמל, כדי צוזאַמען איבערצולעבן דעם גאַנצן תענוג פון שלום און פרייהייט! אַ גרויס רוסלאַנד! די ווערטער — זענען דער סימבאָל פון אַלע אונזערע חלומות און האָפענונגען!

נאָך קראַסנאָווס שלום־ווערטער איז אויפגעשטאַנען דער קאַפּיטאַן באָנד. ביי די קלאַנגען פון דער ענגלישער רעדע האָט זיך צווישן די אָנוועזנדע אויפן באַנקעט געשאַפן אַ טויטע שטילקייט. דער איבערזעצער האָט אָנגעהויבן מיט פּאַטאָס איבערזעצן.

— דער קאַפּיטאַן באָנד איז באַפולמעכטיקט אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון קאַפּיטאַן אָשען צו מעלדן דעם דאָנער אַטאַמאַן, אַז זיי זענען אָפיציעל געשיקט געוואָרן פון די פאַרבינדעטע מלוכות געוויר צו ווערן, וואָס עס קומט פאָר ביים דאָן. דער קאַפּיטאַן באָנד פאַרזיכערט, אַז די פאַרבינדעטע מלוכות וועלן מיט אַלע כוחות און מיטלען, נישט אויסשליסנדיק אויך מיליטער, העלפן דעם דאָן און דער פרייוויליקער אַרמיי אין זייער קאַמף מיט די באָלשעוויקעס.

דער איבערזעצער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט די לעצטע

פּראַזע, ווי אַ הילכיקער „אוראַ“, וואָס האָט דריי מאָל זיך אי־בערגעחזרט, האָט געמאַכט ציטערן די ווענט פון זאַל.

ביי די בראַווירנדיקע קלאַנגען פון אָרקעסטער האָבן זיך דערהערט טאָאַסטן. מען האָט געטרונקען פאַרן אויפבלי פון „הער־לעכן פראַנקרייך“ און „מעכטיקן ענגלאַנד“, מען האָט געטרונקען „פאַרן אָפּהאַלטן אַ נצחון איבער די באָלשעוויקעס“... אין די באָ־קאַלן האָט זיך געשוימט דער דאָנער שאַמפּאַן, האָט געפינקלט דער ווילגערוכיקער, אַלטער „לאַמפּאַדע“־ווייַן...

מען האָט געוואַרט אויף אַ וואָרט פון די פאָרשטייער פון דער פאַרבינדעטער מיסיע, און דער קאַפּיטאַן באָנד האָט נישט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן:

— איך האַלט אַ טאָאַסט פאַר אַ גרויס רוסלאַנד, און איך וואָלט דאָ געוואָלט הערן אייער הערלעכן אַלטן הימן. מיר וועלן נישט צוגעבן קיין באַדייטונג זיינע ווערטער, איך וואָלט געוואָלט הערן בלויז זיין מוזיק...

דער איבערזעצער האָט איבערגעזעצט, און קראַסנאָוו האָט זיך אויסגעדרייט צו די געסט מיט אַ בלייך געוואָרן פּנים פון גע־רירטקייט און אויסגעשריגן מיט אַ געבראָכן קול:

— פאַר אַ גרויס, געאייניקט און אומטיילבאַר רוסלאַנד, אוראַ!

דער אָרקעסטער האָט מעכטיק און פליסיק אויפגעשפּילט „גאָט היט דעם קייסער“. אַלע זענען אויפגעשטאַנען, אויסטריני־קענדיק די באָקאַלן. איבערן פּנים פון גרויען אַרכיעפּיסקאָפּ הער־מאָגען זענען געראונען גרויסע טרערן. „ווי הערלעך דאָס איז!...“ — האָט זיך באַגייסטערט דער קאַפּיטאַן באָנד, וואָס האָט שוין אָנגע־הויבן שיכור ווערן. עמעצער פון די הויכגעשטעלטע געסט האָט פון געפילן־איבערפלוס פּראָסטאַקיש זיך צעשלוכצט, באַהאַלטנדיק די באָרד אין אַ סערוועטקע, וואָס איז אויסגעשמירט געווען מיט צעקוועטשטע קערנדלעך פון קאַוויאָר...

. . . .

. . . .

די נאַכט האָט הינטער דער שטאָט געברעוועט און געוואָיעט אַ שאַרפער ווינט פון אַזאָווישן ים. מאַטער, ווי תמיד, האָט געגלאַנצט דער קופאָל פון סאָבאָר אין געווירבל פון ערשטן שניי־שטורעם...

די נאַכט האָט מען הינטער דער שטאָט, אויפן אָרט וווּ מען פירט אַרויס דאָס מיסט, אין די ליימיקע יאַרן לויטן אורטייל פון מיליטערישן פעלד־געריכט דערשאָסן שאַכטיאָרן, באָלשעוויסטישע באַן־אַרבעטער. מיט פאַרבונדענע הענט אַהינטער האָט מען זיי צוגעפירט פאָרוויַז צו דער שיפּוע, געשאָסן פון דער נאָענט פון די נאַגאַנען און ביקסן, און דער פראָסטיקער ווינט האָט געלאָשן קלאַנגען פון די שאָסן, ווי פונקען פון פאַפּיראָסן...

און ביים אַריינגאַנג פון אַטאַמאַנישן פּאַלאַץ, אויף דער פראָסט, אין בייסנדיקן נאָוועמבער־ווינט, האָט טויט געגליווערט די ערן־וואַך פון דער קאָזאַקישער לייב־גוואַרדיע פון אַטאַמאַנישן פולק. די הענט פון די קאָזאַקן, וואָס האָבן אַרומגעהאַלטן די הענטלעך פון די אַנטבלויזטע שווערדן, זענען שוואַרץ געוואָרן פון קעלט, די אויגן האָבן געטרערט, די פיס פאַרשטאַרט געוואָרן... פון פּאַלאַץ האָבן ביז אינדערפרי זיך געטראָגן שיכורע אויסגעשרייען, מעשענע יובל־קלאַנגען פון אָרקעסטער און שלוכצנדיקע טרעלן פון די טענאָרן פון מיליטערישן כאָר...

אין אַ וואָך אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שרעקלעכסטע — דאָס פונאַנדערפאַלן זיך פון פראָנט. צום ערשט האָט אַנטבלויזט דעם פאַרנומענעם אָפּשניט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ריכטונג פון קאַלאַטשקאָוו, דאָס אַכטאונצוואָנציקסטע פולק, אין וועלכן עס האָט געדינט פּיעטראָ מעליעכאָוו.

די קאָזאַקן האָבן נאָך געהיימע באַראַטונגען מיט דער אָנפירונג פון דער פופצנטער אינזענסקער דיוויזיע באַשלאָסן אַוועקצוגיין פון פראָנט און אָן שטערונג דורכלאָזן דאָס רויטע מיליטער דורך דער טעריטאָריע פון אייבערשטן דאָנער קרייז. בראש פון

צעבונטעוועטן פּולק איז געשטאַנען יאַקאָוו פאָמין, אַ נישט איבער־געשפּיצטער קאָזאַק, אָבער אינדעראמתן איז די שילד בלויז גע־ווען פאָמינס — הינטער פאָמינס רוקן האָט אָנגעפירט מיט די ענינים און פאָמינען גופא אַ גרופּע באָלשעוויסטיש־געשטימטע קאָזאַקן.

נאָך אַ שטורמישן מיטינג, אויף וועלכן די אָפיצירן, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ קויל אין רוקן, האָבן אומגערן אויפגע־וויזן די נויטוועגדיקייט צו קעמפן און די קאָזאַקן האָבן איינשטי־מיק, עקשנותדיק און כאַאָטיש אויסגעשריגן אַלץ די זעלבע, שוין אַלעמען דערעסענע, ווערטער וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון דער מלחמה, וועגן שלום מיט די באָלשעוויקעס, — האָט דאָס פּולק געריכט. באַלד נאָכן ערשטן מאַרש ביינאַכט, לעבן דאָרף סאָלאָנקי, האָט דער פּולק־קאָמאַנדיר, דער מיליטערישער עלטסטער פּילי־פּאָוו, מיט דער מערהייט פון אָפיצירישן קאָרפּוס זיך אָפּגעטיילט פון פּולק און פאַרטאָג צוגעשטאַנען צום גראַף מעליערס אָפּטרעטנ־דיקער בריגאַדע, וואָס איז צעקלאַפּט געוואָרן אין די שלאַכטן.

נאָכן אַכטאונצוואָנציקסטן פּולק האָט פאַרלאָזט די פּאָזיציע דאָס זעקסאונדרייסיקסטע פּולק. עס איז אין פולן קאָמפּלעט מיט אַלע אָפיצירן אָנגעקומען קיין קאַזאַנסק. דער קאָמענדאַנט, אַ ני־דעריק־געוואַקסענער, מיט גנבישע אויגן, וואָס האָט קנעכטיש גע־חנפעט די קאָזאַקן, איז מיט אַ גרופּע רייטער צוגעריטן צום הויז, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען דער שטאָפּ־קאָמענדאַנט. ער איז אַריינגעגאַנגען מיליטעריש, פאָכענדיק מיטן ראַפּניק.

— ווער איז דאָ דער קאָמענדאַנט?

— איך בין דער געהילף־קאָמענדאַנט, — האָט סטיעפּאַן אַס־טאַכאָוו געענטפערט, אויפשטייענדיק מיט ווירדע. — פאַרמאַכט, הער אָפיציר, די טיר.

— איך בין דער קאָמאַנדיר פון זעקסאונדרייסיקסטן פּולק, דער מיליטערישער עלטסטער נאַומאָוו. ע... איך האָב די ערע... מיר איז נייטיק צו באַקליידן און באַשוכן דאָס פּולק. די מענטשן זענען ביי מיר נאַקעט און באָרוועס. איר הערט?

— דער קאָמענדאַנט איז נישטאָ, און אָן אים קאָן איך אייך נישט אַרויסגעבן פון סקלאַד אפילו קיין איין פּאָר חוי־לאָקעס.

— וואָס ?

— דאָס, וואָס איר הערט.

— דו !... מיט וועמען רעדסטו ?... איך פּ־רעס־טיר, דער טייוול זאָל דיך „נע־ע־מען ! אין קעלער אַריין אים, יאַטן ! ווו זע־נען די שליסלען פון סקלאַד, דו מויז, פאַרשטעקטע אין הינטער־לאַנד ?... וואָ־אָ־ס ? — נאַומאָוו האָט אַ זעץ געטון מיטן ראַפּניק איבערן טיש, בלייך געוואָרן פון צאָרן, זיך פאַררוקט די צוויטיקע מאַנדזשורישע פּאַפּאַכע אויפן נאַקן. — די שליסלען גיב אַהער — און נישט געטענהט מער !

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן פון די טירן פון סקלאַד, אויפהייבנדיק אַ שטויב פון אָראַנזש־קאָליר, גענומען פליִען אויפן שניי אַרויף, אויף די הענט פון די פאַרזאַמלטע קאָזאַקן בינטלעך געגאַרבטע פעלצלעך, פעקלעך ווילאָקעס, שטיוול, פון האַנט צו האַנט זענען איבערגעגאַנגען היטלען צוקער. אַ רוישיק און פריי־לעך גערעדערײ האָט זיך לאַנג געטראָגן איבערן פלאַץ...

און אין דער צייט איז דאָס אַכטאונצוואָנציקסטע פּולק מיטן נייעם פּולק־קאָמאַנדיר, דעם וואַכמייסטער פאָמין, אַריינגעטרעטן קיין ווישענסק. באַלד נאָך אים, אויף אַ מהלך פון אַ דרייסיק וויאָרסט, זענען געגאַנגען די טיילן פון דער איבזשענסקער דיוויזיע. אַ רויטער פּאַטראָל איז דעם טאָג שוין געווען אין דובראָווקער כוטאָר.

דער קאָמאַנדיר פון צפון־פראָנט גענעראַל־מאַיאָר איוואַנאָוו האָט מיט פיר טעג פריער צוזאַמען מיטן שטאַב־אָנפירער גענע־ראַל זאַמבזשיצקין אײַליק זיך עוואַקויִרט אין דער קאַרגינער סטאַניצע אַריין. זייער אויטאָמאָביל האָט זיך געגליטשט איבערן שניי, זאַמבזשיצקיס פרוי האָט זיך געביסן די ליפּן ביז בלוט, די קינדער האָבן געוויינט...

ווישענסק איז אויף עטלעכע טעג געבליבן אָן אָנפירונג.

ווי מען האָט געשמועסט, זענען אין קאַרגין קאָנצענטרירט געוואָרן כוחות, כדי זיי צו וואַרפן אויפן אַכטאונצוואָנציקסטן פּולק. אָבער דעם צווייאונצוואָנציקסטן איז פון קאַרגין געקומען קיין וויעשענסק דער אַדיוטאַנט איוואַנאָוו און שמייכלענדיק פאַרנומען פון קאָמאַנדירס וווינונג זיינע זאַכן: אַ זומערדיק היטל מיט אַ נייער קאָקאַרדע, אַ האָר-בערשטל, אַ ביסל וועש און נאָך עטלעכע קלייניקייטן...

אין דעם הונדערטוויאָרסטיקן דורכריס, וואָס האָט זיך געשאַפן אויפן צפון-פראָנט, האָבן אַ פלייץ געטון די טיילן פון דער אַכטער רויטער אַרמיי. דער גענעראַל סאַוואַטאַיעוו איז אָן אַ שלאַכט אַוועקגעגאַנגען צום דאָן. אין דער ריכטונג פון טאַלי און באָגוטשאַר האָבן איילנדיק אָפּגעטרעטן די פּולקן פון גענעראַל פּיכעלאַוראָוו. אויף צפון איז אויף אַ גאַנצע וואָך געוואָרן אומגעוויינטלעך שטיל. עס האָט זיך נישט געהערט קיין האַרמאַטן-שיסעריי, עס האָבן געשוויגן די קולנוואַרפער. צעטומלטע דורכן פאַרראַט פון די אייבערשטע דאָנער קאָזאַקן, זענען אָן אַ שלאַכט אָפּגעטרעטן די אַזאָווער קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן צפון-פראָנט. די רויטע האָבן זיך גערוקט פאָרזיכטיק, פּאַמעלעך, אויפמערקזאַם באַטאַפּנדיק דורך אויסשפּירער די כוטאָרן, וואָס זענען געלעגן פאָרויס.

דער גרויסער דורכפאַל פון דער דאָנער רעגירונג אויפן צפון-פראָנט איז פאַרגיטיקט געוואָרן דורך אַ פריילעכער געשעעניש. קיין נאָוואָטשערקאַסק איז דעם אַכטאונצוואָנציקסטן דעצעמבער אָנגעקומען די מיסיע פון די פאַרבינדעטע: דער אָנפירער פון דער בריטישער מיליטערישער מיסיע פון קאַווקאַז גענעראַל פּול מיטן אָנפירער פון שטאַב פּאָלקאָווניק קיס און די פאָרשטייער פון פראַנקרייך — גענעראַל פראַנשע-ד'עספּערע און קאַפּיטאַן פוקע.

קראַסנאָוו האָט אַוועקגעפירט די פאַרבינדעטע אויפן פראָנט. אויף דער כמאַציע טשיר אויפן פעראָן איז אין קאַלטן דעצעמבער-פרימאָרגן אויסגעשטעלט געווען אַן ערן-וואַך. דער גענעראַל טאַ-

מאַנטאָוו, מיט די אַראָפּגעהאָנגענע וואָנסעס און פאַרשיכּורטן פּנים, וואָס האַלט זיך געווייַנטלעך נישט ציכטיק, אָבער איז איצינד געווען עלעגאַנט מיט זייַנע פריש-ראַזירטע בלוילעך-גלאַנציקע באַקן, האָט זיך געדרייט איבערן פּעראָן אַרומגערינגלט פון אָפיצירן. מען האָט געוואַרט אויפן צוג. ביים וואָקזאַל האָבן געטופּעט מיט די פיס און זיך געהויכט אויף די בלוי-געוואָרענע פינגער די מוזיקאַנטן פון מיליטערישן אָרקעסטער. אין דער וואַך זענען מאָלעריש פאַרגליווערט געבליבן די פאַרשידנקאָליריקע און פאַרשידנייעריקע קאָזאַקן פון די ניזאָווער סטאַניצעס. צוזאַמען מיט גרויבערדיקע זיידעס זענען געשטאַנען אָנוואָנסיקע יונגעלייט, דורכגעוואָרפן מיט באַטשופרינטע פראָנט-קעמפער. ביי די זיידעס אויף די שינעלן האָבן געפינקלט מיט גאָלד און זילבער קרייצן און מעדאַלן פאַר לאָווטשע און פּלעוונע; די יינגערע קאָזאַקן זענען געדיכט באַהאָנגען געווען מיט קרייצן, באַקומענע פאַר די ווילדע אַטאַקעס הינטער גאָג-טעפּע, לידיאַנטון און אין דער דייטשישער מלחמה — פאַר פּשעמישל, וואַרשע, לעמבערג. די יונגעלייט האָבן מיט גאָרנישט געפינקלט, — פאַר דעם זענען זיי געשטאַנען אויסגעצויגן ווי סטרונעס און זיך באַמיט אין אַלעם נאָכצומאַכן די אַלטע.

איינגעהילט אין מילך-ווייסן דאַמף, האָט דער צוג סאַפּענדיק זיך דערנענטערט. עס האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צו עפענען די טירן פון פּולמאַן-וואַגאָן, ווי דער קאַפּעלמייסטער האָט ענערגיש אַ באַוועג געטון מיט דער האַנט און דער אָרקעסטער האָט שאַלנדיק אויפגעשפּילט דעם ענגלישן נאַציאָנאַלן הימן. צוהאַלטנדיק זיך די שווערד, איז מאַמאַנטאָוו איילִיק צוגעגאַנגען צום וואַגאָן. קראַסנאָוו האָט ווי אַ גאַסטפרייַנטלעכער באַלעבאָס געפירט די געסט צום וואָקזאַל פאַרביי די פאַרגליווערטע שפּאַלערן פון די קאָזאַקן.

— דאָס גאַנצע קאָזאַקנטום איז אויפגעשטאַנען פאַר דער באַשיצונג פון פאָטערלאַנד קעגן די רויטגוואַרדייִשע באַנדעס. איר זעט פאַר זיך פאָרשטייער פון דריי דורות. די דאָזיקע מענטשן האָבן געקעמפט אויף די באַלקאַנען, אין יאַפּאַן, אין עסטרייך-אונגאַרן

און פרייסן, און אַצינד קעמפן זיי פאַר דער פרייהייט פון פאָטערלאַנד, — האָט ער געזאָגט אין אַ גלענצנדן פראַנצויזיש, פאָרנעם שמייכלענדיק און אָנווייזנדיק מיט אַ צאַרישן באַוועג פון קאָפּ אויף די זיידעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט די אויגן און אָן אָטעם פאַרגליווערט געבליבן.

נישט אומזיסט האָט מאַמאָנטאָוו, לויט אַן אָנווייזונג פון דער הייך זיך באַמיט ביים אויסוויילן די ערן-וואַך. די סחורה איז געוויזן געוואָרן פון דער רעכטער זייט.

די פאַרבינדעטע האָבן באַזוכט דעם פראָנט און צופרידענע זיך אומגעקערט קיין נאָוואָטשערקאַסק.

— איך בין זייער צופרידן פון גלענצנדן אויסזען, דיסציפּלינירטקייט און קעמפערישן גייסט פון אייער מיליטער, — האָט פאַרן אָוועקפאָרן גענעראַל פּול געזאָגט צו קראַסנאָוון. — איך וועל גלייך פאַראָרדענען, מען זאָל פון סאַלאָניקע איבערשיקן אַהער צו אייך די ערשטע אָפּטיילונג פון אונזערע זעלנער. אייך, גענעראַל, בעט איך צוצוגרייטן דריי טויזנט פעלצלעך און וואַרעמע שטיוול. איך האָף, אַז מיט אונזער הילף וועט איר באַווייזן פולשטענדיק אויסצוראָטן די באָלשעוויקעס.

...אייליק זענען גענייט געוואָרן געגאַרבטע פעלצלעך, צוגעגרייט געוואָרן ווילאָקעס, אָבער דער דעסאַנט פון די פאַרבינדעטע האָט זיך דאָך עפּעס נישט אַרויסגעזעצט אין נאָוואָראָסייסק.

פּולן, וועלכער איז אָוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, האָט פאַרטרעטן דער קאַלטער גאַוואהדיקער בריגס. ער האָט געבראַכט פון לאָנדאָן נייע אינסטרוקציעס און שאַרף, מיט גענעראַלישער שטייפקייט געמאָלדן:

— די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט וועט צוטיילן דער פרייוויליקער אַרמיי ביים דאָן ברייטע מאַטעריעלע הילף, אָבער נישט געבן קיין איין סאָלדאַט.

קאָמענטאַרן צו דער מעלדונג זענען איבעריק געווען...

סוף פון ניינטן בוך.

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שײנבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

מיכאיל שאלאכאָוו

דער שטילער דאָן

דאס צענטע בוך

פון רוסיש: שלמה שײנבערג

ידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק
1936 וואַרשע

Druk. „Grafia", Warszawa, Nowolipki 7.

XII

די פּײַנטלעכקייט, וואָס האָט ווי אַן אומגעזעענער אַקער·
שטעג צעטיילט די אָפיצירן און קאָזאַקן נאָך בשעת דער אימפּער·
יאַליסטישער מלחמה, איז האַרבסט·צייט 1918 זיך אומגעהייער פונאַנ·
דערגעוואַקסן. סוף 1917, ווען די קאָזאַקישע טיילן זענען פאַמעלעך זיך
צונויפגעפלאָסן צום דאָן, זענען די פאַלן פון מאָרדן און אויסגעבן
די אָפיצירן געווען זעלטן, אָבער אין אַ יאָר אַרום זענען זיי
געוואָרן כמעט אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. די אָפיצירן האָט מען
גענייט, לויטן בײַשפּיל פון די רויטע קאָמאַנדירן, בשעת אָנגריף
צו גיין פאָרויס דער קאַמף·ליניע — און אָן געדויש, שטילינקער·
הייט זיי נאָכגעשאָסן אין רוקן. בלויז אין אַזעלכע טיילן, ווי אין
גונדאָראָווער געאָרגי·פּולק, האָבן זיי זיך געהאַלטן פעסט צו·
זאַמען, אָבער אין דער דאָנער אַרמיי איז פון זיי געבליבן זייער
ווייניק.

דער שלויער, פּיפּיקער פּיעטראָ מעליעכאָוו האָט שוין לאַנג
פאַרשטאַנען, אַז קריגן זיך מיט די קאָזאַקן וועט דערפירן צום
טויט, און ער האָט באַלד פון די ערשטע טעג אָן זאָרגעוודיק זיך
באַמיט אָפּצווישן די גרענעץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט אים, דעם
אָפיציר, פון די פּשוטע זעלנער. ער האָט אויך ווי זיי בײַ יעדער
געלעגנהייט גערעדט וועגן דער אומגעלומפּערטקייט פון דער מלחמה;
דערבײַ גערעדט נישט אויפריכטיק, מיט גרויס אָנשטרענגונג, אָבער
דידאָזיקע נישט אויפריכטיקייט האָט קיינער נישט באַמערקט;
ער האָט זיך געפּוצט פאַר אַ באָלשעוויק און שטאַרק גע·

חנפעט פאָמינען, זינט ער האָט באַמערקט, אַז דאָס פּאָלק רוקט אים אַרויס. ווי די איבעריקע, האָט אויך פּיעטראָ זיך נישט געעבערעקלט צו רויבן אַ ביסל, אויסצוזידלען די אָנפירערשאַפט, צו שוינען אַ געפאַנגענעם, בשעת די שנאה אין האַרץ איז געשטיגן און די הענט האָבן קאָנוולסיוו געציטערט פון קיצלדיקן פאַרלאַנג אַ קלאַפּ צו געבן, צו דערהרגענען... אין דער דינסט איז ער געווען איינפאַך, נאָכגיביק, — וואַקס, נישט קיין כאָרונזשי! און פּיעטראָ האָט געוווּנען דעם צוטרוי פון די קאָזאַקן, באַוויזן זיך צו מאַסקירן פאַר זיי.

ווען נאַאומאָוו האָט הינטערן דאָרף סאָלאָנקע אָוועקגעפירט די אָפיצירן, איז פּיעטראָ געבליבן. אַ געלאַסענער און שטילער, זיך האַלטנדיק תמיד אין שאָטן, אין אַלעם אַ מעסיקער, איז ער צוזאַמען מיטן פאָלק געקומען קיין ווישענסק. און פאַרברענגענדיק צוויי טעג אין ווישענסק, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, נישט געוויזן זיך, נישט אין שטאַב, נישט ביי פאָמינען און אָפּגעצויגן אַהיים.

דעם טאָג אינדערפרי איז אין ווישענסק אויפן פּלאַץ ביי דער אַלטער צערקווע פאָרגעקומען אַ מיטינג. דאָס פאָלק האָט געוואַרט אויפן אָנקומען פון די דעלעגאַטן פון דער אינזשענסקער דיוויזיע. איבערן פּלאַץ האָבן גרופּנווייז זיך געדרייט קאָזאַקן אין שינעלן, פעלצלעך, קורטקעס, וואַטענע טשעקמענען. ס׳האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דידאָזיקע פאַרביק-געקליידטע, גרויסע מחנה איז אַ מיליטערישע אָפּטיילונג, דאָס אַכטאונצוואָנציקסטע קאָזאַקן-פאָלק. פּיעטראָ איז פלעגמאַטיש אַריבערגעגאַנגען פון איין געזעמל צום צווייטן, אויפסנייַ זיך צוגעקוקט צו די קאָזאַקן. פריִער, אויבן פראָנט, האָט זייער קליידונג זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן און ס׳איז אויך נישט אויסגעקומען צו זען דאָס פאָלק אין זיין פולער קאָמפּאַקטער מאַסע. מיט שנאה זיך בייסנדיק די פוכיקע העלע וואָנסע, האָט פּיעטראָ אַצינד געקוקט אויף די פנימער, באַדעקטע מיט טוי-פראָסט, אויף די קעפּ אין די פאַרשידנפאַרביקע פאַפּאַכעס און היטלען, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ווידער געזען די זעלבע

רייכע פאַרשידנאַרטיקייט : אויסגעטרעטענע ווילאָקעס, שטיוול, וויקלערס איבער די שיך, וואָס זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון די רויטאַרמייער.

— קרוט־בלויעניקעס ! פויערן פאַרשאָלטענע ! אויסוואָרפן !— האָט פּיעטראָ אין מאַכטלאָזן צאָרן שטיל געמורמלט.

אויף די פּאַרקנס האָבן זיך געבלייכט פּאָמינס באַפּעלן. די איינוווינער האָט מען נישט געזען אויף די גאַסן. די סטאַניצע האָט פאַרטייעט געוואָרט. אין דער פּערספּעקטיוו פון די געסלעך האָט זיך געזען דער ווייסער, מיט שניי־באַדעקטער, שטח פון דאָן. דער וואַלד אויף יענער זייט דאָן האָט זיך געשוואַרצט, ווי געצייכנט מיט טוש. ביים גרויען שטיינערנעם הויף פון דער אַלטער צערקווע האָבן ווי אַ סטאַדע שעפּסן זיך געטוליעט די פויערישע באַבעס, וואָס זענען געקומען פון די כוטאָרס.

אָנגעטון אין אַרומגעזוימטן פּעלצל, מיט דער גרויסער קעשענע אויף דער ברוסט און אין דער פאַרשאָלטענער קאַראַקולענער אָפיצירישער פּאַפּאַכע, מיט וועלכער ער האָט זיך ערשט נישט לאַנג אַזוי געררומט, האָט פּיעטראָ אַלע ווײַלע געפילט אויף זיך קרומע קאַלטע בליקן. זיי האָבן אים דורכגעשטאָכן און נאָך מער אויפגערודערט זיין אַזוי אויך אומרויִקן צושטאַנד. ער האָט אומקלאָר געדענקט, ווי אויף אַן איבערגעקערט פּאַס אינמיטן פּלאַץ איז אויסגעוואַקסן אַ קרעמפּער רויטאַרמייער אין אַ פרישן שינעל און נייער באַרצנקאָווער פּאַפּאַכע מיט צעשפּיליעטע אויערן־לאַפּן. ער האָט מיט דער האַנט אין אַ וואָלענער הענטשקע זיך גלייך געמאַכט דעם רויכיק־גרויען פוטערנעם קאָזאַקישן שאַל אַרום דעם האַלז און זיך אַרומגעקוקט.

— חברים, קאָזאַקן ! — האָט איבער פּיעטראָס אויערן אַ שניט געטון אַ נידעריק הייזעריק קול.

ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי די קאָזאַקן, פאַרוווּנדערט פון אומבאַקאַנטן וואָרט, קוקן זיך איבער, ווונקען אונטער איינער צום אַנדערן, זיך ריכטנדיק אויף עפּעס נייעס. דער

ראָוויטאַרמייער האָט לאַנג גערעדט וועגן דער סאָוויעטישער מאַכט, וועגן דער רויטער אַרמיי און איר באַציִונג צום קאָזאַקנטום. פּיעט־ראָן איז באַזונדערס געבליבן אין זכּרון, — ווי מען האָט דעם אָראַטאָר די גאַנצע צייט איבערגעשלאָגן מיט אויסגעשרייען:

— חבר, און וואָס איז אַזוינס די קאָמונע?

— און אונז וועט מען אין איר איינשרייבן?

— און וואָס איז דאָס אַזוינס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי?

דער אָראַטאָר האָט צוגעדריקט צו דער ברוסט די הענט, זיך געדרייט אין אַלע זייטן, געדולדיק אויסגעטייטשט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען פון צווייטן עק אויסגע־שריגן:

— מיר בעטן צו רעדן קלאָר...

נאָכן ענטפער זענען נישט אַריבער אפילו קיין עטלעכע מי־נוט, ווי עמעצנס מעכטיקער באַס האָט ווידער געדונערט:

— דו רעדסט אומפאַרשטענדלעך וועגן דער קאָמונע. מיר בעטן זייער אויסצוטייטשן. — מיר זענען מענטשן — נישט אויפ־געקלערטע. דו רעד בעסער מיט פּשוטע ווערטער!

דערנאָך האָט פאָמין גערעדט לאַנג און נודנע, און אָפט, ווו מען האָט יאָ און נישט געדאַרפט, קאָקעטירט מיטן וואָרט „עקוואירן”. אַרום פאָמינען האָט כּסדר זיך געדרייט עפּעס אַ יונגער בחור אין אַ סטודענטיש היטל און עלע־גאַנטן פּאַלטן. און צוהערנדיק זיך צו פאָמינס כאָאָטיש רעדן, האָט פּיעטראָ זיך דערמאַנט, ווי אין פעברואַר 1917, אין טאָג, ווען דאַריע איז געקומען צו אים, האָט ער צום ערשטן מאָל געזען פאָ־מינען אויף דער סטאַציע אויפן וועג קיין פּעטראָגראַד. פאַר זײַ־נע אויגן איז געשטאַנען דער שטרענגער, פּייכט־פינקלדיקער בליק פון די ברייט־צעריינגעשטעלטע אויגן פון דעם דעזערטיר־אַטאַמאַ־ניעק, אָנגעטון אין אַ שינעל מיט אַן אָפּגעריבענעם נומער „25” אויף די שליפּעס פון אַן אוריאַדניק; זיין בערישע פיגור. „לאַנג־ווײַליק, ברידערקע!” — האָט פּיעטראָ דערהערט שטילע ווערטער

„אַ דעזערטיר, אַ שוטה, ווי כריסטאָניע, און אַצינד פּאָלק-קאָמאַנדיר, און איך זע מיך נישט אָן“, — האָט פּיעטראָ געטראַכט, הייס גלאַנצנדיק מיט די אויגן.

אַ קאָזאַק, קרייצאַרטיק אַרומגעגאַרטלט מיט קוילן-טאַשמעס פון מאַשין-געווער, האָט פאַרנומען פּאָמינס אָרט אויפן פּאַס.

— ברידער! איך אַליין בין געווען ביי פּאָדטיאָלקאָוון אין דער אָפּטיילונג, און עס וועט נאָך אפשר, מיט גאָטס הילף, אויסקומען צו גיין אויף די קאַדעטן! — האָט ער געכריפּעט, זיך וואַרפנדיק און שיכור פאָכענדיק מיט די הענט.

פּיעטראָ איז מיט שנעלע טריט אַוועקגעגאַנגען צו דער קוואַרטיר. ער האָט געזאָטלט זיין פערד און געהערט, ווי די קאָזאַקן שיסן, אַרויסרייטנדיק פון דער סטאַניצע און מיטטיילנדיק, לויטן אַלטן מנהג, די כוטאָרן וועגן אומקערן זיך פון די מיליטער-לייט.

XIII

די קורצע טעג, שרעקנדיק מיט זייער שטילקייט, האָבן אין די פאַרנאַכטן זיך געצויגן לאַנג, ווי אין שניט-צייט. די כוטאָרס האָבן זיך פאַרלוירן אין טויבן, פּוסטן סטעפּ. ווי די גאַנצע געגנט פון דאָן וואָלט אויסגעשטאָרבן, ווי אַ מגפה וואָלט פאַרוויסט די פעלדער פון די סטאַניצעס. און ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ געדיכטער וואָלקן וואָלט מיט אַ נישט דורכדרינגלעך-שוואַרצן פליגל באַדעקט די געגנט פון דאָן, שטום און שרעקלעך זיך אויסגעשפּרייט, און אָט-אָט וועט ער מיט צעבושעוועטן ווינט צובייגן אַ טאָפּאָל צו דער ערד, אויפפלאַקערן מיט טרוקענעם קנאַלנדיקן דונערן, נעמען ברעכן און קרישלען דעם בעריאָזע-וואַלד אויף יענער זייט דאָן, אַראָפּשיטן שטיינער פון די קרייד-בערג, רעווענדיק מיט די פאַרוויסטנדיקע קולות פון שטורעם...

פון באַגינען אָן האָט אין טאָטערישן כוטאָר אַ נעפּל אויס-

געבעט די ערד. דער באַרג האָט געהודזשעט, אָנזאָגנדיק פראָסט. מיטאָג־צייט האָט די זון זיך אויסגעשיילט פון פייכטן נעפּל, אָבער ס'איז צוליב דעם נישט געוואָרן העלער. און דער נעפּל האָט פאַרלוירן געבלאָנזשעט איבער די הויכקייטן פון די דאָנער בערג, זיך געטוליעט אין די גריבער, אין די היילן, און דאָרט פאַרלוירן געגאַנגען, זיך אָפּזעצנדיק אין פייכטן שטויב, אויף די מאָכיקע קרייד־שטיקער, אויף די שנייאיקע פליכן פון די באַרג־שפּיצן.

אין די פאַרנאַכטן האָט פון הינטער די שפּיצן פון נאַקעטן וואַלד די נאַכט אויפגעהויבן די גליִענדיק־רויטע גרויסע שילד פון דער לבנה. זי האָט נעפּלדיק געשיינט איבער די פאַרשוויגענע כּוּטאָרן מיטן בלוטיקן אָפּגלאַנץ פון מלחמה און שרפות. און פון איר עקשנותדיק כּסדרדיק שיינען האָט ביי די מענטשן זיך געוועקט אַן אומקלאָרע שרעק, און די בהמות זענען געוואָרן אומרויִק. די פערד און אָקסן האָבן ביזן טאָג אַריין אַרומגעבלאָנזשעט איבער די הויפן, די הינט האָבן בהלהדיק געבילט, און נאָך לאַנג פאַר האַלבער נאַכט האָבן די העגער מיט פאַרשידענע קולות זיך איבערגעשריגן. פאַר־טאָג האָט אַ פרעסטל פאַרקאָוועט אין אייז די פייכטע צווייגן פון די ביימער. דער ווינט האָט זיי צונויפגעקלאַפּט און זיי האָבן גע־קלונגען, ווי שטאָלערנע רייט־אייזנס. ווי אַן אומגעזעענע רייטער־מחנה וואָלט געגאַנגען מיטן לינקן ברעג דאָן דורכן פינסטערן וואַלד, אין דער בלויער פינסטערניש, צוקלינגענדיק מיטן געווער און די רייט־אייזנס.

כּמעט אַלע טאָטערישע קאָזאַקן, וואָס זענען געווען אויפן צפון־פראָנט, האָבן זיך אומגעקערט אין כוטאָר, פרייוויליק פאַר־לאָזנדיק זייערע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן פאַמעלעך געצויגן צום דאָן. יעדן טאָג האָט זיך באַוויזן עמעצער פון די פאַרשפּעטיקטע. ווער — כּדי אויף לאַנג אויסצוזאָטלען דאָס פערד און וואַרטן אויפן אָנקומען פון די רויטע, באַהאַלטנדיק די מיליטערישע אויסריכטונג אין אַ סטויג היי, אָדער אונטערן דאַך פון שייער, און ווער, עפּע־נענדיק דאָס פאַרשנייעטע טירל, האָט בלויז אַריינגעפירט דאָס פערד אויפן הויף, פאַרפולט דעם זאַפּאַס סוכאַרעס, זיך דורכגע־

שלאָפן אַ נאַכט מיטן ווייב, אינדערפרי אַרויסגעריטן אויפן שליאַך, פון באַרג צום לעצטן מאָל געקוקט אויפן ווייסן טויטן שטח פון דאָן, אויף די היימישע ערטער, וואָס זענען אפשר אויף אייביק פאַרלאָזט געוואָרן.

ווער וועט פאַרלויפן די וועגן פון טויט? ווער וועט פאַר־זאָגן דעם סוף פון אַ מענטשלעך לעבן?... אומגערן האָבן די פערד זיך דערוויייטערט פון כוטאָר. שווער געווען איז די קאָזאַקן צו פאַרטייבן אין האַרץ דאָס געפיל פון רחמנות צו די אייגענע. און אַ סך האָבן איבער דעם לייכט פאַרשנייעטן וועג אין געדאַנק זיך אומגעקערט אַהיים. אַ סך שווערע געדאַנקען זענען איבער דעם וועג דורכגעטראַכט געוואָרן... אפשר האָט אויך אַ טרער, אַ גע־זאַלצענע ווי בלוט, זיך אַראָפּגעגליטשט איבערן פליגל פון זאָטל און געפאַלן אויפן קאַלטן רייט־אייזן, אויף דער פון פאָדקאָוועס צעביסענער ערד. צי וועט אויף דעם אָרט אין פרילינג נישט אַרויסוואַקסן אַ בלויער טוליפּאַן, די בלום פון צעשיידונג?

אין דער נאַכט, נאָך פּיעטראָס קומען פון ווישענסק, האָט אין דער כאַטע פון די מעליעכאָווס זיך אָנגעהויבן אַ פאַמיליען־באַראַטונג.

— נו, וואָס? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפרעגט, ווי נאָר פּיעטראָ האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל. — שוין גענוג מלחמה געפירט? אָן שליפּעס זיך אומגעקערט? נו, גיי, גיי, באַ־גריס דיך מיטן ברודער, פריי דיך מיט דער מוטער, דאָס ווייב האָט זיך פאַרבענקט... וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו, פּיעטיאַשאַ... גריגאָרי! גריגאָר פאַנטעלעוויטש, וואָס־זשע ליגסטו ווי אַ באָבאַק אויפן אויוון? קריך אַראָפּ!

גריגאָרי האָט אַראָפּגעהאָנגען די באָרוועסע פיס מיט די שטייף־אָנגעצויגענע בענדלעך פון האַקי־קאָליר, און, קראַצנדיק זיך מיט אַ שמייכל די שוואַרץ־האָריקע געדיכט־פאַרוואַקסענע ברוסט, געקוקט אויף פּיעטראָן, וואָס האָט אָן אָנגעבויגענער אויסגעטון דעם רעמעט פון דער שווערד און מיט פאַרשטייפטע פינגער פון

פּראַכט זיך באַמיט אויפצובינדן דעם קנופּ פון באַשליק. דאָריאַ האָט אַ שווייגנדיקע און שמייכלענדיקע אַריינגעקוקט דעם מאַן אין די אויגן, אויפגעשפּיליעט די האַקלען פון זיין פעלצל, פאַרזיכטיק אַרומגייענדיק אים פון רעכטס, ווו עס האָט ביי דער שייד פון רע-וואָלווער גרוילעך געגלאַנצט, צוגעבונדן צו זיין פּאַסעק, אַ האַנט-גראַנאַט.

באַרירנדיק מיט דער באַק דעם ברודערס פאַרפרוירענע וואָנסעס, איז דוניאַשקאַ אַרויסגעלאָפן באַזאָרגן די פערד. איליניטשנאַ האָט זיך געוווישט מיטן פאַרטוך די ליפּן און זיך געגרייט צו קושן דעם זון. ביים אויוון האָט זיך געפּאָרעט נאַטאַליאַ. אַנהאַלטנדיק זיך ביים פאָדל פון איר קלייד, האָבן זיך געשטופּט די קינדער. אַלע האָבן געוואַרט פּיעטראַ זאָל עפּעס זאָגן, אָבער בלויז אַ וואָרף טוענדיק פון דער שוועל דעם הייזעריקן: „וואָס מאַכט איר!” – האָט ער שווייגנדיק זיך אויסגעטון, לאַנג אָפּגעקערט די שטיוול מיטן בעזעמל פון חזיר-האָר, און אויסגלייכנדיק דעם איינגעבויגענעם רוקן, פּלוצלינג נעבעכדיק אַ ציטער געטון מיט די ליפּן, עפּעס פאַרלוירן זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער זייט פון בעט, און אַלע האָבן אומגעריכט דערזען אויף זיינע דורכגעפרוירענע טונקעלע באַקן טרערן.

– מיליטערמאַן! וואָס איז עס מיט דיר? – האָט דער אַלטער געפרעגט, פאַרבאַרגנדיק הינטער דער וויציקייט דעם אומרו און דאָס ציטערן אין זיין האַלז.

– מיר זענען פאַרלוירן, פאָטער!

פּיעטראַ האָט פאַרקרומט זיין מויל אין אַ לאַנגער גרימאַסע, אַ באַוועג געטון מיט די העלע ברעמען און, באַהאַלטנדיק די אויגן, אַריינגעשנייצט אין שמוציקן, מיטן ריח פון טיטון דורכגעזאַפּטן טיכל. גריגאָרי האָט אָוועקגעשליידערט די קאַץ, וואָס האָט זיך געלאַשטשעט צו אים, – מיט אַ קרעכץ אַראָפּגעשפּרונגען פון אויוון. די מוטער האָט זיך צעוויינט, קושנדיק פּיעטראָס פאַרלייזיקטן קאָפּ, אָבער זיך באַלד אָפּגעריסן פון אים.

– קינדעלע מיינס! אָרימענקער, אפשר אַ ביסעלע זויער-

מילך? גיי, זעץ דיך, דער באָרשטש וועט קאַלט ווערן. ביסט דאָך מסתמא הונגעריק?

ביים טיש, האַלטנדיק דעם פּלימעניק אויף די קניִען, איז פּיעטראָ הייטערער געוואָרן; באַהערשט די אויפרעגונג, האָט ער דערציילט וועגן אַוועקגיין פון אַכטאונצוואַנציקסטן פּולק פון פראָנט, וועגן אַנטלויפן פון אַנפירער־קאָמפּלעט, וועגן פּאָמינען און וועגן לעצטן מיטינג אין ווישענסק.

— וואָס־זשע טראַכסטו? — האָט גריגאָרי געפרעגט, נישט אַראָפּנעמענדיק די אָדערדיקע האַנט פון דער טאָכטערס קאָפּ.

— נישטאָ וואָס צו טראַכטן. מאָרגן פאַרברענג איך ביי אייך, און מיט דער נאַכט צוגלייך פאָר איך אַוועק. איר, מאַמענקע, גרייט מיר צו שפּייז אויפן וועג, — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער מוטער.

— טרעטסטו, הייסט עס, אָפּ?

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַריינגעשטעקט די פינגער אין טיטון־בייטל און אַזוי געבליבן וואַרטן אויף אַן ענטפער.

פּיעטראָ איז אויפגעשטאַנען, זיך געצלמט פאַר די מאַטע, טונקל־געוואָרענע הייליקע בילדער, זיין בליק איז געווען שטרענג און מרה־שחורהדיק.

— גאָט צו דאַנקען זיך אָנגעגעסן!... צי איך טרעט אָפּ, פרעגסטו? וואָס־זשע דען? בלייבן זאָל איך? די רויטע זאָלן מיר דעם קאָפּ אָפּהאַקן? אפשר רעכנט איר צו בלייבן, אָבער איך... ניין, איך וועל שוין פאָרן, אָפּיצירן שוינען זיי נישט.

— און מיט דער שטוב וואָס וועט זיין? איבערלאָזן, הייסט עס?

פּיעטראָ האָט בלויז מיט די אַקסלען אַ הייב געטון אויפן אַלטנס פראַגע. נאָר באַלד האָט זיך דערהערט דאַריעס קול:

— איר וועט אַוועקפאָרן, און מיר זאָלן בלייבן? שיין אויסגעטראַכט, נישטאָ וואָס צו רעדן! אייער פאַרמעג וועלן מיר אָפּהיטן!... צוליב דעם, אפשר, דאָס לעבן פאַרלירן! ווערט עס פאַרברענט אויפן ערשטן פייער! איך וועל נישט בלייבן!

אפילו נאַטאַליאַ האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין שמועס. פאַרטייבנדיק דאָריעס קלינגענדיקן רעטשיטאַטיוו, האָט זי אויס־געשריגן:

— אויב דער גאַנצער כוטאָר וועט זיך רירן — וועלן מיר אויך נישט בלייבן! צופוס וועלן מיר אַוועקגיין!

— בהמות! צויגן! — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש מיט צאָרן זיך צערעוועט, בלאַנזשענדיק מיט די אויגן, זוכנדיק דעם שטעקן. — נבלות, אין אייער הינערישער מאַמען אַריין! שטיל זאָל מיר זיין, פאַרשאָלטענע! דאָס איז אַ מאַנסבילישער ענין, און זיי מישן זיך, ווי גלייכע... נו, לאָמיר אַלץ אַוועקוואַרפן און גיין וווּהין די אויגן וועלן טראָגן! און ווו וועלן מיר די בהמות אַהינ־טון? אונטערן אָרעם נעמען? און די כאַטע?...

— איר, ווייבער, האָט פשוט דעם שכל פאַרלוירן! — האָט איליניטשנאַ אים באַליידיקט אונטערגעהאַלטן. — איר האָט דאָס פאַרמעגן נישט אָנגעזאַמלט, איז אייך לייכט עס אַוועקצוּוואַרפן. אָבער איך מיטן אַלטן האָבן טאָג און נאַכט דעם רוקן געבויגן, און אַצינד נעמען און אַלץ איבערלאָזן? ניין! — זי האָט פאַר־פּרעסט די ליפּן און אַ זיפץ געטון. — גייט, און איך וועל מיך פון אָרט נישט רירן. זאָל מען מיך בעסער אויף דער שוועל דער־הרגענען, — וועט אַלץ לייכטער זיין, איידער הינטער אַ פרעמדן פאַרקן די פּיס אויסצוציִען!

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט סאָפּענדיק און זיפצנדיק אַרויסגעדרייט די קנויט פון לאָמפּ. אויף אַ מינוט זענען אַלע פאַר־שוויגן געוואָרן. דוניאַשקאַ, וואָס האָט געשטריקט אַ זאָק, האָט אויפגעהויבן די אויגן פון די שפּיזלעך און שעפּטשענדיק געזאָגט:

— די בהמות קאָן מען מיט זיך מיטטרייבן... מיר וועלן דאָך צוליב די בהמות נישט בלייבן.

און ווידער האָט דער אַלטער אויפגעפלאַקערט אין צאָרן. ער האָט, ווי אַן אויסגערוטער זשרעבאַק, גענומען טופּען מיט די פּיס, זיך שטרויכלענדיק אָן ציגעלע, וואָס איז געלעגן ביים אויוון. שטיין געבליבן פאַר דוניאַשקען, האָט ער געפייערט:

— מיטטרייבן ! און די אַלטע בהמה האַלט בײַ קעלבן זיך, — וואָס וועסטו מיט איר טון ? ווו ווייט וועסטו זי קאָנען טרייבן ? אַך, דו, פאַרשאָלטענע, שלעפּערין ! נבזהניצע ! גנידע ! געזאַמלט, געזאַמלט פאַר זיי — און אָט וואָס איך האָב דערלעבט צו הערן !... און די שעפּסן ? און די קעלבער ווו וועסטו אַהינטון ?... אָך, אָך, צוי-וי-ויגן-טאָכטער ! וואָלסט בעסער געשוויגן !

גריגאָרי האָט זײַטיק געקוקט אויף פּיעטראָן, און ווי אַמאָל, שוין זייער לאַנג, דערזען אין זײַנע היימישע אויגן יענעם עזות-דיקן, אָפּשפּעטנדיקן און אײַנצײַטיק באַשיידן-דרך-ארצדיקן שמייכל, דאָס באַקאַנטע ציטערן פון זײַנע ווייצענע וואָנסעס. פּיעטראָ האָט אַ פינקל געטון מיט אַן אויג און זיך גענומען טרייסלען פון אײַנ-געהאַלטענעם לאַכן. אויך גריגאָרי האָט פרײדיק דערפילט אין זיך אַ נאָכגיביקייט צום לאַכן, וואָס איז אים אין די לעצטע יאָרן פרעמד געווען, און ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— נו, אָט האָסטו דיר !... גאָט צו דאַנקען !... זיך דורכ-געשמועסט ! — דער אַלטער האָט בייז אַ בליק געטון אויף אים און זיך געזעצט צום פענסטער, וואָס איז באַדעקט געווען מיטן האַפּט פון ווייסן טוי-געפריר.

ערשט האַלבע נאַכט זענען זיי געקומען צום אַלגעמיינעם באַשלוס : די קאָזאַקן פאָרן, און די ווייבער בלייבן היטן דאָס הויז מיטן באַלעבאַטישקייט.

נאָך לאַנג צו טאָג האָט איליניטשנאַ אויסגעהייצט דעם אויוון, אָפּגעבאַקן ברויט און אָנגעטרוקנט צוויי טאָרבעס סוכאַ-רעס. דער אַלטער האָט געגעסן פרישטיק בײַם פײַער, מיטן טאָג צוגלייך געגאַנגען ברענגען אין אָרדענונג די בהמות, צוגרייטן דעם שליטן צום פאָרן. ער איז לאַנג געשטאַנען אין שייער, אַרײַנגע-שטעקט די האַנט אין זשליוב, וואָס איז פול געווען מיט ווייץ, דורכלאַזנדיק די שווערע קערנער דורך די פינגער. ער איז אַרויס-געגאַנגען, ווי פון אַ טויטן : אַראָפּגענומען דאָס היטל, שטיל פאַר-מאַכנדיק הינטער זיך די געלע טיר...

ער האָט זיך נאָך געפּאָרעט אונטערן דאַך פון דער שאָפּע,

טוישנדיק דעם קויש אויפן שליטן, ווען אין געסל האָט זיך באַ־וויזן אַניקושקאַ, וואָס האָט געטריבן אַ קו צום טרינקען. זיי האָבן זיך באַגריסט.

— קלויבסט דיך אוועקצופאָרן, אַניקעי?

— ביי מיר זיך קלויבן — איז ווי דעם נאַקעטן זיך אָרומ־גאַרטלען. אייגנס — טראָג איך אין מיר, פרעמדס — מיט מיר!

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

— נייעס איז דאָ אַ סך, פּראָקאָפּיטש!

— וואָס אייגנטלעך? — איז פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אומרויִק געוואָרן, אַריינרוקנדיק די האַק אין שליטן.

— אָקאָרשט מען זעט נישט, קומען די רויטע אָן. זיי דער־נענטערן זיך שוין צו ווישקי. אַ מענטש פון באָלשאָי גראָמאַק האָט געזען. ער האָט דערציילט, אַז ס'איז שלעכט מיט זיי. זיי שעכטן מענטשן... מיט זיי זענען יידן און כינעזער, איינגעזונקען זאָלן זיי ווערן! ווייניק האָבן מיר זיי, די קרום־אויגיקע, גע־שלאָגן!

— זיי שעכטן?!

— וואָס דען, זיי באַשמעקן בלויז? — אַניקושקאַ האָט אַרויס־געוואָרפן אַ קללה אין דער מאַמען אַריין, פאַרבייגעגאַנגען דעם פאַרקן און פאַרענדיקט פאַר זיך: — די באָבעס פון יענער זייט דאָן האָבן אָנגעקאָכט בראָנפן, גיבן זיי צו טרינקען, זיי זאָלן זיי קיין שלעכטס נישט טון, און ווען זיי שיכורן זיך אָן, פאַרנעמען זיי אַ צווייטן כוטאָר און מאַכן אָן אַ חורבן.

דער אַלטער האָט אַרויפגעשטעלט דעם קויש אויפן שליטן, איז דורכגעגאַנגען אַלע שאָפעס, באַטראַכט יעדעס קלעצל און פאַרקנדל, וואָס איז דורך זיינע הענט אויפגעשטעלט געוואָרן. דערנאָך האָט ער גענומען די היי־קאָם און אוועקגעהינקט אין שייער אַריין אָננעמען היי אויפן וועג. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון סטויג דעם אייזערנעם האַק און נאָך אַלץ נישט פילנדיק די אומפאַר־מיידלעכקייט פון פאָרן, אָנגעהויבן אָננעמען היי פון ערגערן, וואָס איז געמישט געוועזן מיט סטעפּ־גראָז (דאָס בעסערע פלעגט ער

באַהאַלטן צום פּרילינג, אויף דער צייט פון אַקערן), אָבער זיך מיישב געווען און מיט פּאַרדרוס אויף זיך אַריבערגעגאַנגען צום צווייטן סטויג. צו זיין באַוווּסטזיין איז עפּעס נישט דערגאַנגען, אַז אָט אין עטלעכע שעה אַרום וועט ער פאַרלאָזן דעם הויף און דעם כוטאָר, אַוועקפאָרן ערגעץ אויף דרום און אפשר אפילו זיך שוין נישט אומקערן. ער האָט אָנגענומען היי און ווידער, לויטן אַלטן שטייגער, אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער היי־קאַם, כדי צונויפצושאַרן די רעשטלעך, אָבער זיך צוריקגעכאַפּט, ווי פון הייסן, אָפּגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן אונטערן הוט און הויך געזאָגט:

— צוואָס זאָל איך עס אַצינד אָפּהיטן? מען וועט עס דאָך אַלץ איינס וואַרפן די פערד אונטער די פיס, קאַליע מאַכן, אָדער גאָר פאַרברענען.

צעברעכנדיק די היי־קאַם אויף דער קני, האָט ער אַ קריץ געטון מיט די־ציין, אַ געהאָרבעטער, מיט אַ געבויגענעם רוקן, אַוועקגעטראָגן דאָס היי, זקניש שאַרנדיק מיט די פיס.

אין דער כאַטע איז ער נישט אַריינגעגאַנגען, בלויז אויפגעלענט די טיר און געזאָגט:

— גרייט אייך צו! איך וועל באַלד שפּאַנען. מיר זאָלן אַמאָל נישט פאַרשפּעטיקן.

ער האָט שוין פאַרוואָרפן דאָס געשפּאַן אויף די פערד, אַרויפגעלייגט דעם זאַק האָבער הינטן אין שליטן אַריין און, וווּנדערנדיק זיך, וואָס די זין קומען נאָך אַלץ נישט אַרויס זאָטלען די פערד, איז ער ווידער צוגעגאַנגען צו דער כאַטע.

אין דער כאַטע איז פאָרגעקומען עפּעס אומגעוויינלעכס: פּיעטראָ האָט פאַרעקשנט אויפגעפּאַקט די פּעק, וואָס זענען צוגעגרייט געווען צום פאָרן, אַרויסגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע די הויזן, מונדירן און יום־טובדיקע ווייבערישע קליידער.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געפרעגט, אַ שטאַרק־פאַרווּנדערטער, און אפילו אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ.

— זעסט דאָך ! — פּיעטראָ האָט איבערן אַקסל אַ ווייז געטון מיטן גראָבן פינגער אויף די ווייבער און פאַרענדיקט : — זיי מאַכן יעלות. וועלן מיר אויך אין ערגעץ נישט פאָרן ! אויב פאָרן — איז אַלע, און אויב נישט פאָרן — איז קיינער נישט ! די רויטע וועלן זיי אפשר דאָ פאַרגעוואַלטיקן, און מיר וועלן פאָרן דאָס האָב און גוטס ראַטעווען ? אויב דערהרגענען — וועלן מיר פאַר זייערע אויגן שטאַרבן !

— טו דיך אויס, טאַטע ! — גריגאָרי האָט, אַ שמייכלענדיקער, אַראָפּגענומען פון זיך דעם שינעל מיט דער שווערד, פון הינטן האָט די ווייַנענדיקע נאַטאַליאַ אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי געקושט און די מאָן-רויטע דוניאַשקע האָט פריידיק געפּאַטשט מיט די הענט.

דער אַלטער האָט אָנגעטון דאָס היטל, אָבער באַלד ווידער עס אויסגעטון און, צוגייענדיק צום פעדערשטן ווינקל, מיט אַ ברייטן פאַרמעסט זיך געצלמט. ער האָט דריי מאָל זיך געבוקט, אויסגעשטאַנען פון קניִען און אַלע באַטראַכט.

— נו, אויב אַזוי — בלייבן מיר ! באַשיץ און באַהיט אונז, קעניגין הימלישע ! איך וועל גיין אויסשפּאַנען.

ס׳איז געקומען צו לויפן אַניקושקאַ. אין מעליעכאָווס כאַטע האָבן אים פאַרחידושט די לאַכנדיקע און פריילעכע פּנימער.

— וואָס-זשע קומט דאָ פאָר ביי אייך ?

— אונזערע קאָזאַקן וועלן נישט פאָרן ! — האָט דאַריאַ געענטפערט פאַר אַלע.

— וואָס ? איר האָט זיך מיישב געווען ?

— מיישב געווען ! — גריגאָרי האָט אומגערן אויסגעשטשירעט די בלוילעך-ווייסע ציין-פאָדקאָווע און אונטערגעוווּנקען : — דעם טויט — דאַרף מען נישט זוכן, ער קאָן דאָ אויך פאַקן.

— די אָפיצירן פאָרן נישט ! ווי עס וואָלט פון גאָט אַליין באַשערט געווען ! — און אַניקושקאַ איז ווי מיט קאָפּיטעס אַראָפּגעלאָפן פון גאַנעק און דורכגעשימערט פאַרביי דעם פענסטער.

XIV

אין וויעשענסק האָבן אויף די פּאַרקנס געפּלאַטערט פּאָמינס באַפעלן. מען האָט פון שעה צו שעה זיך געריכט אויפן רויטן חייל.

און אין קאַרגין, פינפאונדרייסיק וויאָרסט פון וויעשענסק, האָט זיך געפונען דער שטאַב פון צפון-פראָנט. אין דער נאַכט אויפן פערטן יאַנואַר איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג טשעטשענצעס און פון דער אוסט-ביעלאָקאַליטווענער סטאַניצע האָט אַ שטראָף-אָפּטיילונג פון מיליטערישן עלטסטן ראָמאַן לאַזאַרעוו אייליק מאַרשירט קעגן פּאָמינס צעבונטעוועטן פולק.

די טשעטשענצעס האָבן געזאָלט דעם פינפטן אַרויסטרעטן אין אָנגריף אויף וויעשענסק. זייערע אויסשפּירער זענען שוין געווען אויף ביעלאָגאָרקי, אָבער דער אָנגריף איז פאַרהאַלטן געוואָרן. אַן איבערלויפער פון פּאָמינס קאָזאַקן האָט מיטגעטיילט, אַז באַדייטנדיקע קרעפטן פון דער רויטער אַרמיי נעכטיקן אין גאָראָכאָווקע און דאַרפן דעם פינפטן שוין זיין אין וויעשענסק.

קראַסנאָוו, וועלכער איז פאַרנומען געווען מיט די פאַרבינידעטע, וואָס זענען געקומען קיין נאָוואָטשערקאַסק, האָט געפּרוווט ווירקן אויף פּאָמינען. ער האָט אים אַרויסגערופן צו דער דירעקטער טעלעגראַפישער פאַרבינדונג נאָוואָטשערקאַסק—וויעשענסק. דער אַפּאַראַט, וואָס האָט עקשנותדיק אויסגעקלאַפּט „וויעשענסק — פּאָמינען", האָט פאַרבונדן אַ קורצן שמועס:

„וויעשענסק — פּאָמינען. אוריאַדניק פּאָמין, איך באַפעל אייך זיך מיישב צו זיין און איבערפירן דאָס פולק אויף דער פּאָזיציע פונקט. אויסטיילן אַ שטראָף-אָפּטיילונג פונקט. דאָס נישט געהאָרכן דעם באַפעל דראָט מיט טויט-שטראָף פונקט. קראַסנאָוו".

פּאָמין האָט אין צעשפּיליעטן פעלצל, ביי דער שיין פון

נאַכט-לאָמפּ, זיך צוגעקוקט, ווי עס שלענגלט זיך שנעל פון אונטערן טעלעגראַפיסטס פינגער אָפּער די ברוין-געפינטלטע, דינע פּאַפּיר-לענטע. ער האָט געאָטעמט מיט פראָסט און בראָנפן דעם טעלעגראַפיסט איבערן נאַקן און געזאָגט:

— נו, וואָס פּלוידערט ער דאָרט? זיך מיישב זיין? ער האָט געענדיקט?... שרייב אים... וואָ-אָ-אָס? וואָס הייסט, מ׳טאָר נישט? איך באַפעל! אַז נישט, וועל איך דיר די קישקעס פון בויך אַרויסלאָזן!

און דער טעלעגראַף האָט גענומען אויסקלאַפּן:

„נאָוואָטשערקאַסק דעם אַטאַמאַן קראַסנאָוו פּונקט... ברעך האַלז און נאַקן פּונקט. פּאָמין".

די לאַגע אויפן צפון-פראָנט איז געוואָרן אַזוי קאָמפּליצירט, אַז קראַסנאָוו האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אַליין קיין קאַרגין, כּדי פון דאָרט אוממיטלבאַר אויפצוהייבן די „שטראָפנדיקע האַנט" קעגן פּאָמינען און, דער עיקר, שטאַרקן דעם גייסט פון די דעמאָראַליזירטע קאָזאַקן. מיט דעם ציל האָט ער טאַקע איינגעלאַדן די פאַרבינדעטע אויף אַ נסיעה איבערן פראָנט.

אין דאָרף בוטורלינאָווקע איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעווי פון גונדאָראָווער געאָרגי-פּולק, וואָס איז נאָר-וואָס אַרויסגעטרעטן פון דער שלאַכט. קראַסנאָוו האָט נאָך דער רעווי זיך אָוועקגעשטעלט לעבן דער פאָן פון פּולק. זיך אויסדרייענדיק רעכטס, האָט ער הילכיק אויסגעשריגן:

— ווער עס האָט געדינט אונטער מיין אָנפירונג אין צענטן פּולק — אַ טריט פאָרויס!

כמעט אַ העלפט גונדאָראָווצעס זענען אַרויסגעטרעטן פאַר דער ליניע. קראַסנאָוו האָט אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע און זיך צעקושט מיטן שוין נישט יונגן, אָבער בראַוון וואַכמייסטער, וואָס איז געשטאַנען צום נאָענטסטן פון אים. דער וואַכמייסטער האָט מיטן אַרבל פון שינעל זיך אָפּגעווישט די אונטערגעשוירענע וואָנסעס און שטיין געבליבן אַ פאַרשטאַרטער, מיט פאַרלוירן אַרויס-

געסטאַרטשעטע אויגן. קראַסנאָוו האָט זיך געקושט מיט אַלע, וואָס האָבן געדינט אונטער זיין אָנפירונג. די פאַרבינדעטע זענען געווען איבערראַשט און האָבן פאַרוואונדערט זיך דורכגעשושקעט, אָבער די פאַרוואונדערונג איז פאַרביטן געוואָרן דורך שמייכלען און איינגעהאַלטענער באַגייסטערונג, ווען קראַסנאָוו האָט, צוגייענדיק צו זיי, דערקלערט:

— דאָס זענען די העלדן, מיט וועלכע איך האָב געשלאָגן די דייטשן הינטער ניעזוויסק, די עסטרייכער ביי בעלזשיץ און קאָמאַראָוו און צוגעהאָלפן אונזער אַלגעמיינעם נצחון איבערן שונא.

...אין דער זייט פון דער זון זענען געשטאַנען, ווי וואַפזעלנער ביי אַ מיליטערישן קאַסטן מיט געלט, אַרומגע[illegible]טלטע מיט ווייסע און רעגנבויגנדיקע קאָלירן, די שטאַנגען. אַ קאַלטער צפון-מזרחדיקער ווינט האָט ווי אַ טרומייטערער געהודזשעט אין וואַלד, זיך געטראָגן איבערן סטעפ און געבראָכן די צעשויבערטע ריטער פון די קוסטעס. אָוונטצייט פון זעקסטן יאַנואַר (איבערן טשיר איז שוין ווי אַ פאָרהאַנג געהאָנגען דער בין-השמשות) איז קראַסנאָוו, אין באַגלייטונג פון די אָפיצירן פון דער ענגלישער קייסערלעכער דינסט — עדוואַרד און אָלקאָט און די פראַנצויזן — קאַפּיטאַן באַרטעלאָ און לייטענאַנט ערליך, — אָנגעקומען קיין קאַרגין. די פאַרבינדעטע — אין פעלצן, אין האָריקע האָזענע פאַפאַכעס, לאַכנדיק, טוליענדיק זיך און טופּענדיק מיט די פיס, זענען אַרויסגעגאַנגען פון די אויטאָמאָבילן, איינגעהילט אין די ריחות פון זייערע ציגאַרן און אָדעקאָלאָן. זיך אָנגעוואַרימט אין דער וווינונג פון רייכן סוחר ליעוואָטשקין, אויסגעטרונקען טיי, זענען די אָפיצירן צוזאַמען מיט קראַסנאָוון און דעם קאָמאַנדיר פון צפונדיקן פראָנט, גענעראַל-מאַיאָר איוואַנאָוו, אַריינגעגאַנגען אין שול, ווו עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג. קראַסנאָוו האָט לאַנג גערעדט פאַר דער אויפמערקזאַמער מחנה קאָזאַקן. מען האָט אים אויסגעהערט פלייסיק, מיט גינציקייט. אָבער ווען ער האָט אין זיין רעדע אָנגעהויבן שילדערן דאָס אכזריות, וואָס די

באָלשעוויקעס ווייזן אַרויס אין די סטאַניצעס, וואָס זענען דורך זיי פאַרנומען געוואָרן, האָט עמעצער פון די הינטערשטע רייען, פון בלויען רויך אַרויס, אַן אויפגערעגטער, אויסגעשריגן:

— נישט אמת! — און איבערגעריסן די אויפמערקזאַמקייט.

אינדערפרי איז קראַסנאָוו מיט די פאַרבינדעטע אייליק אַוועקגעפאָרן קיין מילעראָוואָ.

פונקט אַזוי אייליק איז אויך עוואַקויִרט געוואָרן דער שטאַב פון צפון־פראָנט. איבער דער סטאַניצע האָבן ביז אָוונט זיך אַרומגעטראָגן די טשעטשענצעס, פאַרנעמענדיק די קאָזאַקן, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם כוטאָר. ביינאַכט איז אונטערגעצונדן געוואָרן דער אַמוניציע־סקלאַד. ביז האַלבער נאַכט האָבן, ווי אַ גרויסער שייטער ברענענדיקע קוסטעס, געקנאַלט די ביקסן־קוילן, הילכיק אויפגעריסן די גראַנאַטן. צומאָרגנס, ווען אויפן פלאַץ איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ תפילה פאַרן אָפּטרעטן, האָט פון קאַרגינער באַרג אָנגעהויבן שטעפּן אַ מאַשין־געווער. די קוילן האָבן ווי אַ פרילינגדיקער רעגן גענומען פויקן איבערן דאַך פון דער צערקווע, אַלע זענען אין אומאָרדענונג אַנטלאָפן אין סטעפּ אַריין. לאַזאַרעוו מיט זיין אָפּטיילונג און קליינע קאָזאַקן־גרופּעס האָבן זיך באַמיט צו דעקן די אָפּטרעטנדיקע. די פוסגייער האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין אַ קאַמף־ליניע הינטער דער ווינט־מיל, די זעקסאונדרייסיקסטע קאַרגינער באַטאַרייע, אונטער דער אָנפירונג פון קאַרגינער עסאַול פיעדאָר פּאָפּאָוו, האָט מיט אַ האַסטיק פייער באַשאָסן די אָנגרייפנדיקע רויטע, אָבער באַלד זיך מיישב געווען און גענומען אָפּטרעטן. און די פוסגייער האָט די רויטע קאַוואַלעריע אַרומגערינגלט פון לאַטישעווער כוטאָר און, צודריקנדיק זיי אין די היילן, אויסגעהרגעט אַ מאַן צוואַנציק קאַרגינער זקנים, וועלכע עמעצער האָט אַלס וויץ באַטיטלט מיטן נאָמען „היידאַמאַקעס·

XV

דורכן באַשלוס נישט אָפּצוטרעטן האָט אַלץ ווידער באַקומען זיין נאַטירלעכע קראַפט און באַדייטונג אין פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס אויגן.

איינאָיונט איז ער אַרויסגעגאַנגען געבן עסן די בהמות און שוין אָן וואַקלעניש אָנגענומען היי פון ערגערן סטויג. ער האָט אין פינסטערן הויף לאַנג באַטראַכט פון אַלע זייטן די קו, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי אָפּקעלבן, קלערנדיק מיט צופרידנקייט: „זי האָט אַ היפּשן בויך, וועט אפשר, מיט גאָטס הילף, האָבן אַ צווילינג?“ אַלץ איז אים ווידער געוואָרן היימיש, נאָענט: אַלץ, פון וואָס ער האָט פריער אין געדאַנק זיך שוין געהאַט מיאש געווען, האָט ווידער אָנגענומען זיין פריערדיקע וואָג און באַדייטונג. ער האָט שוין באַוויזן אין משך פון קורצן בין־השמשות אויך דוניאַשקען אויסצוזידלען דערפאַר, וואָס זי האָט די מעקענע פאַרשיט ביים הינערשלאַק און נישט אויסגעהאַקט דאָס אייז פון דער קאָריטע און אַליין צו פאַרקלאַפּן דאָס לאָך אין פּאַרקאַן, וואָס סטיעפּאַן אַסטאַכאָווס חזיר האָט דורכגעבראָכן. דרך אגב האָט ער געפרעגט ביי אַקסיניען, וואָס איז אַרויסגעקומען פאַרמאַכן דעם לאָדן, וועגן סטיעפּאַנען: צי רעכנט ער אַוועקצופאָרן? אַקסיניאַ האָט זיך געטוליעט אין טוך און מיט אַ זינגענדיק קול אַרויסגעזאָגט:

— ניין, ניין, ווו וועט ער דאָרט פאָרן! ער ליגט אַצינד אויפן אויוון און טרייסלט זיך ווי אין פיבער... ער האָט אַ הייסן שטערן און קלאָגט זיך אויף בויך־ווייטיק. ער איז קראַנק געוואָרן, סטיעפּאַן. וועט נישט פאָרן...

— און אונזערע אויך. דאָס הייסט, מיר וועלן אויך נישט פאָרן. די קרענק ווייסט עס, צי דאָס איז צום גוטן, צי נישט...

ס'איז טונקל געוואָרן. אויף יענער זייט דאָן, אין דער גרינלעכער טיפקייט צווישן די גרויע ביימער־שפּיצן פון וואַלד,

האָט הייס געברענט דער פּאָלאַר־שטערן. דער הימל אויף מזרח האָט זיך גערייטלט. די שקיעה־שטראַלונג איז געוואַקסן. איבער די צעוואָרפענע שפּיצן פון די טאָפּאָל־ביימער האָט געשטאַרצט דער אָפּגעהאַקטער האָרב פון דער לבנה. איבערן שניי האָבן געבלאָנזשעט אומדייטלעכע שאָטנס. אין די היילן איז טונקל געוואָרן. ס׳איז געווען אַזוי שטיל, אַז פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געהערט ווי עמעצער, מסתמא אַניקושקאַ, האַקט מיט אַן אייזערנעם דראָנג דאָס אייז פון אייז־לאָך אויפן דאָן. די שטיקלעך אייז האָבן געשפּריצט, זיך אָנגעקלאַפּט מיט אַ גלעזערנעם קלאַנג און אויפן הויף האָבן די אָקסן ריטמיש געקייעט דאָס היי.

אין קיך האָט מען אָנגעצונדן פייער. נאַטאַליאַ האָט פאַרביי־געשימערט אין פענסטער. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן האָט אַ צי געטון צו דער וואַרימקייט. ער האָט געטראָפן אַלע היימישע צוזאַמען. דוניאַשקאַ האָט נאָר־וואָס זיך אומגעקערט פון כריסטאָניעס ווייב. זי האָט אויסגעליידיקט דאָס טעפּל ראָשטשינע און, מורא האָבנדיק מען זאָל איר נישט איבערשלאָגן, אייליק אויסדערציילט די נייעס.

גריגאָרי האָט אויסגעשמירט מיט אייל די ביקס, דעם רעוואָלווער, די שווערד; איינגעוויקלט אין אַ האַנטוך די לאָרנעטע, האָט ער אַ רוף געטון פּיאָטערן.

— דו האָסט דיינס צונויפגענומען? גיב אַהער. מען דאַרף באַהאַלטן.

— און אויב עס וועט אויסקומען זיך צו פאַרטיידיקן?

— שווייג בעסער! — האָט גרינאָרי אַ שמייכל געטון. — און היט דיך, וואָרים אויב זיי וועלן געפינען — וועלן זיי אויפן טויער אויפהענגען.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין. דאָס געווער, נישט צו וויסן פאַרוואָס, באַהאַלטן יעדער פאַר זיך. בלויז דעם נייעם שוואַרצן רעוואָלווער האָט גריגאָרי אַרונטערגערוקט אין שטוב אונטערן קישן.

ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס נאַכטעסן און שמועסנ־

דיק נאַכלעסיק זיך שוין געקליבן צו גיין שלאָפן, — האָט אויפן הויף הייזעריק זיך צעבילט דער הונט אויף דער קייט, וואָרפנדיק זיך און כריפּענדיק אין האַלזבאַנד, וואָס האָט אים געשטיקט. דער אַלטער איז אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון און זיך אומגעקערט מיט עמעצן, וואָס איז ביז איבער די אויערן געווען אַרומגעבונדן מיט אַ באַשליק. דער מענטש אין פּולער באַוואָפענונג, שטייף אַרומגע־גאַרטלט מיט אַ ווייסן רעמעט, האָט, אַריינקומענדיק, זיך איבער־געצלמט; פון זיין מויל, וואָס איז אַרומגענומען געווען מיט טוי־פראָסט און האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער בוכשטאַב „O", האָט אַ זעץ געטון אַ פּאַרע.

— איר דערקענט מיך אוודאי נישט?

— דאָס איז דאָך דער קרוב מאַקאַר! — האָט דאַריאַ אויס־געשריגן.

ערשט איצט האָבן פּיעטראָ און אַלע איבעריקע דערקענט דעם וויטן קרוב מאַקאַר נאָגאַיצעוו, — דעם קאָזאַק פון סינגינער כוטאָר — וואָס איז באַקאַנט געווען אין גאַנצן קרייז אַלס זעלטע־נער זינגער און שיכור.

— וועלכער גוטער יאָר האָט דיך דאָ אַהערגעבּרענגט? — האָט פּיעטראָ געשמייכלט, אָבער נישט אויפגעשטאַנען פון אָרט.

נאָגאַיצעוו האָט אַראָפּגעריסן פון די וואָנסעס די אייז־צעפּ־לעך און זיי אַוועקגעוואָרפן אויף דער שוועל, געטופּעט אַ ביסל מיט די פיס אין די גרויסע, מיט לעדער־געניייטע ווילאָקעס און נישט אייליק אָנגעהויבן זיך אויסטון.

— איינעם אַליין איז אומעטיק געווען אַוועקצופאָרן, לאָמיך, טראַכט איך מיר, זיך צוכאַפּן צו די קרובים. איך האָב געהאַט אַ ידיעה, אַז איר זענט ביידע אינדערהיים. לאָמיך, זאָג איך דער באַבע מיינער, צופאָרן נאָך די מעליעכאָווס, וועט דאָך אַלץ פריי־לעכער זיין.

ער האָט צוגעטראָגן און אַוועקגעשטעלט די ביקס ביים אויוון לעבן די שאַר־אייזנס, אַרויסרופנדיק מיט דעם געלעכטער ביי די פרויען. דעם רוקזאַק האָט ער אַרונטערגעלייגט אונטער

דער באַנק, אָבער די שווערד מיט דער בייטש בפבודיק אַוועקגע־לייגט אויפן בעט. און דאָ האָט פון מאַקאָרן זיך דערטראָגן אַ ריח פון סאַמאָגאָן, זיינע גרויסע בולטע אויגן האָבן געוויכערט מיט אַ שיכורן גלאַנץ, אין פייכטן קאָלטון פון דער באָרד האָט זיך גע־בלייכט אַ גלייכע שורה בלוילעכע ציין, ווי דאָנער זשאַבע־שיסעלעך.

— פון סינגין פאָרן די קאָזאַקן נישט אַוועק ? — האָט גרי גאָרי געפרעגט, אויסשטרעקנדיק דעם טיטון־בייטל, וואָס איז אויס־גענייט געוואָרן מיט פאַטשערקעס.

דער גאַסט האָט אָפּגעשטופּט דעם בייטל מיט דער האַנט.

— איך רייכער נישט... די קאָזאַקן ? ווער עס פאָרט, און ווער עס זוכט אַ נאָרע, וווּ זיך צו באַהאַלטן. איר פאָרט ?

— אונזערע קאָזאַקן וועלן נישט פאָרן. די רעד זיי נאָר נישט איין ! — האָט איליניטשנאַ זיך דערשראָקן.

— איר בלייבט טאַקע ? עפּעס גלייבט זיך נישט ! קום גריגאָרי, דאָס איז אמת ? איר שטעלט איין דאָס לעבן, ברי־דערלעך !

— מילא... — האָט פּיעטראָ אַ זיפץ געטון, און פּלוצלינג שטאַרק רויט ווערנדיק, האָט ער געפרעגט : — גריגאָרי ! ווי מיינ־סטו ? האָסט דיך נישט אַמאָל מיישב געווען ? אפשר וועלן מיר דאָך פאָרן ?

— שוין נישט.

דער רויך פון פּאַפּיראָס האָט איינגעהילט גריגאָריען און לאַנג זיך געלייגט איבער זיין געקרייזלטן פעך־שוואַרצן טשוב.

— דיין פערד באַזאָרגט דער טאַטע ? — האָט פּיעטראָ נישט צו דער זאַך געפרעגט.

די שטילקייט האָט אויף לאַנג פאַרהאַלטן דעם אָטעם. בלויז דאָס שפּינרעדל אונטער דוניאַשקעס פיס האָט ווי אַ פעלד־בין גע־זשוזשעט, אַנווייענדיק אַ דרימל.

נאָגאַיבאָוו איז אָפּגעזעסן ביז עס האָט אָנגעהויבן גרויען, פּסדר צוזעדנדיק די ברידער איבערצופאָרן אויף יענער זייט דאָן.

אין משך פון דער נאַכט איז פּיעטראָ צוויי מאָל אַן היטל אַרויס־געלאָפן זאָטלען די פערד און ביידע מאָל, דורכגענומען פון דאַ־ריעס דראָענדיקע אויגן, צוריק אַרויסגעגאַנגען זיי אויסזאָטלען.

ס'האָט זיך פאַרנומען אויף טאָג, און דער גאַסט האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָרן. שוין אַן אָנגעטוענער, האַלטנדיק די קליאַמ־קע אין דער האַנט, האָט ער באַדייטונגספול אַ הוסט געטון און מיט פאַרטייעטער דראָונג געזאָגט:

— אפשר איז אַזוי בעסער, אָבער איר וועט שפּעטער חרטה האָבן. אויב ס'וועט אונז באַשערט זיין צוריקצוקומען, וועלן מיר דעמאָלט געדענקען, ווער עס האָט פאַר די רויטע טויערן פון דאָן געעפנט, געבליבן זיי דינען.

אינדערפרי האָט גענומען שיטן אַ געדיכטער שניי. אַרויס־גייענדיק אין הויף אַריין, האָט גריגאָרי דערזען, ווי פון יענער זייט דאָן האָט אָנגעהויבן אַריבערגיין אַ געדיכטע גרופּע מענטשן. אַכט פערד האָבן עפּעס געשלעפּט, עס האָבן זיך געהערט געשרע, רעדערייען, געשרייען פון אָנטרייבן, זידלערייען און קללות. דורכן שניי־פאַל האָבן ווי אין אַ נעפּל געשימערט די גרויסע סילועטן פון די מענטשן און פערד. גריגאָרי האָט לויטן פיר־געשפּאַן דערקענט, אַז דאָס איז אַ באַטאַרייע... „צי זאָלן דאָס שוין זיין די רויטע?" פון דעם געדאַנק האָט זיך דאָס האַרץ אין אים צונויפגעדריקט, אָבער נאָכטראַכטנדיק אַ ווײַלע, האָט ער זיך באַרויִקט.

די צעשפּרייטע גרופּע האָט זיך דערנענטערט צום כוטאָר, ווייט אַרומגייענדיק דאָס שוואַרצע אייזלאָך, וואָס האָט געקוקט קעגן הימל. אָבער שוין ביים אַרויספאָרן האָט דער פעדערשטער האַרמאַט דורכגעבראָכן דאָס אונטערגעשווענקטע אייז ביים ברעג און פאַרזונקען מיט איין ראָד. דער ווינט האָט דערטראָגן דאָס געשריי פון די אָנטרייבערס, דאָס סקריפּען פון קרישלענדיקן אייז און אייליקע גליטשיקע קלאַפּן פון די פערדישע קאָפּיטעס. גריגאָ־רי איז אַריינגעגאַנגען אין הויף פון די בהמות און פאָרזיכטיק אַרויסגעקוקט. ער האָט באַמערקט אויף די שינעלן פון די ריי־

טערס שליפּעס, פּאַרשיטע מיט שניי, און לויט די פּנימער דער־קענט, אַז דאָס זענען קאָזאַקן.

אין אַ פינף מינוט אַרום איז אין טויער אַריינגעריטן אויף אַ הויך מאַסיוו פערד אַ באַיאָרטער וואַכמייסטער. ער איז אַראָפּ־געשטיגן ביים גאַנעק, אָנגעבונדן די לייצן אין פּאָרענטש און אַריינ־געגאַנגען אין דער כאַטע.

— ווער איז דאָ דער באַלעבאָס? — האָט ער געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַגריסט.

— איך, — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש געענטפערט, דערשראָקן אָפּוואַרטנדיק די צווייטע פראַגע: און „פּאַרוואָס זענען איי־ערע קאָזאַקן אינדערהיים?"

אָבער דער וואַכמייסטער האָט מיט דער פויסט זיך גלייך גע־מאַכט זיינע פון שניי ווייסע, געקרייזלטע, ווי אַקסלבענדער לאַנגע וואָנסעס, און אַ בעט געטון:

— סטאַניצע־לייט! ווי גאָט איז אייך ליב, העלפט מיר אַרויסהייבן אַ האַרמאַט! ער איז פאַרזונקען ביים ברעג אַזש אי־בער די אַקסן... אפשר האָט איר שטריק? וועלכער כוטאָר איז דאָס? מיר האָבן זיך פאַרבלאָנזשעט. מיר דאַרפן אין דער יעלאַ־נער סטאַניצע אַריין, אָבער ס'איז אַזאַ געדיכטער שניי אָנגע־פאַלן — אַז מען זעט קיין שפור נישט. מיר האָבן פאַרלוירן דעם מאַרשרוט, און די רויטע ווילן אַ ליאַדע רגע אויפן עק אָנ־טרעטן.

— איך ווייס נישט, בנאמנות... — האָט דער אַלטער זיך פאַרהאַקט.

— וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו וויסן! אָט זענען דאָך קאָזאַקן ביי אייך, און נאָך וואָסערע... מיר דאַרפן אויך מענטשן צו־הילף.

— איך בין קראַנק — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש ליגנט געזאָגט.

— וואָס־זשע, ברידער! — דער וואַכמייסטער האָט אַלע באַ־טראַכט, ווי אַ וואָלף, נישט אויסדרייענדיק דעם האַלז. זיין קול איז

ווי יינגער געוואָרן און זיך אָנגענומען מיט קראַפט. — צי זענט איר נישט קיין קאָזאַקן ? זאָל, הייסט עס, מיליטעריש פאַרמעגן פאַרלוירן גיין ? איך בין געבליבן אַלס קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע, די אָפיצירן זענען זיך צעלאָפן, שוין אַ וואָך צייט ווי איך גיי פון פערד נישט אַראָפּ, דורכגעפרוירן געוואָרן, די פינגער פון אַ פוס פאַלן אַראָפּ, אָבער איך וועל דאָס לעבן פאַרלירן און די באַטאַרייע נישט פאַרלאָזן ! און איר... ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן ! אויב איר וועט מיט גוטן נישט וועלן, — וועל איך גלייך די קאָזאַקן אַ רוף טון, און מיר וועלן אייך... — דער וואַכמייסטער האָט מיט טרערן אין די אויגן צאָרניק אויסגעשריגן : — הינטישע זין, נייטן ! באָלשעוויקעס, אין אייער געפגרטער מאַמען אַריין ! מיר וועלן דיך, אַלטער, אַליין איינשפּאַנען, אויב דו ווילסט ? גיי רוף צונויף מענטשן, און אויב זיי וועלן נישט גיין, — איז גאָט מיין עדות, אַז איך קער מיך אום אויף דער צווייטער זייט און גלייך אויס אייער כוטאָר מיט דער ערד...

ער האָט גערעדט ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט אינגאַנצן זיכער אין זיין מאַכט. גריגאָרי האָט רחמנות געקריגן אויף אים. ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס היטל און שטרענג געזאָגט, זיך נישט אומקוקנדיק אויפן בייזן וואַכמייסטער.

— דו מאַך נישט קיין יעלות. האָסט נישט פאַרוואָס ! מיר וועלן דיר העלפן אַרויסהייבן, און פאָר דיר געזונטערהייט.

מען האָט אַרויסגעהויבן דעם האַרמאַט, אונטערגעלייגט צווייגן און אַריבערגעפירט די באַטאַרייע. עס זענען זיך צונויפגעקומען נישט ווייניק מענטשן. אַניקושקאַ, כריסטאָניאַ, טאָמילין איוואַן, די מעליעכאָווס און אַ צענדליק ווייבער האָבן מיט דער הילף פון די באַטאַרייצעס אַרויפגעשלעפט די האַרמאַטן מיט די קוילן־קעסטלעך און אונטערגעהאָלפן די פערד זיי אַרויפפירן אויפן באַרג. די פאַרפרוירענע רעדער האָבן זיך נישט געדרייט, בלויז געגליטשט איבערן שניי. די אויסגעמאַטערטע פערד זענען מיט גרויס מי בייגעקומען יעדעס קלענסטע בערגל. די באַדינונג, פון וועלכער אַ העלפט איז אַנטלאָפן, איז געגאַנגען צופוס. דער וואַכ־

מייסטער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך פאַרנייגט, געדאַנקט פאַרן אַרויסהעלפן און, אויסדרייענדיק זיך אויפן זאָטל, מיט אַ נישט הויך קול באַפוילן:

— באַטאַרייע, נאָך מיר!

גריגאָרי האָט אים נאָכגעקוקט מיט פאַרערונג און אומגלויב־לעכער פאַרוואונדערונג. פּיעטראָ איז צוגעקומען, אַ קייע געטון די וואָנסע און ווי געענטפערט אויף גריגאָריעס געדאַנק:

— ווען אַלע וואָלטן געווען אַזעלכע! אָט ווי מען דאַרף באַשיצן דעם שטילן דאָן!

— דו זאָגסט דאָס וועגן דעם מיט די וואָנסעס? וועגן וואַכ־מייסטער? — האָט כריסטאָניאַ געפרעגט, צוקומענדיק אַ פאַר־שפריצטער ביז איבער די אויערן. — ער וועט מסתמא דערציִען זיינע האַרמאַטן. ווי ער האָט זיך דאָס, דער טייוול זאָל אים נע־מען, מיטן ראַפּניק אויף מיר פאַרמאָסטן! און ער וואָלט אַ זעץ געגעבן, — ווי דער שטייגער איז, ווען אַ מענטש איז אין פאַר־צווייפלונג. איך האָב נישט געוואָלט גיין, און דערנאָך, וואָס אַן אמת, זיך דערשראָקן. כאָטש איך האָב קיין ווילאָקעס נישט, בין איך דאָך געגאַנגען. און זאָג מיר, נאָכוואָס טויגן אים, דעם שוטה, אָט די האַרמאַטן? ווי דאָס חזיר מיטן פלאָקן, וואָס טוט אָן שאָדן: שווער צו שלעפּן, נישט צום גוטן, און דאָך שלעפּט עס..

די קאָזאַקן האָבן שטיל געשמייכלט און זיך פונאַנדערגע־גאַנגען.

XIV

ווייט איבערן דאָן — ס'איז שוין געווען לאַנג נאָך מיטאָג־צייט — האָט אַ קוילנוואַרפער טויב אָפּגעקנאַלט צוויי מאָל און פאַרשוויגן געוואָרן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט גריגאָרי, וואָס איז די

גאַנצע צייט נישט אָפּגעטרעטן פון פענסטער, פלוצלינג געמאַכט אַ טריט צוריק, און זיינע באַקן-ביינער האָבן זיך באַדעקט מיט אַן אַש-גרויער קאָליר.

— דאָס זענען זיי!

אילינישנאַ האָט אַרויסגעקרעכצט און צוגעלאָפן צום פענסטער. איבער דער גאַס האָבן צעשיטערהייט זיך דורכגעטראָגן אַכט רייטער. זיי זענען שנעל צוגעריטן צו מעליעכאָווס הויף — זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט דעם וועג איבערן דאָן, דאָס שוואַרץ-געפלעקטע שטעגל צווישן דאָן און באַרג און זיך אויסגעדרייט צוריק. זייערע זאַטע פערד, פאָכענדיק מיט די קורץ-אונטערגעשווירענע וויידלען, האָבן צעשפריצט שטיקער שניי אַרום זיך. דער רייטער-פּאַטרול, וואָס האָט אויסגעשפּירט דעם כוטאָר, איז באַלד פאַרשוווּנדן. אין אַ שעה אַרום איז דער טאָטערישער כוטאָר פול געוואָרן מיט סקריפּענדיקע טריט, פרעמדן מאָדנעם דיאַלעקט, הינטישן געבילעריי. אַ פוסגייער-פּולק מיט מאַשינגעווער אויף שליטנס, מיט טאַבאָר און קיכן, איז אַריבערגעגאַנגען דעם דאָן און זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבערן כוטאָר.

ווי שרעקלעך ס׳איז נישט געווען דערדאָזיקער ערשטער מאָמענט, אין וועלכן דאָס פיינטלעכע חייל איז אָנגעקומען, האָט אויך דאָ די לאַכנדיקע דוניאַשקאַ זיך נישט איינגעהאַלטן: ווען די אויסשפּיר-גרופּע האָט זיך אויסגעדרייט צוריק, האָט זי אַרויסגעפּאָרסקעט אין פאָרהענגל אַריין און אַריינגעלאָפן אין קיך. נאַטאַליאַ האָט זי אויפגענומען מיט אַ דערשראָקענעם בליק.

— וואָס איז דיר?

— אַך, נאַטאַשענקאַ! ליבינקע!... ווי זיי רייטן דאָס אויף די פערד, וואַקלען זיך אויף די זאָטלען אַהין און צוריק, אַהין און צוריק... און די הענט אין די אַרבל באַמבלען זיך. און זיי אַליין — ווי זיי וואָלטן געווען פון שטיקלעך צונויפגעשטעלט, אַלץ ביי זיי טרייסלט זיך.

זי האָט אין די באַוועגונגען אַזוי מייסטערהאַפט נאָכגעמאַכט, ווי די רויטאַרמייער האָבן זיך געוואַקלט אויף די זאָטלען,

אַז נאַטאַליאַ, שטיקנדיק זיך פון געלעכטער, איז צוגעלאָפן צום בעט און זיך אַריינגעוואָרפן אין די קישנס, כדי נישט צו ווענדן אויף זיך דעם שווערס בייזע אויפמערקזאַמקייט.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך געטרייסלט אין דראַבינעם פיבער, אָן אַ ציל איבערגערוקט אין אַלקער אויף דער באַנק די דראַטווע, די אָל, דאָס סלאָאיקל פלעקלעך פון בערעזע-האָלץ און כסדר מיט די פאַרזשמורעטע דערשראָקענע אויגן געוואָרפן בליקן אויפן פענסטער.

אין קיך האָבן די ווייבער זיך געוויצלט, ווי נישט צום גוטן: די פאָנס-רויטע דוניאַשקאַ מיט די טרערן-פייכטע אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט, ווי קערנער פון הירזש-קרויט, באַשפּריצטע מיט טוי, האָט געוויזן דאַריען ווי אַזוי די רויטאַרמייער זענען געזעסן אויף די זאָטלען, און מיט אומבאַוווסטן ציניזם אין אירע ריטמישע באַוועגונגען אַריינגעלייגט אַ נישט אָנשטענדיקע אָנדייטונג. דאַריעס געפאַרבטע ברעמען, ווי אויסגעבויגענע פּאָדקאָוועס, האָבן זיך געבראָכן, זי האָט געקייכט פון געלעכטער און מיט אַ פאַרשטיקט קול הייזעריק אַרויסגערעדט:

— נישקשה, זיי וועלן זיך אויסרייבן לעכער אין די הויזן!... דאָס זענען שוין איינמאָל רייטער...

אפילו פּיאָטערן, וואָס איז אַרויסגעקומען פון שטוב מיט אַ מרה-שחורהדיק פּנים, האָט אויך דאָס לאַכן אויף אַ ווײַלע אויפגעהייטערט.

— אַזאַ רייטן זעט אויס קאָמיש, האַ? — האָט ער געפרעגט. — אָבער זיי איז נישט קיין שאָד. זיי וועלן איין פערד דעם רוקן אָפּקלאָפּן — וועלן זיי אַ צווייטס נעמען. פּויערן! — און ער האָט מיט טיפער פאַראַכטונג אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — אַזעלכער זעט אפשר צום ערשטן מאָל אַ פערד פאַר די אויגן: „מילא, זאָל זיין געריטן". זייערע טאַטעס האָבן זיך געשראָקן פאַרן סקריפּען פון אַ וואָגן, און זיי דזשיגיטירן... עך! — ער האָט אַ קנאַק געטון מיט די פינגער און זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין.

די רויטאַרמייער האָבן געדיכט געשטראָמט איבער דער גאַס זיך פונאַנד'ערגעשפרייט אין גרופּעס, אַרייַנגעגאַנגען אין די הויפן. דריי האָבן זיך פאַרנומען צו אַניקושקעס טויער, פינף, איינער פון זיי אויף אַ פערד, זענען געבליבן ביי אַסטאַכאָווס כאַטע, און די איבעריקע פינף האָבן זיך אַוועקגעלאָזט לענגאויס דעם פּאַרקן צו די מעליעכאָווס. פאָרויס איז געגאַנגען אַ נישט הויכער, באַיאָר־טער רויטאַרמייער, אַ געגאָלטער, מיט אַ צוגעפּלאַטשטער נאָז און ברייטע נאָזלעכער, אַ פלינקער, אַ געשמיידיקער, גלייך צו דער־קענען — אַן אַלטער פראָנט־זעלנער. ער איז דער ערשטער אַרייַנ־געגאַנגען צו די מעליעכאָווס אין הויף, זיך אָפּשטעלנדיק ביים נאַנעק, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אַ ווײַלע זיך צוגעקוקט, ווי עס רייסט זיך דער געלער הונט אויף דער קייט, שטיקט זיך און פאַר־כליניעט זיך אין בילן; דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען די ביקס פון אַקסל. דער שאָס האָט אָפּגעריסן פון דאַך אַ ווייס רויכל פון טוי־פראָסט. גריגאָרי האָט זיך אָנגענומען ביים קאָלנער פון העמד, וואָס האָט אים געשטיקט: ער האָט געזען דורכן פענסטער ווי דער הונט וואַלגערט זיך אין שניי, באַפלעקנדיק אים מיט בלוט, בייסט אין גסיסה־יסורים די דורכגעשאָסענע זייט און איי־זערנע קייט. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען די טויט־בלייכע פנימער פון די פרויען, די מבולבלע אויגן פון דער מוטער. ער איז אָן אַ היטל אַרויסגעגאַנגען אין הויז אַרייַן.

— לאָז צורו! — האָט דער פאָטער מיט אַ פרעמד קול אים נאָכגעשריגן.

גריגאָרי האָט געעפנט די טיר. אויף דער שוועל איז קלינ־גענדיק אַראָפּגעפאַלן אַ ליידיקע גילז. דורכן טירל זענען אַרייַנגע־גאַנגען די איבעריקע רויטאַרמייער.

— פאַרוואָס האָסטו דערהרגעט דעם הונט? ער האָט דיר געשטערט? — האָט גריגאָרי געפרעגט, שטיין בלייבנדיק אויף דער שוועל.

דעם רויטאַרמייערס ברייטע נאָזלעכער האָבן אַ זופּ געטון די לופט, די ווינקלען פון זיינע דינע, בלוי־אויסראַזירטע ליפּן

האָבן זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אומגעקוקט און פאַרוואָרפן די ביקס אויף דער האַנט.

— און וואָס גייט עס דיך אָן? ס'איז דיר אַ שאָד? און מיר, זעסטו, איז נישט קיין שאָד אויך אויף דיר אַ קויל אויסצוברענגען. ווילסט? שטעל־זשע דיך אַוועק!

— נו, נו, הער אויף, אַלעקסאַנדער! — האָט, צוגייענדיק און לאַכנדיק, געזאָגט אַ הויכער געל־ברעמיקער רויטאַרמייער. — זייט באַגריסט, באַלעבאָס! רויטע האָט איר שוין געזען? נעמט אונז צו אויף קוואַרטיר. דאָס האָט ער אייער הינטל דערהרגעט? אַ שאָד!... חברים, קומט אַריין.

גריגאָרי איז אַריינגעגאַנגען דער לעצטער. די רויטאַרמייער האָבן זיך פריילעך באַגריסט, אַראָפּגענומען פון זיך די רוקזעק, די לעדערנע יאַפּאַנישע פּאַטראָנטאַשן, אַנגעוואָרפן אין אַ קופּע אויפן בעט די שינעלן, די וואַטענע לייבלעך, די היטלען. די כאַטע איז גלייך אָנגעזאַפּט געוואָרן מיטן שאַרפן שפּירט־ריח פון זעלנערישקייט, מענטשלעכן שוויס, טיטון, ביליקן זייף, ביקסן־אייל — מיטן ריח פון ווייטע מאַרשן.

דער, וועלכן מ'האָט גערופן אַלעקסאַנדער, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און געפרעגט, כלומרשט ווייטער פירנדיק דעם אָנגעהויבענעם שמועס מיט גריגאָריען:

— דו ביסט געווען ביי די ווייסע?

— יאָ.

— אַהאַ... איך דערקען באַלד אַ סאָווע לויטן פליען און דיך לויט דיינע ראָץ־פלעכטלעך. אַ ווייסינקער! אַן אָפיציר, האַ? גאָלדענע שליפעס?

ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם רויך דורך די נאַזלעכער, דורכגעבויערט גריגאָריען, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, מיט זיינע קאַלטע, בייזע, אויגן און עטלעכע מאָל אַראָפּגעקלאַפּט דעם פּאַפּיראָס אויפן בולטן, פון רויך פאַרגעלטן נאָגל.

— אַלזאָ, אַן אָפיציר? זיי דיך מודה! איך דערקען דיך לויט

דיין האַלטונג ; האָב אַליין די גאַנצע דייטשישע מלחמה דורכגע-מאַכט.

— איך בין געווען אַן אָפיציר.

גריגאָרי האָט זיך גענייט צו שמייכלען און, באַמערקנדיק נאַטאַליעס דערשראָקענעם, בעטנדיקן בליק, וואָס איז זייטיק גע-ווען אָנגעשטעלט אויף אים, האָט ער זיך אָנגעכמורעט און זיינע ברעמען האָבן אַ ציטער געטון. ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין שמייכלען.

— אַ שאָד ! ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט דעם הונט האָב איך געדאַרפט שיסן...

דער רויטאַרמייער האָט אַ וואָרף געטון דעם פיטום צו גריגאָריעס פיס און אונטערגעוווּנקען צו די איבעריקע.

און גריגאָרי האָט ווידער דערפילט, ווי זיינע ליפּן קרימען זיך אויס אין אַ שולדיקן, בעטנדיקן שמייכל קעגן זיין ווילן, און ער איז רויט געוואָרן פאַר חרפּה צוליב אָט דעם אויסדרוק פון שוואַכקייט, וואָס האָט גובר געווען זיין שכל. „ווי אַ פאַרשולדיק-טער הונט פאַר זיין באַלעבאָס", — האָט אים אַ געדאַנק שענדלעך אַ ברי געטון, און ס'איז אויף אַ ווײַלע אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן : פונקט אין אַזאַ שמייכל האָט דער דערהרגעטער ווייס-ברוסטיקער הונט געשטשירעט די שוואַרצע אַטלאַס-ליפּן, ווען ער, גריגאָרי, דער באַלעבאָס, פריי אין לעבן און אין טויט, איז צוגעקומען צו אים, און פאַלנדיק אויפן רוקן, האָט דער הונט אַנטבלויזט די יונגע רייס-ציין און געקלאַפּט מיטן געלן פוכיקן ווײַנדל.

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געפרעגט נאָך אַלץ מיטן זעלבן קול, וואָס איז גריגאָריען פרעמד געווען :

— אפשר ווילן די געסט עסן אָוונטברויט ? וועל איך הייסן די באַלעבאָסטע...

איליניטשנאַ, נישט וואַרטנדיק אויף קיין הסכמה, איז צוגע-לאָפן צום אויוון. דאָס שאַר-אייזן אין אירע הענט האָט געציטערט, און זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט אונטערהייבן דעם טאָפּ מיטן

באָרשטש. דאַריאַ האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געגרייט צום טיש. די רויטאַרמייער האָבן זיך אויסגעזעצט, נישט געצלמט. דער אַלטער האָט זיך צוגעקוקט צו זיי מיט שרעק און פאַרבאָרגענער פאַראַכטונג. צום סוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און גע־פרעגט:

— זענט איר, הייסט עס, צו גאָט נישט מתפלל?

ערשט אַצינד האָט אַ שאָטן פון אַ שמייכל זיך דורכגע־גליטשט איבער אַלעקסאַנדערס ליפּן. אַלע האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, ווען ער האָט געענטפערט:

— איך וואָלט אויך דיר, פאָטער, נישט געראָטן. מיר האָבן מיט אונזערע געטער זיך שוין לאַנג אָפּגעפּאַרטיקט... — ער האָט זיך פאַרהאַקט, צוזויפגעדריקט די ברעמען. — קיין גאָט איז נישטאָ, בלויז שוטים גלייבן און זענען מתפלל...

— יאָ, יאָ... די געלערנטע מענטשן — זיי האָבן מסתמא אויסגעפאָרשט, — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַ דערשראָקע־נער מספים געווען.

דאַריאַ האָט אַוועקגעלייגט לעבן יעדן אַ לעפל, נאָר אַלעק־סאַנדער האָט אָפּגערוקט זיינעם און געבעטן:

— אפשר איז דאָ נישט קיין הילצערנער? עס פעלט מיר נאָך מיט אַ קרענק זיך אָנצושטעקן! דאָס איז דען אַ לעפל? אַ שטיק האָלץ!

דאַריאַ האָט אויסגעשאָסן, ווי פּולווער:

— מען דאַרף האָבן אַן אייגענעם, אויב מען ברעקלט זיך מיט אַ פרעמדן!

— נו, נו, ווייבעלע דו, שווייג! האָסט נישט קיין לעפל? גיב־זשע אַ ריין האַנטוך, וועל איך דעם אָפּווישן.

איליניטשנאַ האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ שיסל באָרשטש, ער האָט אויך זי געבעטן:

— נעם פריער אַליין אַ ביסל, מאַמענקע.

— איך דאַרף נישט עסן! אפשר צופיל געזאָלצן? — האָט די אַלטע זיך דערשראָקן.

— נעם, נעם אַ ביסל! האָסט נישט אַמאָל צוגעשיט עפּעס אַ פּראָשעק די געסט?...

— נעם, נו? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש שטרענג באַפוילן און צונויפגעדריקט די ליפּן. נאָכדעם האָט ער אַריינגעברענגט פון אַלקער די שוסטער־מכשירים, צוגערוקט צום פענסטער דאָס אַלכע־קלעצל, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ בענקל, צורעכט געמאַכט דאָס קנייטל אין אייל־לעמפל און זיך אַוועקגעזעצט מיט אַן אַלטן שטיוול אין דער האַנט. אין שמועס האָט ער זיך מער נישט אַריינגעמישט.

פּיעטראָ האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן פון שטוב. דאָרט איז אויך געזעסן מיט די קינדער נאַטאַליאַ. דוניאַשקאַ האָט געשטריקט אַ זאָק, אָנגעלענט אַן אויוון, אָבער נאָכדעם, ווי איינער פון די רויטאַרמייער האָט זי אָנגערופן „פריילין" און איינגעלאַדן צום נאַכטעסן, איז זי אַוועקגעגאַנגען. דער שמועס איז פאַרשוויגן געוואָרן. נאָכן נאַכטעסן האָבן די רויטאַרמייער פאַררייכערט.

— מען מעג ביי אייך רייכערן? — האָט דער געל־ברעמיקער געפרעגט.

— אונזערע אַלע רייכערן, — האָט איליניטשנאַ אומגערן געענטפערט.

גריגאָרי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פּאַפּיראָס, וואָס מען האָט אים פאָרגעלייגט. אַלץ אין אים האָט געציטערט, זיין האַרץ איז פאַרגאָסן געוואָרן פון אַ הייסער כוואַליע, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם, וועלכער האָט דערשאָסן דעם הונט, און די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן מיט אים אַרויספאָדערנדיק און עזותדיק. ער האָט, אפנים, געוואָלט אַרויסרופן אַ צוזאַמענשטויס און די גאַנצע צייט געזוכט אַ געלעגנהייט צו באַליידיקן גריגאָריען און אַריינציִען אים אין אַ שמועס.

— אין וועלכן פּולק האָט איר געדינט, אייער וווילגעבוירנהייט?

— אין פאַרשידענע.

— וויפיל אונזערע האָט איר דערהרגעט!

— אין דער מלחמה ציילט מען נישט. דו, חבר, מיין נישט, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אַן אָפיציר. איך בין אַזעלכער פון דער דייטשישער מלחמה געקומען. פאַר מיליטערישע אויסצייכע־נונגען האָט מען מיר די שטערנדלעך געגעבן...

— איך בין נישט קיין חבר מיט אָפיצירן! אייערע לייט שטעלן מיר צום וועגטל. איך — זינדיקער — האָב אויך שוין נישט איינעם פון אייערע אויפן ציל גענומען.

— איך וועל דיר אָט וואָס זאָגן, חבר... דו פירסט דיך אויף נישט ווי עס געהערט צו זיין: ווי איר וואָלט דעם כוטאָר נאָך אַ שלאַכט פאַרנומען. מיר זענען דאָך אַליין אַוועק פון פראָנט, אייך דורכגעלאָזט. און איר זענט דאָ געקומען ווי אין אַ באַזיגטן קאַנט... שיסן הינט — דאָס וועט יעדער קענען, און דערהרגענען אָדער באַליידיקן אַן אומבאַוואָפנטן — איז אויך נישט קיין קונץ....

— דו לערן מיך נישט! מיר קענען אייך! „זיי זענען פון פראָנט אַוועקגעגאַנגען!" אויב מען וואָלט אייך נישט געוועזן צע־קלאַפּט, וואָלט איר נישט אַוועקגעגאַנגען. און רעדן מיט דיר מעג איך, ווי עס געפעלט מיר.

— הער אויף, אַלעקסאַנדער! עס איז שוין דערעסן גע־וואָרן! — האָט דער געל־ברעמיקער זיך געבעטן.

אָבער יענער איז שוין צוגעגאַנגען צו גריגאָריען, שווער סאָפּענדיק און פייפנדיק מיט די צעשפּרייטע נאָזלעכער.

— דו זאָלסט מיך בעסער נישט טשעפּען, אָפיציר, וואָרים עס וועט שלעכט זיין!

— איך טשעפּע אייך נישט!

— ניין, דו טשעפּעסט יאָ!

נאַטאַליאַ האָט געעפנט די טיר און מיט אַ געבראָכן קול אַ רוף געטון גריגאָריען. ער האָט אויסגעמיטן דעם רויטאַרמייער, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים, און אַריינגעגאַנגען אין דער טיר,

זיך אַ וואַקל טוענדיק, ווי אַ שיכור. פּיעטראָ האָט אים אויפגעד
נומען מיט אַ בייז־קרעכצנדיקער געשושקעריי.

— וואָס אַרבעטסטו אַרום ?... צו וועלכן טייוול דאַרפסטו
דאָס ? וואָס פּאַרפירסטו שמועסן מיט אים ? וועסט נאָך אי זיך,
אי אונז אומברענגען ! זעץ דיך !... — ער האָט מיט כּוח אַרויפּ־
געשטופּט גריגאָריען אויפן קופּערט און אַרויסגעגאַנגען אין קיך
אַריין.

גריגאָרי האָט מיט אַ געעפנט מויל גיריק געשלונגען די
לופט, פון זיינע ברוינע באַקן איז אָפּגעפאַלן די טונקעלע רויט־
קייט און די מאַטע אויגן האָבן צוריק באַקומען אַ שוואַכן
גלאַנץ.

— גרישאַ ! גרישענקאַ ! טייערינקער ! לאָז דיך נישט אַריין
מיט זיי. — האָט נאַטאַליאַ געבעטן, ציטערנדיק און פאַרשטופּנ־
דיק די מיילעכלעך פון די קינדער, וואָס זענען גרייט געווען
אַרויסצוּוויינען.

— פאַרוואָס בין איך נישט אַוועקגעפאָרן ? — האָט גריגאָרי
געפרעגט און, מיט אַ געפיל פון פיין אַ קוק געטון אויף נאַ־
טאַליען, — איך וועל שוין נישט ! שוויַג ! דאָס האַרץ האָט קיין
כּוח נישט אויסצוהאַלטן.

שפּעטער זענען אַריינגעקומען נאָך דריי רויטאַרמייער. איי־
נער, אין אַ הויכער שוואַרצער פּאַפּאַכע, וואָס האָט אויסגעזען ווי
אַן אָנפירער, האָט געפרעגט :

— וויפיל געפינען זיך דאָ אויף קוואַרטיר ?

— אַכט מאַן, — האָט דער געל־ברעמיקער געענטפערט פאַר
אַלע, איבערקלייבנדיק די זינגענדיקע קלאַווישן פון דער האַרמאָניע.

— דאָ וועט זיין דער פּונקט פון דעם מאַשינגעווער. איר
וועט זיך אַ ביסל צורופּרוען.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען. און גלייך האָט גענומען סקריי־
פּען דאָס טויער. אין הויף זענען אַריינגעפאָרן צוויי וואָגנס. איי־
נעם פון די קוילנוואַרפערס האָט מען אַריינגעטראָגן אין הויז.
עמעצער האָט געצונדן שוועבעלעך אין דער פינסטער און הויך

געזידלט. אונטער דער שאָפּע האָט מען געררייכערט, אין שייער געררודערט אין היי, געצונדן פייער, נאָר קיינער פון די באַלע־באַטים איז נישט אַרויסגעגאַנגען.

— וואָלסט געגאַנגען אַ קוק טון אויף די פערד, — האָט איליניטשנאַ אַ שושקע געטון, דורכגייענדיק פאַרן אָלטן.

יענער האָט בלויז מיט די אַקסלען אַ הייב געטון, אָבער נישט געגאַנגען.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן געקלאַפּט די טירן. אַ ווייסע פּאַרע איז געהאָנגען אונטערן באַלקן און פייכט זיך אָפּגעזעצט אויף די ווענט. די רויטאַרמייער האָבן זיך אויסגעבעט אין שטוב. גריגאָרי האָט געברענגט און זיי אונטערגעשפּרייט אַ דערע, צוקאָפּנס גע־לייגט זיין פּעלצל.

— איך האָב אַליין געדינט, ווייס איך, — האָט ער פריי־לעך געשמייכלט צו יענעם, וואָס האָט געזען אין אים אַ שונא.

אָבער דעם רויטאַרמייערס ברייטע נאָזלעכער האָבן זיך באַ־וועגט און זיין בליק האָט אומפריינטלעך זיך אַ גליטש געטון אי־בער גריגאָריען...

גריגאָרי און נאַטאַליאַ האָבן זיך געלייגט אין זעלבן צימער אויפן בעט. די רויטאַרמייער האָבן צונויפגעלייגט די ביקסן צו־קאָפּנס און זיך אויסגעלייגט איינער לעבן אַנדערן אויף דער דע־רע. נאַטאַליאַ האָט געוואָלט פאַרלעשן דאָס לעמפּל, נאָר עמעצער האָט זי מיט געבייזער געפרעגט:

— ווער האָט דיך געבעטן פאַרלעשן? זאָלסט נישט וואַגן! דריי אַראָפּ די קנויט און זאָל ברענען אַ גאַנצע נאַכט.

די קינדער האָט נאַטאַליאַ געלייגט צופיסנס, אַליין זיך נישט אויסגעטון און געלייגט ביי דער וואַנט. גריגאָרי איז מיט פאַרוואָרפענע הענט געלעגן שווייגנדיק. „יען מיר וואָלטן אַוועקגעגאַנגען, — האָט גריגאָרי געטראַכט מיט צונויפגעפּרעסטע ציין, זיך צודריקנדיק מיט דער ברוסט צום קישן, — ווען מיר וואָלטן אָפּגעטרעטן, וואָלטן זיי אַציגד נאַטאַשען אויף דעם בעט אויסגעלייגט און זיך פריילעך געמאַכט איבער איר, ווי

דעמאָלט אין פוילן איבער פּראַניען..." עמעצער פון די רויטאַר־מייער האָט אָנגעהויבן עפּעס דערציילן, נאָר אַ באַקאַנט קול האָט אים איבערגעשלאָגן, זיך צעקלינגענדיק אין דער מאַטער האַלב־טונקלקייט מיט לאַנגע פּויזעס:

— עך, אומעטיק אָן אַ ווייב! איך וואָלט מיט די ציין געביסן... אָבער דער באַלעבאָס — ער איז אַן אָפיציר... אַזעלכע ווי מיר, פּראָסטע און ברודיקע, טרעטן זיי די ווייבער נישט אָפּ... הערסט, באַלעבאָס?

עמעצער פון די רויטאַרמייער האָט שוין געשנאָרכט, אַ צווייטער האָט שלעפעריק זיך צעלאַכט. דאָס קול פון געל־ברעמיקן האָט דראָענדיק זיך צעקלונגען.

— נו, אַלעקסאַנדער, מיר איז שוין מיאוס געוואָרן דיר צו מאַכן באַמערקונגען. אויף יעדער קוואַרטיר מאַכסטו סקאַנדאַלן, פּירסט דיך אויף ווי אַ כוליגאַן און שענדסט דעם נאָמען פון רויטאַרמייאישן זעלנער. אַזוי טאָר מען נישט! איך גיי שוין צום קאָמיסאַר אָדער צום ראָטע־קאָמאַנדיר. מיר וועלן זיך שוין מיט דיר דורכשמועסן!

עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שטילקייט. מען האָט בלויז געהערט, ווי דער געל־ברעמיקער סאָפּעט בייז און ציט אַרויף די שטיוול אויף די פיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויסגעגאַנגען, אַ קלאַפּ געטענדיק מיט דער טיר.

נאַטאַליאַ האָט זיך נישט איינגעהאַלטן, הויך זיך צעכליפּעט. גריגאָרי האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט געגלעט איר קאָפּ, דעם שווייסיקן שטערן און דאָס נאַסע פּנים. מיט דער רעכטער — רויִק אַרומגעפירט איבער דער ברוסט, און די פינגער האָבן מעכאַניש פאַרקנעפלט און אויפגעקנעפלט די קנעפלעך פון זיין העמד.

— שווייג, שווייג! — האָט ער קוים הערבאַר געשעפּטשעט צו נאַטאַליען, און אין דעם אויגנבליק זיכער געווען, אַז ער איז גרייט אויף אַלע מיני עינויים און באַליידיקונגען, אַבי מציל צו זיין זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיינע אייגענע.

דאָס אויפפלאַקערן פון אַ שוועבעלע האָט באַלויכטן דאָס פּנים פון אַלעקסאַנדערן, וועלכער איז אויפגעשטאַנען, זיין ברייטע נאָז, דאָס מויל, וואָס האָט זיך איינגעזויגן אין אַ פּאַפּיראָס. עס האָט זיך געהערט, ווי ער האָט מיט אַ האַלב קול אַ וואָרטשע גע־טון און אָפּזיפצנדיק אינמיטן אַלגעמיינעם שנאָרכן, אָנגעהויבן זיך אָנטון.

גריגאָרי, וועלכער האָט אומגעדולדיק זיך איינגעהערט און אין האַרץ טיף דאַנקבאַר געווען דעם געל־ברעמיקן, האָט פריידיק אַ ציטער געטון, ווען ער האָט דערהערט הינטערן פענ־סטער טריט און אַ ברוגזדיק קול:

— און ער טשעפּעט זיך נאָך אַלץ... טועז... אַן אומגליק... חבר קאָמיסאַר...

די טריט האָבן זיך דערהערט אין פעדערהויז, די טיר האָט אַ סקריפּע געטון און זיך געעפנט. עמעצנס יונגע קול האָט מיטן טאָן פון אַ קאָמאַנדיר באַפוילן:

— אַלעקסאַנדער טיורניקאָוו, טו דיך אָן און גיי שוין אַרויס פונדאַנען: וועסט נעכטיקן ביי מיר אין קוואַרטיר, און מאָרגן וועלן מיר דיך משפּטן פאַר דיין אויפפירונג, וואָס איז נישט ווירדיק פאַר אַ רויטאַרמייער.

גריגאָרי האָט זיך באַגעגנט מיטן שאַרפן גלאַנציקן בליק פון דעם מענטש אין דער שוואַרצער לעדערנער קורטקע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר לעבן געל־ברעמיקן.

ער האָט אויסגעזען יונג און איז געווען יוגנטלעך־שטרענג; זיינע ליפּן, באַדעקטע מיט שפּראָצנדיקן פוך, זענען געווען שוין צו שטרענג צונויפגעפּרעסט.

— אַן אומרויִקער גאַסט אייך אָנגעקומען, חבר, — האָט ער זיך געווענדט צו גריגאָריען, קוים־באַמערקבאַר שמייכלענדיק. — נו, אַצינד לאָפּט, מיר וועלן אים שוין מאָרגן איינשטילן. אַלדאָס גוטס. קומט, טיורניקאָוו!

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, און גריגאָרי האָט לייכטער אָפּ־אָטעמט. אינדערפרי האָט דער געל־ברעמיקער באַצאָלט פאַר דער

קוואַרטיר און פאַרן עסן, בפיוון זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן און געזאָגט:

— זײַט נישט אויף אונז בייז, באַלעבאַטים. דער אַלעקסאַנדער איז אַ ביסל געריִרט אויפן שאַרבן. פאַראַיאָרן האָבן אָפּיצירן אין לוגאַנסק — ער איז אַ געבוירענער פון לוגאַנסק — אין זײַנע אויגן דערשאָסן זײַן מוטער מיט דער שוועסטער. דערפאַר איז ער אַזעלכער... נו, אַ דאַנק. זײַט געזונט. איך האָב שיִער נישט פאַרגעסן אָן די קינדערלעך! — און צו דער גרויסער פרייד פון די קינדער האָט ער אַרויסגענומען פון רוקזאַק און זיי אַרײַנגערוקט צו שטיקלעך גרויען ברודיקן צוקער אין די הענטלעך.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מיט געריִרטקייט געקוקט אויף די אייניקלעך.

— נו, אָט האָבן זיי שוין אַ מתנה צום געזעגענען אויך! מיר האָבן אים, דעם צוקער, שוין אַנדערהאַלבן יאָר נישט געזען. זאָל אײַך גאָט באַשירעמען, חבר!... נייגט אײַך צום פעטער! פּאָליושקאַ, באַדאַנק! ליבינקע, וואָס־זשע שטייסטו אָן אָנגעבלאָזענע?

דער רויטאַרמייער איז אַרויסגעגאַנגען, און דער אַלטער האָט בייז אַ זאָג געטון צו נאַטאַליען:

— דאָס איז אייער אומגעבילדעטקייט שולדיק! וואָלסט אים כאָטש מיטגעגעבן אַ קניזשע אויפן וועג. מען דאַרף אָפּדאַנקען אַ גוטן מענטש! עך!

— לויף אים נאָך! — האָט גריגאָרי באַפוילן.

נאַטאַליאַ האָט אַ כאַפּ געטון דאָס טוך אויף די אַקסל און דעריאָגט דעם געל־בערעמיקן ביים טירל. אַ רויטע פון פאַרלעגנהייט, האָט זי אים אַרײַנגערוקט אַ קניזשע אין דער קעשענע פון שינעל, וואָס איז אַזוי טיף געווען, ווי אַ ברונעם אין סטעפּ.

XVII

מיטאָג־צייט איז דורכן כוטאָר אין איילינקן מאַרש דורכגע־גאַנגען דאָס זעקסטע מצענסקער פולק פון רויטן פאָן, צו־מענדיק ביי טייל קאָזאַקן זייערע מיליטערישע פערד. ווייט אי־בערן באַרג האָט זיך געהערט דאָס דונערן פון האַרמאַטן.

— ביים כשיר קומט פאָר אַ שלאַכט, — האָט פאַנטעלעי פראָקאָפּיעוויטש אויסגעטייטשט.

פאַרנאַכט זענען אי פיעטראָ, אי גריגאָרי נישט איינמאָל אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין. מען האָט געהערט איבערן דאָן, ווי ערגעץ דאָרט, נישט נעענטער פון דער אוסט־כאָפּערער סטאַני־צע, הודזשען טויב האַרמאַטן און עס שטעפּן גאַנץ שטיל (מען האָט געדאַרפט צולייגן דאָס אויער צו דער פאַרפרוירענער ערד) מאַשינגעוועערן.

— זיי פאַרטיידיקן זיך דאָרט נישט שלעכט. דער גענעראַל גוסעלשטשיקאָוו מיט די גונדאַראָוועצעס זענען דאָרט, — האָט פיעטראָ געזאָגט, צראָפּשאַרנדיק דעם שניי פון די קניען און דער פאַפּאַכע, און שוין גאָרנישט אויפן אָרט צוגעגעבן: — די פערד וועט מען אונז צונעמען. דיין פערד, גריגאָרי, וואַרפט זיך אין די אויגן אַריין, זיי וועלן עס זיכער צונעמען!

אָבער דער אַלטער איז שוין פריִער פאַר זיי געפאַלן אויפן שכל. אויף ביינאַכט האָט גריגאָרי אַרויסגעפירט די פערד אָנטרינקען און באַלד ביי דער טיר פון שטאַל באַמערקט: די פערד לאָמען אויף די פעדערשטע. ער האָט דורכגעפירט זיינעם — ער לאָמט; דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט מיט פיעטראָס. ער האָט אַ רוף געטון דעם ברודער:

— די פערד לאָמען, נאַדיר אַן עסק! דיינס אויפן רעכטן און מיינס אויפן לינקן. צעקלאַפּט האָבן זיי זיך נישט... אפשר קרעציק געוואָרן?

אויפֿן שניי פֿון ליליאַ-קאָליר, אונטער די מאַטע אָווינט-שטערן זענען די פֿערד געשטאַנען מרה-שחורהדיק, נישט אַרויס-געוויזן קיין הייטערקייט נאָכן לאַנגן שטיין אין שטאַל, נישט גע-בריקעוועט.

פּיעטראָ האָט אָנגעצונדן די לאָמטער, נאָר דער פֿאָטער, וואָס האָט זיך באַוויזן פֿון שייער, האָט אים פֿאַרהאַלטן.

— נאָכוואָס דאַרפֿסטו די לאָמטער?

— די פֿערד, טאַטע, האָבן אָנגעהויבן לאָמען. מסתמא אויף די פֿיס קראַנק געוואָרן.

— און אַז קראַנק געוואָרן — איז שלעכט? ווילסט וועלכער פֿויער זאָל זיי אָנזאָטלען און פֿון הויף אַוועקפֿירן?

— טאַקע נישט שלעכט...

— נו, טאָ זאָג-ושע גרישקען, אַז דאָס האָב איך אויף די פֿיס זיי קראַנק געמאַכט, גענומען דעם האַמער און אַריינגעיאָגט איטלעכן אַ טשוואָק אונטערן ווייכן ביין פֿון דער קאָפּיטע; אַצינד וועלן זיי שוין לאָמען ביז דער פֿראָנט וועט זיך אָפּרוקן.

פּיעטראָ האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, אַ קייע געטון די וואָנסע און צוגעצאַנגען צו גריגאָריען.

— שטעל זיי אַוועק ביים זשלויב. דאָס האָט דער טאַטע זיי בפֿיוון לאָם געמאַכט.

דעם אַלטנס אויפֿטו האָט טאַקע געהאָלפֿן. ביינאַכט איז דער כו-טאָר ווידער פֿול געוואָרן מיט געטומל. איבער די גאַסן האָבן אַרומגעגאַלאָפּירט רייטער. אויפֿהייבנדיק אַ געקלאַנג איבער די גריביקע ערטער און קרומע וועגן, האָט זיך דורכגערוקט אַ באַ-טאַרייע און פֿאַרהאַלטן אויפֿן פּלאַץ. דאָס דרייצענטע קאַוואַלעריע-פּולק האָט זיך אָפּגעשטעלט אין כוטאָר אויף נאַכטלעגער. צו די מעליעכאָווס איז נאָר-וואָס אַריינגעקומען כריסטאָניאַ, זיך אַוועק-געזעצט און פֿאַררייכערט.

— די טייוולאָנים זענען נישטאָ ביי אייך? נישט געקומען נעכטיקן?

—דערוויייל איז נאָך — גאָט צו דאַנקען, — צו דערליידן. געווען

עטלעכע — די גאַנצע כאַטע מיט זייער פויערישן ריח פאַרשטונקען. נישט בחינם זאָגט מען דאָך — „דאָס שטינקענדיקע רוסלאַנד״. נו, איז טאַקע אַזוי! — האָט איליניטשנאַ נישטווילנדיק גע־בורטשעט.

— ביי מיר זענען זיי אויך געווען, — כריסטאָניעס קול איז גע־וואָרן שושקענדיק. ער האָט מיט דער גרויסער האַנט זיך אויסגעווישט אַ טרער פון אויג, אָבער באַלד אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, ווי אַ מיליטערישער קעסל, אַ הוסט געטון און ווי זיך שוין געשעמט פאַר זיינע טרערן.

— וואָס איז מיט דיר, כריסטאָניאַ? — האָט פּיעטראָ שמייכ־לענדיק געפרעגט, זעענדיק דאָס ערשטע מאָל טרערן אין כריס־טאָניעס אויגן. דאָס האָבן אים דידאָזיקע טרערן טאַקע אַריינגע־ברענגט אין דער הייטערער שטימונג.

— זיי האָבן דעם שוואַרצן צוגענומען... אין דער דייטשי־שער מלחמה מיט אים געווען... אַלע צרות, הייסט עס, צוזאַמען מיט אים דורכגעמאַכט... ווי אַ מענטש געווען, נאָך קליגער אפשר ווי אַ מענטש... אַליין אים אָנגעזאָטלט. „זאָטל אים אָן, — זאָגט ער, — ביי מיר לאָזט ער זיך נישט״. — „וואָס־זשע, — זאָג איך, — דאָס גאַנצע לעבן וועל איך אים דיר אָנזאָטלען? האָסט אים גענומען, — זאָג איך, — טאָ גיב־זשע דיר אַליין אַן עצה״. איך האָב אים אָנגעזאָטלט, און ער, וואָלט ער כאָטש עפּעס אַ מענטש געווען, — אַ טויגעניכטס! מיר צום גאַרטל נישט דער־וואַקסן, מיטן פוס דאָס רייט־טרעפּל נישט דערגרייכט... צום גאַ־נעק אים צוגעפּירט, אויפגעזעסן... און איך האָב ווי אַ קינד מיך צעוויינט. „נו, — זאָג איך צום ווייב, — ליב געהאַט אים, גע־פּאָיעט, עסן געגעבן״. — כריסטאָניאַ האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן שנעל־שושקענדיק, צופּייפּנדיק און איז אויפגעשטאַנען: — כ׳האָב מורא אין שטאַל אַריינצוקוקן! דער הויף איז ווי אָפּגע־שטאָרבן...

— איז ביי מיר שוין בעסער! דריי פערד זענען אונטער

מיר געפאַלן, דאָס איז שוין דאָס פערטע, בין איך שוין נישט אַזוי שטאַרק צוגעבונדן...

גריגאָרי האָט זיך איינגעהערט. הינטערן פענסטער סקריפעט דער שניי, עס קלינגען שווערדן, עס הערט זיך אַ שטילער: „טררר!"

— זיי גייען אויך צו אונז, די פאַרשאָלטענע! אפשר האָט עמעצער אָנגעוויזן...

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט גענומען זיך פּאָרען, די הענט זענען אים איבעריק געוואָרן, ער האָט נישט געהאַט ווו זיי אַהינצוטון.

— באַלעבאָס! אַ-נו, קום אַרויס!

פּיעטראָ האָט גענומען דעם פּעלץ אויף די אַקסל, איז אַרויסגעגאַנגען.

— ווו זענען די פערד! פיר זיי אַרויס!

— איך בין נישט קעגן, נאָר זיי, חברים, לאָמען.

— וואָסער לאָמען דאָרט?! פיר זיי אַרויס! מיר וועלן זיי נישט כּתּם אַזוי צונעמען, האָב קיין מורא נישט. מיר וועלן דיר אונזערע איבערלאָזן.

ער האָט זיי אַרויסגעפירט איינציקווייז פון שטאַל.

— און דאָס דריטע דאָרט. פאַרוואָס פירסטו עס נישט אַרויס? — האָט געפרעגט איינער פון די רויטאַרמייער, זיך צולייכטנדיק מיט דער לאַמטער.

— דאָס איז אַ קלאַטשע, אַן אָפּגעפּאָרענע, אַ זקנה, שוין אפשר הונדערט יאָר אַלט...

— העי, די זאָטלען ברענג אַרויס!... וואַרט נאָר, זיי לאָמען דאָך טאַקע... צו אַלע טייוואָלאָנים... וווהין-זשע פירסטו זיי, די קאַליקעס?! גיב זיי צוריק!... — האָט בייז אויסגעשריגן דער, וואָס האָט געהאַלטן די לאַמטער.

פּיעטראָ האָט אַ צי געטון ביי די לייצן און אַוועקגעדרייט דאָס פּנים מיט די פאַרקרומטע ליפּן פון דער לאַמטער.

— ווו זענען די זאָטלען?

— די חברים האָבן זיי היינט אינדערפרי צוגענומען.

— זאָגסט ליגנט, קאָזאַק! ווער האָט זיי צוגענומען?

— בנאמנות! זאָל מיך גאָט שטראָפן — אויב זיי האָבן זיי נישט צוגענומען! דאָס מצענסקער פּולק איז דורכגעגאַנגען און זיי צוגענומען. די זאָטלען און אפילוביידע כאָמוטן צוגענומען.

שעלטנדיק אין דער מאַמען אַריין, זענען די דריי אַוועקגעריטן. פּיעטראָ איז אַריינגעקומען, אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון פערדישן שוויס און השתנה. זיינע האַרטע ליפּן האָבן זיך אָנגעבלאָזן, און ער האָט נישט אָן גאווה אַ קלאַפּ געטון כריסטאָניען איבער דער פּלייצע.

— אָט ווי מען דאַרף! די פערד זענען לאָם געוואָרן, און די זאָטלען האָט מען צוגענומען... עך, דו!...

איליניטשנאַ האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און טאַפּנדיק אַריינגעגאַנגען צוגרייטן די בעטן אין שטוב.

— מען דאַרף עס זאָל זיין פינסטער, אַז נישט — וועט דער טייוול נאָך אָנטראָגן געסט אויף ביינאַכט.

אין אָט דער נאַכט האָט מען ביי אַניקושקען זיך געווילט. די רויטאַרמייער האָבן געבעטן איינצולאַדן די שכנישע קאָזאַקן. אַניקושקאַ איז געקומען נאָך די מעליעכאָווס:

— רויטע?! און אַז זיי זענען רויטע? וואָס־זשע, זענען זיי קיין קריסטן נישט? אַזעלכע רוסן, ווי מיר. בנאמנות. ווילסטו — גלייב, ווילסטו נישט — גלייב נישט... און זיי זענען מיר אַ שאָד... וואָס אַרט דאָס מיך? אַ ייד איז מיט זיי, איז ער אויך אַזאַ מענטש — ווי אַלע. די יידן האָבן מיר אין פּוילן געשלאָגן... הם! און דער האָט מיר אַ גלאָז בראָנפן געשטעלט. איך האָב ליב יידן!... קום, גריגאָר! פּיעטיאַ! דו ברעקל דיך נישט מיט מיר.

גריגאָרי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין, נאָר פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אים געעצהט:

— גיי, מען וועט נאָך זאָגן, עס פּאַסט דיר נישט. גיי, גיי, טראָג נישט נאָך קיין שנאה אין האַרץ.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין. די וואַרעמע נאַכט האָט פאַרגעזאָגט שיין וועטער. עס האָט געשמעקט מיט אַש און רויך פון קיזעקלעך. די קאַזאַקן זענען געשטאַנען שווייגנ־דיק, דערנאָך אַוועקגעגאַנגען. דאַריאַ האָט זיי דעריאָגט ביים טייכל.

אין מאַטן לבנה־ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעזיגן דורכן וואָלקן, האָבן אירע געפאַרבטע, איבערן פנים צעפליגלטע ברע־מען, געגלאַנצט מיט סאַמעטענער שוואַרצקייט.

— זיי ווילן מיין ווייב אָנשיכורן... אָבער עס וועט זיי נישט געלונגען. איך, ברודער, האָב אַן אויג... — האָט אַניקושקאַ געבורטשעט, און דער סאַמאָגאָן האָט אים אַזוי דעם קאָפּ פאַר־דרייט, אַז ער איז געפאַלן אויפן פאַרקן און פאַרקראָכן פון וועג אין די שניי־גרובנס אַריין.

אונטער די פיס האָט געסקריפּעט דער קערנדיק־בלויער שניי ווי צוקער. פון גרויען הימל־איבערצוג איז אַראָפּגעפאַלן אַ שניי־געוויטער.

דער ווינט האָט געטראָגן פונקען פון די פּאַפּיראָסן, גע־ווירבלט מיט שניי־שטויב. ער איז ווילד אָנגעפלויגן אונטער די שטערן אויף אַ פעדער־ווייסן וואָלקן (אַזוי דעריאָגט אַן אָדלער אַ שוואַן און שלאָגט אים מיט דער שיף־אויסגעבויגענער ברוסט), און אויף דער פאַרשוויגענער ערד זענען וויגנדיק געפאַלן ווייסע פעדערלעך, באַדעקנדיק דעם כוטאָר, די שייד־וועגן, דעם סטעפּ, יעדן שפּור פון מענטש און חיה.

ביי אַניקושקען אין דער כאַטע — איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. פון לאָמפּ האָבן זיך געצויגן שוואַרצע צונגען קאָפּעטש, און צוליב דעם פּאַפּיראָסן־רויך האָט מען נישט געזען קיין פנים. דער האַרמאָניסט, דער רויטאַרמייער שניידט אַ „סאַ־ראַטאָווער“, ברייט אויסציִענדיק דעם בלאָז־זאַק פון דער האַר־מאָניע און אַרויסוואַרפנדיק די לאַנגע פיס פאַר זיך. אויף די בענק זיצן רויטאַרמייער, ווייבער־שכנהטעס. אַניקושקעס ווייב צערטלט אַ פעסטער חברהמאַן אין וואַטענע הויזן פון האַקי־קאָ־ליר, אין קורצע שטיוול מיט ריזיקע שפּאָרן, וואָס זעען אויס, ווי

אַרויסגענומען פון אַ מויל. זיין היטל פון דראָבנע העלע באַראַנ-
קעס איז פאַררוקט איבערן געקרייזלטן קאָפּ אויפן נאַקן. דאָס
טונקל-גרויע פּנים איז באַדעקט מיט שווייס. מיט דער פייכטער
האַנט האַלט ער אַרומגענומען אַניקושקעס ווייב און בריסט אין
דעם רוקן.

און דאָס ווייבעלע האָט שוין דעם קאָפּ פאַרלוירן: אירע
זאַפטיקע ליפּן רייכלען זיך; זי וואָלט געוואָלט זיך אָפּרוקן, אָבער
האָט קיין כּוח נישט; זי זעט אין דעם מאַן, אין די שמייכלענדיקע
בליקן פון די ווייבער, אָבער האָט דאָך קיין מאַכט נישט אַראָפּ-
צונעמען די שטאַרקע האַנט פון רוקן; ווי זי וואָלט גאָר קיין
בושה נישט געהאַט, און זי לאַכט מאַט און שיכּורלעך.

אויפן טיש זענען די העלזער פון די קריגן געעפנט, די
גאַנצע שטוב איז דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון בראָנפן. דאָס טיש-
טוך איז פאַרגאָסן, און אינמיטן דער כאַטע, איבערן לוימיקן דיל,
דרייט זיך, ווי אַ גרינער טייוול, אין אַ קאָזאַטשאָק אַן אונטער-
אָפיציר פון דרייצנטן קאַוואַלעריע-פּולק. זיינע שטיוול זענען
כראָמענע, איידעלע, די גאַליפע-הויזן — פון אָפיצירישן געוואַנט.
גריגאָרי קוקט פון דער שוועל אויף די שטיוול, אויף די גאַליפע-
הויזן און טראַכט: „פון אַן אָפיציר אַראָפּגעצויגן...” דערנאָך
פירט ער איבער דעם בליק אויפן פּנים; דאָס פּנים איז טונקל-
ברוין, גלאַנצט פון שווייס, ווי די לענדן ביי אַ קאַרע פערד, די
קיילעכיקע אויער-מושלען שטייען אָפּ, די ליפּן זענען דיק און
אַראָפּגעהאָנגען. „אַ ייד, און שוין איינמאָל אַ כוואַט” — באַשליסט
ביי זיך גריגאָרי. אים און פיאָטערן האָט מען אָנגעגאָסן
סאַמאָגאָן. גריגאָרי האָט געטרונקען פאָרזיכטיק, אָבער פּיאָ-
טער איז באַלד שיכּור געוואָרן. און אין אַ שעה אַרום איז ער
שוין געגאַנגען איבערן דיל אַ „קאָזאַטשאָק”, אויפגעהויבן מיט
די אָפּצאַסן אַ שטויב, הייזעריק געבעטן דעם האַרמאָניסט: „שנע-
לער, שנעלער!” גריגאָרי איז געזעסןביים טיש און געקנאַקט
סעמעטשקעס. לעבן אים — אַ הויכער סיבירער פון דער באַדינונג
פון מאַשינגעווער. ער האָט געקנייטשט דאָס קינדיש-קיילעכיקע

פנים, גערעדט ווייך, פאַרגלעטנדיק די פייפנדיקע קלאַנגען, אַרויסרעדנדיק אַ „ס“ אַנשטאָט אַ „צ“: ביי אים איז אַרויסגעקו־מען „דאָס גאַנצע פּאָלק“.

— קאָלטשאַקן האָבן מיר צעקלאַפּט. אייער קראַסנאָוון וועלן מיר אויך גלייך־לייגן — און פטור. אָט־וואָס! און דערנאָך גיי אוּן אַקער, די ערד וועט נאָך איינגאַנצן פאַרוואָרלאָזט ווערן, נעם זי, נייט זי צו פּרוכפּערן! די ערד איז ווי אַ פרוי: אַליין וועט זי זיך דיר נישט אָפּגעבן. זי דאַרף מען נעמען. און וועט זיך דיר עמעצער אַקעגנשטעלן — דערהרגע. מיר דאַרפן אייערס גאָרנישט, מיר ווילן נאָר מאַכן: אַלע זאָלן זיין גלייך...

גריגאָרי האָט מסכּים געווען און דאָך כּסדר זייטיק אָכ־טונג געגעבן אויף די רויטאַרמייער. פאַר געפאַר איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין גרונט. אַלע האָבן געשמייכלט און מיט גינצי־קייט געקוקט אויף פּיאַטערן, אויף זיינע האַרמאָנישע פלינקע באַ־וועגונגען. עמעצנס ניכטערע קול האָט באַגייסטערט אויסגעשריגן: „שוין איינמאָל אַ טייוול! אויסגעצייכנט“. אָבער גריגאָרי האָט צו־פעליק אויפגעכאַפּט דעם פאַרזשמורעטן בליק פון איינעם אַ גע־קרייזלטן רויטאַרמייער, אַן עלטסטן, וואָס איז מיט אויפמערקזאַמ־קייט געווען אָנגעשטעלט אויף אים. און ער איז געוואָרן פאָרזיכ־טיק, האָט אויפגעהערט טרינקען.

דער האַרמאָניסט האָט אויפגעשפּילט אַ פּאָלקע. די ווייבער זענען איבערגעגאַנגען פון איין האַנט אין דער צווייטער. איינער פון די רויטאַרמייער, מיט אַ פאַרקאַלעכטן רוקן פון דער וואַנט, האָט זיך אַ וואַקל געטון און איינגעלאַדן אַ יונג ווייבעלע — כריס־טאָניעס שכנטע, אָבער יענע האָט זיך אָפּגעזאָגט, און פאַרנעמענ־דיק דעם געפאַלבטן פאָדל מיט דער האַנט, איז זי אַריבערגעלאָפן צו גריגאָריען.

— קום טאַנצן!

— איך וויל נישט.

— קום, גרישאַ! טוליפּאַן דו מיינער!

— הער אויף מיט די נאַרישקייטן, איך וועל נישט גיין!

זי האָט אים געשלעפּט ביים אָרבל, זיך גענייט צו לאַכן. ער האָט זיך געכמורעט, איינגעשפּאַרט, נאָר באַמערקנדיק, ווי זי האָט צו אים אַ ווונק געטון, איז ער אויפגעשטאַנען. זיי האָבן געמאַכט צוויי קרייזן, דער האַרמאָניסט האָט אַרויפגעלייגט די פינ־גער אויף די בעסער און, אויסנוצנדיק אַ געלעגנהייט, האָט זי אָנ־געשפּאַרט דעם קאָפּ אויף גריגאָריעס אַקסל און קוים־הערבאַר אַ שעפּטשע געטון:

— זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט דיך צו דערהרגענען... עמעצער האָט אָנגעוויזן, אַז דו ביסט אַן אָפיציר... אַנטלויף...

און — הויך:

— אָך, דער קאָפּ האָט זיך מיר עפּעס פאַרדרייט!

גריגאָרי איז פריילעך געוואָרן. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און אויסגעטרונקען אַ טעפּעלע בראָנפן. דאַריען האָט ער גע־פרעגט:

— פּיעטראָ האָט זיך אָנגעשיכּורט?

— יאָ, ער קאָן זיך שוין אויף די פיס נישט האַלטן.

— פיר־זשע אים אַהיים.

דאַריאַ האָט גענומען פירן פּיאָטערן, אים אונטערהאַלטנ־דיק מיט דער קראַפּט פון אַ מאַן. גריגאָרי איז זיי נאָכ־געגאַנגען.

— וווּהין, וווּהין? ווו גייסטו? ניי־יין! איך וועל דיר די האַנט קושן, גיי נישט אַוועק!

דער טויט־שיכּורער אַניקושקאַ האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן גריגאָריען, אָבער יענער האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַזעל־כע אויגן, אַז אַניקושקאַ האָט צעשפּרייט די הענט און זיך אַ וואַקל געטון אין דער זייט אַריין.

— ווילסט אייך גוט! — האָט גריגאָרי אַ פּאַטש געטון מיטן היטל פון דער שוועל.

דער געקרייזלטער האָט אַ ציק געטון מיט די אַקסלען, זיך גלייך געמאַכט דעם פּאַסעק און זיי נאָכגעגאַנגען. אויפן גאַנעק

האָט ער געאָטעמט גריגאָריען אין פּנים אַריין, דרייסט געגלאַנצט מיט די העלע אויגן, שושקענדיק געפרעגט:

— וווהין גייסטו? — און פעסט אָנגענומען גריגאָריען ביים שינעל.

— אַהיים, — האָט גריגאָרי געענטפערט, זיך נישט אָפּשטעלנדיק און אים מיטשלעפּנדיק מיט זיך. ער האָט מיט פריידיקער אויפרעגונג באַשלאָסן: „ניין, אַ לעבעדיקן וועט איר מיך נישט נעמען!"

דער געקרייזלטער האָט מיט דער לינקער האַנט צוגעהאַלטן גריגאָריען ביים עלנבויגן; ער האָט שווער געאָטעמט און געשפּריצט צוזאַמען מיט אים. ביים טײַכל האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן. גריגאָרי האָט דערהערט, ווי די טיר האָט אַ גרילץ געטון, און דאָ האָט דער רויטאַרמייער זיך אַ כאַפּ געגעבן מיט דער רעכטער האַנט צו דער זייט, די נעגל האָבן אַ ראַץ געטון דעם טאַש פון רעוואָלווער. אויף איין רגע האָט גריגאָרי דערזען האַרט לעבן זיך די בלויע שאַרף פון פרעמדנס בליק און מיט אַ שנעלער באַוועגונג אָנגעכאַפּט די האַנט, וואָס האָט מאַניפּולירט אַרום דעם רעוואָלווער. אַ קרעכץ טוענדיק, האָט ער צונויפגעדריקט דידאָזיקע האַנט אין געלענק, מיט שרעקלעכן כוח זי פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, און אָנבייגנדיק זיך און אַריבערוואַרפנדיק מיט דער אַלט־באַקאַנטער באַוועגונג דעם שווערן קערפּער איבער זיך, האָט ער לויטן קנאַקן פון די ביינער דערקענט, אַז די האַנט האָט אין עלנבויגן זיך איבערגעבראָכן. דער בלאָנדער געקרייזלטער קאָפּ, ווי ביי אַ שעפּס, איז אַריינגעפאַלן אין אַ אָנגעווייעט בערגל, אַראָפּדריקנדיק דעם שניי.

איבערן געסל, אָנגעבויגן לענגאויס די פּאַרקאַנס, האָט גריגאָרי זיך אַוועקגעלאָזט לויפן צום דאָן. די פיס האָבן אים עלאַסטיש געטראָגן. „עס זאָל נאָר נישט זיין אויסגעשטעלט קיין וואַך..." אַ רגע איז ער שטיין געבליבן: הינטער אים האָט זיך געזע־אַניקושקעס גאַנצער הויף. אַ שאָס. די קויל האָט רויבעריש פאַרבייגעזשווישעט. נאָך שאָסן. באַרג־אַראָפּ, מיטן פינסטערן וועג —

איבערן דאָן אַריבער. שוין אינמיטן דאָן — אַ פייף. אַ קויל האָט לעבן גריגאָריען זיך איינגעביסן אין אַ ריין שטיק געלעכערט אייז, די צעשפריצטע שטיקלעך האָבן גריגאָריען אָפּגעבריט דעם האַלז. אַריבערלויפנדיק דעם דאָן, האָט ער זיך אומגעקוקט. די שאָסן האָבן נאָך אַלץ געפייפט, ווי אַ פּאַסטוך-בייטש. גריגאָריען האָט נישט געוואָרעמט די פרייד פון ניצול ווערן, אַ געפיל פון גלייכגילטיקייט צום איבערגעלעבטן האָט אים טרויעריק געמאַכט. „ווי צו אַ חיה האָבן זיי נאָכגעשאָסן!" — האָט ער מעכאַניש אַ טראַכט געטון און ווידער זיך אָפּגעשטעלט. — זוכן וועלן זיי נישט, זיי וועלן מורא האָבן אַריינצוגיין אין וואַלד... „די האַנט האָב איך אים נישקשהדיק צורעכט געמאַכט. אַך, נבלה, אַ קאָזאַק האָט ער געוואָלט מיט די בלויזע הענט נעמען!"

ער איז אַוועק צו די ווינטערדיקע סטויגן, אָבער צוליב פאַרזיכטיקייט זיי געמיטן, לאַנג, ווי אַ האָז, געקייטלט די שפורן פון זיינע טריט. צו נעכטיקן האָט ער באַשלאָסן אין אַ פאַרוואָרפענעם סטויג זומפּ-גראָז. ער האָט צעשאַרט דעם שפּיץ. פון אונטער די פיס איז אים אַפּערגעלאָפן אַ חיהלע. ער האָט זיך פאַרגראָבן איבערן קאָפּ אין די ליימיק-שמעקעדיקע גראָזן און אַ ציטער געטון. די געדאַנקען פון קאָפּ זענען זיך צעלאָפן. ער האָט, כּלאַחר-יד, ווי נישטווילנדיק אַ טראַכט געטון: „אפשר זאָטלען מאָרגן אַ פערד און זיך אַריבערכאַפּן איבערן פראָנט צו די אייגענע?" — אָבער ער האָט נישט געפונען אין זיך קיין ענטפער אויף דעם און פאַרשוויגן געוואָרן.

פאַרטאָג האָט ער אָנגעהויבן פרירן. ער האָט אַרויסגעקוקט. איבער אים האָט פריידיק און ציטערדיק געלויכטן דער מאָרגנשטערן און אין טיפסטן דורכריס פון בלוילעך-שוואַרצן הימל האָט, ווי אויבן דאָן, בשעת דאָס וואַסער פאַלט אָפּ, כּלומרשט זיך באַוויזן דער גרונט: באַגינענדיקער רויכיק-בלויער לאַזור אינמיטן און אויף די ראַנדן — זיך לעשנדיקע, צעזייעטע שטערן.

XVIII

דער פראָנט איז דורכגעגאַנגען. די קאַנאָנאַדע פון די שלאַכטן האָט אויפגעהערט. דעם לעצטן טאָג האָט די מאַשינגעווער־באַדינונג פון דרייצענטן קאַוואַלעריע־פּולק פאַרן אַוועקגיין אַרויס־געשטעלט מאַכאָווס גראַמאָפאָן אויף אַ ברייטן טאַוריטשאַנער שליטן און לאַנג אין גאַלאָפּ זיך אַרומגעטראָגן איבער די גאַסן פון כוטאָר. דער גראַמאָפאָן האָט געכריפּעט און געהוסט (אין ברייטן האַלז פון זיין טובע זענען געפאַלן שטיקער שניי, וואָס זענען אַפּערגעפלויגן פון אונטער די פערדס קאָפּיטעס), אַ זעלנער אין אַ סיבירער היטל מיט אויער־לאַפּן האָט גלייכגילטיק געריייניקט די טובע און געדרייט דאָס געשניצטע הענטל פון גראַמאָפאָן מיט דער זעלבער זיכערקייט, ווי די קאָרבע ביים מאַשינגעווער. און פון הינטן האָט, ווי אַ גרויער וואָלקן שפּערלען, דעם שליטן באַגלייט אַ טשאַטע קינדערלעך; זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן שליטן און געשריגן: „פעטער, דריי אָן יענץ, וואָס קוויטשעט! דריי אָן, פעטער!" די צוויי גליקלעכסטע זענען געזעסן אויף די קני ביים זעלנער און ער האָט, בשעת די הפסקות, ווען ער האָט נישט גע־דרייט ביים הענטל, מיט אַ זאָרגעוודיקער און שטרענגער מינע אָפּגעווישט דעם יונגן בחורל די אָפּגעשיילטע נאָז, וואָס איז ביי אים פון פראָסט און גרויס גליק נאַס געווען.

דערנאָך האָט מען געהערט, ווי ביי אוסט־מעטשעטקי קומען פאָר שלאַכטן. דורכן טאָטערישן כוטאָר זענען אַלעמאָל דורכגעגאַנגען טאַבאָרן, וואָס האָבן צוגעשטעלט פּראָוויאַנט און אַמוניציע דער אַכטער און נײַנטער רויטער אַרמיי פון דרום־פראָנט.

אויפן דריטן טאָג זענען שלוחים אַרומגעגאַנגען איבער אַלע הויפן און צו וויסן געטון די קאָזאַקן, זיי זאָלן קומען אויף אַ פאַרזאַמלונג.

— מיר וועלן קלויבן אַ רויטן אַטאַמאַן! — האָט אַנטיפּ ברעכאָוויטש געזאָגט, אַרויסקומענדיק פון די מעליעכאָווס הויף.

— מיר וועלן קלויבן, אָדער מען וועט אים אונז פונדערהייך אָנוואַרפן? — האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך פאַראינטערעסירט.

— דאָס וועלן מיר זען...

אויף דער פאַרזאַמלונג זענען געגאַנגען גריגאָרי און פּיעטראָ. די יונגע קאָזאַקן האָבן זיך געשטעלט ביַז איינעם. די אַלטע זענען נישט געקומען. בלויז איין אָוודעיִטש ברעך איז געשטאַנען אינמיטן אַ געזעמל לצים און זיי דערציילט, ווי אַזוי עס איז ביי אים אויף קוואַטיר איינגעשטאַנען אַ רויטער קאָמיסאַר און ווי אַזוי אָט דער קאָמיסאַר האָט איב, אָוודעיִטשן, איינגעלאַדן איבערצונעמען דעם אַמט פון אַ קאָמאַנדיר.

— „איך, — זאָגט ער, — האָב נישט געוווּסט, אַז איר זענט אַ וואַכמייסטער נאָך פון פריִערדיקן מיליטער, דעריבער בעט איך אייך — טוט אונז אָן דאָס פאַרגעניגן, און נעמט אָן, פאָטער, ביי אונז אַן אַמט...“

— וואָס־זשע פאַר אַן אַמט? אַלס עלטסטן — אַרומצושיקן? — האָט מישקאַ קאָשעוואָי די ציין געשטשירעט.

אים האָט מען גערן אונטערגעהאַלטן.

— אַלס אָנפירער איבערן קאָמיסאַרס קאָבילע, דעם ווײדל איר אונטערצוהייבן.

— נעם העכער!

— האָ־האָ!...

— אָוודעיִטש! דו הערסט! דאָס וועט ער דיך אָוועקשיקן אין טאַבאָר אַריין מיטן חזיר־פּעטס צו פאַרוואַלטן.

— איר ווייסט נאָך נישט אַלץ... דער קאָמיסאַר האָט מיט אים איינגעטענהט און זיין אָרדינאַנס האָט דערווײַל צו דער אַלטער זיך צוגעפּוצט... זי געטאַפּט. און אָוודעיִטשן רינט דער גאַוער איבער דער מאָרדע, די רעָץ־צעפּלעך האָבן זיך ביי אים צעשפּילט — ער הערט...

אָוודעיִטש האָט אַלע באַטראַכט מיט שטאַרע אויגן, אַראָפּ־געשלונגען דאָס שפּייעכץ און געפרעגט:

— ווער האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער?

— איך! — האָט עמעצער פון הינטן דרייסט זיך אָנגע־רופן.

— איר האָט שוין געזען אַזאַ הינטישן זון? — אָוודעיִטש האָט זיך אויסגעדרייט, זוכנדיק מיטגעפיל, און אים געפונען בשפע.

— ער איז אַ שלאַנג, איך האָב דאָס שוין לאַנג געזאָגט.

— זייער גאַנצע גזע איז אַזעלכע.

— וואָלט איך געווען יינגער... — די באַקן ביי אָוודעיִטשן האָבן זיך אָנגעצונדן, ווי העגגלעך קאַלינע. — וואָלט איך געווען יינגער, וואָלט איך דיר שוין געוויזן, ווי אַזוי צו רעדן! דער גאַנ־צער איינפאַל דיינער איז דאָך אַ כאַכלישער! טאַגאַנראָגער מאַזש־ניצע, דו! שטינקער כאַכלישער!...

— פאַרוואָס־זשע, אָוודעיִטש, נעמסטו דיך נישט צו אים? ער איז דאָך אַ פּלוי קעגן דיר?!

— אָוודעיִטש טרעט אָפּ; אפּנים...

— ער האָט מורא, די בלאָז זאָל אים נישט פּלאַצן פון אָנשטרענגונג.

אַ הויך לאַכן האָט באַגלייט אָוודעיִטשן, וואָס האָט אָנגע־הויבן זיך אָפּרוקן מיט ווירדע. אויפן מיידאַן זענען געשטאַנען רעדלעך קאָזאַקן. גריגאָרי, וועלכער האָט שוין לאַנג נישט געזען מישקאַ קאָשעוואָיען, איז צוגעגאַנגען צו אים.

— וואָס מאַכסטו?!

— גאָט צו דאַנקען.

— ווי ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? אונטער וואָסער פאָן גע־דינט? — גריגאָרי האָט געשמייכלט, דריקנדיק מישקעס האַנט און אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן.

— אָ־האָ! איך, ברידערל, בין געווען אי ביי די טאַבונען אין סטעפּ, אי אויפן קאַלאַטשעווער פראָנט אין דער שטראָף־סאָט־

ניע. און ווּ בּין איך נישט געווען? קוים זיך אַהיימגעקריגן. געוואָלט אויפן פראָנט צוּדי רויטע אַריבּערלויפן, האָט מען אָבּער אויף מיר שטאַרק אַכטונג געגעבּן. איינמאָל קומט צוּ מיר אַלעקסעיעוויטש, אין דער בּורקע, אין פוּלער אויסריכטונג. „נוּ, — זאָגט ער, — נעם די בּיקס און קום". איך בּין נאָר־וואָס געהאַט אַהיימגעקומען, פרעג איך אים: „דוּ גייסט טאַקע אַוועק?" האָט ער מיט די אַקסלען אַ הייבּ געטון און זאָגט: „מען הייסט. דער אַטאַמאַן האָט געשיקט. איך האָבּ דאָך אין דער מיל געאַרבּעט, בּין אויפן צעטל בּיי זיי". ער האָט זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען. איך האָבּ געמיינט, ער איז אויף אַן אמת אַוועקגעגאַנגען. צומאָרגנס, דאָס מצענסקער פוּלק איז נאָר־וואָס דוּרכגעגאַנגען, איך קוּק — ער איז דאָ... דער אייגענער! איוואַן אַלעקסעיעוויטש!

צוּזאַמען מיט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן איז אויך צוּגעקומען דאַווידקאַ, דער וואַלצן־מייסטער. דאַווידקאַ האָט אַ פוּל מויל מיט שוּימיק־ווייסע ציין, דאַווידקאַ לאַכט, ווי ער וואָלט אַ פּאָדקאָווע געפוּנען... און איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט צוּנויפגעדריקט גריגאָריעס האַנט מיט זיינע קנאָכיקע פינגער, וואָס זענען דוּרכגעזאַפּט געווען מיט מאַשין־אייל און מיר דער צוּנג געטשמאָקעט.

— וואָס־זשע, גרישאַ, דוּ בּיסט געבּליבּן?

— און דוּ?

— נוּ, איך... איך בּין עפּעס אַנדערש.

— דוּ מיינסט דאָס, וואָס איך בּין אַן אָפיציר? איך האָבּ ריזיקירט! און געבּליבּן... מען האָט מיך שיִער נישט דערהרגעט... ווען מען האָט מיך אָנגעהויבּן יאָגן, שיסן צוּ מיר, — האָבּ איך טאַקע בּאַדויערט, וואָס איך בּין נישט אַוועק, און אַצינד בּאַדויער איך שוין ווידער נישט.

— פאַרוואָס אייגנטלעך האָט מען זיך געטשעפּעט צוּ דיר? דאָס איז געווען פוּן דרייצענטן?

— פוּן דרייצענטן. זיי האָבּן זיך געווילט בּיי אַניקושקען. עמעצער האָט אָנגעוויזן, אַז איך בּין אַן אָפיציר. פּיעטראָ האָבּן זיי נישט געטשעפּעט, און מיך יאָ... צוּליבּ די שליפּעס איז דאָס אַלץ

פאַרגעקומען. בין איך אַוועקגעגאַנגען איבערן דאָן, איינעם מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ אַ ביסל אַ האַנט קאַליע געמאַכט... פאַרדעם זענען זיי אַהיימגעקומען און צוגענומען אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט: די שאַראָוואַרן, די קאַפּטנס. געבליבן איז בלויז דאָס, אין וואָס איך בין געווען אָנגעטון.

— מיר וואָלטן אַוועקגעגאַנגען צו די רויטע פאַר פּאַרטיזאַנען, וואָלטן מיר אַצינד נישט געדאַרפט מיט די אויגן מרוגען, — איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זויער אַ שמייכל געטון און אָנגעהויבן פאַרייכערן.

עס זענען אָנגעקומען אַלץ מער מענטשן. די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט פאָמינס געהילף, דער פענריך לאַפּטשענקאָוו, וואָס איז געקומען פון וויעשענסק.

— חברים סטאַניצע-לייט! די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך פאַרוואָרצלט אין אונזער קרייז. מען דאַרף באַשטימען אַ פאַרוואַלטונג, אויסקלויבן אַן אויספיר-קאָמיטעט, אַ פאָרזיצענדן מיט אַ געהילף. דאָס איז — איין פראַגע. חוצדעם האָב איך געבראַכט אַ באַפעל פון קרייז-קאָמיטעט, דער באַפעל איז אַ קורצער: מען דאַרף אָפּגעבן דאָס גאַנצע הייסע און קאַלטע געווער.

— זייער פיין! — האָט עמעצער גיפּטיק אַ זאָג געטון פון הינטן. און דערנאָך איז אויף אַ לאַנגער צייט אַריינגעטרעטן אַ טיפע שטילקייט.

— דאָ, חברים, זענען איבעריק אַזעלכע אויסרופן! — לאַפּטשענקאָוו האָט זיך אויסגעצויגן, אַרויפגעלייגט די פּאַפּאַכע אויפן טיש. — דאָס געווער דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, אָפּגעבן, ווייל עס איז נישט נייטיק אין דער באַלעבאַטישקייט. ווער עס וויל גיין פאַרטיידיקן די סאָוויעטן, דעם וועט מען געבן געווער. די ביקסלעך דאַרפן צונויפגעטראָגן ווערן אין אַ טערמין פון דריי טעג. און אַצינד טרעטן מיר צו צו די וואַלן. דעם פאָרזיצער וועל איך פאַרפליכטן מיטצוטיילן דעם באַפעל יעדן, און ער איז מחויב איבערצונעמען דעם שטעמפּל פון אַטאַמאַן און דאָס גאַנצע געלט, וואָס געהערט צום כוטאָר.

— זיי האָבן אונז געגעבן דאָס געווער, וואָס זיי ליגן אַצינד אַרויף די לאַפּע דערויף ?...

דער פרעגער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט די פראַזע, ווי אַלע האָבן איינשטימיק צום איב זיך אויסגעדרייט. עס האָט גע־רעדט זאַכאַר קאָראָליעוו.

— און נאָכוואָס דאַרפסטו עס ? — האָט כריסטאָניאַ פּשוט געפרעגט.

— איך דאַרף עס נישט. אָבער עס איז נישט אָפּגערעדט גע־וואָרן, ווען מיר האָבן דורכגעלאָזט די רויטע אַרמיי אין אונזער קרייז אַריין, אַז מען זאָל אונז אַנטוואָפּענען.

— אמת !

— פאָמין האָט גערעדט אויפן מיטינג !

— די שווערדן האָבן מיר פאַר אייגן געלט איינגעשאַפט !

— איך בין מיט מיין ביקס פון דער דייטשישער מלחמה געקומען, זאָל איך זי אַצינד אַוועקגעבן ?

— זאָג, אַז דאָס געווער ווען מיר נישט אַוועקגעבן !

— זיי ווילן ביי די קאָזאַקן אַלץ צונעמען ! וואָסער ווערט האָב איך אָן באַוואָפענונג ? ביי וואָס זאָל איך מיך האַלטן ? איך בין אָן געווער, ווי אַ באַבע מיט אַ פאַרריסענעם פאָדל — אַ נאַקעטער.

— דאָס געווער וועט בלייבן ביי אונז !

מישקאַ קאָשעוואָי האָט מיט אַן ערנסטן טאָן געבעטן אַ וואָרט :

— דערלויבט, חברים ! מיר איז אפילו זייער ווונדערלעך אויסצוהערן אייערע טענות. עס איז ביי אונז קריגס־צושטאַנד, צי נישט ?

— זאָל זיין צען מאָל קריגס־צושטאַנד !

— און אויב עס איז קריגס־צושטאַנד — איז נישטאָ לאַנג וואָס צו רעדן. נעם אַרויס און גיב אָפּ ! מיר האָבן נישט אַזוי געטון, ווען מיר האָבן פאַרנומען די כאַכלישע דערפער ?

לאַפּטשענקאָוו האָט אַ גלעט געטון זיין באַפּאַכע און ווי אָוועקגעלייגט אַ חתימה:

— ווער ס'וועט אין משך פון דריי טעג נישט אָפּגעבן דאָס געווער, דער וועט איבערגעגעבן ווערן דעם מיליטערישן געריכט און דערשאָסן ווערן אַלס קאָנטראַ!

נאָך אַ מינוט שווייגן האָט טאָמילין הוסטנדיק אַרויסגע־כריפּעט:

— מיר בעטן אויסצוקלויבן די מאַכט!

מען האָט אַרויסגערוקט קאַנדידאַטורן. מען האָט אָנגערופן אַ צען פאַמיליען־נעמען. איינער פון די יונגע האָט אויסגע־שריגן:

— אַוודעיִטשן!

דער שפּאַס האָט פונדעסטוועגן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. צום ערשטן האָט מען געשטימט פאַר איוואַן אַלעקסעיעוויטשן. ער איז דורכגעגאַנגען איינשטימיק.

— ווייטער איז שוין נישטאָ וואָס צו שטימען, — האָט פּיעטראָ מעליעכאָוו פאָרגעלייגט.

די פאַרזאַמלונג האָט גערן מספּים געווען, און אַלס ווי־צע־פאָרזיצער האָט מען אָן אָפּשטימונג אויסגעקליבן מישקאַ קאָשעוואָיען.

די מעליעכאָווס און כריסטאָניאַ האָבן נאָך נישט באַוויזן צו־צוגיין ביז אַהיים, ווי זיי האָבן שוין אינמיטן וועג באַגעגנט אַני־קושקען. ער האָט געטראָגן אונטערן אָרעם אַ ביקס און קוילן, איינ־געוויקלט אין ווייבס פאַרטוך. דערזען די קאָזאַקן — האָט ער זיך פאַרשעמט און פאַרשוווּנדן אין זייטיקן געסל אַריין. פּיעטראָ האָט אַ קוק געטון אויף גריגאָריען, גריגאָרי אויף כריסטאָניען, אַלע האָבן איינשטימיק זיך צעשמייכלט.

XIX

עס גייט אַ קאָזאַטשאָק איבערן היימישן סטעפּ דער מזרח-ווינט. די טאָלן זענען פאַרווייעט מיט שניי. די היילן און גריבער זענען אויסגעגלייכט. מען זעט נישט — נישט קיין וועג, נישט קיין שטעג. אין דער לענג און אין דער ברייט ליגט אויסגעשפּרייט, אָפּגעלעקט פון די ווינטן, דער ווייסער נאַקעטער פליין. דער סטעפּ איז ווי אָפּגעשטאָרבן. זעלטן פליט דורך אינדערהייך אַ ראָב, אַן אַלטער, ווי אָט דער סטעפּ, ווי דאָס בערגל איבער דער הייל אין שנייאיקן היטל מיטן רייכן ביבערנעם קאָלנער פון טרויבן-קרויט. ער פליט דורך, דער ראָב, דורכהאַקנדיק די לופט מיטן פייף פון זיינע פליגל, פאַרשרייענדיק זי מיט זיין יאַמערלעכן קראַ-קראַ. ווייט וועט דער ווינט פאַרטראָגן דעמדאָזיקן אויסגעשריי, און לאַנג און אומעטיק וועט ער קלינגען איבערן סטעפּ, ווי די סטרונע פון אַ באַס, וואָס איז ביינאַכט דורך עמעצן אין דער שטילקייט באַרירט געוואָרן.

אָבער דער סטעפּ אונטערן שניי לעבט פאָרט. דאָרט, וווּ עס בערגלט זיך אין פאַרפרוירענע כוואַליעס, באַזילבערט פון שניי, דאָס פאַראַקערטע פעלד, וווּ עס ליגט אין טויטער גערונצלטקייט די אין האַרבסט צעקעמטע ערד, — דאָרט, פאַרטשעפּעט אין באָדן מיט גיריקע, לעבנס-דורשטיקע וואָרצלען, ליגט אומגעלייגט דורכן פראָסט די ווינטער-תּבֿואה. באַגאָסן מיט די פאַרגליווערטע טרערעלעך פון טוי, טוליעט זי זיך אין איר זיידענער גרינקייט צו דער האַרט-קערניקער שוואַרץ-ערד, נערט זיך מיט איר זאַפּטיק שוואַרץ בלוט און וואַרט אויפן פרילינג, אויף דער זון, כּדי אויפצושטיין, צעברעכנדיק די שפּינוועב-דינע, דימענטענע שאָל, כּדי רייך זיך פונאַנדערצוגרינען אין מאַי. און זי שטייט אויף, ווען עס קומט די צייט! עס וועלן אַרומפלאַטערן אין איר די וואַכטלען, עס וועט זיך צעקלינגען איבער איר אין אַפּריל די לערכע. און די זון

וועט ווידער שיינען איבער איר, און דער זעלבער ווינט וועט זי איינוויגן. ביז דער צייט, ווען די רייפע פּולקערניקע זאַנג, צעקנייטשט פון רעגנס און שאַרפע ווינטן, וועט אַראָפּהענגען דעם באַטשופּרינטן קאָפּ, זיך לייגן אונטער דער קאָסע פון באַלעבאָס, אונטערטעניק לאָזן פאַלן די שווערוואָגיקע קערנער אונטערן דרעשטשעקן.

די גאַנצע דאָנער געגנט האָט געלעבט מיט אַ פאַרטייעט, דערדריקט לעבן. עס האָבן זיך דערנעענטערט שווערע טעג. אומגעוויינלעכע געשעענישן זענען געהאָנגען אין דער לופט. שלעכטע ידיעות האָבן זיך געטראָגן פון די אייבערשטע ברעגן דאָן, איבערן טשיר, איבער צוצקאַן, איבערן כאָפּער, איבער יעלאַן, איבער די גרויסע און קליינע טייכן, וואָס זענען פאַרזייעט געווען מיט קאָזאַקישע כוטאָרן. מען האָט געשמועסט, אַז שרעקלעך איז נישט דער פראָנט, וואָס האָט פאַרבייגעכוואַליעט און זיך אָפּגעשטעלט ביים דאָניעץ, נאָר שרעקלעך זענען די אויסערגעוויינלעכע קאָמיסיעס און טריבונאַלן. מען האָט געשמועסט, אַז זיי דאַרפן אַ ליאַדע טאָג אָנקומען אין די סטאַניצעס, אַז אין דער מיגולינער און קאַזאַנער האָבן זיי זיך שוין כלומרשט באַוויזן און פירן דורך געריכטן, קורצע און אומגערעכטע, איבער די קאָזאַקן, וואָס האָבן געדינט ביי די ווייסע. אַז דאָס, וואָס די קאָזאַקן פון די אייבערשטע ברעגן דאָן האָבן פאַרלאָזט דעם פראָנט, איז נישט קיין פאַרענטפער פאַר זיי. און דאָס געריכט איז אומגעוויינלעך פשוט: אַ באַשולדיקונג, עטלעכע פראַגן, דער אורטייל — און מען ווערט געשטעלט אין דער רייע אונטערן מאַשינגעווער. מען האָט געשמועסט, אַז אין קאַזאַנער און אין שומילינער וואַלגערט זיך שוין נישט איין קאָזאַקישער קאָפּ אין די קוסטעס, און קיינער קוקט זיך נישט אום אפילו... די פראָנט-זעלנער האָבן בלויז געלאַכט פון דעם: „נאַרישקייטן! אָפיצירישע פלוידערייען! די קאַדעטן שרעקן אונז שוין לאַנג מיט דער רויטער אַרמיי!"

אין די ידיעות האָט מען יאָ געגלייבט און נישט געגלייבט. און פאַרדעם האָט מען ווייניק מעשיות דערציילט אין די כו-

טאָרן? די שוואַך־מוטיקע האָט דאָס רעדן באַוויזן אָפּצוטרעטן. אָבער ווען דער פּראָנט איז דורכגעגאַנגען, זענען געווען נישט ווייניק אויך אַזעלכע, וואָס זענען נישט געשלאָפן אין די נעכט, פאַר וועמען דאָס קישן איז צו הייס געווען, דאָס געלעגער צו האַרט און דאָס אייגענע ווייב נישט ליב.

אַנדערע ווידער האָבן באַדויערט, וואָס זיי זענען נישט אַוועקגעגאַנגען איבערן דאָניעץ, אָבער דאָס, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן, וועסטו שוין נישט צוריקכאַפּן, ווי דו וועסט נישט צוריק אויפהייבן די אַראָפּגעפאַלענע טרער...

אין טאַטערישן כוטאָר זענען די קאָזאַקן זיך צונויפגעקומען אין די פאַרנאַכטן, אין די געסלעך, זיך געטיילט מיט די נייעסן, און דערנאָך געגאַנגען טרינקען סאַמאָגאָן, וואַנדערנדיק פון איין כאַטע אין דער צווייטער. דער כוטאָר האָט געלעבט מיט אַ שטיל און אומעטיק לעבן. אָנהייב קאַרנאַוואַל האָט בלויז איין חתונה זיך צעקלונגען מיט אירע גלעקעלעך: מישקאַ קאָשעוואָי האָט חתונה געמאַכט זיין שוועסטער. האָט מען אויך וועגן דער חתונה זיך אויסגעדריקט מיט ביטערן חוזק:

— געפונען ווען חתונה צו האָבן. אַפּנים דער יצר־הרע האָט זיי שוין צו שטאַרק דערקוטשעט!

צומאָרגנס נאָכן אויסוויילן די מאַכט האָט דער כוטאָר ביזן לעצטן הויף זיך צנטוואָפּנט. אין מאַכאָווס הויז, וואָס איז פאַרנומען געווען דורכן רעווקאָם, איז דער וואַרימער קאָרידאָר פאַרלייגט געווען מיט געווער. פּיעטראָ מעליעכאָוו האָט אויך אַוועקגעטראָגן די ביקסן, זיינע און גריגאָריעס, ביידע רעוואָלווערן און די שווערד. צוויי אָפיצירישע רעוואָלווערן האָבן די ברידער איבערגעלאָזט, אַוועקגעגעבן בלויז די, וואָס זענען זיי געבליבן פון דער דייטשישער מלחמה.

פּיעטראָ איז אַהיימגעקומען מיט אַ לייכטער געמיט. אין שטוב האָט גריגאָרי מיט פאַרקאָשערטע אַרבל פונאַנדערגענומען און געשמירט אין נאַפט די פאַרזשאַווערטע טיילן פון צוויי ביקסן־שלעסער. די ביקסן זענען געשטאַנען ביי דער שלאָפבאַנק.

— ווו האָסטו דאָס גענומען ? — פּיעטראָס וואָנסעס האָבן זיך אָזש אַראָפּגעלאָזט פון פאַרווונדערונג.

— דער טאַטע האָט געבּרענגט, ווען ער איז געפאָרן צו מיר קיין פילאָנאָוואָ.

אין גריגאָריעס פאַרזשמורעטע שפּעלטלעך פון די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פייערלעך. ער האָט זיך צעלאַכט, זיך אָני כאַפּנדיק ביי די זייטן מיט די הענט, וואָס זענען נאָס געווען פון נאָפּט, און אויך אַזוי אומגעריכט איבערגעריסן דאָס לאַכן, אַ קנאַק געבנדיק מיט די ציין, ווי אַ וואָלף.

— די ביקסן — דאָס איז נאָך גאָרנישט !... — דו ווייסט, — האָט ער גענומען שעפּטשען, כאָטש קיין פרעמדער איז אין דער כאַטע נישט געווען, — דער טאַטע האָט זיך מיר הייַנט מודה גע־ווען, — גריגאָרי האָט זיך ווידער באַמיט נישט צו שמייכלען, — אַז ער האָט אויך אַ קוילנוואַרפער.

— דו זאָגסט ליגנט ? פונוואַנען ? נאָכוואָס טויג ער אים ?

— ער זאָגט, אַז די קאָזאַקן פון טאַבאָר האָבן אים אַוועק־געגעבן פאַר אַ טאָרבע זויערמילך, און מיר דאַכט זיך, אַז ער לייקנט, דער אַלטער טייוול ! ער האָט אים זיכער צוגע־גנבעט ! ער איז דאָך ווי אַ זשוק אין מיסט, שלעפּט אַלץ, וואָס ער איז אפילו נישט בכוח אויפצוהייבן. ער האָט מיר איינגערוימט: „איך האָב אַ קוילנוואַרפער, ער ליגט אין שפּייכלער באַגראָבן, זיין פרושינע קאָן אויף האָקלען צונוצקומען, נאָר איך האָב זי נישט גערירט". — „נאָכוואָס טויג ער דיר ?" — פרעג איך אים. „איך האָב מיך אויף דער טייערער פרושינע געלאַקאָמיעט, אפשר וועט ער נאָך אַמאָל צונוצקומען. דאָס איז אַ טייערע זאַך, פון אייזן..."

פּיעטראָ איז בייז געוואָרן, געוואָלט אַריינגיין איך קיך צום פאָטער, נאָר גריגאָרי האָט אים אָפּגערעדט.

— לאָז צורו ! העלף מיר בעסער אָפרייניקן און אויפרוימען. וואָס וועסטו ביי אים געוויר ווערן ?

אויסוואַשנדיק די ליפּעס, האָט פּיעטראָ לאַנג געסאָפּעט און דערנאָך פאַרטראַכט געזאָגט:

— ער וועט טאַקע אפשר... צונויפקומען. זאָל ער ליגן.

דעם טאָג האָט טאָמילין איוואַן געבראַכט אַ ידיעה, אַז אין קאַזאַנסק ווערן דורכגעפירט דערשיסונגען. זיי זענען געשטאַנען ביים אויוון, געריכערט און געשמועסט. פּיעטראָ האָט בשעתן רעדן עקשנותדיק וועגן עפּעס געטראַכט. דאָס טראַכטן איז אים שווער אָנגעקומען, ווייל ער דערצו נישט געווינט געווען, און אַ שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן. נאָך טאָמילינס אַוועקגיין האָט ער געזאָגט:

— איך וועל באַלד פאָרן קיין רובעזשין צו יאַשקאַ פאָמין. ער איז היינט ביי זיינע אייגענע, האָב איך געהערט. מען זאָגט, ער פירט אָן מיטן רעוואָלוציאָנערן קרייז-קאָמיטעט. ווי עס וועט נישט פאָרקומען — זאָל זיין אין עפּעס זיך אָנצוכאַפּן. איך וועל אים בעטן, ער זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען, אויב עס וועט אויסקומען.

אין נידעריקן שליטן האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איינגעשפּאַנט די קאָבילע. דאַריאַ האָט אָנגעטאָן דעם נייעם פּעלץ, וועגן עפּעס לאַנג זיך געשושקעט מיט איליניטשנען. זיי האָבן זיך ביידע אַריינגעכאַפּט אין שייער און פון דאָרט אַרויסגעקומען מיט אַ פּעקעלע.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

פּיעטראָ האָט געשוויגן, און איליניטשנאַ האָט איליק אַ שעפּטשע געטאָן:

— איך האָב דאָ אַ שטיקל פּוטער אָנגעזאַמלט, באַהאַלטן עס אויף יעדן פאַל. אָבער וועמען ליגט שוין אַצינד אין זינען פּוטער, האָב איך עס אַוועקגעגעבן דאַריען, זאָל זי פאָמינס ווייב אַ מתנה ברענגען, אפשר וועט עס פּיעטיושקען צונויפקומען, — און זי האָט זיך צעוויינט. — געדינט-געדינט, דאָס לעבן איינגעשטעלט, און אַצינד נאָך דאַרפן פאַר זייערע שליפעס אומקומען...

— שאַ, שרייערין! — פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט ביז אַ וואָרף געטון די בייטש אויפן היי און צוגעגאַנגען צו פּיאָטערן. — דו זאָג אים צו אַ ביסל ווייץ.

— צו וועלכן טייוול דאַרף ער עס! — האָט פּיעטראָ זיך אָנגעצונדן. — איר, טאַטע, וואָלט בעסער אַריבערגעלאָפן צו אַניקושקען אַ ביסל בראָנפן פאַר אים קויפן...

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט געבּרענגט אונטער דער פּאָלע אַ גרויסע קריג סאַמאָגאָן און זיך אָנגערופן מיט באַגייסטיקונג:

— גוטער בראָנפן, אין זיין הינערישער מאַמען אַריין! אמתער ניקאָלאַיעווער.

— און דו, אַלטער הונט, האָסט שוין אַ זופּ געטון! — איז איליניטשנאַ אויף אים אָנגעפאַלן; נאָר דער אַלטער האָט זיך געמאַכט נישט הערן, מיט אַ יונג געגנגל אַוועקגעהינקט צו דער כאַטע, זאָט און קעציש זיך געזשמורעט, אונטערקרעכצנדיק און אָפּווישנדיק מיטן אַרבל די אָפּגעבריטע ליפּן פון בראָנפן.

פּיעטראָ האָט גערירט פון הויף און ווי אַ גאַסט איבערגעלאָזט די טויערן אָפן נאָך זיך.

אויך ער האָט געפּירט אַ מתנה פאַר זיין איינפלוסרייכן חבר, מיט וועלכן ער האָט אַמאָל צוזאַמען געדינט. חוץ סאַמאָגאָן — אַ שטיקל פאַרמלחמהדיקן שעוויאָט, אַ פּאָר שטיוול און אַ פונט טייערע טיי מיט אַ בלימעלע אויפן עטיקעט. דאָס אַלץ האָט ער זיך איינגעשאַפּט אין ליסקי, ווען דאָס אַכטאונצוואָנציקסטע פּולק האָט אין אַ שלאַכט דעראָבערט די סטאַציע און זיך אַוועקגעלאָזט רויבן די וואַגאָנעס און סקלאַדעס... טאַקע דעמאָלט האָט ער דאָס אין פאַרכאַפּטן צוג צוגענומען דאָס קיישל דאַמענוועש און עס אָפּגעשיקט מיטן פאָטער, וואָס איז געקומען אויפן פראָנט. און דאַריאַ האָט אַרויסגערופן גרויס קנאה ביי נאַטאַליען און דוניאַשקען, ווען זי האָט גענומען פּאַראַדירן אין דערדאָזיקער זעלטענער וועש. דער דינער אויסלענדישער וועב איז געווען ווייסער פון שניי, און אויף יעדן שטיקל איז מיט זייד געווען אויסגעהאָפטן אַ הערב מיט איניציאַלן. די שפּיצן פון די הייזלעך האָבן

זיך געכוואַליעט הערלעכער ווי דער שוים אויפן דאָן. דאַריאַ האָט די ערשטע נאַכט פון מאַנס קומען זיך געלייגט שלאָפן אין דידאָ־זיקע הייזלעך.

פיעטראָ האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטון, איידער ער האָט דאָס ליכט פאַרלאָשן.

— מענערישע גאַטקעס האָסטו אָנגעטון און טראָגסט זיי?

— אין זיי איז שענער און ווארימער, — האָט דאַריאַ טרויערמעריש געענטפערט. — און מ׳קאָן נישט וויסן וואָסערע זיי זענען: ווען זיי זאָלן זיין מענערישע — וואָלטן זיי געווען לענגער. און די שפיצן... נאָכוואָס טויגן זיי אַ מאַנספערשוין?

— מיט שפיצן טראָגן אוודאי מענער פון העכערן שטאַנד! אָבער וואָס איז מיר די נפקא-מינה? טראָג זיי דיר, — האָט פיעטראָ געענטפערט, זיך שלעפעריק קראַצנדיק.

דערדאָזיקער ענין האָט אים נישט באַזונדערס אינטערעסירט. אָבער ווען ער האָט אין די שפּעטערע טעג זיך געלייגט מיטן ווייב, האָט ער זיך שוין פאַרזיכטיק אָפּגערוקט, מיט אומווילִיקער אכטונג און אומרויִקייט געקוקט אויף די שפיצן, מורא געהאַט אפילו זיי אָנצורירן און געפילט אַ געוויסע פרעמדקייט צו דאַריען. ער האָט צו דער וועש זיך טאַקע נישט צוגעוווינט, און אויף דער דריטער נאַכט, בייז ווערנדיק, אַנטשלאָסן געפאָדערט:

— טו אויס, צום טייוול, דידאָזיקע הויזן דיינע! ס׳איז נישט שיין פאַר אַ פרוי זיי צו טראָגן, און זיי זענען גאָרנישט קיין ווייבערישע. ליגכט ווי אַ פריצה! זעסט מיר אויס ווי אַ פרעמדע אין זיי!

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען פאַר דאַריען. ער האָט געהוסט, זיך געכמורעט און געפּרוווט אַרויפשלעפן די הייזלעך אויף זיך. ער האָט לאַנג און אויפמערקזאַם געקוקט אויף די בענדלעך, אויף די שפיצן און אויף זייִנע נאַקעטע פיס, וואָס זענען באַוואַקסן געווען מיט האָר ביז די קניִען. ער האָט זיך אויסגעדרייט, און פלוצלינג אין שפיגל דערזען זיין פיגור מיט די גרויסאַרטיקע פאַלבן פון הינטן. ער האָט אַ שפּיי געטון, געלאָזט פאַלן עטלעכע קללות,

מיט שווערע באַוועגונגען פון אַ בער קוים אַרויסגעקראָכן פון די ברייטע הויזן. ער האָט מיטן גראָבן פינגער פון פוס זיך פאַרטשעפּעט אָן די שפּיצן, שיִער נישט געפאַלן אויפן קופּערט, און שוין אויף אַן אמת בייז ווערנדיק, צעריסן די בענדלעך און זיך באַפרייט. דאַריאַ האָט שלעפעריק געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָרט?

פּיעטראָ האָט באַליידיקט געשוויגן, געסאַפּעט און אָפּגעשפּיגן. און דאַריאַ האָט דעם זעלבן טאָג נאָך מיט אַ זיפץ אַרײַנגעלייגט אין קופּערט די הייזלעך, וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט וויסן פאַר וועלכן געשלעכט זיי זענען גענייט געוואָרן (אין דעם קופּערטל זענען געלעגן נישט ווייניק נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס קיינער פון די ווייבער האָט נישט געוווּסט צוּוואָס זיי נוצן). דידאָזיקע קאָמפּליצירטע זאַכן האָבן שפּעטער געמוזט איבערגענייט ווערן אויף קאַפּטנדלעך. די קליידלעך האָט דאַריאַ יאָ אויסגענוצט; מען האָט נישט געקאָנט וויסן פאַרוואָס זיי זענען קורץ, אָבער די פּיפּיקע באַלעבאָסטע האָט זיי אָנגעטון אַזוי, אַז די קירצערע האַלקע איז תמיד אויסגעקומען לענגער פון אייבערשטן קלייד, און מען האָט אָפּערגעזען די שפּיצן אויף עטלעכע צאָל. און דאַריאַ האָט זיך אויעקגעלאָזט קאָקעטירן, פאַרקערנדיק מיט די האָלענדישע שפּיצן דעם לײַמענעם דיל...

אויך אַצינד, ווען זי איז געפאָרן מיטן מאַן צוגאַסט, איז זי געווען אָנגעטון רײַך און פּאָרנעם. פון אונטער דער דאָנער שובע, אַרומגעזיימט מיט פוטער, האָבן זיך אָפּערגעזען אי די שפּיצן פון דער האַלקע, אי דאָס אייבערשטע נײַע קלייד פון גוטן וואָלענעם שטאָף, כּדי פּאָמינס ווײַב, די אַמאָליקע פּויערטע און איצטיקע פּריצה, זאָל וויסן, אַז דאַריאַ איז נישט סתּם עפּעס אַ קאָזאַטשקע, נאָר טאַקע אַן אָפיצירשע.

פּיעטראָ האָט געפּאָכעט מיט דער בײַטש, געטשמאָקעט מיט די ליפּן. די בײַכיקע קאָבילקע מיטן אָפּגעקראָכענעם רוקן איז געלאָפן טריט־בײַ־טריט איבערן אויסגעפאָרענעם וועג אויפן דאָן. קיין רוביעזשין זענען זיי אָנגעקומען מיטאָג־צײַט. פּאָמין איז טאַקע

געוועזן אינדערהיים. ער האָט אויפגענומען פּיעטראָן פריינטלעך, אים אוועקגעזעצט ביים טיש, אַ שמייכל געטון אין די געלבלעכע וואָנסעס אַריין, ווען זיין פאָטער האָט אַריינגעברענגט פון פּיעט־ראָס פאַרשנייעטן שליטל די קריג, וואָס איז באַדעקט געוועזן מיט שטרויעלעך.

— פּאַרוואָס־זשע, גוטער פריינט, זעט מען דיך עפּעס נישט, — האָט פאָמין געמיטלעך געזאָגט מיט אַן אָנגענעמען באַס, וואָרפנ־דיק זייטיקע בליקן אויף דאַריען מיט זיינע ברייט־אַריינגעשטעלטע אויגן פון אַ ווייבערניק, און מיט ווירדע זיך אַ דריי געטון ביי אַ וואָנסע.

— דו ווייסט דאָך אַליין, יאַקאָוו יעפימיטש, אַלץ האָט זיך געענדערט, די צייט איז אַן ערנסטע...

— דאָס איז אמת. ווייב! דו וואָלסט אונז דערלאַנגט אוגער־קעלעך, קרויט אַ ביסל, דאָנער פיש געטרוקנטע.

אין דער ענגער כאַטע איז געוועזן שטאַרק אָנגעהייצט. אויף אויוון זענען געלעגן די קינדערלעך: אַ ייִנגל, מיט אויך אַזעלכע בלויע, ברייט־אַריינגעשטעלטע אויגן, געראָטן אין טאַטן אַריין, און אַ מיידעלע. נאָכן אויסטרינקען, איז פּיעטראָ צוגעטרעטן צום עסק

— מען שמועסט אין די כוטאָרן, אַז די טשעקאַ איז כלומרשט געקומען און נעמט זיך צו די קאָזאַקן.

— דער טריבונאַל פון דער פופצענטער ניזענסקער דיוויזיע איז קיין וויעשענסק געקומען. נו, איז וואָס־זשע? וואָס האָט עס צו דיר?

— וואָס הייסט, יאַקאָוו יעפימיטש, איר ווייסט דאָך אַליין, — מען האַלט דאָך מיך פאַר אַן אָפיציר. כאָטש, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַן אָפיציר איך בין — דאָס איז דאָך בלויז אַ אָנשטעל.

— נו, איז וואָס־זשע?

ער האָט זיך געפּילט אַלס באַלעבאָס פון דער לאַגע. דער בראָנפן האָט אים צוגעגעבן זיכערקייט, אַרויסגערופן ביי אים גאווה. פאָמין האָט זיך אַלץ מער געבלאָזן, געגלעט די וואָנסעס,

קוקט פון אונטערן שטערן אַפער, מעשה אומאָפּהענגיקער מענטש.

איינבייסנדיק אים, האָט פּיעטראָ גענומען שפּילן די ראָל פון אַ יתום, אונטערטעניק און חניפהדיק געשמייכלט, נאָר אומבאַמערקט פון „איר" איבערגעגאַנגען אויף „דו".

— מיר האָבן צוזאַמען געדינט. קיין שלעכטס וועגן מיר קאָנסטו נישט זאָגן. צי בין איך אַמאָל געווען קעגן? קיינמאָל נישט! זאָל מיך גאָט שטראָפן, — איך בין תמיד געווען אויף דער זייט פון די קאָזאַקן!

— מיר ווייסן. דו, פּיעטיאַ פּאַנטעלעיעוויטש, נעם דיר נישט צום האַרץ. מיר קענען דאָ אַלע. דיך וועט מען נישט טשעפּען. צו טייל וועלן מיר זיך דערקלויבן. ביי די טשופּרינעס אָננעמען. צופיל שלאַנגען געפינען דאָ. טראָגן זיך אַרום מיט פּאַרבאָרגענע געדאַנקען. באַהאַלטן געווער... דו האָסט דיינס אָפּגעגעבן? האַ?

פּאָמין איז אַזוי שנעל איבערגעגאַנגען פון געמיטלעכן טאָן צו אָנגריף, אַז פּיעטראָ האָט אויף אַ רגע זיך פאַרלוירן, דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין.

— דו האָסט אָפּגעגעבן? נו, וואָס-זשע שווייגסטו? — איז פּאָמין צוגעשטאַנען, זיך אָנבייגנדיק איבערן טיש.

— אָפּגעגעבן, אַוודאי, יאַקאָוו יעפימיטש, דו זאָלסט גאָרנישט טראַכטן... איך רעד דאָך אויפריכטיק.

— אויפריכטיק, מיר קענען אייך שוין... איך בין דאָך אַליין פונדאַנען, — ער האָט שיכּור אונטערגעוווּנקען, געעפנט דאָס גרויסע מויל מיט די פלאַכע ציין. — מיט אַ רייכן קאָזאַק זאָלסטו מיט איין האַנט זיך באַגריסן און אין דער צווייטער אַ מעסער האַלטן, וואָרים ער וועט דיר אין די ציין פאַרפאָרן... הינט! קיין אויפריכטיקע זענען נישטאָ! איך האָב געזען נישט ווייניק מענטשן. פאַררעטער! אָבער דו האָב קיין מורא נישט, דיך וועט מען נישט טשעפּען. אַ וואָרט — איז אַ וואָרט!

דאַריאַ האָט פאַרביסן מיט שפּאַראַג, צוליב העפלעכקייט

אפילו קיין ברויט נישט געגעסן. די באַלעבאָסטע האָט זי האַרציק מכבד געווען.

אָוועקגעפאָרן איז פּיעטראָ ערשט פאַרנאַכט, אַ פרייליכער און האָפנונגספולער.

באַגלייטנדיק פּיעטראָן, איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אָוועקגעגאַנגען באַזוכן דעם מחותן קאָרשונאָוו. ער איז געווען ביי אים פאָרן אָנקומען פון די רויטע. לוקיניטשנאַ האָט דעמאָלט צו־געגרייט מיטקען אין וועג אַריין. אין שטוב איז געווען אַ טומל, אַן אומאָרדענונג. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז אָוועקגעגאַנגען, פילנדיק זיך איבעריק. דאָס מאָל האָט ער באַשלאָסן צו גיין גע־ווויר ווערן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג און ביי דער געלעגנהייט צוזאַמען זיך באַקלאָגן אויף די שווערע צייטן, וואָס זענען אָנגע־קומען.

נישט ווייניק צייט האָט געדויערט ביי אים דאָס צוהינקען צום צווייטן עק כוטאָר. דער זיידע גרישאַקאַ, וואָס איז שוין געעל־טערט געוואָרן, און האָט פאַרלוירן עטלעכע ציין, האָט אים באַגעגנט אין הויף. עס איז געווען זונטיק, און דער זיידע אין געגאַנגען אין צערקווע אַריין צו דער אָוונט־תפילה. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיע־וויטש האָט זיך צוזאַמען מיט אַ וואַקל געטון, דערזעענדיק דעם אַלטן: הינטערן צעשפּיליעטן פעלץ האָבן זיך געזען ביי אים אַלע קרייצן און אויסצייכענונגען פון דער טערקישער מלחמה, די רויטע בענד־לעך האָבן געלויכטן אויפן שטייענדיקן קאָלנער פון אַלטפּרענקישן מונדיר, די זקניש־אַראָפּהענגענדיקע הויזן זענען געווען פּינקטלעך אַריינגעמאַכט אין די ווייסע זאָקן און אויפן קאָפּ ביז די וואַק־סענע גרויסע אויערן איז געווען אַראָפּגערוקט דער הוט מיט דער קאָקאַרדע.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, זיידעשי! צי ביסטו, מחותן, נישט ביים קלאָרן זינען? ווער טראָגט דאָס אין דער היינטיקער צייט קרייצן, אַ קאָקאַרדע?

— האַ? — דער זיידע גרישאַקאַ האָט צוגעשטעלט די האַנט צום אויער.

— די קאָקאַרדע, זאָג איך, נעם אַראָפּ! די קרייצן שפּיליע אָפּ. מען וועט דיך אַרעסטירן פאַר אַזאַ זאַך. ביי דער סאָוויעטישער מאַכט טאָר מען ניט, דאָס געזעץ פאַרווערט.

— איך, אַדלער! דו מיינס, האָב מיט גלויבן און אמת מיין ווייסן קייסער געדינט. און אָט די מאַכט איז נישט פון גאָט. איך אָנערקען זיי נישט אַלס מאַכט. איך האָב דעם קייסער אַלעקסאַנדער געשווירן, און די פריערן האָב איך נישט געשווירן, אַזוי־אַזוי! — דער זיידע גרישאַקאַ האָט אַ קייע געטון מיט די פאַרוועלקטע ליפּן, אָפּגעווישט דעם גרינעם מעך פון די וואָנסעס און אָנגעוויזן מיטן שטעקן אין דער ריכטונג פון הויז. — דו גייסט צו מיראָנען, האַ? ער איז אינדערהיים. און מיטיענקען האָבן מיר אַרויסבאַגלייט. זאָל אים באַשירעמען די הימלישע קעניגין!... דיינע זענען געבליבן? האַ? וואָס־זשע איז דאָס?... אָט וואָסערע די קאָזאַקן זענען היינט! דעם אַטאַמאַן געשווירן, דאָס מיליטער ביי די ווייבער געבליבן... נאַטאַליושקאַ נייטיקט זיך, און זיי זענען איז געזונט?

— געזונט... קער דיך אום און נעם אַראָפּ די קרייצן, מחותן! מען טאָר זיי אַצינד נישט טראָגן. גאָט מיינער, ביסט משוגע געוואָרן, מחותן?

— ביי געזונטערהייט! ביסט צו יונג מיך צו לערנען! גיי־גיי.

דער זיידע גרישאַקאַ האָט זיך געלאָזט גיין גלייך אויפן מחותן אַרויף, און יענער האָט אים אָפּגעטרעטן דעם וועג, אַראָפּגייענדיק פון שטעגל אין שניי אַריין, זיך אומקוקנדיק און הילפלאָז שאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— האָכט באַגעגנט אונזער מיליטערמאַן? אָט אַ שטראָף! און גאָט וויל אים נאָך אַלץ צו זיך נישט צונעמען. — מיראָן גריגאָריעוויטש, וואָס האָט אין די טעג פאַרלוירן זיין הייטערקייט, איז אויפגעשטאַנען קעגן מחותן. — זיך אָנגעטשעפּעט זיינע מעש־

לעך, דאָס היטל מיט דער־קאָקאַרדע אָנגעטון און אָוועקגעגאַנגען.
כאָטש נעם דאָס אַלץ מיט כּוח פֿון אים אַראָפּ. אַן אמת קינד געוואָרן, פֿאַרשטייט גאָרנישט.

— זאָל ער זיך אָנפּרייען, מיט וואָס ער וויל, עס איז אים שוין קיין סך צייט נישט געבליבן... נו, וואָס מאַכן דאָרט אונזערע? מיר האָבן געהערט, אַז די אַנאַרכיסטן זענען אויף גריגאָריען אָנגעפֿאַלן? — לוקיניטשנאַ האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן די קאָזאַקן, פֿאַרצאָגט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן עלנבויגן. — האָסט געהערט, מחותּן, וואָסער אומגליק עס איז אונז געשען... מען האָט דאָך אונז די פֿערד צוגענומען, איבערגעלאָזט בלויז די קאָבילע מיטן זשרעבאָק. רואינירט אינגאַנצן!

מיראָן גריגאָריעוויטש האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געצילט, און מיט רייפֿן צאָרן אָנגעהויבן רעדן אויף אַ נייעם שטייגער:

— און איבער וואָס איז פֿון לעבן אַ תּל געוואָרן? ווער האָט דערפֿירט דערצו? אָט די טייוואָלאָנישע מאַכט! זי, מחותּן, איז אין אַלעם שולדיק. וואָרים, איז דאָס אַ שׂכל — מען זאָל אַלע אויסגלייכן? זאָלסט מיר אַפֿילו די נשמה צונעמען, וועל איך אויך נישט מסכּים זיין! איך האָב דאָס גאַנצע לעבן געאַרבעט, געבראָכן דעם רוקן, זיך מיט שווייס באַגאָסן, זאָל איך אַצינד לעבן גלייך מיט דעם, וואָס האָט מיט אַ פֿינגער נישט אַ ריר געטון, זיך צו פֿאַרבעסערן? ניין, דאָס וועלן מיר נאָך זען! אַ באַלעבאַטישן מענטש שניידט דידאָזיקע מאַכט די אָדערן איבער. דערפֿאַר פֿאַלן דאָך די הענט אַראָפּ: צוּוואָס אַצינד זיך דערשלאָגן צו עפּעס? אויף וועמען אַרבעטן? היינט וועסטו אָנזאַמלען, און מאָרגן וועט מען קומען און דיר דאָס לעצטע צונעמען... איך נאָך עפּעס, מחותּן: עס איז דאָ אַנומלט געווען אַ קום מיינער פֿון מריכינער כוטאָר, האָבן מיר זיך צעשמועסט... דער פֿראָנט געפֿינט זיך דאָך אָט דאָ נישט ווייט, ביים דאָניעץ. צי וועט ער זיך דערהאַלטן? איך, וואָס אַן אמת, גיב צו פֿאַרשטיין די בעסערע

מענטשן, אַז מען דאַרף אונזערע, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט דאָניעץ, צוהעלפן...

— וואָס הייסט צוהעלפן ? — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, אַן איבערגעשראָקענער, צוליב עפּעס שוישקענדיק זיך גע-פרעגט :

— ווי אַזוי צוהעלפן ? דידאָזיקע מאַכט אַראָפּוואַרפן ! און אַזוי אַראָפּוואַרפן, אַז זי זאָל ווידער זיך געפינען ערגעץ דאָרט אין דער טאַמבאָווער גובערניע. זאָלן זיי דאָרט זיך טיילן מיט די פויערן. איך וועל מיין גאַנץ פאַרמעגן ביזן לעצטן פאָדעם אַוועק-געבן, אַבי דידאָזיקע שונאים אויסצוראָטן. מען דאַרף, מחותן, זיך דאָס גוט נעמען אין זינען אַריין ! ס׳איז צייט ! וואָרים דערנאָך וועט שפּעט זיין... די קאָזאַקן, האָט מיין קום געזאָגט, בונטעווען זיך אויך ביי זיי. מען זאָל זיך נאָר מיט מער אחדות אַ נעם טון ! — און ער האָט אָנגעהויבן שנעל און פאַרכלינינעט צו שעפּטשען : — אַ טייל זייערע איז אַוועקגעגאַנגען, און וויפיל זענען זיי דאָ איינ-גאַנצן געבליבן ? אויף די פינגער צו ציילן ! אין די כוטאָרן גע-פינען זיך בלויז די אָנפירער... מען דאַרף דען אַ סך — זיי די קעפּ אַראָפּצודרייען ? ! און אין וויעשקי איז דאָך אוודאי אַ נאַריש-קייט... ווען מען זאָל זיך אַלע אַ נעם טון — וועט פון זיי קיין שריד ופליט נישט בלייבן ! אונזערע וועלן אונז נישט פאַרלאָזן, זיך פאַראייניקן... דאָס איז אַ זיכערע זאַך, מחותן !

פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז אויפגעשטאַנען. איבערוועגנ-דיק די ווערטער, האָט ער פאַרזיכטיק געעצהט :

— זע, וועסט דיך נאָך אויסגליטשן, אַן אומגליק דיר אָנ-מאַכן ! כאָטש די קאָזאַקן וואַקלען זיך, ווייסט מען נאָך נישט, מיט וועמען זיי וועלן גיין. וועגן די זאַכן טאָר מען היינט נישט רעדן מיט יעדן... די יונגע קאָן מען אינגאַנצן נישט פאַרשטיין, זיי שפּילן, ווי אין באַהעלטעניש. איינער איז אַוועק, דער צווייטער — געבליבן. אַ שווער לעבן ! נישט קיין לעבן, נאָר אַ חשכות.

— נעם דיר נישט צום האַרץ, מחותן ! — האָט מיראָן גרי-

גאָריעווּיטש מיט באַריקזיכטיקונג געשמייכלט. — איך רעד נישט מיט דעם, מיט וועמען מען דאַרף נישט. די מענטשן זענען, ווי די שעפּסן: וווּהין דער שאָפּבאָק, דאָרט די גאַנצע סטאַדע. דאַרף מען זיי טאַקע דעם וועג אָנווייזן! אויפקלערן, ווער דידאָזיקע מאַכט איז. אַז עס וועט קיין וואָלקן נישט זיין — וועט נישט דונערן. איך זאָג די קאָזאַקן אָפן: מען דאַרף אַן אויפשטאַנד מאַכן! עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז זיי האָבן כּלומרשט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל — אַלע קאָזאַקן אויסצוראָטן. ווי אַזוי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?

מיראָן גריגאָריעוויטשס קיילעכדיקע פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ רויטקייט.

— זיי האָבן זיך דאָס אַ נעם געטון! נו, וואָס וועט ווייטער זיין, פּראָקאָפּיעוויטש? מען שמועסט, אַז עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דערשיסונגען... וויאָס-זשע פאַר אַ לעבן איז דאָס? זע, ווי די לעצטע יאָרן איז פון אַלעם אַ תּל געוואָרן! קיין נאָפט איז נישטאָ, קיין שוועבעלעך — אויך נישט, מיט בלויז צוקערלעך האָט מאַכאָוו די לעצטע צייט געהאַנדלט... און דאָס זייען? וויפיל זייעט מען אין פאַרגלייך מיט פריער? די פערד האָט מען אויסגעראָטן. ביי מיר צוגענומען, ביי אַ צווייטן... צונעמען קאָנען אַלע, אָבער ווער וועט ווידער האָדעווען? אַמאָל, ווען איך בין נאָך אַ בחור געווען, זענען ביי אונז געווען זעקסאונאַכציק פערד. געדענקסט, מסתּמא! לויפערס אַזעלכע, אַז מען האָט געקאָנט מיט זיי אַ קאַלמיק דעריאָגן! איינער אַ געלער, מיט אַ ווייסן פלעק אויפן שטערן, איז ביי אונז דעמאָלט געווען. איך האָב מיט אים האָזן צעטרעטן. איך רייט אַרויס אויף אים, אַן אָנגעזאָכלטן, אין סטעפּ אַריין, באַמערק אַ האָז אין די קוסטעס, און ער וועט שוין קיין צען קלאַפטער נישט אָפּלויפן — איך וועל אים מיטן פערד צעטרעטן. איך געדענק עס, ווי אַצינד. — איבער מיראָן גריגאָריעוויטשס פּניס איז דורכגעלאָפן אַ וואַרימער שמייכל. — איך בין אַמאָל אַרויסגעריטן צו די ווינט-מילן, איך קוק — אַ האָז לויפט גלייך קעגן מיר. האָב איך מיך פאַרנומען אויף אים,

און ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען, אַוועקגעלאָפן באַרג־אַראָפּ און איבערן דאָן אַריבער. דאָס איז געווען קאַרנאַוואַל־צייט. דער שניי פון דאָן איז געווען אַראָפּגעבלאָזן דורכן ווינט, עס איז געווען גליטשיק. איך יאָג מיך נאָך אים, און דאָס פערד האָט זיך אויסגעגליטשט, מיט אימפּעט צו דער ערד אַ פאַל געטון און שוין מער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן. די הויט האָט אָנגעהויבן אויף מיר ציטערן! האָב איך אַראָפּגענומען דאָס זאָטל פון אים, און קום צו לויפן אין דער כאַטע אַריין. „טאַטע, דאָס פערד איז אונטער מיר געפאַלן! איך האָב אַ האָז געיאָגט". — „און אים דעריאָגט?" — „ניין". — „זאָטל־זשע אָן דעם שוואַרצן, און דעריאָג אים, הונטישער זון!" אָט וואָס פאַר אַ צייטן עס זענען געווען! מען האָט געלעבט גאָר אַנדערש — די קאָזאַקן האָבן זיך ליב געהאַט. אַ פערד איז געפאַלן — איז נישט קיין שאָד געווען, אַבי אַ האַז צו דעריאָגן. דאָס פערד איז ווערט אַ הונדערטער, און דער האָז אַ צענערל... עך, וואָס איז דאָ צו רעדן!

פון מחותן איז פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש אַרויסגעגאַנגען נאָך פאַרלוירענער, דורכגעדרונגען מיטן סם פון פּיין און בהלה. אַצינד האָט ער אין דער פולער מאָס שוין געפילט, אַז עפּעס אַנדערע, אים פּיינטלעכע עלעמענטן, האָבן אָנגעהויבן רעגירן מיטן לעבן. און אויב ער האָט פריִער אָנגעפירט מיט זיין באַלעבאַטישקייט און לעבן, ווי מיט אַ גוט איינגעפאָרן פערד אויף אַ געיעג מיט שטערונגען, האָט אַצינד דאָסדאָזיקע לעבן אים געטראָגן, ווי אַ צעווילדעוועטער, פאַרשוימטער אָגער, מיט וועלכן ער האָט שוין נישט אָנגעפירט, נאָר ווילנלאָז זיך געטרייסלט אויף זיין צעוויגטן רוקן און געמאַכט נעבעכדיקע אָנשטרענגונגען נישט אַראָפּצופאַלן.

אַ נעפּל האָט פאַרהאָנגען די צוקונפט, און נעפּל פון די איבערלעבונגען האָט געשימערט די פאַרגאַנגענהייט. ווי לאַנג איז דאָס, אַז מיראָן גריגאָריעוויטש איז געווען דער רייכסטער באַלעבאָס אין דער גאַנצער סביבה? אָבער די לעצטע דריי יאָר האָבן

אונטערגעגראָבן זיינע כוחות. די אַרבעטער זענען זיך צעלאָפן,
דאָס זייען האָט ניין מאָל זיך פאַרקלענערט, די אָקסן און פערד
זענען פאַר נישטיקע פרייזן פון הויף פאַרשוווּנדן. אַלץ איז פאַר־
געקומען, ווי אין חלום, זיך פאַרביי־געטראָגן, ווי אַ נעפל איבערן
דאָן. בלויז דאָס הויז מיטן שיינעם גאַנעק און אָפּגעבליאַקע־
וועטע געשניצטע קאַרניזן איז געבליבן אַלס אָנדענק. אַ פּריצייטי־
קע גרויקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פוקסן־געלקייט פון
קאָרשונאָווס באָרד, זיך אַריבערגעוואָרפן אויף די שלייפן, דאָרט
זיך באַזעצט, פריִער — אין דער פאָרם פון אַרבעס־געוויקסן אויף
זאַמד — קנאָספּאַרטיק, דערנאָך גובר געווען די געלע קאָליר, גע־
וואָרן אַלמעכטיק און שוין שטופנדיק זיך, הערלעכוויז פאַר־
נומען דעם גאַנצן איבערן־שטערן. און אויך אינערלעך האָבן אין
מיראָן גריגאָריעוויטשן פאַרביסן געקעמפט דידאָזיקע צוויי עלע־
מענטן: דאָס געלע בלוט האָט זיך געבונטעוועט, געטריבן צו אַר־
בעטן, געצייט צו זייען, צו בויען שפּייכלערס, צו פאַרריכטן דעם
אינווענטאַר, רייך צו ווערן; אָבער אַלץ אָפטער איז אים באַ־
פאַלן אַ מרה־שחורה — „נישטאָ נאָכוואָס. סיי ווי וועט אַלץ פאַר
לוירן גיין!" — און איינגעהילט אַלץ אין דער ווייסער טויטער
קאָליר פון גלייכגילטיקייט. שרעקלעכע אין זייער אומגעלומפּערט־
קייט, האָבן די הענט זיך שוין נישט געכאַפּט, ווי פריִער, צום
האַמער, צו דער האַנט־זעג, נאָר נאָכלעסיק געלעגן אויף די קני,
באַוועגנדיק מיט די ברודיקע פינגער, אויסגעקרומטע פון דער אַר־
בעט. די שווערע צייט האָט אים אַלט געמאַכט. און די ערד איז
אים מיאוס געוואָרן. פרילינגס־צייט איז ער געגאַנגען צו איר, ווי
צו אַ נישט געליבט ווייב, אויס געוווינהייט, אויס פליכט. און
דערוואָרבן אָן פרייד און פאַרלוירן אָן דער פריִערדיקער באַדויערונג.
די רויטע האָבן צוגענומען די פערד, — האָט ער זיך גאָרנישט
געמאַכט דערפון. און מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער איבער אַ נאַ־
רישקייט, איבער אַ קופּקע היי, וואָס די אָקסן האָבן צעטרעטן,
שיִער נישט דערשטאָכן דאָס ווייב מיט דער היי־קאָס. „ער האָט
געכאַפּט, געכאַפּט קאָרשונאָוו, זיך איבערגעפרעסן, און מוז

אַזינד אַלץ אויסברעכן״, — האָבן די שכנים װעגן אים געזאָגט.

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעװיטש האָט אַװעקגעהינקט אַהײם, זיך געלײגט אויף דער קאַיקע. עס האָט אים גענאָגט אונטערן לעפּעלע, אַ שװער איבלען איז צוגעטרעטן צום האַלז. ער האָט אָפּגעגעסן נאַכטעסן און געבעטן די אַלטע, זי זאָל אַרײנגעמען אַ געזײערטן אַרבוז. ער האָט אויפגעגעסן אַ שטיקל און זיך אַ טרײסל געטון, קוים צוגעגאַנגען צום אויװן. אינדערפרי איז ער שוין געלעגן באַװוסטלאָז, געגליט אין טיפוס-פיבער. די מיט בלוט פאַרכרוקנטע ליפן זענען געװען געפּלאַצט, דאָס פּנים איז געל געװאָרן, די װײסלען האָבן זיך איבערגעצויגן מיט אַ בלויען צמאַל. די באָבע דראָזדיכע האָט אים געלאָזט בלוט, אָפּגעצאָפּט פון אָדער אויף דער האַנט צװײ טעלערס שװאַרץ בלוט, װי דזשעגעכץ. אָבער צום באַװוסטזײן איז ער נישט צוריקגעקומען. בלויז דאָס פּנים איז פון בלוי געװאָרן גרוי, און דאָס מויל מיט די שװאַרצע צײן האָט זיך נאָך ברײטער געעפנט, אַרײנצינ׳ענדיק די ליפּט מיט אַ כריפּען.

XX

דעם 24-סטן יאַנואַר איז איװאַן אַלעקסעיעװיטש אַרויסגעפאָרן קײן װיִעשענסק אויף דער אויפפאָדערונג פון פאָרזיצער פון רעװאָלוציאָנערן קריגס-קאָמיטעט. ער האָט געזאָלט צוריקקומען פאַרנאַכט. מען האָט געװאַרט אויף אים. מישקאַ קאָשעװאָי איז געזעסן אין מאָכאָװס פּוסטן הויז, אין באַלעבאָס׳ געװעזענעם קאַבינעט, בײם שרײבטיש, װאָס איז אַזוי ברײט געװען, װי אַ טאָפּל-בעט. אויפן פּאַראַפּעט (אין צימער איז געװען בלויז אײן שטול) איז האָלב געלעגן דער מיליציאָנער אַלשאַנאָװ, װאָס איז געשיקט געװאָרן פון װיעשענסק. ער האָט שװײגנדיק געררײכערט, געשפּיגן װײט און קונציק, אַנדײטנדיק מיט זײן יעדן שפּײ אַ נײע קאַכלנע פּליטע פון קאַמין. הינטער די פענסטער איז געשטאַנען

אַ ליכטיקע אויסגעשטערנטע נאַכט. די האַרטע פראָסטיקע שטיל־קייט איז געווען טיף. מישקאַ האָט אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָ־קאָל פון אַן אונטערזוכונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן ביי סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו, און אַלע מאָל דורכן פענסטער אַ קוק געטון אויף די צווייגן פון די קליאָנען, וואָס זענען באַדעקט געווען מיט טוי־פראָסט, ווי מיט צוקער.

איבערן גאַנעק איז עמעצער דורכגעגאַנגען, ווייך סקריפּענ־דיק מיט די ווילאָקעס.

— ער איז געקומען.

מישקאַ איז אויפגעשטאַנען. אָבער אין קאָרידאָר הערט זיך אַ פּרעמד הוסטן, פרעמדע טריט. עס איז אַריינגעקומען גריגאָרי מעליעכאָוו אין אַ שינעל, פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך, אַ גרויער פון פראָסט, מיט פאַרפרוירענע ברעמען און וואָנסעס.

— איך בין אַריינגעגאַנגען נאָך אַ שטיקל פייער. וואָס מאַכסטו!

— קום, קלאָג דיך.

— איך האָב מיך נישט וואָס צו קלאָגן. איך בין אַריינ־געקומען אַ ביסל שמועסן און ביי דער געלעגנהייט זאָגן, אַז מען זאָל מיך נישט באַשטימען צו פאָרן. די פערד לאָמען ביי אונדז.

— און די אָקסן? — מישקאַ האָט אַ קוק געטון זייטיק, מיט רעזערוו.

— וואָס פאַר אַ פאָרן קאָן דאָס זיין מיט אָקסן? אינדרויסן איז גליטשיק.

ראַצנדיק מיט די פאַרפרוירענע שטיוול איבער די ברעטער, איז עמעצער מיט האַרטע טריט דורכגעגאַנגען איבערן גאַנעק. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אַריינגעפּאַקט אין צימער אין אַ בורקע און ווייבעריש־פאַרבונדענעם באַשליק. פון אים האָט אַ ווייע געטון מיט פרישער, קאַלטער לופט, מיט אַ ריח פון היי און טיטון־רויך.

— איך בין געפרוירן געוואָרן, קינדערלעך, געפרוירן גע־

וואָרן!... וואָס מאַכסטו, גריגאָרי, וואָס שלעפּסטו זיך אַרום אין די נעכט?... דער טייוול האָט אויסגעטראַכט דידאָזיקע בורקעס: דער ווינט בלאָזט דורך זיי, ווי דורך אַ זיפּ!

ער האָט זיך אויסגעטון און אָנגעהויבן רעדן, נאָך איידער ער האָט די בורקע אויפגעהאָנגען:

— נו, איך האָב געזען דעם פּאָרזיצענדן. — איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַ שיינענדיקער, מיט פינקלדיקע אויגן. ער איז באַהערשט געוואָרן פון אומגעדולד צו דערציילן. — איך בין אַריינגעגאַנגען צו אים אין קאַבינעט. ער האָט זיך באַגריסט מיט מיר מיט דער האַנט און געזאָגט: „זיצט, חבר". דאָס איז אַן אָנפירער פון אַ קרייז! און פריִער ווי אַזוי איז געווען? אַ גענעראַל-מאַיאָר! ווי אַזוי האָט מען געמוזט פאַר אים שטיין? אָט אַזוי זעט זי אויס, אונזער געליבטע מאַכט! אַלע זענען גלייך!

זיין באַלעבאַטישע, גליקלעך פּנים, דאָס פאָרען זיך אַרום דעם טיש און דאָס באַגייסטערטע דערציילן זענען געווען נישט פאַרשטענדלעך פאַר גריגאָריען. ער האָט געפרעגט:

— וואָס האָסטו דיך אַזוי דערפרייט, אַלעקסעיעוו?

— וואָס הייסט — וואָס? — איוואַן אַלעקסעיעוויטשעס גאָמבע מיטן גריבעלע האָט אַ ציטער געטון. — מען האָט דעם מענטש אין מיר דערזען, ווי אַזוי-זשע זאָל איך מיך נישט פרייען? ער האָט מיר די האַנט דערלאַנגט, ווי אַ גלייכן, געבעטן זעצן...

— די גענעראַלן האָבן שוין אויך די לעצטע צייט אָנגעהויבן טראָגן העמדער פון זאַק-לייוונט. — גריגאָרי האָט זיך גלייך געמאַכט די וואָנסעס מיטן ראַנד פון דער האַנט, פאַרזשמורעט די אויגן. — איך האָב אויף איינעם געזען אפילו שליפעס, וואָס זענען געמאַכט געווען מיט אַ טוש-בלייפעדער. אויך דאָס הענטל האָבן די גענעראַלן שוין אָנגעהויבן דערלאַנגען...

— די גענעראַלן — ווייל זיי מוזן, און די — טוען עס נאַטירלעך. דאָס איז אַ חילוק!

— נישטאָ קיין חילוק! — גריגאָרי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— לויט דיין מיינונג, איז אויך די מאַכט די אייגענע? פאַר־וואָס־זשע האָבן מיר פריִער מלחמה געהאַלטן? דו — פאַרוואָס האָסט מלחמה געהאַלטן? פאַר די גענעראַלן? און זאָגסט נאָך, — „די אייגענע".

— איך האָב פאַר מיר מלחמה געהאַלטן, נישט פאַר די גע־נעראַלן. מיר, אויב איך זאָל זאָגן דעם אמת, זענען ביידע נישט צום האַרץ.

— ווער דען־זשע איז דיר צום האַרץ?

— קיינער נישט!

אַלשאַנאָוו האָט אַ שפּיי געטון איבער דער גאַנצער שטוב. איינשטימיק זיך צעלאַכט. אים איז, אַפּנים, אויך קיינער נישט גע־ווען צום האַרץ.

— פריִער האָסטו, דאַכט זיך, נישט אַזוי געטראַכט.

מישקאַ האָט דאָס געזאָגט מיטן ציל אַ שטאָך צו טון גרי־גאָריען, אָבער יענער האָט אפילו נישט אַרויסגעוויזן, צי די באַ־מערקונג האָט אים פאַרטשעפּעט.

— סיי איך, סיי דו — אַלע האָבן מיר פאַרשידן גע־טראַכט...

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט געוואָלט גריגאָרי זאָל שוין אַוועקגיין, און ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט איבערצוגעבן מיש־קען אויספירלעכער וועגן זיין נסיעה און פאַרברענגען מיטן פאַר־זיצער, אָבער דער שמועס האָט אים אָנגעהויבן אויפרעגן. און ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט גאָרנישט און אונטערן פרישן איינ־דרוק פון געזעענעם און געהערטן אין קרייז זיך אַריינגעלאָזט אין אַ וויכּוח:

— דו ביסט אונדז געקומען דעם קאָפּ פאַרדרייען, גריגאָרי! דו ווייסט אַליין נישט, וואָס דו ווילסט.

— איך ווייס טאַקע נישט, — האָט גריגאָרי געוואָרן מסכּים געווען.

— וואָס האָסטו דער מאַכט פאַרצוואָרפן ?

— און וואָס טרעטסטו אַזוי אַרויס פאַר איר ? פון ווען אָן ביסטו עס אַזוי רויט געוואָרן ?

— וועגן דעם וועלן מיר נישט רעדן. וואָס איך בין אַצינד — דאָס דאַרף דיך אינטערעסירן. און וועגן דער מאַכט וועלן מיר אויך נישט איבעריק טענהן. איך בין פּאָרזיצער, און פאַר מיר פאַסט גאָרנישט מיט דיר צופיל צו דיסקוטירן.

— לאָמיר־זשע טאַקע אויפהערן. און איך האָב שוין אויך קיין צייט נישט. דאָס בין איך אַריינגעקומען רעדן, מען זאָל מיך נישט באַשטימען צו פאָרן. אָבער די מאַכט דיינע — צי דו ווילסט יאָ, צי נישט — איז אַ שענדלעכע מאַכט. און דו רימסט זי, ווי אַ מאַמעשי: „כאָטש אַ באַראַצטער, אָבער — אונזערער". דו זאָג מיר אָפן, און מיר וועלן אונזער שמועס פאַרענדיקן: וואָס גיט זי אונז קאָזאַקן ?

— וועלכע קאָזאַקן ? קאָזאַקן זענען אויך דאָ פאַרשידענע.

— אַלע, אָן אונטערשיד.

— פרייהייט, רעכט... וואַרט־צו !... דו האָסט קיין געדולד נישט...

— אַזוי האָט מען אין זיבעצענטן יאָר געזאָגט, און אַצינד דאַרף מען עפּעס נייעס צוטראַכטן ! — האָט אים גריגאָרי איבער־געשלאָגן. — ערד גיט זי ? פרייהייט ? זי גלייכט אויס ?... ערד האָבן מיר אַזוי פיל, אַז זי קריכט אַזש פון האַלז. מער קיין פרייהייט דאַרפן מיר אויך נישט, וואָרים איינער דעם צווייטן וואָלט איינ־מיטן גאַס דעם האַלז איינגעשניטן. די אַטאַמאַנעס פלעגן מיר אַליין אויסקלויבן, און אַצינד באַמינירט מען זיי. ווער האָט עס אים אויסגעקליבן — דעם, וואָס האָט דיך אַזוי דערפרייט מיטן הענטל דערלאַנגען ? אַ חוץ רוגזן גיט דידאָזיקע מאַכט די קאָזאַקן גאָרנישט ! דאָס איז אַ פויערישע מאַכט, זיי איז זי טאַקע נייטיק. אָבער מיר דאַרפן די גענעראַלן אויך נישט. דאָס איז איין יאָך — סיי די קאָמוניסטן, סיי די גענעראַלן.

— די רייכע קאָזאַקן איז זי נישט נייטיק, אָבער די אַנדע־

רע ? נאַרישער קאָפּ ! רייכע זענען דאָ אין כוטאָר דריי, און די איבעריקע זענען דאָך אַלע אָרימע. און די אַרבעטער ווו וועסטו אַהינטון ? ניין, מיר קאָנען נישט אַזוי טראַכטן ! זאָלן די רייכע קאָזאַקן פון זאַטן מויל אָפּרייסן אַ שטיקל און אַוועקגעבן די אָרי־מע. און אויב זיי וועלן נישט געבן — וועלן מיר מיטן פלייש ביי זיי אויסרייסן ! גענוג צו הערשן ! זיי האָבן די ערד צוגע־רויבט...

— נישט צוגערויבט, נאָר אויסגעקעמפט ! אונזערע עלטער־זיידעס האָבן זי מיט זייער בלוט באַגאָסן, דערפאַר אפשר איז אונזער שוואַרצערד אַזוי פרוכטבאַר.

— אַלץ איינס, און טיילן זיך מיט דער אָרימקייט — דאַרף מען. אויסגלייכן — איז אויסגלייכן ! און דו אַרבעטסט אויף פוסט. ווּהין דער ווינט בלאָזט, דאָרט ביסטו, ווי דאָס פענדל אויפן דאַך. אַזעלכע מענטשן, ווי דו, מאַכן נאָר טריב דאָס לעבן !

— וואַרט־צו, זידל נישט ! איך בין געקומען זיך אויסשמועסן, ווי אַן אַלטער פריינט, זאָגן, וואָס עס האָט זיך אויפן האַרץ אָנגעזאַמלט. דו זאָגסט — אויסגלייכן... מיט דעם האָבן דאָך די באָלשעוויקעס דאָס אומוויסנדע פאָלק אַריינגענאַרט. זיי האָבן גע־נומען שיטן מיט גוטע ווערטער, און דער מענטש איז געלאָפן, ווי דער פיש אויף לאַקאָמער שפּייז ! און ווו איז די גלייכהייט אַהינ־געקומען ? נעם די רויטע אַרמיי : אָט זענען זיי דורכגעגאַנגען דעם כוטאָר. דער אונטעראָפיציר איז אָנגעטון אין כראָמענע שטיוול און די „וואַנקעס" אין וויקלערס. איך האָב אַ קאָמיסאַר געזען, איז ער בלויז לעדער, סיי די הויזן, סיי די טוזשורקע, און פאַר אַ צווייטן קלעקט נישט קיין לעדער אויף שיך. דאָס זענען זיי ביי דער מאַכט ערשט איין יאָר, און וואָס וועט נאָך זיין, ווען זיי וועלן זיך איינוואָרצלען, — ווו וועט דעמאָלט די גלייכהייט אַהינ־קומען ?... מען האָט געזאָגט אויפן פראָנט : „אַלע וועלן מיר זיין גלייך. איין געהאַלט פאַר די קאָמאַנדירן און סאָלדאַטן"... ניין ! דאָס איז בלויז געווען אַ מיטל צו פאַרלאָקן ! נישטאָ קיין גרעסער אומגליק, ווי ווען פון אַ כאַם ווערט אַ פאַן. גענוג זענען דאָך די

אַפּיצירן גוטע מענטשן, אָבער ווען אַזאַ איינער ווערט אַן אָפּיציר, איז — גיי לייג דיך און שטאַרב, קיין ערגערס וועסטו שוין נישט געפינען! ער האָט דאָך די זעלבע בילדונג, וואָס יעדער קאַזאַק: זיך געלערנט דרייען די אָקסן ביי די ווײדלען. ווי נאָר אָבער ער ווערט אַ שטיקל לייט, איז ער שוין פון דער מאַכט פאַרשיכורט און איז גרייט פון צווייטן די הויט צו שינדן, אַבי אויף זיין הייך זיך צו דערהאַלטן.

— דיינע רייד זענען — קאָנטראַ! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש קאַלט געזאָגט, נאָר די אויגן אויף גריגאָריען נישט אויפגעהויבן. — דו וועסט מיך אויף דיין וועג נישט אַרויספירן, און איך דיך וויל גאָרנישט אַנדערש איבערצייגן. איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען און פאַרשטיי דיך נישט, — דו ביסט מיר פרעמד געוואָרן. דו ביסט אַ שונא פון דער סאָוועטישער מאַכט!

— איך האָב דאָס נישט דערוואַרט פון דיר... אויב איך טראַכט נאָר וועגן דער מאַכט, בין איך שוין — קאָנטראַ? אַ קאַדעט?

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט גענומען ביי אָלשאַנאָוון דעם טיטון־בייטל און געזאָגט שוין מילדער:

— ווי אַזוי קאָן איך דיך איבערצייגן? צו דעם דערגייען מענטשן מיטן אייגענעם שכל, מיטן האַרץ דערגייען זיי! איך בין נישט קיין גרויסער ספּעציאַליסט אויף ווערטער צוליב מיין אומוויסנהייט און נישט געלערנזאַמקייט, אָבער אַ סך זאַכן דערשפּיר איך מיטן אינסטינקט...

— פאַרענדיקט! — האָט מישקאַ בייז אויסגעשריגן.

פון אויספיר־קאָמיטעט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען. גריגאָרי האָט געשוויגן. פילנדיק זיך באַלאַסטעט פון דעמדאָזיקן שוייגן, נישט אָנערקענענדיק דעם פרעמדנס מיינונג, ווייל ער איז געווען ווייט פון אים און האָט געקוקט אויפן לעבן פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט, האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש געזאָגט צום געזעגענען:

— דידאָזיקע געדאַנקען האַלט פאַר זיך. וואָרים, כאָטש דו ביסט מיר אַ באַקאַנטער און פּיעטראָ רעכנט זיך פאַר מיין קום,

וועל איך דאָך געפינען אַ מיטל קעגן דיר! די קאָזאַקן דאַרף מען נישט העצן, זיי וואַקלען זיך סיי-ווי. און דו שטעל דיך אונז נישט אין וועג. מיר וועלן דיך צעטרעטן!... זיי געזעגנט!

גריגאָרי איז געגאַנגען, פילנדיק זיך, ווי ער וואָלט איבערגעטרעטן אַ שוועל, און דאָס, וואָס האָט אים ביז אַצינד אויסגעזען נישט קלאָר, איז פּלוצלינג אויפגעשטאַנען פאַר אים אין גרעלער העלקייט. ער האָט אין אמתן בלויז אַרויסגעזאָגט אויף דער הייסער מינוט דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט אין די לעצטע טעג, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אים און געזוכט אַ אויסגאַנג. און דערפאַר, וואָס ער איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון קאַמף מיט צוויי עלעמענטן, אָפּוואַרפנדיק זיי ביידע, — האָט זיך געשאַפן אין אים אַ טויבע, נישט-געשטילטע אויפרייצונג.

מישקאַ און איוואַן אַלעקסעיעוויטש זענען געגאַנגען צוזאַמען. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט ווידער געוואָלט אָנהייבן דערציילן וועגן זיין באַגעגעניש מיטן פּאַרזיצער פון קרייז, אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פאַרבן און באַדייטונג פון דעם אַלעם האָבן אָפּבליאַקירט. ער האָט געפּרוווט זיך אומקערן צו דער פריערדיקער שטימונג און נישט געקאָנט: עס איז געשטאַנען עפּעס קאַפּויער, געשטערט פריידיק צו לעבן, אַריינצוזאָטעמען מיט די לונגען די שאַרפע געפּרווירענע לופט. די שטערונג איז געווען — גריגאָרי, דער שמועס מיט אים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַרויסגערעדט מיט פאַראַכטונג:

— אַזעלכע, ווי גרישקאַ, פּלאָנטערן זיך נאָר אונטער די פיס אין אַ געשלעג. אַ נבזהניק! צום ברעג וועט ער זיך נישט דערשלאָגן, נאָר שווימט, ווי דאָס מיסט פון אַ בהמה אין אַן איינלאָך. ער וועט נאָך אַמאָל קומען — וועל איך אים טרייבן האַלז און נאַקן! און וועט ער אָנהייבן פירן אַגיטאַציע — וועלן מיר אים שוין אָוועקזעצן... נו, און ביי דיר, מישאַטקאַ, וואָס הערט זיך? ווי גייען די געשעפטן?

מישקאַ האָט בלויז געענטפערט מיט אַ זידל־וואָרט, טראַכטנ־דיק וועגן עפּעס אייגנס.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם קוואַרטאַל, און קאָשעוואָי האָט זיך פאַרנומען צו איוואַן אַלעקסעיעוויטשן. אויף זיינע פּו־לע מיידלישע ליפּן האָט געבלאָנזשעט אַ פאַרלוירענער שמייכל.

— אָט, אַלעקסעיעוויטש, וואָסער שלעכטע זאַך די פּאָ־ליטיק איז, צום טייוול! רעד וועגן וואָס דו ווילסט, און וועסט דיר דאָס בלוט נישט אַזוי קאַליע מאַכן. מיר האָבן נאָר אָנגע־הויבן מיט גרישקען צו שמועסן... מיר זענען דאָך מיט אים — אין איין עלטער, צוזאַמען אין שול געלערנט, צו מיידלעך געלאָפן, ער איז דאָך מיר — ווי אַ ברודער... און דאָך בין איך אַזוי בייז געוואָרן, אַז דאָס האַרץ איז מיר אָנגעשוואָלן, זיך צעוואַקסן ווי אַן ארבוז אין דער ברוסט. אַלץ ציטערט אין מיר! ווי ער וואָלט עפּעס צוגענומען ביי מיר, דאָס טייערסטע! ווי ער וואָלט מיך באַרויבט! אַזוי קאָן מען אין אַ שמועס זיך דערשעכטן. אין אָט דער מלחמה איז נישטאָ — נישט קיין ברודער, נישט קיין פריינט. האַקט דיך אַרויסגערעדט — טאַ גיי־זשע. מישקעס קול האָט אַ ציטער געטון מיט אומדערטרעגלעכער באַליידיקונג. — איך בין אויף אים פאַר קיין איין אָפּגעשלאָגענער מויד נישט אַזוי בייז געווען, ווי פאַר דעם רעדן. אָט, ווי דאָס האָט מיך אויפגע־רעגט.

XXI

אַ שניי איז געפאַלן און צעגאַנגען אין דער לופט. מיטאָג־צייט האָט אין די היילן מיט אַ טויב גערויש אָנגעהויבן אַראָפּ־פאַלן דער שניי. אויף יענער זייט דאָן האָט גערוישט דער וואַלד, די שטאַמען פון די ביימער האָבן אויפגעטייעט און זענען שוואַרץ געוואָרן. פון די צווייגן האָט געטריפט, די טראָפּנס האָבן דורכ־געלעכערט דעם שניי ביז דער ערד, וואָס האָט זיך געוואַרעמט

אונטערן פוילנדיקן צודעק פון די אָראָפּגעפאַלענע בלעטער. עס האָט שוין געלאָקט דער פאַרשיכורנדיקער לינדער ריח פון פרילינג, און אין די גערטענער האָט געשמעקט די קאָרע פון די קערשן-ביימער. אויפן דאָן האָבן זיך באַוויזן שפּאַלטן. ביי די ברעגן איז דאָס אייז צעגאַנגען און די אייז-לעכער האָבן זיך אָנגעפולט מיט גרין העל וואַסער.

דער טאַבאָר, וואָס האָט געפירט צום דאָניעץ אַ פּאַרטיע גראַנאַטן, האָט געדאַרפט אין טאָטערישן כוטאָר טוישן די וואָגנס. די רויטאַרמייער, וואָס האָבן אים באַגלייט, זענען געווען טיכטיקע יונגען. דער עלטסטער איז געבליבן היטן איוואַן אַלעקסעיעוויטשן; ער האָט אים גלייך געזאָגט: „איך וועל דאָ זיצן מיט דיר, דו זאָלסט מיר נישט אַמאָל עוקר זיין!" — און די איבעריקע האָט ער אָוועקגעשיקט שאַפן פורן. עס זענען נייטיק געווען זיבנאונפערציק טאָפּלט-געשפּאַנען. עמעליאַן האָט זיך דערקליבן אויך צו די מעליעכאָווס.

— שפּאַנט איין — פירן גראַנאַטן אין דער באָקאָווער סטאַניצע!

פּיעטראָ האָט אפילו מיט קיין וואָנסע נישט אַ באַוועג געטון, ער האָט בורטשענדיק געענטפערט:

— די פערד לאָמען, און אויף דער קאָבילע האָב איך ערשט נעכטן אָוועקגעפירט פּאַרוווּנדעטע קיין וויעשענסק.

עמעליאַן האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און אַריינגעגאַנגען אין דער שטאַל. פּיעטראָ איז אים נאָכגעלאָפן אָן אַ היטל.

— הער! וואַרט-צו... אפשר וועסטו געמאַכט לאָזן?

— אפשר וועסטו אויפהערן צו רעדן נאַרישקייטן? — עמעליאַן האָט זייער ערנסט אַ קוק געגעבן אויף פּיאָטערן און צוגעגעבן: — איך האָב שטאַרק חשק צו זען אייערע פערד, ווי אַזוי זיי לאָמען. דאָס? צי איר האָט זיי נישט אַמאָל מיט אַ העמערל בכיוון די געלענקן צעקלאַפּט? דו וועסט מיר די אויגן נישט פאַרשמירן! איך האָב שוין געזען אַזוי פיל פערד, וויפיל דו מיסט

פון פערד. שפּאַן איין! די פערד, צי די אָקסן — אַלץ איינס.

געפאָרן איז גריגאָרי. איידער ער האָט גערירט פון הויף, איז ער אַריינגעלאָפן אין קיך; ער האָט געקושט די קינדערלעך און איילִיק אַ זאָג געטון:

— איך וועל אייך ברענגען אַ מתנה, און איר כּראָיעט דאָ נישט, פאָלגט די מאַמע. — און צו פּיאָטערן: — איר זאָלט וועגן מיר נישט איבערקלערן. איך וועל ווייט נישט פאָרן. אויב מען וועט טרייבן ווייטער פון דער באָקאָווער סטאַניצע — ויעל איך איבערלאָזן די אָקסן און זיך אומקערן. נאָר איך וועל נישט קומען אין כוטאָר אַריין. איך וועל איבערוואַרטן אין סינגין, ביי דער מומע... און דו, פּיעטראָ, קום געוויר ווערן... עפּעס איז מיר אומהיימלעך דאָ צו וואַרטן, — און ער האָט אַ שמייכל געטון. — נו, זייט געזונט! נאַטאַשקאַ, נעם דיר נישט צום האַרץ!

ביי מאָכאָווס מאַגאַזין, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען דער סקלאַד פון פּראָוויאַנט, האָט מען איבערגעלאָדן די קעסטלעך גראַנאַטן און גערירט אין וועג אַריין.

„זיי פירן מלחמה זיך צו פאַרבעסערן דאָס לעבן, און מיר האָבן מלחמה געפירט, כּדי אונזער לעבן זאָל זיין בעסער, — האָט גריגאָרי כּסדר געטראַכט, זיך וויגנדיק אין ריטמישן אַקאָמפּאַניאַמענט פון די אָקסן־טריט, האַלב־ליגנדיק אין שליטן, טוליענדיק דעם קאָפּ אין זיפּון. — קיין איין אמת איז נישטאָ אין לעבן. אַפּנים, אַז ווער עס איז דעם צווייטן גובר, דער פרעסט אים אויף... און איך האָב געזוכט אַ נאַרישן אמת. זיך געפּייניקט, געוואַקלט אין אַלע זייטן... פאַרצייטנס, דערציילט מען, האָבן די טאַטערן באַליידיקט דעם דאָן, געקומען צונעמען די ערד, פאַרקנעכטן. אַצינד טוט עס — ראָסיי. ניין! איך וועל נישט איינגיין אויף דעם! פרעמד זענען זיי מיר און אַלע קאָזאַקן. די קאָזאַקן וועלן ערשט אַצינד דערפילן. זיי האָבן פאַרלאָזט דעם פראָנט און אַצינד קרעכצט איטלעכער, ווי איך: אַך! — אָבער עס איז שוין צו שפּעט״.

אין דער נאָענט זענען געשוואומען אָקעגן די קוסטעס בײַם וועג, די כוואַליענדיקע געבערגלטקייט, די טאָלן, אויסגעזייעטע מיט דערנער, און אינדערוויטנס האָבן זיך געדרייט די שנייאיקע פעלדער, און אַוועקגעגאַנגען אויף דרום צוזאַמען מיט די שליטנס דער וועג האָט זיך געצויגן אומענדלעך, אָנגעווייעט אומעט, גענייט צו שלאָף.

גריגאָרי האָט פויל אונטערגעטריבן די אָקסן, געדרימלט, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. ער האָט אויסגעררייכערט אַ פּאַפּיראָס, איינגעגראָבן דאָס פּנים אין היי, וואָס האָט געשמעקט מיט פאַרטרוקנטער האָניג-בלום און זיסלעכן ריח פון די יוני-טעג און אומבאַמערקט איינגעשלאָפן. אין שלאָף איז ער געגאַנגען מיט אַקסיניען צווישן הויכע שאָרכענדיקע זאַנגען. אַקסיניאַ האָט פאָרזיכטיק געטראָגן אויף די הענט אַ קינד, געוואָרפן זײַטיקע אויפמערקזאַמע בליקן אויף גריגאָריען. און גריגאָרי האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ, דאָס זינגענדיקע שאָרכען פון די זאַנגען, געזען דעם לעגענדאַרן האַפט פון די גרעזער איבערן שטעג, די שניידנדיקע בלויקייט פון הימל. אין אים האָט געבליט און געברויזט זיין געפיל, ער האָט ליב געהאַט אַקסיניען מיט דער פריערדיקער פאַרצערנדיקער ליבע, ער האָט דאָס געשפירט מיטן גאַנצן קערפער, מיט יעדן קלאַפּ פון האַרץ און איינצייטיק געוווּסט, אַז דאָס איז נישט אויף דער וואָר, אַז די טויטקייט לויערט פאַר זיינע אויגן, אַז דאָס איז אַ חלום. און ער האָט זיך געפרייט מיט דעם חלום, און אים אָנגענומען פאַר לעבן. אַקסיניאַ איז געווען די זעלבע, וואָס מיט פינף יאָר צוריק, נאָר איינגעהאַלטענער, קילער. גריגאָרי האָט געזען מיט אַזאַ בלענדנדיקער העלקייט, ווי קיינמאָל נישט אין דער ווירקלעכקייט, די פּוכיקע רינגען פון אירע לאָקן אויפן האַלז (דער ווינט האָט זיך געשפּילט מי. זיי), די ווייסע שפּיצן פון איר טיכל... ער האָט אויפגעוואַכט פון אַ שטויס, ניכטער געוואָרן פון די קולות, וואָס האָבן זיך דערטראָגן.

פון קעגנאיבער, אויסמיידנדיק זיי, האָבן זיך באַוועגט אַ סך שליטנס.

— וואָס פירט איר, לאַנדסלייט? — האָט הייזעריק אויסגע־שריגן באַדאָווכקאָוו, וועלכער איז געפאָרן פאַר גריגאָריען.

די שליטן־גייערס האָבן געגרילצט, די געשפּאָלטענע טלאָען פון די אָקסן האָבן מיט אַ סקריפּען אָראָפּגעדריקט דעם שניי. אויף די שליטנס האָט מען לאַנג געשוויגן. ענדלעך האָט עמעצער גע־ענטפערט:

— טויטע! געשטאָרבענע פון טיפוס...

גריגאָרי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. אין די דורכפאָרנ־דיקע שליטנס זענען געלעגן איינער לעבן צווייטן, איבערגעדעקטע מיט אַ ברעזענט, טויטע קערפּערס אין גרויע שינעלן. די פעדער־שטע טייל פון גריגאָריעס שליטן האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ האַנט, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון אַ קעגנאיבערדיקן שליטן, און זי האָט אָפּגעקלונגען מיטן טויבן קלאַנג פון אייזן־גאָס... גריגאָרי האָט גלייכגילטיק זיך אַוועקגעדרייט.

דער איבלדיקער שאַרפער ריח פון דער האָניג־בלום האָט אָנגעווייעט שלאָף, ווייך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער האַלב־פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט, געצייט נאָכאַמאָל זיך צוצורירן מיטן האַרץ צו דער אָנגעשאַרפטער קלינג פון פאַרלאָשענעם געפיל. גריגאָרי האָט איבערגעלעבט אַ פיינלעכע און איינצייטיק זיסע ווייטיק, ווען ער האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין שליטן, מיט דער באַק זיך צוגערירט צו די געלע שכראַנגען פון דער האָניק־בלום. עס האָט געטריפט מיט בלוט דאָס האַרץ, וואָס איז אויפגערודערט געוואָרן דורך די דערינערונגען, געקלאַפּט נישט ריטמיש און לאַנג פאַרטריבן דעם שלאָף.

XXII

אַרוב דעם רעווקאָם פֿון כוטאָר האָבן זיך גרופּירט עטלעכע מענטשן: דאַווידקאַ, דער וואַלצן־מייסטער, טימאָפּעי, עמעליאַן, מאַכאָווס געוועזענער קוטשער, און דער געשטופּלטער שוסטער פּילקאַ. אויף זיי האָט זיך דאָס געשטיצט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אין זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, פּילנדיק מיט יעדן טאָג אַלץ מער די אומגעזעענע וואַנט, וואָס האָט זיך געשטעלט צווישן אים און דעם כוטאָר. די קאָזאַקן האָבן אויפגעהערט קומען אויף די פאַר־זאַמלונגען, — און אויב שוין יאָ געקומען, איז עס געווען ערשט נאָכדעם, ווי דאַווידקאַ און די איבעריקע האָבן צו פינף מאָל באַ־זוכט יעדן הויף פֿון כוטאָר. זיי פֿלעגן קומען, שווייגן, אויף אַלעם מסכים זיין. צומיינסט זענען דאָס געווען די יונגע. אָבער אויך צווישן זיי האָט מען נישט באַגעגנט קיין מיטפילנדע. שטיינערנע פּנימער, פרעמדע, אומצוטרויִלעכע אויגן, בליקן פֿון אונטערן שטערן אַפּער האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש געזען אויפֿן פּלאַץ, בשעת ער פֿלעגט דורכפירן אַ פאַרזאַמלונג. פֿון דעם פֿלעגט אים ווערן קאַלט אונ־טערן האַרץ, די אויגן האָבן זיך אָנגעפּולט מיט אומעט, דאָס קול איז געוואָרן פֿלעגמאַטיש און נישט זיכער. דער געשטופּלטער פּיל־קאַ האָט איינמאָל נישט בחינם אַ בו־טשע געטון:

— מיר האָבן זיך צעריסן מיטן כוטאָר, חבר קאָטליאַראָוו! דאָס פאָלק האָט זיך אָנגעכמורעט, אַ שד האָט עס באַהערשט. כ׳בין נעכטן געגאַנגען נאָך וואָגנס איבערצופירן די פאַרוווּנדעטע רויטאַרמייער קיין וויעשקי, — קיין איינער פאָרט נישט. צעריסע־נערהייט איז שווער צו לעבן אין איין כוטאָר...

— און זיי שיכּורן! צום טויט! — האָט עמעליאַן אונטער־געכאַפּט, באַגאַווערנדיק זיין ליולקעלע. — סאַמאָגאָן ווערט אין יעדן הויף געטריבן.

מישקאַ קאָשעוואָי האָט זיך געכמורעט, באַהאַלטן זיינע גע־

דאַנקען פון די איבעריקע, אָבער אויך ער האָט זיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט. אַהיימגייענדיק אין אַן אָוונט, האָט ער געבעטן אי־וואַן אַלעקסעיעוויטשן:

— גיב מיר אַ ביקס.

— נאָכוואָס?

— אָט האָסטו דיר! איך האָב מורא צו גיין מיט ליידיקע הענט. דו ווייסט גאָרנישט? איך מיין, מיר וועלן דאַרפן עמעצן... גריגאָרי מעליעכאָוון דאַרף מען נעמען, דעם אַלטן באָלדיריעוון, מאַטוויי קאַשולינען, מיראָן קאָרשונאָוון. זיי האַלטן, די שלאַנגען, אין איין אַריינשושקען די קאָזאַקן. זיי ריכטן זיך אויף זייערע פון יענער זייט דאָן.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך פאַרקרומט, ער האָט נישט פריילעך אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— עך! ווען מען זאָל דאָ אָנהייבן רוימען, וואָלט מען גע־דאַרפט פון זייער אַ סך חברה־לייט פּטור ווערן. די מענטשן וואַקלען זיך... און אויב טייל זענען שוין יאָ געניגט צו אונז, פאַרקוקן זיי זיך אויף מיראָן קאָרשונאָוון. זיי האָבן מורא, זיין מיטקאָ וועט קומען פון יענער זייט דאָן — וועט ער די קישקעס אַרויסלאָזן.

צו האַסטיק האָט זיך אַ פאַרקער געטון דאָס לעבן. צו מאָרגנס האָט אַ ספּעציעלער רייטער־שליח געבראַכט אַ באַפעל פון וויעשענסק: אַרויפלייגן אַ קאָנטריבוציע אויף די רייכסטע הייזער. פאַרן גאַנצן כוטאָר איז באַשטימט געוואָרן דער קיילעכי־קער ציפער — פערציק טויזנט רובל. דאָס האָט מען צעלייגט. ס'איז דורכגעגאַנגען אַ טאָג. מען האָט צונויפגענומען צוויי זעק קאָנטריבוציע־געלט אויף דער סומע פון אַכצן טויזנט מיט עפּעס. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט געמאַכט אַן אָנפרעגע אין קרייז. פון דאָרט האָט מען געשיקט דריי מיליציאָנערן מיט אַ באַפעל: „די, וואָס האָבן נישט באַצאָלט די קאָנטריבוציע, — אַרעסטירן און אַוועק־פירן קיין וויעשענסק". פיר אַלטע האָט מען צייטווייליק איינגע־

זעצט אין קעלער, ווו מען האָט פריער איבערן ווינטער געהאַלטן עפל

דער כוטאָר איז ענלעך געוואָרן צו אַן אויפגערודערטן בינשטאָק. קאָרשונאָוו האָט קאַטעגאָריש זיך אָפגעזאָגט צו צאָלן באַהאַלטנדיק דאָס בילעט-געוואָרענע געלט. פונדעסטוועגן איז אויך פאַר אים רייף געוואָרן די צייט זיך צו געזעגענען מיטן גוטן לעבן. עס זענען געקומען פון קרייז צוויי מאַן: אַן אויספאָרשונגס-ריכטער פאַר לאָקאַלע ענינים — אַ יונגער וויעשענסקער קאָזאַק, וואָס האָט געדינט אין אַכטאונצוואָנציקסטן פולק, און דער צווייטער אין אַ פעלץ אויף אַ לעדערנער קורטקע. זיי האָבן פאָרגעשטעלט זייערע מאַנדאַטן דעם רעוואָטריבונאַל און זיך אָפגעשלאָסן מיט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן אין קאַבינעט. דער באַגלייטער פון אויספאָרשונגס-ריכטער, אַ באַיאָרטער מענטש מיט אַ גלאַט-געגאָלטן קאָפ, האָט אָנגעהויבן זאַכלעך:

— אין קרייז לאָזט זיך מערקן אַן אויפרודערונג. די געבליבענע ווייסגוואַרדייער הייבן אויף דעם קאָפ און בונטעווען דאָס אַרבעטנדיקע קאָזאַקנטום. עס איז נייטיק צו באַזייטיקן אַלץ, וואָס איז צומיינסט פיינטלעך צו אונז. די אָפיצירן, פאָפן, אַטאַמאַנען, זשאַנדאַרן, רייכע לייט — אַלע, וואָס האָבן אַקטיוו געקעמפט קעגן אונז, דאַרפן אויפגענומען ווערן אויפן צעטל. העלפט-צו דעם אויספאָרשונגס-ריכטער. געוויסע נעמען זענען אים באַקאַנט.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט געקוקט אויף דעם געגאָלטן פנים, וואָס איז ענלעך געווען צום פנים פון אַ פרוי: אויסרעכענענדיק די פאַמיליען-נעמען, האָט ער דערמאַנט פיעטראָ מעליעכאָוון, אָבער דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפ:

— דאָס איז אונזערס אַ מענטש, פאָמין האָט געבעטן אים נישט צו טשעפען. ער איז באָלשעוויסטיש געשטימט. מיר האָבן מיט אים צוזאַמען געדינט אין אַכטאונצוואָנציקסטן פולק.

אויפן טיש איז געבליבן ליגן אַ ליניר טער בויגן פאַפיר, אַ

אויסגעריסענער פון אַ שול-העפט, אַ באַשריבענער דורך קאָשע-וואָיס האַנט.

און אין עטלעכע שעה אַרום זענען שוין אין מאַכאָווס גרויסן הויף, אונטער דער אויפזיכט פון די מיליציאָנערן, אויף די דעמבענע קלעצער געזעסן די אַרעסטירטע קאָזאַקן. זיי האָבן גע-וואַרט אויף די היימישע, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען דאָס עסן מיטצוגעבן אין וועג אַריין, און אויפן שליטן פאַר די זאַכן. מיראָן גריגאָריעוויטש, אָנגעטון ווי צום טויט, בלויז אין נייעם, אין אַ געגאַרבט פעלצל, אין שיך און ריינע ווייסע זאָקן איבער די הויזן – איז געזעסן אין עק, לעבן אַלטן באָגאַטיריעוון און מאַטוויי קאַשולינען. אַוודעיטש ברעך האָט, אַ צעטראָגענער, זיך געדרייט איבערן הויף, דאָ אָן אַ ציל אַריינגעקוקט אין ברונעם, דאָ אויפגעהויבן עפעס אַ שפענדל, און ווידער אַוועקגעגאַנגען פון ברונעם צום טירל, אַפּווישנדיק מיטן אַרבל דאָס אָנגעגאָסענע, ווי אָן עפּל רויטע, פּייכטע פּנים פון שווייס.

די איבעריקע זענען געזעסן שווייגנדיק. מיט געזונקענע קעפּ געצייכנט מיט די שטעקנס אין שניי. די ווייבער זענען פאַר-סאָפּעטע אַריינגעלאָפן אין הויף, געשטופּט די אַרעסטירטע אין די הענט אַריין פּעקלעך, טאַרבעס, זיך געשושקעט. די פאַרוויינטע לוקיניטשנאַ האָט פאַרקנעפּלט אויף איר אַלטן דאָס פעלצל, אַרומ-געבונדן אים דעם קאָלנער מיט אַ ווייס ווייבעריש טיכל, זיך גע-בעטן, קוקנדיק אים אין די פאַרלאָשענע אויגן אַריין, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אָנגעשיט מיט אַש.

— דו, גריגאָריעוויטש, האָב נישט קיין עגמת-נפש! וועסט זען, — דאָס וועט זיך נאָך פאַרענדיקן גוט. וואָס האָסטו זיך שוין אַזוי אָפּגעלאָזט? גאָ-אָ-אָט!... — אַ גרימאַסע פון געוויין האָט פלאַך צעצויגן איר מויל, נאָר זי האָט מיט אָנשטרענגונג פאַר-שנורעוועט די ליפּן און געשעפּטשעט: — איך וועל קומען דיך באַזוכן... שוואָמען דיר ברענגען, דו האָסט דאָך דאָס אַזוי ליב...

פון טויער האָט אַ געשריי געטון אַ מיליציאָנער:

— דער שליטן איז געקומען! אַרויפגעלייגט די טאָרבעס און געשפּאָרן זאָל ווערן! ווייבער, אַוועק אין דער זייט, ניטאָ דאָ וואָס מיט די אויגן צו גיסן!

לוקינישנאַ האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן אַ קוש געטון מיראָן גריגאָריעוויטשס געל-האָריקע האַנט, זיך אָפּגעריסן.

דער שליטן מיט די אָקסן האָט פּאַמעלעך זיך אַוועקגעגליטשט איבערן פּלאַץ צום דאָן.

זיבן מאַן אַרעסטירטע און צוויי מיליציאָנערן זענען נאָכגע-גאַנגען פון הינטן. אַוודעיטש איז געבליבן הינטערשטעליק, זיך פאַרבונדן אַ שוך, ווילעריש גענומען זיי דעריאָגן. מאַטוויי קאָשולין איז געגאַנגען לעבן זון. מיידאַניקאָוו און קאָראָ-ליעוו האָבן גייענדיק פאַררייכערט. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים קויש פון שליטן. און הינטער אַלע איז מיט אַ בכּבודיקן שווערן טריט געגאַנגען דער אַלטער באָגאַטיריעוו. דער קעגנאיבערדיקער ווינט האָט צעבלאָזן און פאַרטראָגן צוריק די שפּיצן פון זיין ווייסער פּאַטריאַרכאַלער באַרד, פאָכענדיק צום גע-זעגענען מיט די פראַנזן פון דער שאַל, וואָס איז אים פאַרוואָרפן געווען איבערן אַקסל.

דעם זעלבן כמורנעם פעברואַר-טאָג איז געשען עפּעס אומ-געוויינלעכס.

די לעצטע צייט איז מען אין כוטאָר געוווינט געוואָרן צו זען אָנקומען נייע מענטשן, וואָס דינען אין קרייז. קיינעם האָט נישט פאַראינטערעסירט דאָס באַווייזן זיך פון שליטן מיט די פּאָר פערד אויפן פּלאַץ, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ געפרוירענער, איינגעטוליעטער פּאַסאַזשיר לעבן קוטשער. דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי מאָכאָווס הויז. דער פּאַסאַזשיר איז אַראָפּגעגאַנגען. דאָס איז געווען אַ מענטש אַ באַיאָרטער, אַ נישט אייליקער אין די באַוועגונגען. ער האָט גלייך געמאַכט דעם זעלנערישן פּאַסעק אויף זיין לאַנגן קאַוואַלערישן שינעל, אונטערגעהויבן די אויער-לאַפּן פון רויטן קאָזאַקישן היטל, און צוהאַלטנדיק דאָס הילצערנע קעסטל פון מאַוזער, נישט אייליק אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנעק.

אין רעווקאָם זענען געווען איוואַן אַלעקסעיעוויטש און צוויי מיליציאָנערן. דער מענטש איז אַריינגעגאַנגען, נישט אָנקלאַפּנדיק, אויף דער שוועל זיך אַ גלעט געטון דאָס גרוילעכע בערדל, גע-זאָגט מיט אַ באַס:

— איך דאַרף דעם פּאָרזיצער.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט געקוקט אויפן אַריינגעקומע-נעם מיט אַ קיילעכיקן פויגלישן בליק, געוואָלט אויפשפּרינגען, נאָר נישט געקאָנט. ער האָט בלויז ווי אַ פיש געעפנט דאָס מויל און געקראַצט מיט די פינגער איבער די אָפּגעקראָכענע אָנלענען פון פאָ-טעל. דער געעלטערטער שטאָקמאַן האָט אַפּערגעקוקט אויף אים פון אונטערן אומגעלומפּערטן רויטן אויבערשלאַק פון קאָזאַקישן היטל; זיינע שמאָל-פאַרזשמורעטע אויגן האָבן נישט-דערקענענדיק גע-קוקט אויף איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, און פּלוצלינג האָבן זיי אַ צי-טער געטון, זיך צונויפגעלענט, העל געוואָרן. פון זייערע ווינק-לען האָבן זיך צעפּעכערט דינע קנייטשן צו די גרויע שלייפן. ער האָט אַ שפּרייז געטון צו איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, מיט זיכערקייט אים אַרומגענומען, געקושט און געזאָגט, באַרירנדיק מיט דער נאַ-סער באָרד זיין פּנים:

— איך האָב געוווּסט! אויב, טראַכט איך, ער איז געבלי-בן לעבן, וועט ער זיין פּאָרזיצער אין טאַטערישן!

— אָסיפּ דאַווידיטש, גיב אַ קלאַפּ!... גיב מיר אַ קלאַפּ, דעם הונטישן זון! איך גלייב נישט מיינע אויגן! — האָט איוואַן אַלעק-סעיעוויטש וויינענדיק אויסגעשריגן.

די טרערן האָבן אַזוי נישט געפּאַסט צו זיין מענעריש ברוין פּנים, אַז דער מיליציאָנער האָט זיך אַוועקגעדרייט.

— גלייב-זשע יאָ! — האָט שטאָקמאַן אַ זאָג געטון מיט אַ באַס, שמייכלענדיק און ווייך באַפרייענדיק זיינע הענט פון איוואַן אַלעקסעיעוויטשס הענט. — וואָס-זשע, עס איז גאָרנישטאָ ביי דיר אויף וואָס צו זיצן?

— זעץ דיך אויפן פאָטעל!... אָבער פונוואַנען האָסטו דיך דערנומען? רעד!

— איך בין מיטן פּאָליטאָפּטייל פון דער אַרמיי... איך זע, דו ווילסט בשום אופן נישט גלייבן, אַז איך בין טאַקע דער איי־גענער. עך! סאַראַ אויסטערלישער דו ביסט.

שטאָקמאַן האָט געשמייכלט, געקלאַפּט איוואַן אַלעקסעיע־וויטשן איבער דער קני און אָנגעהויבן שנעל דערציילן:

— דאָס אַלץ, ברידערקע, איז זייער פּשוט. נאָכדעם ווי מען האָט מיך צוגענומען פונדאַנען, האָט מען מיך פאַרמשפּט, נו, און די רעוואָלוציע האָט מיך געטראָפן אין פאַרשיקונג. האָב איך אָרגאַניזירט מיט אַ חבר אַ רויטע גוואַרדיע, זיך געשלאָגן מיט דוטאָוין און קאָלטשאַקן. אָ, ברודער, דאָרט זענען פאָרגעקומען פריילעכע זאַכן! אַצינד האָבן מיר אים פאַרטריבן איבערן אוּ־ראַל, — דו ווייסט דאָך, מסתמא? און אָט בין איך אויף אייער פראָנט. דער פּאָליטאָפּטייל פון דער אַכטער אַרמיי האָט מיך באַ־שטימט אויף אַרבעט אין אייער קרייז, ווי אַזעלכן, וואָס האָט אַמאָל דאָ געלעבט, אַ באַקאַנטן, אַזוי צו זאָגן, מיט די באַדינגונ־גען. בין איך געקומען קיין ווישענסק, זיך דורכגעשמועסט אין רעווקאָם און אין דער ערשטער רייע באַשלאָסן צו פאָרן אין טאַ־טעריש. לאָמיך, טראַכט איך, אַ ביסל לעבן ביי זיי, אַרבעטן, העלפן אָרגאַניזירן די זאַך, און דערנאָך וועל איך אַוועקפאָרן. ווי דו זעסט, — אַלטע פריינטשאַפט ראָסטעט נישט. נו, צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן, און אַצינד לאָמיר אַ שמועס טון וועגן דיר, וועגן דער לאַגע, וועסט מיך באַקענען מיט די מענטשן, מיט די אומשטענדן. אַ קעמערל איז דאָ אין כוטאָר? ווער געפינט זיך דאָ ביי דיר? ווער איז לעבן־געבליבן? נו, מילא, חברים... לאָזט אונז איבער אויף אַ שעה מיטן פאָרזיצער. פו, טייוול! איך בין אַריינגעפאָרן אין כוטאָר, האָט אַזוי אַן אָטעם געטון אויף מיר מיטן אַלטן... יאָ, עס זענען געווען צייטן, און אַצינד נאָך בעסע־רע... נו, דערצייל!

אין אַ דריי שעה אַרום האָבן מישקאַ קאָשעוואָי און איוואַן אַלעקסעיעוויטש געפירט שטאָקמאַנען אויף זיין אַלטער דירה, צו דער שיקלדיקער לוקעשקען. זיי האָבן געשפּאַנט איבערן ברוינעם

אויסגעבעטן וועג. מישקאַ האָט אַלע מאָל אָנגעכאַפּט שטאָקמאַנען ביים אַרבל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אָט וועט ער זיך אויסרייסן און פאַרשווינדן ווערן פון אויג, אָדער איינגיין ווי אַ שאָטן.

לוקעשקאַ האָט אָנגעקאָרמעט איר אַלטן קוואַרטיראַנט מיט באָרשטש, אפילו אַרויסגעגראַבלט פון אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין קוי־פערט אַ שטיקל צוקער, וואָס איז שוין געלעכערט געווען פון אַלטקייט.

נאָך דער טיי פון פאַרבריטע קערשן־בלעטער האָט שטאָק־מאַן זיך געלייגט פאַרן אויוון. ער האָט זיך צוגעהערט צום גע־פלאָנטערטן דערציילן פון ביידע, געשטעלט פראַגן, געביסן דעם מונדשטוק און ערשט פאַרטאָג אומבאַמערקט איינגעשלאָפן, אַראָפּ־לאָזנדיק דעם פאַפּיראָס אויף דער פלאַנעלענער ברודיקער בלוזע. איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט נאָך אַ צען מינוט ווייטער גערעדט, זיך משער געווען, אַז ער שלאָפט, ווען שטאָקמאַן האָט געענטפערט אויף אַ פראַגע מיט שנאָרכען, און אַרויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, רויט־ווערנדיק ביז טרערן און באַמיִענדיק זיך איינצוהאַלטן דאָס הוסטן, וואָס האָט אים געשטיקט.

— ס'איז דיר לייכטער געוואָרן? — האָט מישקאַ שטיל גע־פרעגט, ווי נאָר ער איז אַראָפּגעקומען פון גאַנעק.

אָלשאַנאָוו, וועלכער האָט באַגלייט די אַרעסטירטע קיין וויעשענסק, האָט זיך אומגעקערט אינמיטן דער נאַכט אויף אַ שליטן, וואָס איז גראָד געפאָרן צוריק. ער האָט לאַנג געקלאַפּט אין פענסטער פון אַלקערל, ווו איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז גע־שלאָפן. ער האָט אים אויפגעוועקט.

— וואָס ווילסטו? — איז איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַרויסגע־קומען, אַן אָנגעדראָלענער פון שלאָף. — נאָכוואָס ביסטו געקומען? האָסט עפּעס אַ פּאַקעט?

אָלשאַנאָוו האָט אַ דריי געטון די בייטש אין דער האַנט.

די קאָזאַקן האָט מען דערשאָסן.

— זאָגסט ליגנט, שלאַנג!

— ווי נאָר מיר האָבן זיי געבּרענגט — האָט מען זיי גלייך גענומען אויפן פאַרהער, און איידער ס'איז נאָך טונקל געוואָרן, אַוועקגעפירט צווישן די סאָסנעס... איך האָב אַליין געזען!

נישט אַרײַנטערעפנדיק מיט די פיס אין די ווילאָקעס, האָט איוואַן אַלעקסיעוויטש זיך אָנגעטון און אַוועקגעלאָפן צו שטאָקמאַנען.

— יענע, וועלכע מיר האָבן היינט אַוועקגעשיקט — האָט מען דערשאָסן אין ווישקי! איך האָב געמיינט, מען וועט זיי געבן תּפיסה, אָבער אַזוי... אַזוי וועלן מיר דאָ גאָרנישט אויפטון! דאָס פאָלק וועט אונז ווייכן, אַסיפּ דאַווידיטש!... דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג! נאָכוואָס האָט מען געדאַרפט אומברענגען דירעקטע מענטשן? וואָס וועט אַצינד זיין?

ער האָט זיך געריכט, אַז אויך שטאָקמאַן וועט זיין פּונקט אַזוי אויפגערעגט פון דער געשעעניש, ווי ער, זיך שרעקן פאַר די פאָלגן, אָבער יענער האָט געלאָסן אָנגעטון די בלוזע, אויסגעגלייכט דעם קאָפּ און אַ בעט געטון:

— שריי נאָר נישט, וועסט נאָך די באַלעבאָסטע אויפוועקן...

ער האָט זיך אָנגעטון, פאַררייכערט. געבעטן נאָכאַמאָל צו דערציילן אים די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דעם אַרעסט פון די זיבן, דערנאָך מיט קילער גלייכגילטיקייט געזאָגט:

— דו מוזסט דיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אין זין אַריין, פעסט דיר נעמען אין זין אַריין אָט וואָס! דער פראָנט געפינט זיך הונדערט און פופציק ווי'אָרסט פון אונז. דער רוב מנין פון קאָזאַקנטום איז געשטימט פייַנטלעך צו אונז. און דאָס איז דערפאַר, וואָס די קולאַקעס אייערע, די אַטאַמאַנעס און איבעריקע שפּיצן, געניסן ביים אַרבעטנדיקן קאָזאַקנטום פון אַ גרויסן אָנזען, זיי האָבן וואָג, אַזוי צו זאָגן. פאַרוואָס? נו, דאָס דאַרף דאָך דיר אויך זיין באַקאַנט. די קאָזאַקן — זענען אַ באַזונדערער שטאַנד, אַ מיליטערישער. די ליבע צו ראַנגעס, צו די „פאָטערס-קאָמאַנדירן" איז איינגעאימפּט געוואָרן דורכן צאַרנטום... ווי אַזוי ווערט

דאָרט געזונגען אין מיליטערישן ליד? „וווהין די פּאָטערס-קאָמאַנדירן וועלן אונז באַפעלן, אַהין וועלן מיר גיין — ברעכן, שטעכן, שלאָגן". אַזוי, דאַכט זיך? זעסטו שוין! און אָט די דאָזיקע פּאָטערס-קאָמאַנדירן... האָבן באַפוילן שטרייקנדיקע אַרבעטער פּונאַנדערצוטרייבן... די קאָזאַקן האָט מען דריי הונדערט יאָר פאַרדרייט די קעפּ. נישט ווייניק! זעסטו שוין! און דער חילוק צווישן אַ קולאַק, לאָמיר זאָגן, פון דער ריאַזאַנער גובערניע און אַ דאָנער קאָזאַקישן קולאַק, איז זייער גרויס! אַ ריאַזאַנער קולאַק מען האָט אים איינגעצוימט, — צישעט ער בלויז אויף דער סאָוויעטישער מאַכט, ער קאָן גאָרנישט אויפטון, איז געפערלעך בלויז פון הינטער אַ ווינקל אַפער. און אַ דאָנער קולאַק? דאָס איז אַ באַוואָפנטער קולאַק. דאָס איז אַ געפערלעכע און גיפטיקע שלאַנג! ער איז שטאַרק. ער וועט נישט בלויז צישען, פאַרשפּרייטן שענדלעכע קלאַנגען וועגן אונז, אָנרעדן רכילות, ווי קאָרשונאָוו און די איבעריקע האָבן דאָס, לויט דיינע רייד, געטון, נאָר וועט אויך פּרווון אָפן אַרויסטרעטן קעגן אונז. נו, פאַרשטייט זיך! ער וועט נעמען אַ ביקס און אונז שלאָגן. דיך וועט ער שלאָגן! און זיך באַמיִען מיטצושלעפּן אויך די איבעריקע קאָזאַקן, דעם וויניק-פאַרמעגלעכן, אַזוי צו זאָגן, און אפילו דעם אָרימען. מיט זייערע הענט וועט ער זיך באַמיִען אונז צו שלאָגן! וואָס-זשע איז דאָ צו רעדן? געכאַפּט געוואָרן ביי דער אַרבעט קעגן אונז? גענוג! קורץ און שאַרף — צו דער וואַנט! און דאָ איז נישטאָ קיין ספק צו באַדויערן: — ער איז כלומרשט אַ גוטער מענטש געווען...

— איך באַדויער גאָרנישט, וואָס פאַלט דיר איין! — איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — איך האָב בלויז מורא, די איבעריקע זאָלן זיך נישט פון אונז אָפּרוקן.

שטאָקמאַן, וועלכער האָט ביז אַצינד מיט כלומרשטער רויִקייט זיך געריבן מיט דער האַנט די ברוסט, וואָס איז באַדעקט געווען מיט גרוילעכע הערעלעך, האָט זיך אָנגעצונדן, פעסט אָנגעכאַפּט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן ביים קאָלנער פון דער בלוזע און, צוציִענ-

דיק אים צו זיך, שוין נישט גערעדט, נאָר געכריפּעט, שטיקנדיק זיך פון הוסט:

— זיי וועלן זיך נישט אָפּרוקן, אויב מיר וועלן זיי איבער־געבן אונזער קלאַסן־אמת! דער וועג פון די אַרבעטנדיקע קאָזאַקן איז נאָר מיט אונז און נישט מיטן קאָזאַקנטום! אַך, דו! די קו־לאַקעס לעבן דאָך פון זייער אַרבעט! טאַקע נאָר פון זייער אַר־בעט! לעבן און פּאַשען זיך!... עך דו, שלימזל איינער! ביסט דאָך גאָר צעשרויפט געוואָרן! פאַרדומפּן געוואָרן... איך וועל מיך נעמען צו דיר! אַזאַ גולם! אַן אַרבעטער־בחור, און רעדט ווי אַן אינטעליגענט... ווי עפּעס אַ פּאַרשיווע סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערל! געדענק, איוואַן!

ער האָט זיך אַרויסגעמאַכט דעם קאָלנער פון דער בלוזע, לייכט געשמייכלט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, און נאָכדעם ווי ער האָט פאַררייכערט און פאַרצויגן, האָט ער שוין רויִקער פאַרענדיקט:

— אויב מיר וועלן פון קרייז נישט אויסרוימען די מער אַק־טיווע שונאים, — וועט זיין אַן אויפשטאַנד. אויב מיר וועלן זיי אין דער געהעריקער צייט איזאָלירן, — וועט אפשר קיין אויפ־שטאַנד נישט זיין. צוליב דעם איז נישט אומבאַדינגט נייטיק אַלע צו דערשיסן. פאַרניכטן דאַרף מען בלויז די קאַרפּן־קעפּ. און די איבעריקע — נו, כאָטש אַוועקשיקן קיין טיף־רוסלאַנד. נאָר בכלל איז מיט שונאים נישטאָ וואָס זיך צו צערעמאָניען! „אַ רעוואָלו־ציע מאַכט מען נישט אין קיין הענטשקעס", — האָט לענין גע־זאָגט. צי איז נייטיק געווען אין געגעבענעם מאָמענט צו דערשיסן דידאָזיקע מענטשן? איך מיין, אַז יאָ! אפשר נישט אַלע, אָבער קאָרשונאָוון, למשל, איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן! דאָס איזק לאָר! אָט האָט מעליעכאָוו זיך אַרויסגעגליטשט, כאָטש צייטווייליק. אים וואָלט מען אומבאַדינגט געדאַרפט אַ נעם טון אין דער אַר־בעט אַריין! ער איז געפערלעכער פון אַלע איבעריקע, צוזאַמענ־גענומען. דאָס נעם דיר גוט אין זינען אַריין. יענער שמועס, וועלכן ער האָט געפירט מיט דיר אין אויספיר־קאָמיטעט — איז אַ שמועס פון אַ מאָרגנדיקן שונא. בכלל איז דאָ נישטאָ וואָס זיך

צום האַרץ צו נעמען. אויף די פּראָנטן קומען אום די בעסטע זין פון אַרבעטער־קלאַס. זיי קומען אום אין די טויזנטער! אויף זיי וויטיקן מיר, און נישט אויף די, ווער עס דערהרגעט זיי אָדער וואַרט אויף אַ געלעגנהייט זיי צו באַפאַלן אין רוקן. אָדער זיי אונז, אָדער מיר זיי! קיין אַנדערער אויסוועג איז נישט פאַרהאַן. אַזוי, אַזוי, טייערער אַלעקסיעוויטש!...

XXIII

פּיעטראָ האָט נאָר־וואָס געגעבן עסן די בהמות און אַריינגעגאַנגען אין שטוב, אַרויסקלויבנדיק די שטעכעדיקע שטרויעלעך פון אַרבל, ווי עס האָט אַ גרילץ געטון די קליאַמקע אין הויז

איינגעהילט אין אַ שוואַרצער דיקער פאַטשיילע, — האָט לוקיניטשנאַ אַריבערגעטרעטן די שוועל. זי איז מיט דראָבנע טריט, זיך נישט באַגריסנדיק, צוגעגאַנגען צו נאַטאַליען, וואָס איז געשטאַנען ביי דער קיך־באַנק, און אַ פאַל געטון פאַר איר אויף די קני.

— מאַמענקע! טייערינקע! וואָס איז דיר?! — האָט נאַטאַליאַ אויסגעשריגן נישט מיט איר קול, באַמיִענדיק זיך אויפצוהייבן דעם שווער־געוואָרענעם קערפּער פון דער מוטער.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט לוקיניטשנאַ אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן ליימענעם דיל און זיך צעשריגן מיט אַ געבראָכן לוויה־קול:

— און טיי־ע־ע־רער דו מיי־נע־ער! און אויף וועמען האָסטו אונז איבערגעלאָ־אָ־אָזט!...

די ווייבער האָבן אַלע אינאיינעם אַזוי אַרויסגעיאָמערט, די קינדער האָבן זיך אַזוי צעשריגן, אַז פּיעטראָ האָט אַ כאַפּ געטון דעם טיטון־בייטל פון אייוועלע און שנעל אַרויסגעלאָפן אין דרויסן אַריין. ער האָט זיך שוין משער געווען אין וואָס עס האַנדלט זיך. ער איז געשטאַנען אַ ווילע אויפן גאַנעק, גערייכערט. אין

שטוב איז ביסלעכווייז שטילער געוואָרן דאָס יאָמערן, און פּילנ־דיק אַ נישט אָנגענעמען שוידער אין רוקן, איז ער אַריינגעגאַנגען אין קיך. לוקיניטשנאַ האָט נישט אָוועקגענומען דאָס נאַסע טיכל פון פּנים און כּסדר געביטערט:

— מען האָט דערשאָסן אונזער מיראָן גריגאָריעוויטשן!... ער לעבט שוין נישט, אונזער אָדלער!... מיר זענען געבליבן יתומים!... אונז וועלן אַצינד אפילו די הינער צעפּיקן!... — און זי האָט זיך ווידער צעיאָמערט: — זיינע אויגן האָבן זיך פאַר־מאַכט!... ער וועט שוין מער די ליכטיקע שיין נישט זע־ען!...

דאַריאַ האָט געגעבן דער פאַרחלשטער נאַטאַליען וואַסער אין מויל אַריין. איליניטשנאַ האָט איר געטרוקנט די באַקן מיטן פאַרטוך. פון אַלקער, וווּ ס'איז געלעגן דער קראַנקער פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, האָט זיך געהערט אַ הוסטן און גרילצנדיק קרעכצן.

— ווי גאָט איז דיר ליב, שוואָגער! ווי גאָט איז דיר ליב, האַרצינקער, פאַר־צו קיין וויעשקי און ברענג אים מיר כאָטש אַ טויטן! — לוקיניטשנאַ האָט אָנגעכאַפּט פּיאָטראָן ביי די הענט, אומזיניק זיי צוגעדריקט צו דער ברוסט. — ברענג אים... אַך, קע־ניגן, דערבאַרמדיקע: אָך, איך וויל נישט, ער זאָל דאָרט פאַרפוילט ווערן און נישט צו קבורה קומען!

— וואָס טוט זיך מיט דיר, וואָס טוט זיך מיט דיר, מחותּנת־טע! — האָט פּיעטראָ פון איר אָפּגעטרעטן, ווי פון אַ פאַרטשו־מעטער. — אַ קלייניקייט — אים אַרויסנעמען?! מיין לעבן איז מיר אויך טייער! און ווו וועל איך אים דאָרט געפינען?

— זאָג נישט אָפּ, פּיעטיושקאַ! ווי גאָט איז דיר ליב! ווי גאָט איז דיר ליב!

פּיעטראָ האָט כּסדר געקייעט די וואָנסעס און ענדלעך מסכּים געווען. ער האָט באַשלאָסן אַריינצופאָרן קיין וויעשענסק צו אַ באַקאַנטן קאָזאַק און מיט זיין הילף פּרווון אויפזוכן דעם טויטן קערפּער פון מיראָן גריגאָריעוויטשן. אַרויסגעפאָרן איז ער מיט דער נאַכט צוגלייך. אין די פענסטער פון כוטאָר האָט שוין

געברענט פייער און אין יעדער כאַטע האָט געקלונגען דאָס נייעס: „מען האָט דערשאָסן די קאָזאַקן!"

אָפּגעשטעלט האָט זיך פּיעטראָ לעבן דער נייער צערקווע ביים פּאָטערס אַ חבר פון פּאָלק, געבעטן אים העלפן אויפגראָבן דעם טויטן קערפּער פון מחותן. יענער האָט גערן מסכּים געווען.

— קום. איך ווייס ווו דאָס אָרט געפינט זיך. און מען באַגראָבט נישט טיף. נאָר ווי אַזוי וועסטו אים דערקענען? ער איז דאָך דאָרט נישט איינער. נעכטן האָט מען דערשאָסן צוועלף תּליִנים, וואָס האָבן פאַרמשפּט אונזערע ביי דער קאָדעטישער מאַכט. אָבער — געדענק! דערנאָך שטעלסטו אַ פערטעלע סאַמאָגאָן! גוט?

אינמיטן נאַכט האָבן זיי גענומען לאָפּעטעס, די האַנטכלים צום אויסאַרבעטן קיזעקלעך, אַ טראָג־ברעט און אַוועקגעגאַנגען אין דער זייט פון דער סטאַניצע איבערן בית־עולם צו די סאָסנעס, ווו מען פלעגט אויספירן די טויט־שטראָפן. עס האָט אָנגעהויבן פּרושען אַ שנייעלע. די נאָדל־צווייגלעך, באַדעקטע מיט טוי־פראָסט, האָבן געקנאַקט אונטער די פיס. פּיעטראָ האָט זיך צוגעהערט צו יעדן קלאַנג און געשאָלטן אין האַרץ זיין נסיעה, לויקיניטשנען און אפילו דעם טויטן מחותן. ביים ערשטן קוואַרטאַל פון יונגן סאָסנע־וועלדל, הינטערן הויכן זאַמדיקן וואַל איז דער קאָזאַק שטיין געבליבן.

— דאָ ערגעץ, נאָענט...

זיי זענען אָפּגעגאַנגען נאָך אַ הונדערט טריט. אַ באַנדע סטאַניצע־הינט האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן אַנטלויפן פאַר זיי מיט אַ וואָיענדיק געבילערײ. פּיעטראָ האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס טראָג־ברעט, הייזעריק אַ שושקע געטון:

— קום צוריק! כאַפּט אים דער... איז דען נישט איין טייוול ווו ער וועט ליגן? אָך, איך האָב מיך אַריינגעדרייט... זי האָט מיך איבערגערעדט, דער שד!

— וואָס־זשע האָסטו דיך דערשראָקן? קום! — האָט דער קאָזאַק געלאַכט.

זיי זענען צוגעגאַנגען. אַרום אַ ברייטן אַלסן נאָדל-קוסט איז דער שניי געווען האַרט איינגעטרעטן, אויסגעמישט מיט זאַמד. פון אים זענען ווי שטראַלן זיך צעלאָפן שפּורן פון מענטשלעכע און הינטישע טריט...

פּיעטראָ האָט דערקענט מיראָן גריגאָריעוויטשן, לויט דער געלער באָרד. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם מחותן ביים פּאַסעק, אַרויפגעלייגט זיין קערפּער אויפן טראָג-ברעט. דער קאָזאַק האָט הוסטנדיק פאַרשיט דעם גרוב; אָננעמענדיק די האַנטאַפּעס פון טראָג-ברעט, האָט ער אומצופרידן געבורטשעט:

— מען האָט געדאַרפט צופאָרן מיט אַ שליטן צו די סאַפּ-נעס. מיר זענען שוין איינמאָל שוטים! ער וועגט דאָך אַזש-גוטע פינף פוד. און אין שניי איז שווער צו גיין.

פּיעטראָ האָט צערוקט די פיס פון טויטן, וואָס זענען שוין זייערס אָפּגעגאַנגען, און אָנגענומען ביי די האַנטאַפּעס.

ביז גרויען אויף טאָג האָט ער געשיכורט ביים קאָזאַק אין דער כאַטע. מיראָן גריגאָריעוויטש האָט געוואַרט אויפן שליטן, איינגעוויקלט אין אַ פּלאַכטע. דאָס פערד האָט פּיעטראָ שיכורע-הייט אָנגעבונדן ביים זעלבן שליטן, און עס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט אַן אויסגעשטרעקטן קאָפּ אויף דער לייץ, שנאָרכענדיק און דרייענדיק מיט די אויערן. צום היי האָט עס אפילו זיך נישט צוגערירט, פילנדיק אַ טויטן.

ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז פּיעטראָ שוין געווען אין כוטאָר. ער איז געפאָרן מיט דער לאָנקע, טרייבנדיק אַ אָטעם. פון הינטן האָט מיראָן גריגאָריעוויטשס קאָפּ אונטערגע-טאַנצט אויף די ברעטער פון שליטן. פּיעטראָ האָט אַ צוויי מאָל זיך געשטעלט, אים אונטערגעלייגט היי אונטערן קאָפּ. ער איז פאַרפאָרן מיטן מחותן גלייך אַהיים. דעם טויטן באַלעבאָס האָט געעפנט דאָס טויער די געליבטע טאָכטער גריפּאַשקאַ און אָפּגע-שפּרונגען פון שליטן אין אַ באַרג שניי אַריין אין דער זייט. פּיעטראָ האָט אַריינגעטראָגן דעם מחותן אין דער גרויסער קיך,

ווי אַ זאַק מעל אויף די פּלייצעס, פאַרזיכטיק אים אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש, וואָס איז שוין פון פריער אויסגעשפּרייט געווען מיט אַ שטיק לייוונט. לוקיניטשנאַ האָט שוין געהאַט אויסגעוויינט אַלע טרערן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביים מאַנס פיס, וואָס זענען געווען אָנגעטון אין ווייסע טויטן־זאָקן, אַ הייזעריקע, אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ.

— איך האָב געמיינט, דו וועסט אַריינקומען אויף דיינע אייגענע פיס, באַלעבאָס אונזערער, צום סוף האָט מען דיך אַריינגעטראָגן, — האָט זיך קוים געהערט איר שלוכצנדיק שעפּטשען, וואָס איז ענלעך געווען צו ווילד געלעכטער.

פּיעטראָ האָט אַרויסגעפירט פון אַלקער דעם זיידן גרישאַקאַ אונטער דער האַנט. דער זקן האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, ווי דער דיל וואָלט זיך געוויגט אונטער אים. אָבער צום טיש איז ער צוגעגאַנגען גלייך, זיך געשטעלט צוקאָפּנס.

— נו, וואָס מאַכסטו, מיראָן! אָט ביי וואָסערע אומשטענדן, זון, ס'איז אויסגעקומען זיך צו זען... — ער האָט זיך איבערגעצלמט, אַ קוש געטון דעם קאַלטן, מיט ליים אויסגעשמירטן שטערן. — מיראָנושקאַ, באַלד וועל איך שוין אויך... — זיין קול איז זיך פאַרגאַנגען אין יעמערלעכן געשלוכץ. ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך נישט אַרויסצוכאַפּן מיט עפּעס אַ שלעכט וואָרט, האָט דער זיידע גרישאַקאַ בגנבה, גאָרנישט מיט קיין זקנישער באַוועגונג, צוגעטראָגן די האַנט צום מויל און אַ פאַל געטון אויפן טיש.

אַ כפּאַזמע האָט מיט וועלפישער קראַפט אָנגעכאַפּט פּיעטראָן ביים האַלז. ער איז שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, צום פערד, וואָס איז אָנגעבונדן געווען ביים גאַנעק.

XXVI

פון די טיפע, שטילע אפגרונטן ווארפט זיך דער דאן אויף די פלאכע ערטער. קרייזלענדיק טראגט זיך דארט דער שטראם. דער דאן צעגיסט זיינע וואסערן אין דער ברייט. אויפן זאמדיקן הארטן גרונט פאשען זיך סטאדעס שווארץ-בייכיקע פיש; ביינאכט קומט אין די פלאכע ערטער דער סטערלעט, עס דרייט זיך אין גרינעם שליים ביי די ברעגן דער קארפ; די פלאטקעס און סולן יאגן זיך נאך די ווייסע פיש; דער סום גראבט זיך אין די מושלעס; טיילמאל שפריצט ער ארויס א גרינעם שטרייף וואסער, באווייזט זיך אין דער פולער לבנה, באוועגנדיק מיטן גאלדיק-גלאנציקן ווייגדל און גייט ווידער אוועק צערודערן מיטן ברייטן וואנסיקן קאפ די עיכטן מושלעס, כדי פארטאג צו בלייבן פארגליווערט ערגעץ אין האלב-דרימל צווישן שווארצע ארומגעגעסענע ווארצלען.

נאר דארט, ווו דאס טייך-בעט איז שמאל, בייסט דער געפאנגענער דאן אויס טיפע לעכער אין די ברעגן און טרייבט האסטיק מיט פארשטיקטן געברום די שוים-באדעקטע ווייס-גריוויקע כוואליעס. נאך די שארף-ארויסגערוקטע שפיצן פון די ברעגן שאפט דער שטראם קעסל-גריבער. דאס וואסער דרייט זיך אין זיי מיט אזא פארכישופטער האסטיקייט, אז – כאטש קוק, און וועסט דיך קיינמאל זאט נישט אנקוקן.

פון דער פלאכקייט פון די רויִקע טעג האט דאס לעבן זיך אראפגעווארפן אין אפגרונט. עס איז אויפגעקאכט געווארן דער קרייז פון די אייבערשטע ברעגן דאן. עס האבן זיך צונויפגעטראפן צוויי שטראמען, די קאזאקן האבן זיך פונאנדערגעשפרייט און דאס וואסער-ראד האט זיך גענומען טראגן און ווירבלען. די די יונגע און ארימע – האבן זיך ארויסגעדרייט, געענטפערט מיט שווייגן, אלץ נאך געווארט אויף פרידלעכקייט פון דער סאוועטי-

שער מאַכט, און די אַלטע זענען געגאַנגען אין אָנגריף. שוין אָפן גערעדט, אַז די רויטע ווילן דאָס גאַנצע קאָזאַקנטום אויסראָטן.

אין טאָטערישן כוטאָר האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש צונויפגערופן אויפן נײַנצעטן פעברואַר אַ פאַרזאַמלונג. דאָס מאָל איז זיך צונויפגעקומען זייער אַ גרויסער עולם. אפשר דערפאַר, וואָס שטאָקמאַן האָט פאַרגעלייגט דעם רעוועקאָם אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פונאַנדערצוטיילן די אָרימע באַלעבאַטים דאָס פאַרמעגן, וואָס איז געבליבן נאָך די סוחרים, וואָס זענען אַנטלאָפן מיט די ווייסע. פאַר דער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער אינצידענט מיט איינעם פון די קרייז-באַאַמטע. ער איז געקומען פון וויעשענסק מיט פולמאַכטן צוצונעמען דאָס קאָנפיסקירטע אָנטון. שטאָקמאַן האָט אים אויפגעקלערט, אַז דער רעוועקאָם קאָן אַצינד נישט איבערגעבן דאָס אָנטון, ווייל ערשט נעכטן זענען פאַר אַ טראַנספּאָרט פאַרוואונדעטע און קראַנקע רויטאַרמייער אַרויסגעגעבן געוואָרן עטלעכע דרייסיק וואַרעמע מלבושים. דאָס געקומענע יונגע בחורל איז אָנגעפאַלן אויף שטאָקמאַנען מיט יעלות:

— ווער האָט דיר דערלויבט אַוועקצוגעבן דאָס קאָנפיסקירטע אָנטון?

— מיר פרעגן נישט קיין דערלויבעניש ביי קיינעם.

— אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו געהאַט צו צערויבן דאָס פאַרמעגן פון פאָלק?

— דו שריי נישט, חבר, און רעד נישט קיין נאַרישקייט. קיינער האָט גאָרנישט צערויבט. די פעלצן האָבן מיר אַרויסגעגעבן די פּורמאַנעס, נאָכן באַקומען אַ צעטל מיט אַן אונטערשריפט, אַז נאָכן צושטעלן די רויטאַרמייער צום פאָלגענדן עטאַפּן-פּונקט, וועלן זיי דאָס אַרויסגעגעבענע אָנטון אָפּברענגען צוריק. די רויטאַרמייער זענען געווען האַלב-נאַקעט, און אַוועקשיקן זיי אין די בלויזע שינעלן, האָט געהייסן — שיקן זיי אויף אַ זיכערן טויט. ווי אַזוי-זשע האָב איך געקאָנט נישט אַרויסגעבן? מכל-שכן, ווען דאָס אָנטון איז געלעגן אין קאַמער אָן נוצן?

ער האָט גערעדט מיט איינגעהאַלטענער אויפרעגונג, און

דער שמועס װאָלט זיך אפשר פאַרענדיקט פרידלעך, נאָר דאָס בחורל האָט זיך אָנגענומען מיט ירגזון און געמאָלדן אַנטשלאָסן:

— װער ביסטו דאָס פאַר איינער, דער פאָרזיצער פון רעװ־קאָם? איך אַרעסטיר דיך! גיב איבער די אָנפירונג דעם פאַר־טרעטער! איך שיק דיך שוין אַװעק קיין װיעשענסק. דו האָסט דאָ אפשר אַ האַלב פאַרמעגן צעגנבעט, און איך...

— דו ביסט אַ קאָמוניסט? — האָט שטאָקמאַן געפרעגט אַ טויט־בלייכער, שיקלענדיק מיט די אויגן.

— נישט דיין עסק! מיליציאָנער! נעם אים און שטעל אים שוין צו קיין װיעשענסק! װעסט אים איבערגעבן דער קרייז־מי־מיליציע און נעמען אַ באַשטעטיקונג.

דאָס בחורל האָט אָפּגעמאָסטן שטאָקמאַנען מיט אַ בליק.

— און דאַרט װעלן מיר זיך שוין מיט דיר אויסשמועסן. דו װעסט ביי מיר אונטערטאַנצן פאַר אַזאַ הפקרות!

— חבר! װאָס ביסטו — משוגע געװאָרן? דו װייסט...

— קיין שום טענות! שװייגן!

איװאַן אַלעקסעיעװיטש, װאָס האָט נישט באַװיזן אין דעם אינצידענט אַריינצוװאַרפן אפילו קיין װאָרט, האָט דערזען, װי שטאָקמאַן האָט מיט אַ געלאַסענער שרעקלעכער באַװעגונג זיך אַ צי געטון צום מאַוזער, װאָס איז געהאָנגען אויף דער װאַנט. אַ שרעק האָט אויפגעבליצט אין בחורלס אויגן. מיט איבעראַשנדי־קער שנעלקייט האָט ער געעפנט די טיר הינטער זיך, פאַלנדיק איבערגעצײלט מיטן רוקן אַלע טרעפּלעך פון גאַנעק, זיך אַריינ־געװאָרפן אין שליטן, און כל־זמן ער איז נישט דורכגעפאָרן דעם גאַנצן פלאַץ, האָט ער כּסדר געשטורכעט דעם פורמאַן אין רוקן און זיך אומגעקוקט, אַפּנים מורא האָבנדיק, מען זאָל אים נישט נאָכיאָגן.

אין רעװקאָם האָבן די פענסטער געציטערט פון געלעכ־טער. דער לאַכעדיקער דאַװידקאַ האָט קאָנװולסיװ זיך געקייקלט איבערן דיל. נאָר ביי שטאָקמאַנען האָט נאָך לאַנג נערװעז גע־ציקט אַ ברעם און די אויגן האָבן געשיקלט.

— דאָס הייסט אַן אויסװורף! דאָס הייסט אַ נבלה! — האָט

ער איבערגעחזרט, פֿאַרדרייענדיק מיט ציטערדיקע פֿינגער אַ זאַפּיראָס.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט קאָשעוואָיען און איוואַן אַלעקסעיעוויטשן. דער מיידאַן איז געפּאַקט. ביי איוואַן אַלעקסעיעוויטשן האָט אפילו דאָס האַרץ אומהיימלעך אַ פּיק געטון: „עפּעס האָבן זיי זיך נישט בחינם פֿאַרזאַמלט... דער גאַנצער כוטאָר איז אויפֿן מיידאַן". אָבער זיין חשד איז באַלד צעזייעט געוואָרן, ווי נאָר ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אַריינגעגאַנגען אינמיטן. די קאָזאַקן האָבן זיך גערן צערוקט. די פּנימער זענען געווען איינגעהאַלטענע, ביי טייל אפילו מיט אַ פֿריילעכן גלאַנץ אין די אויגן. שטאָקמאַן האָט באַטראַכט די קאָזאַקן. אים האָט זיך געגלוסט אויסצולאָדענען די אַטמאָספֿער, אַרויסרופֿן דעם עולם אויף אַ שמועס. ער האָט אויך, ווי איוואַן אַלעקסעיעוויטש, אויסגעטון זיין רויט היטל און הויך אָנגעהויבן רעדן:

— חברים קאָזאַקן! עס זענען אַריבער שוין אַנדערהאַלבן חדשים, זינט די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיך איינגעשטעלט ביי אייך. אָבער ביז איצט באַמערקן מיר, דאָס הייסט, דער רעווקאָם, עפּעס אַ מין אומצוטרוי צו אונז, אפילו אַ פֿיינטלעכקייט. איר קומט נישט אויף די פֿאַרזאַמלונגען, צווישן אייך טראָגן זיך אַרום פֿאַרשידענע קלאַנגען, אומגעלומפּערטע קלאַנגען וועגן מאַסן-דערשיסונגען, וועגן פֿאַרפֿאָלגונגען, וואָס די סאָוויעטישע מאַכט וועט טאָן לגבי אייך. ס'איז צייט, מיר זאָלן זיך דורכשמועסן, ווי מען זאָגט, אינטים, ס'איז צייט, מיר זאָלן זיך דערנענטערן! איר אַליין האָט אויסגעקליבן אייער רעווקאָם. קאָטליאַראָוו און קאָשעוואָי — זענען קאָזאַקן פֿון אייער כוטאָר, און צווישן אייך קאָנען נישט פֿאָרקומען קיין מיספֿאַרשטענדענישן. קודם-כּל קלער איך אויף אַנטשלאָסן, אַז די קלאַנגען, וואָס ווערן פֿאַרשפּרייט דורך אייערע שונאים וועגן מאַסן-דערשיסונגען פֿון קאָזאַקן — זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי רכילות. דער ציל פֿון די, וואָס פֿאַרשפּרייטן דידאָזיקע רכילות — איז קלאָר: אַריינברענגען אַ רוגז צווישן די קאָזאַקן

און דער סאָוויעטישער מאַכט, ווידער אייך שטויסן צו די ווייסע.

— זאָגסט, אַז עס קומען נישט פאַר קיין דערשיסונגען ? און ווו האָט מען אַהינגעטון אונזערע זיבן ? — האָט מען אויסגעשריגן פון די הינטערשטע רייען.

— איך זאָג נישט, חברים, אַז עס קומען נישט פאָר קיין דערשיסונגען. מיר האָבן דערשאָסן און וועלן דערשיסן די שונאים פון דער סאָוויעטישער מאַכט, די אַלע, וואָס וועלן אונז פּרווון אָנוואַרפן די מאַכט פון די גוטבאַזיצער. נישט צוליב דעם האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַר, פאַרענדיקט די מלחמה מיט דייטש־לאַנד, פריי געמאַכט דאָס פאָלק פון קנעכטשאַפט. וואָס האָט אייך געגעבן די מלחמה מיט דייטשלאַנד? טויזנטער דערהרגעטע קאָ־זאַקן, יתומים, אלמנות, חורבן...

— ריכטיק !

— דאָס זאָגסטו אמת !

— ...מיר — זענען דערפאַר, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין מלחמות, — האָט שטאָקמאַן ווייטער גערעדט. — מיר זענען פאַר דער פאַרברידערונג פון די פעלקער ! און ביי דער צאַרישער מאַכט זענען מיט דער הילף פון אייערע הענט איינגענומען געוואָרן לענדער פאַר די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן, כּדי די זעלבע גוטבאַזיצער און פאַבריקאַנטן זאָלן רייך ווערן. אָט האָט איר דאָ ביי אייך אונטער דער האַנט געהאַט דעם גוטבאַזיצער ליסטניצקי. זיין זיידע האָט באַקומען פאַר באַטייליקן זיך אין דער מלחמה פון אַכטהונדערט צוועלפטן יאָר פיר טויזנט דיעסאַטין ערד. און וואָס האָבן אייערע זיידעס באַקומען ? זיי האָבן די קעפּ געלייגט אויף דער דייטשישער ערד ! זיי האָבן זי מיט זייער בלוט באַגאָסן !

דער מיידאַן האָט זיך צעהודזשעט. דאָס גערויש האָט זיך בּיסלעכווייז איינגעשטילט און דערנאָך מיטאַמאָל אַרויסגעבראָמט :

— רי־י־כטיק !...

שטאָקמאַן האָט זיך געטרוקנט מיטן היטל דעם שווייס אויפן פּליכיקן קאָפּ, זיך אָנגענומען מיט כּוח און אויסגעשריגן :

— ווער עס וועט אויפהייבן אַ באַוואָפנטע האַנט אויף דער מאַכט פון די אַרבעטער און פויערים, דעם וועלן מיר פאַרניכטן! די קאָזאַקן פון אייער כוטאָר, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן לויטן אורטייל פון רעוואָלוציאָנעריבונאַל, זענען געווען אייערע שונאים. איר אַלע ווייסט דאָס. אָבער מיט אייך, אַרבעטנדיקע, מיט די, וואָס סימפּאַטיזירן מיט אונז, וועלן מיר גיין צוזאַמען, ווי אָקסן ביים אַקערן, אַקסל ביי אַקסל. מיר וועלן צוזאַמען אַקערן די ערד פאַרן נייעם לעבן און זי קעמען, אַז דאָס גאַנצע אַלטע ווילד-גראָז, די שונאים אייערע, זאָלן אַרויסגעוואָרפן ווערן פון באָדן! זיי זאָלן נישט שלאָגן קיין נייע וואָרצלען! זיי זאָלן נישט דערשטיקן דעם וווּקס פון נייעם לעבן!

שטאָקמאַן האָט פאַרשטאַנען לויטן איינגעהאַלטענעם גערויש, לויט די אויפגעהייטערטע פּנימער, אַז ער האָט מיט זיין רעדע גערירט די קאָזאַקישע הערצער. ער האָט נישט קיין טעות געהאַט: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטימער שמועס.

— אָסיפּ דאַווידאָוויטש! מיר קענען דיך גוט, נאָך פון דער צייט, וואָס דו האָסט געלעבט ביי אונז, — דו ביסט אונז ווי אַן אייגענער. דערקלער-זשע אונז אָפן, אָן מורא, וואָס זי, די־דאָזיקע מאַכט אייערע, וויל פון אונז? מיר, פאַרשטייט זיך, זענען פאַר איר, די זין אונזערע האָבן די פראָנטן פאַרלאָזט, אָבער מיר — זענען אומוויסנדע מענטשן און קאָנען זי בשום אופן נישט תופס זיין...

לאַנג און אומפאַרשטענדלעך האָט גערעדט דער אַלטער גריאַזנאָוו, זיך געדרייט אויף איין אָרט, געוואָרפן מיט נישט דער־זאָגטע ווערטער, אפנים מורא געהאַט זיך מיט עפּעס נישט אַרויס־צוכאַפּן. דער איינהענטיקער אַליאָשקאַ שאַמיל האָט נישט אויסגע־האַלטן.

— מען מעג זאָגן?

— האַק! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש דערלויבט, אויפ־געגעגט פון דעם שמועס.

— חבר שטאָקמאַן, דו זאָג מיר פריער: צי מעג איך רעדן אַזוי ווי איך וויל?

— רעד.

— און איר וועט מיך נישט אַרעסטירן?

שטאָקמאַן האָט אַ שמייכל געטון און שווייגנדיק אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט.

— נאָר זע — זאָלסט נישט! בייז ווערן! איך וועל רעד, ראָס, וואָס איך פאַרשטיי: אַזוי ווי איך קען, וועל איך רעדן.

פון הינטן האָט אַליאָשקען געריסן ביים לײדיקן אַרבל פּ שטעקמען זיין ברודער מאַרטין און דערשראָקן געשעפּטשעט:

— הער אויף, גילם! הער אויף, רעד נישט, וועסט אַריינ פאַלן. זיי וועלן דיך אויפן ביכל נעמען, אַליאָשקאַ!

אָבער דער איינהענטיקער האָט אים נישט געהאָרכט, ציקנדיק מיט דער פאַרשענדטער באַק און מרוגענדיק מיט די אויגן, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מייראָן.

— הערן קאָזאַקן! איך וועל זאָגן, און איר טראָגט אַרוי אייער אורטייל, צי איך וועל רעדן ריכטיק אָדער אפשר זין פאַרבלאָנזשען. — ער האָט מיליטעריש זיך אַ קער געטון אויף די אָפּצאַסן, אויסגעדרייט צו שטאָקמאַנען, כיטרע אַ בלינצל געטון מיטן פאַרזשמורעטן אויג. — איך פאַרשטיי אַזוי: אויב רעדן — זאָל זיין גערעדט! אויב אַ שנייד טון, איז — ווי עס געהערט צו זיין! און איך וועל באַלד זאָגן, וואָס מיר אַלע קאָזאַקן טראַכטן און פאַרוואָס מיר האָבן אַ בייז האַרץ אויף די קאָמוניסטן... אָט האָסטו, חבר, דערציילט, אַז קעגן די קאָזאַקן — ערד-אַרבעטער — טרעט איר נישט אַרויס, קעגן די, וואָס זענען נישט אייערע שונאים. איר זענט קעגן די רייכע, כלומרשט פאַר די אָרימע. נו, זאָג-זשע, איז דאָס גערעכט געווען, וואָס איר האָט דערשאָסן אונזערע כוטאָר-לייט? וועגן קאָרשונאָוון וועל איך נישט רעדן, — ער איז געווען אַן אַטאַמאַן, דאָס גאַנצע לעבן אויפן פרעמדן האָרב געזעסן, אָבער אַוודעיִטש ברעכן פאַרוואָס? קאַשולין מאַטווייען? באָגאַטיריעוון? מײדאַניקאָוין? און קאָראָלעוון? זיי זענען געווען די זעלבע, וואָס מיר, אומוויסנדע

פראָסטע, נישט איבערגעשפּיצטע. מ׳האָט זיי געלערנט זיך אָני־האַלטן בײַ די האַנטאַבעס פון אַקער־אײַזן און נישט אין אַ ביכל אַרײַנקוקן. טייל פון זיי האָבן אפילו נישט געקענט לייענען און שרײַבן. „אַזבוקי״ — דאָס איז געווען זייער גאַנצע בילדונג. און אויב אָט די מענטשן האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ שלעכט וואָרט, האָט מען זיי שוין געדאַרפט אויפן ציגל נעמען? — אַליאָשקאַ האָט אָפּגעאָטעמט, זיך אַ וואָרף געטון פאָרויס, איבער זײַן ברוסט האָט זיך צעפלאַטערט דער ליידיקער אַרבל פון טשעקמען, דאָס מויל האָט זיך פאַרקרומט אין אַ זייט. — איר האָט זיי פאַרנומען, — ווער עס האָט צוליב נאַרישקייט עפּעס אויסגעפּלוידערט, — און אומגעבראַכט. אָבער די סוחרים טשעפּעט איר נישט! די סוחרים האָבן זיך מיט געלט דאָס לעבן בײַ אײַך אָפּגעקויפט! און מיר האָבן נישט מיט וואָס זיך אָפּצוקויפן, מיר גראָבן זיך דאָס גאַנצע לעבן אין דער ערד, און פון די אמתע פּרוכטן געניסט עמעצער אַנדערש. די אַלע, וואָס מען האָט דערשאָסן, וואָלטן אפשר דעם לעצטן אָקס פון הויף אַוועקגעגעבן, אַבי מען זאָל זיי אײַ־בערלאָזן דאָס לעבן, נאָר בײַ זיי האָט מען קיין קאָנטריבוציע נישט געפאָדערט. זיי האָט מען גענומען און די קעפּ אַראָפּגע־דרייט. און מיר אַלע ווייסן דאָך, וואָס עס טוט זיך אין ווישקי. די סוחרים, די פּאָפּן — זיי איז דאָרט קיין חאָר נישט גערירט געוואָרן. און אין קאַרגין זענען זיי אויך גאַנץ געבליבן. מיר הערן, וואָס עס טוט זיך אַרום אונז. גוטס יערט זיך און שלעכטס הערט זיך!

— ריכטיק! — אַן איינציקער אויסגעשריי פון הינטן.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ טומל, פאַרטרונקען אַליאָשעס רייד, אָבער ער האָט איבערגעוואַרט, און נישט ליגנדיק קיין אַכט אויף שטאָקמאַנס אויפגעוויבענער האַנט, האָט ער ווייטער אויסגעשריגן:

— און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די סאָוויעטישע מאַכט איז אפשר גוט, נאָר די קאָמוניסטן, וואָס האָבן פאַרנומען די אַמטן, ווילן אונז אין אַ לעפל וואַסער דערטרינקען! זיי צאָלן אונז אָפּ פאַרן פינפטן יאָר, מיר האָבן דידאָזיקע ווערטער געהערט פון רוי־

טע סאָלדאַטן. און מיר שמועסן אַזוי צווישן זיך: די קאָמוניסטן ווילן אונז אומברענגען, איינגאַנצן אויסראָטן. עס זאָל קיין זכר פון אַ קאָזאַק ביים דאָן נישט בלייבן. אָט, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן! איך בין אַצינד ווי אַ שיכורער: וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג. און שיכור זענען מיר אַלע פון גוטן לעבן, פון שווערן האַרץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף אייך, אויף די קאָמוניסטן!

אַל אָשקאַ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון די פעלצלעך, און איבערן מיידאַן האָט אויף לאַנג זיך אויסגעשפרייט אַ פאַרלוירענע שטילקייט. שטאָקמאַן האָט אָנגעהויבן רעדן, נאָר אים האָט מען איבערגעשלאָגן מיט אויסגעשריי פון די הינ־טערשטע רייען:

— אמת! די קאָזאַקן פילן זיך באַעוולט! הערט זיך צו וואָס פאַר אַ לידער עס זענען לעצטנס אין די כוטאָר פאַרפּאַסט געוואָרן. מיט ווערטער וועט נישט יעדער זיך אַנטשליסן צו זאָגן, אָבער אין לידער זינגט מען, — מיט אַ ליד איז נישט געפערלעך. און פאַר־פאַסט האָט מען אַזאַ לידל:

> דער סאַמאָוואַר זידט, די פיש פּרעגלען זיך, —
> ווען קומען די קאַדעטן — וועלן מיר קלאָגן זיך.

— הייסט עס, אַז ס'איז דאָ אויף וואָס זיך צו קלאָגן!

עמעץ האָט ניעט פאַסיק אַרויסגעלאַכט. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטון. אַ שושקעריי, גערעדערייען...

שטאָקמאַן האָט בייז אָנגעטון דאָס היטל אויפן קאָפּ, און אַרויסכאַפּנדיק אַ צעטל פון קעשענע, וואָס איז אַמאָל אָנגעשריבן געוואָרן דורך קאָשעוואָיען, האָט ער אויסגעשריגן:

— ניין, נישט אמת! די, וואָס זענען פאַר דער רעוואָ־לוציע, האָבן נישט צוליב וואָס זיך צו פילן באַעוולט! אָט פאַר־וואָס מען האָט דערשאָסן אייערע כוטאָר־לייט, די שונאים פון דער סאָוויעטישער מאַכט. הערט! — און ער האָט דייטלעך און מיט הפסקות אָנגעהויבן לייענען:

צעטל

פון די שונאים פון דער סאָוויעטישער מאַכט, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע ביים רעוואָלוציאָנאַל פון דער 15-טער אינזשענסקער דיוויזיע

№ לויטן סדר	פאַמיליע, נאָמען, פאָטערס נאָמען	פאַרוואָס אַרעסטירט	באַמער-קונג
1	קאָרשונאָוו מיראָן גריגאָריעוויטש	געוועז. אַטאַמאַן, עושר, רייך געוואָרן פון פרעמדער אַרבעט.	
2	סינילין איוואַן אַוודעיעוויטש	פּראָפּאַגאַנדירט אַראָפּצוואַרפן די סאָוויעטישע מאַכט.	
3	קאַשולין מאַטוויי איוואַנאָוויטש	דאָס זעלבע.	
4	מאַידאַניקאָוו סעמיאָן גאַווריליאָוו	אַנגעטון שליפעס, גערעדט אויף דער גאַס קעגן דער מאַכט.	
5	מעליעכאָוו פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש	מיטגליד פון מיליטערישן קרייז.	
6	מעליעכאָוו גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש	אונטערעסאַאול, געשטימט קעגן. געפערלעך.	
7	קאַשולין אַנדרעי מאַטוויעוו	זיך באַטייליקט אין דערשיסן פּאָדטיאָלקאָווס רויטע קאָזאַקן.	
8	באָדאָווסקאָוו פיעדאָט ניקיפאָראָוו	דאָס זעלבע.	
9	באָגאַטיריעוו אַרכיפּ מאַטוויעוו	סטאַראָסטע פון צערקווע. העצער פון פאָלק אין קאָנטער-רעוואָלוציאָנער.	
10	קאָראָליעוו זאַכאַר ליעאָנטיעוו	זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן דאָס געווער. אומזיכער.	

קעגן ביידע מעליעכאָווס און באָדאָווסקאָוון איז אין דער באַמערקונג, וואָס איז נישט געלייענט געוואָרן דורך שטאָקמאַנען, אָנגעוויזן געווען:

„די דערמאָנטע שונאים פון דער סאָוויעטישער מאַכט ווערן נישט צוגעשטעלט, ווייל צוויי פון זיי זענען אָפּוועזנד, מאָביליזירט אַלס פורמאַנעס, — זיי האָבן אָוועקגעפירט קוילן צו דער באָקאָווער סטאַציע. און מעליעכאָוו פּאַנטעלעי ליגט קראַנק אויף טיפוס. ווען די צוויי וועלן זיך אומקערן, וועלן זיי גלייך אַרעסטירט און צוגעשטעלט ווערן אין קרייז אַריין. און דער דריטער — ווי נאָר ער וועט זיך שטעלן אויף די פיס”.

די פאַרזאַמלונג איז אויף עטלעכע מינוט פאַרשוויגן געוואָרן, און דערנאָך האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען:

— נישט אמת!

— זאָגסט ליגנט! זיי האָבן יאָ גערעדט קעגן דער מאַכט.

— פאַר אַזעלכע זאַכן איז זיי געקומען!

— אין די ציין וועט מען זיי אַריינקוקן, צי וואָס?

— מען האָט אָנגעמסרט אויף זיי!

און שטאָקמאַן האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן. מען האָט אי אויסגעהערט כלומרשט אי אויפמערקזאַם, אי אפילו שרייענדי אויסגעדריקט אָנערקענונג, נאָר ווען ער האָט צום סוף געשטעל די פראַגע וועגן איינטיילן דאָס פאַרמעגן פון די, וואָס זענען אַנ לאָפן מיט די ווייסע — האָט מען געענטפערט מיט שווייגן.

— וואָס-זשע האָט איר אָנגענומען וואָסער אין די מיילער? האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש מיט פאַרדרוס געפרעגט.

דער עולם האָט זיך אָוועקגעקייקלט צום אַרויסגאַנג, וו צעשיטער שרויט. איינער פון די אָרימסטע, סיאָמקאַ, מיטן צונאָמען טשוגין, האָט זיך שוין אפילו אומזיכער אַ וואַקל געטון פאַראויס, אָבער באַלד זיך מיישב געווען און אַ מאַך געטון מיט דער הענטשקע:

— די באַלעבאַטים וועלן קומען, גיי בלינצל דערנאָך מיט די אויגן...

שטאָקמאַן האָט זיך באַמיט איבערצוררעדן דעם עולם, מען זאָל זיך נישט פונאַנדערגיין, און קאָשעוואָי, אַ בלייכער ווי מעל, האָט אַ שושקע געטון איוואַן אַלעקסעיעוויטשן:

— איך האָב געזאָגט — זיי וועלן נישט נעמען. דאָס פאַר־מעגן איז אַצינד שוין גלייכער צו פאַרברענען, איידער זיי אָוועקצו־געבן!...

XXV

קאָשעוואָי איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּלעך פון מאָ־כאָווס הויז מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, פאַרטראַכט זיך שמייסנדיק מיטן בייטשל איבער דער כאָליעווע. ביי דער טיר פון קאָרידאָר, אויפן בלויזן דיל, זענען געלעגן אין אַ קופּע זאָטלען. עמעצער איז, אפנים, נאָר־וואָס געהאַט געקומען. אויף איינעם פון די רייט־טרעפּלעך איז דער שניי, ברודיק פון מיסט און אַריינגעפּרעסט דורך דער זויל פון רייטער, נאָך נישט געוווען צעגאַנגען. אונטער דעם רייט־טרעפּל האָט געגלאַנצט אַ קאַלוזשע וואַסער. דאָס אַלץ האָט קאָשעוואָי געזען, טרעטנדיק אויף די צערוקטע פליטן פון דער טעראַסע. זיינע אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער דער גע־שניצטער באַלוסטראַדע מיט די געציינדלטע שטאַכעטן, איבערן פּוכיק אויסגעבעטן טוי־פראָסט, וואָס האָט ווי אַ פּיאָלעטע זוים אַרומגענומען די וואַנט; ער האָט כּלאחר־יד אויך אַ קוק געטון אויף די פענסטער, פאַרהויכטע פון אינעווייניק, מאַטע, ווי די בלאָז פון אַן אָקס. אָבער דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען, האָט זיך נישט אָפּגעדרוקט אין באַוווסטזיין, נאָר פאַרבייגעשוווּמען אומ־באַמערקט, זיך פאַרבייגעגליטשט, ווי אין חלום. אַ געפיל פון רחמנות און פאַראַכטונג צו גריגאָרי מעליעכאָוון האָט אַרומגעהילט מישקעס פראַסטע האַרץ...

אין קאָרידאָר פון רעווקאָם האָט זיך געשפּירט אַן עיפּוש־דיקער ריח פון טיטון, פערדישן געשפּאַן, אויפגעטייעטן שניי.

דאָס שטוב-מיידל, איינע פון דער דינערשאַפט, וואָס איז געבליבן נאָכן אַנטלויפן פון די מאָכאָווס איבערן דאָניעץ, האָט איינגעהייצט אין האָלענדישן אויוון. אין שכנותדיקן צימער האָבן הויך געלאַכט די מיליציאָנערן. „עס געפעלט זיי! עס איז זיי פריילעך!...״ — האָט קאָשעוואָי באַליידיקט אַ טראַכט געטון, פאַרבייגייענדיק, און צום לעצטן מאָל זיך אַ שמייס געטון מיטן בייטשל איבער דער כאָליעווע, איז ער, נישט אָנקלאַפנדיק, אַריינגעגאַנגען אין ווינקל-דיקן צימער.

אייוואַן אַלעקסעיעוויטש איז געזעסן אין אַ צעקנעפלטער וואַטענער קורטקע ביים שרייבטיש. זיין שוואַרצע פאַפאַכע איז געווען ווילעריש פאַררוקט אויף אַ זייט; אָבער דאָס פאַרשוויצ-טע פנים — מיד און פאַרזאָרגט. לעבן אים אויפן פענסטער-ברעט, נאָך אַלץ אין זעלבן לאַנגן קאַוואַלערישן שינעל, איז געזעסן שטאָקמאַן. ער האָט אויפגענומען קאָשעוואָיען מיט אַ שמייכל, מיט אַ באַוועגונג אים געבעטן זיצן.

— נו, וואָס הערט זיך, מיכאַיל? זעץ דיך.

קאָשעוואָי האָט זיך געזעצט, צעשפרייטנדיק די פיס. שטאָקמאַנס נייגיריק-רויִקע קול האָט געווירקט אויף אים אויס-ניכטערנדיק.

— איך האָב געהערט פון אַ באַגלייבטן מענטש... גריגאָרי מעלעכאָוו איז נעכטן אינאָוונט אַהיימגעקומען. נאָר איך בין צו אים נישט אַריינגעגאַנגען.

— וואָס-זשע רעכנסטו אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צו טון?

שטאָקמאַן האָט געדרייט אַ פאַפיראָס און געוואָרפן זייטי-קע בליקן אויף אייוואַן אַלעקסעיעוויטשן, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער.

— ציינצווזעצן אים אין קעלער, אָדער וואָס? — האָט אי-וואַן אַלעקסעיעוויטש אומגעדולדיק געפרעגט, אָפט מרוגענדיק מיט די אויגן.

— דו ביסט ביי אונז פאָרזיצער פון רעווקאָם... געדענק.

שטאָקמאַן האָט זיך צעשמייכלט און אויסמיידנדיק אַ דריק געטון מיט די אַקסלען. ער האָט געקאָנט מיט אַזוי פיל חוזק שמייכלען, אַז דאָס האָט געבריט נישט ערגער ווי דער שמיץ פון אַ ראַפּניק. איוואַן אַלעקסעיעוויטשס גאָמבע האָט זיך באַדעקט מיט שווייס.

נישט צענעמענדיק די ציין, האָט ער שאַרף געזאָגט:

– איך בין פאָרזיצער – אַרעסטיר איך זיי ביידע, אי גרישקען, אי דעם ברודער, און שיק זיי אַוועק קיין ווישקי!

– גריגאָרי מעליעכאָווס ברודער – ווייס איך נישט, צי עס האָט אַ זינען צו אַרעסטירן. אים פאַרטיידיקט שטאַרק פאָמין. ווייסט דאָך, ווי גוט ער האָט זיך וועגן אים אָפּגערופן. אָבער גריגאָריען דאַרף מען נעמען נאָך היינט, שוין! מאָרגן וועלן מיר אים אַוועקשיקן קיין ווישענסק, און דאָס מאַטעריאַל וועגן אים שיק שוין היינט אַוועק מיט אַ מיליציאָנער, אַ רייטער, אויפן נאָמען פון פאָרזיצער פון רעוווטריבונאַל.

– אפשר זאָל איך גריגאָריען פאַרנעמען אינאָוונט, האַ, אָסיפּ דאַווידאָוויטש?

שטאָקמאַן האָט זיך פאַרהוסט און ערשט נאָכן אָנפאַל, אָפּווישנדיק די באָרד, געפרעגט:

– פאַרוואָס אינאָוונט?

– ווייניקער גערעדערייען.

– נו, דאָס, זעסטו... דאָס איז נאַרישקייטן!

– מיכאַיל, נעם צוויי מענטשן און גיי – פאַרנעם גליין גרישקען. וועסט אים איינזעצן באַזונדער. פאַרשטאַנען?

קאָשעוואָי איז אַראָפּגעשפרונגען פון פענסטער־ברעט, אַריינגעגאַנגען צו די מיליציאָנערן. שטאָקמאַן איז זיך דורכגעגאַנגען איבער דער שטוב, שאַרנדיק מיט די אויסגעטרעטענע גרויע וואַלאָקעס; זיך אָפּשטעלנדיק ביים טיש, האָט ער געפרעגט:

– די לעצטע פאַרטיע פון צונויפגענומענעם געווער האָסטו אַוועקגעשיקט?

– ניין.

— פאַרוואָס ?

— איך האָב אינאָוונט נישט באַוויזן.

— פאַרוואָס ?

— מיר וועלן היינט אַוועקשיקן.

שטאָקמאַן האָט זיך אָנגעכמורעט, נאָר גלייך אויפגעהויב די ברעמען און שנעל רעדנדיק געפרעגט :

— די מעליָעכאָווס האָבן עפּעס אָפּגעגעבן ?

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן ז באַמיט צו דערמאַנען און אַ שמייכל געטון.

— אָפּגעגעבן האָבן זיי פינקטלעך, צוויי ביקסן און צ־ רעוואָלווערן. אָבער דו מיינסט, אַז דאָס איז שוין אַלץ ?

— ניין ?

— אָהאָ ! ביי זיי האָסטו טאַקע געטראָפן !...

— איך מיין אויך אַזוי. — שטאָקמאַן האָט דין פאַרפרעס די ליפּן. — איך אויף דיין אָרט וואָלט נאָכן אַרעסט דורכגעפ רנ אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג. דו זאָג דאָס, אגב, דעם קאָמענדאַנט טראַכטן — טראַכטסטו טאַקע, אָבער מען דאַרף אויך טון.

קאָשעוואָי האָט זיך אומגעקערט אין אַ האַלבער שעה אַרומ ער איז איילִיק געלאָפן איבער דער טעראַסע, ביז אַ קלאַפּ ג־ טון מיט דער טיר און שטיין בלייבנדיק אויף דער שוועל, אַ פאַרסאַפּעטער אויסגעשריגן :

— כאַפּט עס דער טייוול !

— וואָס איז ?! — האָט שטאָקמאַן געפרעגט מיט דע־ שראָקענע אויגן, האַסטיק צוגייענדיק צו אים. דער לאַנגער שינעל האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן זיינע פיס, פּאַטשנדיק מיט די פּ־ לעס איבער די ווילאָקעס.

צי זיין שטיל קול האָט אַזוי געווירקט, צי עפּעס אַנדערש — קאָשעוואָי דאָט זיך אויפגעקאָכט און גענומען רעווען :

— דו בלינצל נישט מיט די אויגן !... — און ער איז אינ פאַרפאָרן אין דער מאַמען אַריין. — זיי זאָגן, אַז גרישקאַ איז קיין סינגין אַוועקגעפאָרן, צו דער מומען, און וואָס בין איך דאָ שול־

דיק ? איר — ווּ זענט געווען ? טשוועקעס פוּן די ווענט געשלעפּט ? אָט ! זיי האָבּן גרישקען אַרויסגעלאָזט ! און אויף מיר האָט איר נישט וואָס צוּ שרייען ! איך בּין, ווי דאָס קאַלבּ — אָפּגעפּרעסן, איז אין שטעלעכל אַריין. איר — וואָס האָט געטראַכט ? — אָפּ־טרעטנדיק הינטערווייַלעכץ פאַר שטאָקמאַנען, וואָס האָט זיך האַרט אָנגעדרוקט אויף אים, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן די ווינקלדיקע קאַפּלעס פוּן אויוון און זיך צעלאַכט. — רוּק דיך נישט, וואָרים, בּנאמנות, איך וועל דיר אַ זעץ געבּן !

שטאָקמאַן איז אַ ווײַלע געשטאַנען לעבּן אים, זיך אויסגע־קנאַקט די פינגער ; קוּקנדיק אויף מישקעס ווייסע ציין, אויף זיינע אויגן, וואָס האָבּן געשמייכלט מיט איבּערגעגעבּנהייט, האָט ער אַרויסגעזיגן :

— דעם וועג קיין סינגין — קענסטוּ ?

— איך קען.

— פאַרוואָס־זשע בּיסטוּ צוּריקגעקומען ? און זאָגסט נאָך, אַז האָסט דיך געשלאָגן מיטן דייטש... גולם ! — און ער האָט מיט געמאַכטער פאַראַכטוּנג פאַרזשמוּרעט די אויגן.

דער סטעפּ איז געלעגן בּאַדעקט מיט אַ בּלוילעך רויכל. פוּן הינטערן בּאַרג בּיים דאָן איז אַפּערגעשווּמען אַ זאַפּטיקע רויטע לבנה. זי האָט קאַרג געלויכטן, נישט פאַרטוּנקלענדיק די פּאַספּאָרישע שיין פוּן די שטערן.

אויפן וועג קיין סינגין האָבּן זיך בּאַוועגט דריי רייטער. די פערד זענען געלאָפן מוּנטער. לעבּן קאָשעוואָיען האָט אוּנטער־געטאַנצט אין קאַוואַלערישן זאָטל שטאָקמאַן. דער הויכער קאַש־טאַן־פאַרבּיקער דאָניעץ האָט די גאַנצע צייט קאָקעטירט, בּאַנוּצט אַלע עפיצלעך אַ בּיס צוּ טוּן דעם רייטער אין דער קני. שטאָק־מאַן האָט מיט אַ גלייכגילטיקער מינע דערציילט עפּעס אַ קאָמישע געשיכטע, און מישקאַ, צוּפאַלנדיק צוּם האָרן פוּן זאָטל, האָט גע־לאַכט מיט אַ קינדיש, קלינגענדיק געלעכטער, זיך פאַרכליניעט,

געשלוקערצט און באַמיט אַרונטערצוקוקן שטאָקמאַנען אונטערן באַשליק אין די שטרענגע וואַכזאַמע אויגן אַריין.

די גרינטלעכע אונטערזוכונג אין סינגין האָט נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן.

XXVI

גריגאָריען האָט מען געגייט פון דער באָקאָווער סטאַניצע צו פאָרן אין דער טשערנישעווער. ער האָט זיך אומגעקערט אין אַנדערהאַלבן וואָכן אַרום. צוויי טעג פאַר זיין קומען האָט מען אַרעסטירט דעם פאָטער. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן אַרומגיין נאָכן טיפוס. ער איז אויפגעשטאַנען נאָך אַ מער גרויער, אַן אויסגעדאַרטער, ווי דער סקעלעט פון אַ פערד. דער זילבערדיקער קאַראַקול פון זיינע האָר איז אויסגעקראָכן, ווי אויפגעפרעסן דורך מילבן, די פאַרקאָלטנטע באָרד איז געווען איינגעזייפט אין די ברעגן מיט גרויקייט.

דער מיליציאָנער, וואָס האָט אים אַוועקגעפירט, האָט אים געגעבן צען מינוט צייט צו פאַרנעמען זיך. איינגעזעצט האָט מען פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן — פאַרן אַוועקפירן קיין וויעשענסק — אין מאָכאָווס קעלער. אין דעם קעלער, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון אַניסאָווער עפּל, זענען חוץ אים געזעסן נאָך ניין זקנים און איין ערן-ריכטער.

פּיעטראָ האָט איבערגעגעבן דאָסדאָזיקע נייעס גריגאָריען, נאָך איידער ער איז אַריינגעריטן אין טויער און אים געעצהט:

— דו, ברידערל, דריי אויס די האָלאָבלעס... אויף דיר האָט מען זיך געפרעגט, ווען דו קומסט. גיי אַריין, וואַרים דיך אָן, זע דיך מיט די קינדערלעך, און איך וועל דיך אַוועקפירן אין ריבנער כוטאָר. דאָרט וועסטו דיך אויסבאַהאַלטן און איבערוואַרטן די צייט. מען וועט פרעגן, וועל איך זאָגן — אַוועקגעפאָרן קיין סינגין, צו דער מומען. ביי אונז האָט מען דאָך זיבן

מאָן געשטעלט צום ווענטל. האָסט געהערט? דער טאַטע זאָל אַמאָל נישט האָבן דעם זעלבן גורל... און וועגן דיר איז גאָרנישטאָ וואָס צו רעדן!

גריגאָרי איז אָפּגעזעסן אין קיך ביי אַ האַלבער שיזה, דערנאָך אָנגעזאָטלט דאָס פערד און אַוועקגעריטן אין ריבנער כוטאָר אַריין. אַ וויי־כער קרוב פון די מעליעכאָווס, אַ גוטווילי־קער קאָזאַק האָט באַהאַלטן גריגאָריען צווישן די שטויכן קיזעקלעך אין קאָמער. דאָ האָט ער פאַרברענגט צוויי מעת־לעת, אַרויסקריכנדיק בלויז אין די נעכט פון זיין נאָרע.

XXVII

דעם 25־סטן פעברואַר, צומאָרגנס נאָכן קומען פון סינגין איז קאָשעוואָי אַוועקגעפאָרן קיין וויעשענסק געוויר ווערן, ווען עס וועט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון קאָמוניסטישן קעמערל. ער, איוואַן אַלעקסעיעוויטש, עמעליאַן, דאַווידקאַ און פילקאַ האָבן באַשלאָסן פאָרמעל דורכצופירן זייער אָנגעהעריקייט צו דער פאַרטיי.

מישקאַ האָט געפירט מיט זיך די לעצטע פאַרטיע געווער, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דורך די קאָזאַקן, דעם קוילנוואַרפער, וואָס איז געפונען געוואָרן אין שול־הויף, און שטאָקמאַנס אַ בריוו צום פאָרזיצער פון קרייז־רעווקאָם. אויפן וועג קיין וויעשענסק האָבן זיי פון די געדיכטע ערטער אַרויסגעטריבן האָזן. אין די מלחמה־יאָרן האָבן זיי זיך אַזוי פאַרמערט און אַזוי פיל וואַנדערנדיקע זענען צוגעקומען, אַז מען האָט זיי באַגעגנט אויף יעדן טריט. ווי דער געלער פעדערפוש פון ראָר, אַזוי פרוכפּערנדיק איז די טראַכט פון האָז. פון גרילצן פון שליטן שפּרינגט־אויף אַ גרויער האָז מיט אַ ווייסן פאַס אויפן בויך, און שימערנדיק מיטן שוואַרץ־באַזוימטן וויידל, לאָזט ער זיך כוואַליענדיק לויפן איבערן נישט־

געאַקערטן פעלד. עמעליאַן, וואָס טרייבט אָן די פערד, לאָזט נאָך די לייצן און שרייט מיט אַ ווילד קול:

— שלאָג! אָנו, דערלאַנג אים!

מישקאַ שפּרינגט אַראָפּ פון שליטן, גיט זיך אַ זעץ אויף אַ קני און יאָגט נאָך דעם זיך-קייקלענדיקן קניילעכל אַ מאַגאַזין קוילן. ער זעט מיט אַנטוישונג, ווי די קוילן ווירבלען-אויף דעם שניי אַרום דעם קניילעכל און דאָס קניילעכל קייקלט זיך נאָך שנע-לער, אַראָפּשיטנדיק די ווייסע צודעק פון די פאַרטשעפּעטע קוס-טעס, און ווערט פאַרשווינדן אין דער געדיכטעניש פון וועלדל.

... אין רעווקאָם איז פאָרגעקומען אַן אומפאַרשטענדלעכער טומל. די מענטשן זענען אַרומגעלאָפן צערודערטע, עס זענען אָנ-געקומען רייטער-שלוחים, די גאַסן זענען געווען פוסט. מישקאַ, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען די סיבה פון דער אומאָרדענונג, איז געווען פאַרוואונדערט. שטאָקמאַנס בריוו האָט דער פאַרטרעטער פון פאָרזיצער צעשטרייט אַריינגערוקט אין קעשענע, אויף דער פראַ-גע — צי עס וועט זיין אַן ענטפער, האָט ער שטרענג אַ בורטשע געטון:

— טשעפּע דיך אָפּ, גיי צום טייוול! נישט איר ליגט מיר אַצינד אין זינען!

איבערן פּלאַץ זענען דורכגעגאַנגען די זעלנער פון די שטראָף-אָפּטיילונגען. עס איז דורכגעפאָרן, רויכערנדיק, אַ פעלד-קיך. אויפן פּלאַץ האָט פאַרשמעקט מיט חזיר-פלייש און באָבקע-בלעטער.

קאָשעוואָי איז אַריינגעגאַנגען אין רעוואָטריבונאַל צו די באַ-קאַנטע חברה-לייט פאַררייכערן, ער האָט געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ צעמישונג איז עס ביי אייך?

אים האָט ניעט גערן געענטפערט איינער פון די ריכט פאַר לאָקאַלע ענינים, גראַמאַוו:

— אין קאַזאַנסק איז עפּעס נישט רויק. די ווייסע האָבן זיך דורכגעריסן, אָדער די קאָזאַקן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד.

נעכטן איז דאָרט פאָרגעקומען אַ שלאַכט, שמועסט מען. די טעלעפאָן-פאַרבינדונג איז איבערגעריסן.

— איר וואָלט געשיקט אַ רייטער.

— מען האָט שוין געשיקט. ער איז נישט צוריקגעקומען, און היינט איז קיין יעלאַן אַוועקגעגאַנגען אַ ראָטע. אויך דאָרט איז עפעס נישט גוט.

זיי זענען געזעסן ביים פענסטער, געררייכערט. הינטער די שויבן פון היפשן סוחרישן הויז האָט געפרושעט אַ שנייעלע.

שאָסן האָבן טויב זיך צעקנאַלט ערגעץ נאָך דער סטאַניצע, ביי די סאָסנעס, אין דער ריכטונג פון טשאָרנאָיע. מישקאַ איז בלייך געוואָרן, אַרויסגעלאָזט דעם פאַפיראָס. אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטוב, זענען אַרויסגעלאָפן אין הויף אַריין. די שאָסן האָבן שוין געליאַרעמט פולקלאַנגיק און וואָגיק. די זיך-מערנדיקע איינצלנע שאָסן זענען פאַרטייבט געוואָרן דורך אַ זאַלפ. ס׳האָבן גענומען זשוזשען קוילן, פּאַטשן, זיך איינבייסנדיק אין דער שאַלעוועקע פון די שפּייכלערס, אין טויער. אין הויף איז פאַרוואונדעט געוואָרן אַ רויטאַרמייער. אין הויף אַריין איז אַרויסגעלאָפן גראַמאָוו, קנייטשנדיק און פאַקנדיק אין די קעשענעס אַריין פאַפירן. ביים רעוועקאָם האָבן זיך פאָרמירט די רעשטלעך פון דער וואַך-אָפּטיילונג. דער קאָמאַנדיר, אין אַ קורץ פעלצל, האָט ווי אַ וועב-שיפל דורכגעשוועבט צווישן די רויטאַרמייער. ער האָט אין אַ קאָלומנע איילִיק אַוועקגעפירט די אָפּטיילונג צו דער שיפּונע פון דאָן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טויטע פּאַניק. איבערן פּלאַץ האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן מענטשן. מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ האָט דורכגאַלאָפּירט אַ געזאָטלט פערד אָן אַ רייטער.

דער מבולבלער קאָשעוואָי האָט אַליין נישט געדענקט, ווי אַזוי ער איז געקומען אויפן פּלאַץ. ער האָט געזען, ווי פאָמין, אין דער בורקע, האָט, ווי אַ שוואַרצער ווייכער, זיך אָפּגעריסן פון הינטער דער צערקווע. צום ווידל פון זיין הויך פערד איז געווען צוגעבונדן אַ קוילנוואַרפער. די רעדלעך האָבן נישט באַ-

וויזן זיך צו דרייען, דער קוילנוואַרפער האָט זיך געשלעפּט אויף אַ זייט, דאָס פערד, וואָס איז געגאַנגען אין גאַלאָפּ, האָט אים געשליידערט אין אַלע זייטן. פּאָמין, צופאַלנדיק צום זאָטל-האָרן, איז פאַרשוואונדן הינטערן באַרג, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ זילבערן רויכל פון שניי-שטויב.

„צו די פערד!“ — איז געווען מישקעס ערשטער געדאַנק. ער איז, אַן אָנגעבויגענער, אַריבערגעלאָפן די קרייץ-געסלעך, קיין איין מאָל זיך נישט אָפּשטעלנדיק. דאָס האַרץ איז אים אַנטפאַלן, איידער ער איז צוגעלאָפן צו דער קוואַרטיר. עמעליאַן האָט איינגעשפאַנט די פערד, פון שרעק נישט געקאָנט פאַרלייגן די שטריק.

— וואָס איז געשען, מיכאַיל? וואָס טוט זיך עס? — האָט ער געפּרעפּלט, קלאַפנדיק מיט די ציין. איינגעשפאַנט — האָט ער אַראָפּגעלאָזט די לייצן. אָנגעהויבן אָנטרייבן — האָט אויפן כאָמוט ביים לינקן, זיך אויפגעלאָזט אַ רעמעט.

דער הויף, ווו זיי זענען געשטאַנען אויף קוואַרטיר, איז אַרויסגעגאַנגען אין סטעפּ אַריין. מישקאַ האָט כסדר געקוקט אויף די סאָסנעס, נאָר פון דאָרט האָבן זיך נישט באַוויזן קיין טיראַ-ליערן פוסגייער, עס האָט נישט געשטורעמט קיין קאַוואַלעריע. ערגעץ האָט מען געשאָסן, די גאַסן זענען געווען פוסט, אַלץ האָט אויסגעזען וואָכעדיק און לאַנגווייליק. און איינצייטיק איז פאָרגע-קומען עפּעס שרעקלעכס: די איבערקער.ג.יש איז אַריין אין אירע רעכט.

בשעת עמעליאַן האָט זיך געפּאָרעט אַרום די פערד, האָט מישקאַ קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון סטעפּ. ער האָט געזען, ווי פון הינטערן צערקוועלע, פאַרביי דעם אָרט, ווו עס איז אין דעצעמבער אָפּגעברענט געוואָרן די ראַדיאָ-סטאַנציע, איז אַרויסגע-לאָפן אַ מענטש אין אַ שוואַרצן פאַלטן. ער איז געלאָפן מיטן גאַנצן כוח, נידעריק אָנגעבויגן פאָרויס, צודריקנדיק די הענט צו דער ברוסט. לויטן פאַלטן האָט קאָשעוואָי דערקענט דעם אויספאָר-

שונגס־ריכטער גראַמאָיו. און נאָך האָט ער באַוויזן צו באַמערקן, ווי פון הינטערן פאַרקן האָט אָפּערגעשימערט די פיגור פון אַ רייטער. אויך אים האָט מישקאַ דערקענט. דאָס איז געווען דער וויעשענסקער קאָזאַק טשערניטשקין, אַ יונגער, אַ באַקאַנטער ווייסגוואַרדייער. אָפּגעטיילט פון טשערניטשקינען אויף אַ מהלך פון אַ הונדערט קלאַפּטער, האָט גראַמאָוו לויפנדיק זיך אומגעקוקט איינמאָל און נאָכאַמאָל, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רעוואָלווער. עס האָט אַ קנאַל געטון אַ שאָס, אַ צווייטער. גראַמאָוו איז אַרויפגעשפרונגען אויפן וואַל פון אַ זאַמדיקער הייל, געשאָסן פון רעוואָלווער. פון פערד איז טשערניטשקין אַראָפּגעשפרונגען אין געלויף; צוהאַלטנדיק די לייץ, האָט ער אַראָפּגענומען די ביקס, זיך אַ לייג געטון הינטער אַ בערגל שניי. נאָכן ערשטן שאָס האָט גראַמאָוו אָנגעהויבן גיין זייטיק, זיך אָנגעכאַפּט מיט דער לינקער האַנט ביי אַ צווייגל פון אַ נאָדל־ביימל. אַרומקרייזלענדיק די הייל, איז ער אַ פאַל געטון מיטן פנים אין שניי אַריין. „דערהרגעט!" — מישקען איז דורכגעלאָפן אַ שוידער איבערן רוקן. טשערניטשקין איז געווען דער בעסטער שיסער, און מיט דער עסטרייכישער ביקס, וואָס ער האָט געבראַנגט פון דער דייטשישער מלחמה, האָט ער קיינמאָל נישט געפעלט, תמיד געטראָפן אויף יעדן מהלך אין יעדן ציל. שוין אין שליטן, אַרויספאָרנדיק פון טויער, האָט מישקאַ געזען, ווי טשערניטשקין האָט צוגעלאָפירט צו דער הייל און געהאַקט מיט דער שווערד איבערן שוואַרצן פאַלטן, וואָס איז געווען קרום אויסגעשפרייט איבערן שניי.

פאָרן איבערן דאָן קיין באַזקי איז געווען געפערלעך. אויפן ווייסן שטח פון שניי וואָלטן די פערד און מענטשן געוואָרן אַ גוטער ציל־פונקט.

דאָרט זענען שוין געפאַלן צוויי פון דער שטראָף־אָפּטיילונג, אונטערגעשניטן דורך די קוילן. און דערפאַר האָט עמעליאַן פאַרקירעוועט איבער דער אָזיערע אין וואַלד אַריין. אויפן אייז אין דער שניי געווען אָנגעזאַפּט מיט וואַסער, פון אונטער די

פערדישע קאָפּיטעס האָט פּאַטשנדיק געשפּריצט מיט שטיקער שניי, די געקאָוועטע שליטן-גייערס האָבן איבערגעלאָזט טיפע פּאַסן אין שניי. ביזן כוטאָר האָבן זיי זיך געטראָגן אין ווילדן גאַלאָפּ. נאָר פאָרן אַריינפאָרן אין איס האָט עמעליאַן פאַרצויגן די לייצן, אויסגעדרייט דאָס פון ווינט-אָפּגעשמיסענע פנים צו קאָשעוואָיען:

— וואָס טוט מען, אויב ביי אונז איז אויך דער זעלבער געוויטער?

מישקעס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט אימעט. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן כוטאָר. איבער דער גאַס ביים דאָן זענען דורכגעלאָפן צוויי רייטער. עס האָט זיך קאָשעוואָיען, אפנים, געדאַכט, אַז דאָס זענען מיליציאָנערן.

— טרייב אין כוטאָר אַריין. מער האָבן מיר זיך נישט וווּ אַהינצוטון! — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט.

עמעליאַן האָט מיט שטאַרקע אומווילן אַ צי געטון די לייצן פון די פערד. זיי זענען אַריבערגעפאָרן דעם דאָן. קענען זיי זענען געלאָפן אַנטיפּ ברעכאָוויטש און נאָך צוויי אַלטע פון איבערשטן עק כוטאָר.

— אָך, מישקאַ! — דערזעענדיק אין אַנטיפּס האַנט אַ ביקס, האָט עמעליאַן אַ ריס געטון די פערד און האַסטיק אויסגעדרייט צוריק.

— שטיי!

אַ שאָס. נישט אַרויסלאָזנדיק די לייצן פון די הענט, איז עמעליאַן אומגעפאַלן. די פערד זענען גאַלאָפּירנדיק אַרויפגעלאָפן אויף אַ פּאַרקן. קאָשעוואָי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון שליטן. צו-לויפנדיק צו אים, זיך גליטשנדיק מיט די פיס, וואָס זענען אָנגע-טון געווען אין ווילאָקעס, האָט אַנטיפּ זיך אַ וואַקל געטון, שטיין געבליבן, פאַרוואָרפן די ביקס צום אַקסל. מישקאַ איז אַרויפגע-פאַלן אויפן פּאַרקן. ער האָט באַמערקט אין די הענט ביי איין אַלטן די ווייסע ציין פון אַ היי-גאָפּל.

— שלאָג אים!

פון דעם בּרי אין אַקסל איז קאָשעוואָי אָן אויסגעשריי אומגעפאַלן, זיך פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט די האַנט־פלאַכן. אַ מענטש האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים, שווער סאַפּענדיק, אַ שטויס געטון מיט אַ היי־גאָפּל.

— שטיי אויף, צויג!

ווייטער האָט קאָשעוואָי אַלץ געדענקט, ווי אין חלום. אַניטיפּ האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ געיאָמער, אים אָנגעכאַפּט ביי די וואָרצלען פון די ברוסטן...

— ער האָט מיין טאַטן צום טויט איבערגעגעבן... לאָזט מיך, גוטע מענטשן! לאָמיך מיר דאָס האַרץ אויף אים קילן!

מען האָט אים אָוועקגעשלעפּט. עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם. עמעצנס פשרהדיק קול האָט אָפּקילנדיק גערעדט מיט אַ באַס:

— לאָזט אים אָפּ, דעם בחור! איר זענט נישט קיין קריסטן, צי וואָס? הער אויף, אַנטיפּ! דעם טאַטן דיינעם וועסטו שוין נישט לעבעדיק מאַכן, און דאָ וועסטו אַ מענטש אומברענגען... צעגייט אייך, ברידער! דאָרט אין סקלאַד טיילט מען צוקער. גייט...

אויפגעוואַכט האָט מישקאַ אינאָוונט הינטערן זעלבן פאַרקן. הייס האָט געברענט די זייט, וואָס איז צעשטאָכן געוואָרן דורכן היי־גאָפּל. די ציין, וואָס האָבן דורכגעהאַקט דאָס פעלצל מיטן לייבל, זענען נישט טיף אַריין אין לייב. אָבער די צעריסענע ערטער האָבן וויי געטון. דאָס בלוט אויף זיי איז האַרט פאַרטרוקנט געוואָרן. מישקאַ האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, איינגעהערט. איבערן כוטאָר זענען, אפנים, אַרומגעגאַנגען פּאַטראָלן פון די אויפשטענדער. עס האָבן געקנאַלט זעלטענע שאָסן. עס האָבן געבילן די הינט. פון ווייטנס האָט זיך געהערט אַ רעדן, וואָס האָט זיך דערנענטערט. מישקאַ האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיטן שטעגל פאַר די בהמות ביים דאָן. ער האָט זיך אַרויסגעקליבן

אויף דער שיפּוע און געקראָכן לענגאויס די פּאַרקנס, שאַרנדיק מיט די הענט איבער דער ראַציקער קאָרע פון שניי, שטרויכלענדיק זיך און פאַלנדיק. ער האָט נישט דערקענט דאָס אָרט, געקראָכן טאַפּנדיק. די קעלט האָט דורכגענומען מיט שוידער דאָס לייב, געפרירט די הענט. די קעלט האָט אים אויך פאַרטריבן אין עמעצנס הויף אַריין. מישקאַ האָט געעפנט דאָס טירל, וואָס איז פאַרמאַכט געווען אויף אַ פּעטליע פון בוים־שאַל, אַריינגעגאַנגען אין הינטערשטן הויף. לינקס האָט זיך געזען אַ פּלעווע־שפּייכלער. צהין איז ער טאַקע אַריין, אָבער גלייך דערהערט טריט און אַ הוסטן.

עמעצער איז געגאַנגען צום פּלעווע־שפּייכלער, סקריפּענדיק מיט ווייַּאָקעס. „באַלד וועט מען מיך דערהרגענען", — האָט קאַשעוואָי גלייכגילטיק אַ טראַכט געטון, ווי וועגן אַ פרעמדן. אין שוואַרצן חלל פון דער טיר איז שטיין געבליבן אַ מענטש.

— ווער איז דאָ פאַר איינער?

דאָס קול איז געווען שוואַך און ווי דערשראָקן.

מישקאַ האָט געמאַכט אַ טריט צו דער וואַנט.

— ווער איז דאָ? — האָט מען געפרעגט, שוין אומרויִקער און העכער.

דערקענענדיק סטיעפּאַן אַסטאַכאָווס קול, איז מישקאַ צוגעגאַנגען נענטער.

— סטיעפּאַן, דאָס בין איך, קאָשעוואָי... ראַטעווע מיך, ווי גאָט איז דיר ליב! דו קענסט נישט זאָגן קיינעם? העלף מיר!

— אַהאַ, דאָס ביסטו... — סטיעפּאַן, וועלכער איז נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון טיפוס, האָט גערעדט מיט אַן אָפּגעשוואַכט קול. זיין מויל, וואָס איז ברייטער געוואָרן פון דאַרקייט, האָט אומזיכער געשמייכלט. — מילא, נעכטיק איבער, אָבער נאָר אויף בייטאָג גיי ערגעץ אַנדערש. ווי אַזוי ביסטו דאָ אַריינגעפאַלן?

מישקאַ האָט אָן ענטפער אָנגעטאַפּט זיין האַנט און זיך אַריינגערוקט אין באַרג מעקענע. די צווייטע נאַכט, ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן, האָט ער זיך אַנטשלאָסן אויף אַ פאַרצווייפלטן שריט: זיך צוגעקריגן אַהיים און אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. די מוטער האָט אים געעפנט די טיר פון הויז און זיך צעוויינט. אירע הענט האָבן אַרומגעשאַרט, אָנגעכאַפּט מישקען ביים האַלז און דער קאָפּ איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט.

— אַנטלויף! ווי גאָט איז דיר ליב, אַנטלויף, מישענקאַ! היינט אינדערפרי זענען דאָ געווען קאָזאַקן, דורכגענישטערט דעם גאַנצן הויף, דיך געזוכט. אַנטיפּקאַ ברעך האָט מיר אַ שמיר געטון מיט אַ ראַפּניק. „דו באַהאַלטסט, זאָגט ער, דעם זון. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן אים נישט מיטאַמאָל דערהרגעט!"

ווי עס זענען אַהינגעקומען די אייגענע — האָט מישקאַ זיך נישט פאַרגעשטעלט. וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין כוטאָר — האָט ער נישט געוווסט. פון דער מוטערס קורצן דערציילן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַלע כוטאָרן אין דער געגנט פון דאָן האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד, אַז שטאָקמאַן, איוואַן אַלעקסייעוויטש, דאַווידקאַ און די מיליציאָנערן זענען אַנטלאָפן, און פילקען מיט טימאָפע'ען האָט מען נאָך נעכטן אין מיטן טאָג אויפן פלאַץ דערהרגעט.

— אַנטלויף! זיי וועלן דיך דאָ געפינען...

די מוטער האָט געוויינט, אָבער איר קול, אָנגעגאָסן מיט בענקשאַפט, איז געווען אַנטשלאָסן. צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגער צייט האָט מישקאַ זיך צעוויינט, געכליפּעט ווי אַ יינגל, אַרויסלאָזנדיק בלעזלעך דורך די ליפּן. דערנאָך האָט ער אָנגעזאָטלט די אָפּגעזשריביעטע קאָבילע, אויף וועלכער ער האָט אַמאָל געדינט אַלס אַטאַרשטשיק*, זי אַרויסגעפירט אין הויף אַריין; פון

* אויפזעער ביי די פערד־טאַבונעס אין סטעפּ.

הינטן זענען נאָכגעגאַנגען דער זשרעבאָק און די מוטער. די מוטער האָט אַרויפגעזעצט מישקען אויפן פערד, אים איבערגעצלמט. די קאָבילע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין נישט גערן צוויי מאָל אַ הירזשע געטון, מיטרופנדיק דעם זשרעבאָק. און ביידע מאָל האָט דאָס האַרץ אין מישקען זיך אָפּגעריסן און אַוועקגעקייקלט ערגעץ אונטן-אַראָפּ. אָבער ער איז אַרויפגעריטן אויפן באַרג בשלום, זיך אַוועקגעלאָזט מיטן העטמאַנישן שליאַך אויף מזרח, אין דער ריכטונג פון אוסט-מעדוויעדיצי. די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פינסטערע, פּאַסיק פאַר אַנטלויפן. די קאַבילע האָט אָפּט געהירזשעט, מורא געהאַט נישט צו פאַרלירן דעם זשרעבאָק. קאָשעוואָי האָט צונויפגעדריקט די ציין, זיי געשלאָגן מיטן עק פון דער לייץ איבער די אויערן, אָפּט זיך אָפּגעשטעלט איינהערן — צי עס קלינגט נישט אָפּ פון הינטן אָדער פאָרנט דאָס הילכיקע לויפן פון פערד, צי עס האָט נישט צוגעצויגן עמעצנס אויפמערקזאַמקייט דאָס הירזשען. אָבער אַרום איז געלעגן אַ טויטע לעגענדאַרע שטילקייט. קאַשעוואָי האָט בלויז געהערט, ווי דער זשרעבאָק, אויסנוצנדיק דאָס אָפּשטעלן זיך, זייגט, טשמאָקעט, צופאַלנדיק צו דער מוטערס שוואַרצן אייטער, זיך שטיצנדיק אויף די הינטערשטע פיסלעך אין שניי, און געפילט לויטן רוקן פון פערד זיינע פאָדערנדיקע שטויסן.

XXVIII

אין קיזעטשניק פילט זיך אַ שאַרפער ריח פון טרוקן מיסט, געפרייעט שטרוי, וואַרעם היי. דורך די שפּאַרעס אין דאַך טריפט אַריין בייטאָג אַ גרויע ליכטיקייט. דורכן געפלאָכטענעם טויער, ווי דורך אַ זיפּ, קוקט אַריין אַמאָל די זון. ביינאַכט — כאָטש נעם דיר די אויגן אַרויס. אַ געפּישטשעריי פון מייז. אַ שטילקייט...

די באַלעבאָסטע האָט בגנבה אַריינגעבראַנגט גריגאָריען עסן איינמאָל אין מעת־לעת, אָוונטצייט. אַריינגעזעצט אין די קיזעקלעך, איז געשטאַנען פאַר אים אַן עמערדיקע קרוג וואַסער. אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, אָבער דער טיפון האָט זיך אים אויס־געלאָזט. גריגאָרי האָט זיך שרעקלעך געפּייניקט די ערשטע מעת־לעתן, און נישט אויסהאַלטנדיק אָן רייכערן, אינדער־פרי אַרומגעקראָכן איבערן ליימענעם דיל, צונויפגעקליבן אַ ביסל טרוקן פערדיש מיסט, עס צעריבן צווישן די הענט און גערייכערט. אינאָוונט האָט דער באַלעבאָס אים געשיקט דורכן ווייב צוויי פאַרדומפּענע בלעטער, אַרויסגעריסענע פון דער עוואַנגעליע, אַ שעכטעלע שוועבעלעך און אַ הויפן געמיש פון געטרוקנטער האָ־ניק־בלום מיט שטענגלעך פון נישט־צייטיקן היימיש־געפלאַנצטן טיטון. גריגאָרי איז צופרידן געווען, זיך אָנגערייכערט ביז איבל־קייט און צום ערשטן מאָל פעסט איינגעשלאָפן אויף די גע־בערגלטע קיזעקלעך, באַהאַלטנדיק דעם קאָפּ אונטער דער פּאָלע, ווי אַ פויגל אונטערן פליגל.

אינדערפרי האָט אים אויפגעוועקט דער באַלעבאָס. ער איז אַריינגעלאָפן אין קיזעטשניק און הויך אויסגעשריגן:

— שלאָפסט? שטיי אויף! דער דאָן האָט זיך איינגע־בראָכן! — און ער האָט זיך דראָבנע צעלאַכט.

גריגאָרי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון שטויס. נאָך אים האָבן מיט אַ טויב גערויש זיך געגומען שיטן די פּודיקע פּירעקן פון די קיזעקלעך.

— וואָס איז געשען?

— די יעלאַנער און וויעשענסקער קאָזאַקן פון דער זייט דאָן זענען אויפגעשטאַנען. פאָמין צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַכט פון וויעשקי זענען אַנטלאָפן קיין טאָגין. מען שמועסט, אַז עס זע־נען אויפגעשטאַנען די קאַזאַנער, שומילינער, מיגולינער. פאַר־שטייסט, ווי ווייט עס איז אַוועק?

ביי גריגאָריען אויפן שטערן און האַלז זענען אויפגעדראָלן

די בינטלעך אָדערן, גרינלעכע פּונקטן האָבן גענומען שפּריצן פון זיינע אָפּלען. ער איז נישט בכוח געווען צו פאַרבאָרגן די פרייד: זיין קול האָט אַ ציטער געטון, די שוואַרצע פינגער האָבן אָן אַ ציל אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די האָקלען פון שינעל.

— און ביי אייך... אין כוטאָר? וואָס? ווי אַזוי?

— ביי אונז הערט מען דערוויילן גאָרנישט. איך האָב געזען דעם פּאָרזיצער — לאַכט ער: „מיר, זאָגט ער, איז אַלצאיינס, צו וועלכן גאָט צו דינען, אַבי עס זאָל נאָר אַ גאָט זיין". אָבער קריך שוין אַרויס פון דיין הינטישער בודע.

זיי זענען געגאַנגען צו דער כאַטע. גריגאָרי האָט געשפּרייזט קלאָפּטערווייז. דער באַלעבאָס האָט אים נאָכגעאיילט ביי דער זייט, דערציילנדיק:

— אין דער יעלאַנער סטאַניצע איז דער ערשטער אויפגעשטאַנען דער קראַסנאָיאַרער כוטאָר. אייערנעכטן זענען צוואַנציק קאָמונאַרן אַוועק אין קריוועך און פלעשאַקאָווער כוטאָר אַרעסטירן קאָזאַקן. ווען די קראַסנאָיאַרער האָבן זיך דערוווּסט דערפון, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט און באַשלאָסן: „ביז ווי לאַנג וועלן מיר זיך לאָזן פייניקן און אומברענגען? די כאַטעס אונזערע פאַרנעמט מען, מען וועט צו אונז אויך זיך דערקלויבן. זאָטלט די פערד, לאָמיר אָפּשלאָגן די אַרעסטירטע". עס האָבן זיך צונויפגענומען אַ מאַן פופצן, אַלץ טיכטיקע חברה-לייט. אָנגעפירט מיט זיי האָט דער קעמפערישער קאָזאַק אַטלאַנאָוו. ביקסן האָבן זיי געהאַט בלויז צוויי, ווער אַ שווערד, ווער אַ פּיקע און ווער בלויז אַ דרענגל אין דער האַנט. אַריבער דעם דאָן, און אַוועק קיין פלעשאַקאָוו. די קאָמונאַרן רוען אָפּ ביי מעלניקאָוון אין הויף. האָבן די קראַסנאָיאַרער זיך אַ וואָרף געטון אין רייטער-מאַרש אויפן הויף אין אַטאַקע, דער הויף איז אָבער אַרומגענומען מיט אַ געמויערטן פּאַרקן. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון, און געמוזט אָפּטרעטן. די קאָמונאַרן האָבן דערהרגעט ביי זיי איין קאָזאַק, אַ ליכטיק גן-עדן אים. זיי האָבן אים דערהרגעט, נאָכיאָגנדיק. ער

איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד און געבליבן הענגען אויפן פאַרקן. האָבן די פלעשאַקאָווער קאָזאַקן אים געבראַנגט צו די פערד־שטאַלן פון דער סטאַניצע. ביי אים, ביי דעם ליבינקן אין דער האַנט, איז דער ראַפּניק פאַרשטאַרט געבליבן... נו, און עס האָט זיך אָנגעהויבן. אַצינד קומט שוין אַ סוף צו דער סאָוויעטישער מאַכט, דער טייוול זאָל זי !...

אין דער כאַטע האָט גריגאָרי מיט גיריקייט אויפגעגעסן די רעשטלעך פון פרישטיק ; צוזאַמען מיטן באַלעבאָס אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין. אין די ראָגן פון די געסלעך זענען, ווי יום־טוב־צייט, געשטאַנען גרופּעס קאָזאַקן. צו איינער אַזאַ גרופּע זענען צוגעגאַנגען גריגאָרי מיטן באַלעבאָס. די קאָזאַקן האָבן צום באַגריסן אויפגעהויבן די הענט צו די פּאַפּאַכעס, געענטפערט איינגעהאַלטן, מיט נייגיריקייט און אָפּוואַרטונג באַטראַכטנדיק גריגאָריעס אומבאַקאַנטע פיגור.

— דאָס איז אַן אייגענער מענטש, קאָזאַקן ! איר שרעקט אייך נישט פאַר אים. ווענן די מעליעכאָווס פון טאָטערישן האָט איר געהערט ? דאָס איז פּאַנטעלעיס אַ זון, גריגאָרי. ער האָט זיך ביי מיר אויסבאַהאַלטן פון דערשיסן — האָט דער באַלעבאָס מיט שטאָלץ געזאָגט.

ווי נאָר עס האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס, האָט איינער פון די קאָזאַקן אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי די רעשעטאָווער, דובראָווער און טשערנאָווער האָבן אַרויסגעטריבן פאָמינען פון וויעשענסק, — אָבער אין דער צייט האָבן אין עק גאַס, ביי דער וויי־סער שיפּוע פון באַרג זיך באַוויזן צוויי רייטער. זיי האָבן זיך אַ לאָז־געטון לענגאויס דער גאַס, זיך אָפּשטעלנדיק ביי יעדער גרופּע קאָזאַקן. זיי האָבן אויסגעדרייט די פערד, עפּעס געשריגן און

געמאַכט מיט די הענט. גריגאָרי האָט גיריק אָפּגעוואָרט זייער דערנענטערונג.

— דאָס זענען נישט קיין אונזעריקע, קיין ריבינער... שלוחים פון ערגעץ, — האָט דער קאָזאַק געזאָגט, זיך איינקוקנדיק און איבערגעריסן זיין דערציילן וועגן דעם פאַרנעמען וויעשענסק.

מיידנדיק דאָס שכנישע געסל, זענען די צוויי צוגעריטן. דער פעדערשטער, אַן אַלטער אין אַ צעשפּיליעטן זיפּון, אָן אַ היטל, מיט אַ פאַרשוויצט רויט פּנים און צעשיטע גרויע לאָקן אויפן שטערן, האָט ווילדעריש פאַרהאַלטן דאָס פערד; שטאַרק זיך אויסבייגנדיק אַהינטער, האָט ער אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט פאָרויס.

— וואָס־זשע שטייט איר, קאָזאַקן, אין די געסלעך, ווי ווייבער?! — האָט ער ווײנענדיק אויסגעשריגן. טרערן פון כּעס האָבן איבערגעריסן זיין קול. די אויפרעגונג האָט געטרייסלט זיינע ברוינע רויטע באַקן.

אונטער אים האָט, טאַנצנדיק, זיך געדרייט זיין קאָבילקע, אַ פיר־יעריקע שיינהייט, נאָך פאַרן ערשטן זשרעבאָק, אַ קאַשטאַן־פאַרביקע, מיט ווייסע נאַזדרעס, מיט אַ גרויסאַרטיקן ווידל און דינע, ווי פון שטאָל געטאָקטע פיס. שנאַרכענדיק און בייסנדיק די צוים, האָט זי זיך אַלעמאָל אַ זעץ געטון, געשטעלט אויף די אונ־טערשטע פיס, געריסן די לייץ, כּדי ווידער זיך צוועקגולאָזן אין פלינקן ריטמישן גאַלאָפּ, כּדי דער ווינט זאָל איר ווידער אומלייגן די אויערן, פייפן אין דער גריווע, כּדי די האַרטע, פון פרעמט־אָפּגעברענטע ערד, זאָל ווידער אָפּהילכן אונטער די געטאָקטע מושלעס פון אירע קאָפּיטעס. אונטער דער דינער פעל פון דער קאָבילקע האָבן געשפּילט און זיך באַוועגט יעדעס פעדעמל און

אָדערל. עס זענען אַרומגעגאַנגען איבערן האַלז די קנופּאַרטיקע, ווי קיזלשטיין האַרטע מוסקולן. עס האָבן געציטערט די דורכזיכטיקע ראָזע נאָזלעכער און דאָס בולטע אויג, ווי אַ רובין, איבערקערנדיק די בלוטיקע ווייסל, האָט געשיקלט אויפן באַלעבאָס אַרויפאָדערנדיק און פול מיט רציחה.

— וואָס־זשע שטייט איר, זין פון שטילן דאָן?! — האָט דער אַלטער נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון, איבערפירנדיק די אויגן פון גריגאָריען אויף די איבעריקע. — די טאַטעס און זיידעס אייערע דערשיסט מען, דאָס פאַרמעגן אייערס נעמט מען צו, פון דער רעליגיע אייערער שפּעטן אָפּ די יידישע קאָמיסאַרן, און איר קנאַקט סעמעטשקעס, גייט אויף פּאַרוויילונגען און וואַרט, ביז מען וועט אייך מיטן אַרקאַן די העלזער פאַרציִען? ביז ווי לאַנג וועט איר אייך נאָך אָנהאַלטן אָן די ווייבערישע קליידלעך? די גאַנצע יעלאַנער געגנט איז אויפגעשטאַנען פון קליין ביז גרויס. אין וויעשענסק האָט מען אַרויסגעטריבן די רויטע... און איר, ריבינער קאָזאַקן! צי איז אייך דאָס לעבן ביליק געוואָרן? צי אָנשטאָט קאָזאַקיש בלוט פליסט ביי אייך פויערישער קוואַס אין די אָדערן? שטייט אויף! נעמט אייך צום געווער! דער קריוועד כוטאָר האָט אונז געשיקט אויפהייבן די כוטאָרן. אויפן פערד אַרויף, קאָזאַקן, כל־זמן ס'איז נאָך נישט שפּעט! — ער האָט אָנגעטראָפן מיט די וואַזיניקע אויגן אויפן באַקאַנטן פנים פון איינעם אַן אַלטן און אויסגעשריגן מיט גרויס אויפרעגונג: — און וואָס שטייסטו, סעמיאָן כריסטאָפאָראָוויטש? דיין זון האָבן די רויטע הינטער פילאָנאָוו דערהרגעט, און דו באַהאַלטסט דיך אויפן אויוון?!

גריגאָרי האָט נישט צוגעהערט ביזן סוף, אַוועקגעלאָפן אין הויף אַריין. ער האָט איליק אַרויסגעפירט זיין אויסגערוט פערד

פון פּלעווע־שפּייכלער ; ביז בלוט זיך צעריסן די נעגל, אַרויס־קריגנדיק דאָס זאָטל פון צווישן די קיזעקלעך, און אַרויסגעריסן פון הויף, ווי אַ משוגענער.

— איך פאַר ! זאָל דיר גאָט באַצאָלן ! — האָט ער נאָך באַוויזן אויסצושרייען צום באַלעבאָס, וואָס איז צוגעקומען צום טויער, און אַ פאַל טוענדיק איבערן פעדערשטן זאָטל־האָרן, איני־גאַנצן אָנגעבויגן צום פערדישן האַלז, האָט ער אויפגעהויבן אַ ווייסן צעווירבלטן שניי־שטויב אויף דער גאַס הינטער זיך, שמייסני־דיק דאָס פערד מיטן ראַפּניק פון ביידע זייטן און טראָגנדיק זיך אין פולן גאַלאָפּ. דאָס שנייאיקע רויכל הינטער אים האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעזעצט, די פיס אין די רייט־אייזנס האָבן זיך ריטמיש באַוועגט און געריבן אָן די פליגל פון זאָטל. אונטער די רייט־אייזנס האָבן פלינק זיך געפלאָכטן די פערדישע קאָפּי־טעס. ער האָט געפילט אַזאַ ווילדע גרויסע פרייד, אַזאַ צופלוס פון כוחות און אַנטשלאָסנקייט, אַז נישט ווילנדיק האָט פון זיין האַלז זיך געריסן אַ פּישטשענדיק, זידנדיק כראָפּען. אין אים האָבן זיך באַפרייט די געפאַנגענע פאַרבאָרגענע געפילן, קלאָר האָט אים אויסגעזען פון אַצינד אָן זיין וועג, ווי אַ שליאַך באַ־לויכטן פון דער לבנה.

אַלץ איז באַשטימט און אָפּגעווויגן געוואָרן אין די פיינ־לעכע טעג, ווען ער האָט ווי אַ חיה זיך אויסבאַהאַלטן אין דער נאָרע פון די קיזעקלעך, נאָכגעלויערט יעדן קלאַנג, יעדעס קול פון דרויסן. ווי ער וואָלט גאָרנישט געהאַט הינטער זיך קיין טעג פון זוכן דעם אמת, קיין וואַקלענישן, קיין איבערגענג און שווערן אינערלעכן קאַמף.

ווי אַ שאָטן פון אַ וואָלקן האָבן זיך דורכגעטראָגן די דאָזיקע

טעג, און זייַנע זוכעניש האָבן אַצינד אויסגעזעען איבעריק און פּוסט. וועגן וואָס איז געווען צו טראַכטן? נאָכוואָס האָט די נשמה זיך אַרומגעשליידערט, — ווי אַן אַרומגערינגלטער וואָלף אויף געיעג, — זוכנדיק אַן אויסגאַנג, אַ באַשייד פאַר די ווידערשפּרוכן? דאָס לעבן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס לעכערלעך, אַלס אומגעווייניאַלעך פּשוט. אַצינד האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז עס האָט קיינער נישט פאַרמאָגט אַזאַ אמת, אונטער וועלכן איטלעכער זאָל זיך קאָנען אָנוואַרעמען, און פול מיט צאָרן, האָט ער געטראַכט: יעדער האָט זיין אמת, זיין וועג. פאַרן שטיקל ברויט, פאַרן חלק ערד, פאַר רעכט צו לעבן, האָבן מענטשן תמיד געקעמפט און וועלן קעמפן, ווי לאַנג די זון וועט שיינען, ווי לאַנג וואַרעם בלוט וועט פליסן אין זייערע אָדערן. מען דאַרף זיך שלאָגן מיט דעם, ווער עס וויל צונעמען דאָס לעבן, די רעכט דערויף; מען דאַרף זיך שלאָגן שטאַרק, נישט וואַקלען זיך, — שטיין ווי אַ מויער, — און דער קאַמף אַליין וועט שוין ליפערן דעם גליִענדיקן האַס, די שטאַנדהאַפטיקייט. מען דאַרף בלויז נישט צוימען די געפילן, געבן זיי פרייהייט ביז שגעון — און פטור.

די וועגן פון קאָזאַקנטום האָבן זיך צונויפגעקרייצט מיט די וועגן פון ערדלאָזן פויערישן ראַסיי, מיט די וועגן פון די מענטשן, וואָס אַרבעטן אין די פאַבריקן. שלאָגן זיך מיט זיי! אויף לעבן און טויט זיי אָפּעררייסן פון אונטער די פיס די פעטע דאָנער ערד, וואָס איז באַגאָסן מיטן קאָזאַקישן בלוט. פאַרטרייבן זיי, ווי די טאָטערן, פון די דאָנער גרענעצן! אַ טרייסל טון מיט מאָסקווע, אָנוואַרפן איר אַ בזיונדיקן שלום! אויף אַ שמאָל שטעגל קאָן מען זיך נישט פונאַנדערגיין, עמעצער מוז אָוועקגעשליידערט ווערן. דער פּרוו איז געמאַכט געוואָרן! זיי האָבן אַרויסגעשיקט

רויטע פּוילקן אויף דער קאָזאַקישער ערד, אויסגעפּרוווט! און אַצינד — צו דער שווערד!

וועגן דעם האָט גריגאָרי געטראַכט, אויפגעפלאַקערט פון בלינדן האַס, בשעת זיין פערד האָט אים געטראָגן איבערן ווייס-גריווּיקן טעפּיך פון דאָן. אויף אַן אויגנבליק האָט זיך אַ רודער געטון אין אים אַ ווידערשפּרוך: „די רייכע מיט די אָרימע, און נישט די קאָזאַקן מיט ראַסיי... מישקאַ קאָשעוואָי און קאָטליאַראָוו זענען אויך קאָזאַקן, און דאָך איבערגעגעבענע רויטע...” נאָר ער האָט מיט כּעס פאַרטריבן דידאָזיקע געדאַנקען.

עס האָט זיך באַוויזן דער טאָטערישער כוטאָר. גריגאָרי האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט די לייצן; דאָס פערד, וואָס איז באַדעקט געווען מיט שטיקער שיים, געלאָזט גיין פּאַמעלעכער. אין עק כוטאָר האָט ער ווידער אַ טרייב געטון, מיט דער ברוסט פון פערד צעעפנט די פליגל פון טירל און אַריינגעריטן אין הויף.

XXIX

מיטן טאָג צוגלייך איז קאָשעוואָי, אַן אויסגעמאַטערטער, אַריינגעריטן אין כוטאָר פון דער גרויסער אוסט-כאָפּערער סטאַניצע. אים האָט פאַרהאַלטן די וואַך פון פערטן זאַאַמורער פּולק. צווי רויטאַרמייער האָבן אים אַוועקגעפירט אין שטאַב אַריין. עפּעס איינער פון שטאַב האָט אים לאַנג און אומצוטרוילעך אויסגעפרעגט, זיך באַמיט צו פאַרפּלאָנטערן, שטעלנדיק אַ שטייגער צועלכע פראַגן: „און ווער איז ביי אייך געווען פאַרזיצער

פון רעווקאָם? פאַרוואָס האָט איר נישט קיין דאָקומענטן?" — און אַזוי ווייטער אין זעלבן גייסט. מישקען איז דערעסן געוואָרן צו ענטפערן אויף די נאַרישע פראַגן.

— דו פאַרדרייַ מיך נישט, חבר! מיך האָבן די קאָזאַקן נאָך ערגער געפּרוּווט פאַרדרייען, און עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

ער האָט פאַרשאַרצט די בלוזע, געוויזן די זייט און אונטערשטע טייל בויך, וואָס זענען צעשטאָכן געווען פון הייגאָפּל. געוואָלט שוין אָנשרעקן דעם שטאַבנע מיט עפּעס אַ האַרב וואָרט, נאָר אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען שטאָקמאַן.

— פאַרלוירענער זון! טייוול! — זיין באַס האָט זיך איבערגעריסן, די הענט האָבן אַרומגעכאַפּט מישקעס רוקן. — וואָס פרעגסטו אים אויס, חבר, דאָס איז דאָך אונזערס אַ חברהמאַן! וואָס טויגן דיר די נאַרישקייטן! וואָלסט געשיקט נאָך מיר אָדער נאָך קאָטליאַראָוון, און קיין שום פראַגן מער... קום, מיכאַיל, אָבער ווי אַזוי ביסטו געראַטעוועט געוואָרן, זאָג מיר? מיר האָבן דיך שוין אויסגעשטראָכן פון צווישן די לעבעדיקע. ער איז אומגעקומען, טראַכטן מיר, מיט אַ העלדישן טויט.

מישקאַ האָט זיך דערמאַנט, ווי מען האָט אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט, זיין הילפלאָזיקייט, די ביקס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין שליטן, — און ער איז פיינלעך, ביז טרערן רויט געוואָרן.

XXX

אין טאַטערישן כוטאָר האָבן אין טאָג פֿון גריגאָריעס קומען זיך שוין געהאַט פֿאַרמירט צוויי קאָזאַקן-סאָטניעס. אויף דער פֿאַר-זאַמלונג האָט מען באַשלאָסן צו מאָביליזירן אַלע פֿעיִקע צו טראָגן געווער פֿון זעכצן ביז זיבעציק יאָר. אַ סך האָבן געפֿילט די האָפֿענונגסלאָזיקייט פֿון דער געשאַפֿענער לאַגע; אויף צפֿון האָט זיך געפֿונען די פֿיינטלעכע וואָראָניעזשער גובערניע, וואָס איז געגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס, און דער רויטער כאָפּערער קרייז; אויף דרום — דער פֿראָנט, וועלכער האָט זיך געקאָנט אויסדרייען און מיט זיין לאַווינע צעדריקן די אויפֿשטענדער. טייל באַזונדער-פֿאָרזיכטיקע קאָזאַקן האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין געווער, נאָר מען האָט זיי געצווּנגען. קאַטעגאָריש האָט זיך אָפּגע-זאָגט צו קעמפֿן סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו.

— איך וועל נישט גיין. נעמט מיין פֿערד, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, און איך וועל די ביקס נישט נעמען! — האָט ער געמאָלדן אינדערפֿרי, ווען גריגאָרי, כריסטאָניאַ און אַניקושקאַ זענען אַריינגעקומען צו אים אין שטוב.

— וואָס הייסט — דו ווילסט נישט? — האָט גריגאָרי גע-פֿרעגט, באַוועגנדיק מיט די נאָזלעכער.

— פּשוט, איך וויל נישט — און גענוג!

— און אויב די רויטע וועלן פֿאַרנעמען דעם כוטאָר, — וווּ וועסטו דיך אַהינטון? מיט אונז גיין אָדער פֿאַרבלייבן?

סטיעפּאַן האָט לאַנג אַריבערגעפֿירט זיין שאַרפֿן דורכזיכ-

טיקן בליק פון גריגאָריען אויף אַקסיניען און, שווייגנדיק א ווייַלע, געענטפערט :

— דאָס וועל איך שפּעטער זען...

— אויב אַזוי — גיי־זשע אַרויס ! נעם אים, כריסטאָן ! מיר וועלן דיך גלייך צום וועגטל אַוועקשטעלן ! — גריגאָרי האָט זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף אַקסיניען, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן אויוון, ער האָט אָנגענומען סטיעפּאַנען ביים אַרבל פון דער בלוזע, אים אַ צי געטון צו זיך, — קום, נישטאָ וואָס צו טענהן !

— גריגאָרי, הער אויף מיט די נאַרישקייטן... לאָז צורו !

סטיעפּאַן איז בלייך געוואָרן, שוואַך זיך געוועריט. אים האָט פון הינטן אַרומגענומען דער אָנגעכמורעטער כריסטאָניאַ, אַ בורטשע געטון :

— הייסט עס, גייען מיר, אויב דו ביסט אַזעלכער.

— ברידער !...

— מיר זענען דיר נישט קיין ברידער ! גיי, זאָגט מען דיר !

— לאָזט אָפּ, איך וועל מיך פאַרשרייבן אין דער סאָטניע. איך בין שוואַך נאָכן טיפוס...

גריגאָרי האָט קרום אַ שמייכל געטון, אָפּגעלאָזט דעם אַרבל פון סטיעפּאַנס בלוזע.

— גיי, נעם אַ ביקס, האָסט שוין לאַנג דאָס געדאַרפט טון !

ער איז אַרויסגעגאַנגען, פאַרקנעפּלענדיק דעם שינעל, זיך נישט געזעגנט. כריסטאָניאַ האָט זיך נישט זשעגירט, נאָכן פאַר-

געקומענעם צו בעטן ביי סטיעפאַנען טיטון אויף אַ פּאַפּיראָסל און איז נאָך לאַנג געזעסן, שמועסנדיק, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען.

אינאָווּנט האָט מען פון וויעשענסק געבראַנגט צוויי וואָגנס געווער. פּיראַוונאַכציק ביקסן און מער ווי הונדערט שווערדן. אַ סך האָבן אַרויסגענומען זייער באַהאַלטן געווער. דער כוטאָר האָט אַרויסגעשטעלט צוויי־הונדערט און עלף קעמפער. הונדערט און פופציק רייטער, די איבעריקע — פוסגייער.

עס איז נאָכנישט געווען קיין איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע ביי די אויפשטענדער. די כוטאָרן זענען דערווייל טעטיק געווען אָפּגעזונדערט: זעלבשטענדיק פאָרמירט סאָטניעס, אויסגעקליבן אויף די פאַרזאַמלונגען קאָמאַנדירן פון די צומייַנסט־קעמפעריש קאָזאַקן, זיך רעכענענדיק נישט מיט די ראַנגעס, נאָר מיט די פאַרדינסטן; קיין אָנגרייפערישע אָפּעראַציעס נישט אונטערגענומען, בלויז זיך פאַרבונדן מיט די שכנישע כוטאָרן און אויסגעשפּירט די סביבה מיט רייטער־פּאַטרולן.

אַלס קאָמאַנדיר פון דער רייטער־סאָטניע האָט מען אין טאַטאַרישן כוטאָר נאָך פאַר גריגאָריעס קומען, ווי אין אַכצענטן יאָר, אויסגעקליבן פּיעטראָ מעליעכאָוון. דאָס אָנפירן מיט דער פוסגייער־סאָטניע האָט גענומען אויף זיך לאַטישעוו. די אַרטילעריסטן מיט איוואַן טאָמילינען בראש זענען אַוועקגעפאָרן קיין באַזקי. דאָרט האָט זיך געפונען אַ האַלב־צעשטערטער האַרמאַט, אָן אַ פּאַנאָראַמע, מיט אַ צעבראָכן ראָד, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן דורך די רויטע. דעמדאָזיקן האַרמאַט טאַקע זענען די אַרטילעריסטן אַרויסגעפאָרן פאַרריכטן.

אויף צוויי־הונדערט און עלף מענטשן האָט מען געבראַנגט פון וויעשענסק און צונויפגענומען אין כוטאָר הונדערט אַכט ביקסן

הונדערט פערציק שווערדן און פערצן יעגער־ביקסן. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, וואָס איז באַפרייט געוואָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע זקנים פון מאָכאָווס קעלער, האָט אויסגעגראָבן דעם קוילנוואַרפער. אָבער קיין לענטעס זענען נישט געווען, און די סאָטניע האָט דעם קוילנוואַרפער נישט אָנגענומען אין זײַער באַוואָפענונג.

צומאָרגנס אינאָוונט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז פון קאַרגין זײַט אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד אַ שטראָף־אָפּטײלונג פון די רויטע חיילות, וואָס באַשטייט פון דרײַ הונדערט באַגנעטן, זיבן האַרמאַטן און צוועלף קוילנוואַרפערס. פּיעטראָ האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן אין דער ריכטונג פון טאָקינער כוטאָר אַ שטאַרקן פּאַטראָל און איינצײַטיק וועגן דעם מיטצוטײלן אין וויעשענסק.

דער פּאַטראָל איז אַרויסגעריטן בין־השמשות־צײַט. גריגאָרי מעליעכאָוו האָט געהאַט אונטער זײַן אָנפירונג צוויי־און־דרײַסיק טאַטאַרצעס. פון כוטאָר זענען זיי אַרויסגעריטן אין גאַלאָפּ, און אַזוי שוין געטריבן דעם גאַנצן וועג ביז טאָקין. אַ צוויי ווייאָרסט פון דאָרף, לעבן אַ נישט טיפער הייל בײַם שליאַך, האָט גריגאָרי צעפוילן די קאָזאַקן אַראָפּצושטייגן פון די פערד און אַרײַנגיין אין דער הייל. די אָנטרײַבער האָבן אַוועקגעפירט די פערד אין אַ קליינעם שמאָלן טאָל, עס איז דאָרט געלעגן אַ טיפער שניי. אַראָפּגייענדיק, זענען די פערד ביז די בײַכער געזונקען אין פוכיקן שניי; עמעצנס אָגער האָט אין פאַרפרילינגדיקער רעגונג געהירזשעט, געקאָפּעט מיט די פיס. מען האָט אים געמוזט איבערגעבן אַ באַזונדערן אָנטרײַבער.

דרײַ קאָזאַקן — אַניקושקע, מאַרטין שאַמילן און פּראָכאָר זיקאָוו — האָט גריגאָרי געשיקט צום כוטאָר. זיי זענען אַוועקגעריטן צוזאַמען. אויפן ווײַטן האָריזאָנט האָבן בלויז זיך געצייכנט,

אַוועקגייענדיק אויף דרום-מזרח אין ברייטע זיגזאַגן, די טאָקינער ניס-וועלדלעך. עס האָט אָנגעהויבן נאַכט ווערן. נידעריקע וואָלקנס זענען געשווומען איבערן סטעפּ. אין דער הייל זענען שווייגנדיק געזעסן די קאָזאַקן. גריגאָרי האָט געזען, ווי די סילועטן פון דריי רייטער לאָזן זיך אַראָפּ פון באַרג. גיסן זיך צונויף מיטן שוואַרצן רוקן פון וועג. אָט זעט מען שוין נישט די פערד, עס וויגן זיך בלויז די קעפּ פון די רייטער. אויך זיי זענען פאַרשוואונדן. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך פון דאָרט גאָרגלדיק צעהילכט אַ קוילנוואַרפער. דערנאָך, מיט אַ טאָן העכער, טענאָראַרטיק, האָט גענומען קלאַפּן אַ צווייטער. דער צווייטער איז פאַרשוויגן געוואָרן, און דער ערשטער האָט, אָפּרוענדיק זיך, איילִיק פאַרענדיקט נאָך אַ לענטע. אַ רעגן פון קוילן איז געפאַלן איבער דער הייל ערגעץ דאָרט אין דער בין-השמשותדיקער הייך. זייער לעבעדיקער קלאַנג, וואָס איז געווען פריילעך און סובטעל, האָט אויפגעהייטערט. דריי קאָזאַקן זענען געריטן אין פולן גאַלאָפּ.

— מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וואַך! — האָט פּראָכאָר זיקאָוו פונוויטנס אַ געשריי געטון. זיין קול איז פאַרטייבט געוואָרן דורכן גערויש פון פערדישן לויפן.

— די אָנטרייבער — זיך גרייטן! — האָט גריגאָרי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן וואַל פון דער הייל, און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די קויל׳ן, וואָס האָבן צישענדיק זיך איינגעגראָבן אין שניי, האָט ער גענומען גיין אַקעגן די צורייטנדיקע קאָזאַקן.

— איר האָט גאָרנישט געזען?

— מען האָט געהערט ווי זיי פאָרען זיך דאָרט. לויט די

קולות, זענען זיי אַ סך, — האָט אַניקושקאַ סאַפּענדיק געזאָגט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, דער שפּיץ שטיוול איז אים שטעקן געבליבן אין רייט-אייזן, און שעלטנדיק און אונטערשפּרינגענדיק, האָט ער מיט דער הילף פון דער האַנט באַפרייט דעם פוס.

בשעת גריגאָרי האָט אים אויסגעפרעגט, זענען אַכט קאָזאַקן אַוועקגעגאַנגען פון דער הייל צום טאָל; זיי האָבן גענומען זייערע פערד און אַוועקגעריטן אַהיים.

— מיר וועלן זיי מאָרגן דערשיסן, — האָט גריגאָרי שטיל געזאָגט, זיך איינהערנדיק אין געטופּעריי פון די פערד, וואָס האָבן זיך דערווייטערט.

אין דער הייל זענען די געבליבענע קאָזאַקן אָפּגעזעסן נאָך אַן ערך אַ שעה, פאָרזיכטיק אָפּהיטנדיק די שטילקייט, זיך איינהערנדיק. ענדלעך האָט עמעצער דערהערט אַ געפּאַטשעריי פון קאָפּיטעס.

— מען רייט פון טאָקין...

— אַן אויסשפּיר-אָפּטיילונג!

— עס קאָן נישט זיין!

זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט שעפּטשענדיק. אַרויסרוקנדיק די קעפּ, האָבן זיי בהינם זיך באַמיט צו דערזען עפּעס אין דער נאַכטיקער, נישט דורכדרינגלעכער פינסטערניש. פיעדאָר באָדאָווסקאָווס קאַלמיקישע אויגן האָבן די ערשטע דערזען.

— מען רייט, — האָט ער מיט זיכערקייט געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק די ביקס.

ער האָט זי געטראָגן אויף אַ מאָדנע שטייגער: דעם רעמעט אָנגעהאָנגען אויפן האַלז, ווי די שנור פון אַ צלם, און די

ביקס האָט זיך קרום געוויגט ביי אים אויף דער ברוסט. ער איז געוויינטלעך אַזוי אי געגאַנגען, אי געריטן, האַלטנדיק די הענט אויף דער לופע און קאָלבע, ווי אַ באַבע אויף דער קאָראָמיסלע.

אַ מאַן צען זענען שווייגנדיק און צעוואָרפן געריטן איבערן וועג. אויף אַ האַלב פערד פאָרויס האָט זיך אויסגעטיילט אַ פעסטע, וואָרעם-אָנגעטאָנענע פיגור. דאָס לאַנגע פערד מיטן קורצן ווידל איז געגאַנגען מיט זיכערקייט, מיט שטאָלץ. פון הינטן, אויפן פאָן פון גרויען הימל, האָט גריגאָרי דייטלעך געזען די ליניעס פון די פערדישע קערפערס, די קאָנטורן פון די רייטער. אַפילו דעם פלאַכן אויבערשלאַק פון היטל האָט ער געזען אויפן קאָפּ פון דעם, וואָס איז געריטן פאָרויס. די רייטער האָבן זיך געפונען אויף אַ צען קלאַפטער פון דער הייל; אַזאַ קורצער שטח האָט זיי אָפּגעטיילט פון די קאָזאַקן, אַז זיי האָבן, דאַכט זיך, געדאַרפט הערן סיי דאָס הייזעריקע אָטעמען פון די קאָזאַקן, סיי דאָס אָפטע קלאַפּן פון זייערע הערצער.

גריגאָרי האָט נאָך פריִער באַפוילן אַן זיין קאָמענדע נישט צו שיסן. ער האָט, ווי אַ יעגער אין זיין פאַרשטעקונג, געוואַרט אויפן געהעריקן מאָמענט, מיט אויסגערעכנטקייט און געמאָסטנקייט. ביי אים איז שוין צייטיק געוואָרן אַ באַשלוס: ער וועט אַ געשריי טון צו די רייטער, און ווען זיי וועלן אין צעמישונג זיך צונויפרוקן אין אַ קופּע, — וועט ער עפענען פייער.

פרידלעך האָט געסקריפּעט אויפן וועג דער שניי. פון אונטער די קאָפּיטעס איז אַפּערגעפלויגן מיט אַ געלן אָפּשיין אַ פונק; אַ פּאָדקאָווע האָט מסתמא זיך אַ גליטש געטון איבער אַן אָפּגעדעקטן קיזל-שטיין.

— ווער רייט?

גריגאָרי איז פלינק, ווי אַ קאַץ, אַרויסגעשפּרונגען פון דער

חייל, זיך אויסגעגלייכט. נאָך אים האָבן מיט אַ טויב שאָרכען זיך אַרויסגעשיט די איבעריקע קאָזאַקן.

ס׳איז פאַרגעקומען דאָס, אויף וועלכן גריגאָרי האָט זיך בשום אופן נישט גערעכנט.

— און איר וועמען דאַרפט? — האָט אָן שאָטן פון שרעק אָדער פאַרווונדערונג געפרעגט דער געדיכטער הייזעריקער באַס פון פעדערשטן. דער רייטער האָט אויסגעדרייט דאָס פערד און זיך פאַרנומען אויף גריגאָריען.

— ווער ביסטו פאַר איינער?! — האָט גריגאָרי שאַרף אויסגעשריגן, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, אומבאַמערקט אויפהייבנדיק דעם רעוואָלווער אין דער האַלב-אויסגעבויגענער האַנט.

דער זעלבער באַס האָט זיך צעהודזשעט ליאַרעמדיק, מיט כּעס:

— ווער וואַגט עס צו רעדן? — איך — בין דער קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג פון די שטראָף-חיילות! איך בין באַפולמעכטיקט דורכן שטאַב פון דער אַכטער רויטער אַרמיי אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד. ווער איז דאָ דער קאָמאַנדיר? שוין אים מיר אַהערגעבן!

— איך בין דער קאָמאַנדיר.

— דו? אַ-אַ-אַ...

גריגאָרי האָט דערזען אַ שוואַרצע זאַך אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט פון רייטער. ער האָט באַוויזן פאַרן שאָס אומצופאַלן; כּפאַלנדיק, האָט ער אויסגעשריגן:

— פייער!

אַ טעמפּע קויל פון אַ בראַונינג איז דורכגעפלויגן איבער גריגאָריעס קאָפּ. עס האָבן זיך גענומען שיטן פאַרטייבנדיקע שאָסן

פוןביידע זייטן. באָדאָווסקאָוו האָט זיך אָנגעהאָנגען אָן די לייצן פון אומדערשראָקענעם קאָמאַנדירס פערד. אויסשטרעקנדיק די האַנט איבער באָדאָווסקאָוון, האָט גריגאָרי מיט איינגעהאַלטענעם אימפעט אַ זעץ געטון מיט דער טעמפער זייט פון דער שווערד איבער זיין היטל און אַראָפּגעשלעפּט דעם שווערן קערפּער פון זאָטל. דאָס געפעכט האָט זיך פאַרענדיקט אין צוויי מינוט. דריי רויטאַרמייער זענען אַנטלאָפן, צוויי זענען געהרגעט געוואָרן, די איבעריקע האָט מען אַנטוואָפנט.

גריגאָרי האָט קורץ אויסגעפאָרשט דעם קאָמאַנדיר אין היטל, וואָס איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, שטופנדיק אים אין צעקלאַפטן מויל אַריין די לויפע פון רעוואָלווער

— ווי איז דיין פאַמיליע, שלאַנג?

— ליכאַטשעוו.

— אויף וואָס האָסטו דיך געריכט, רייטנדיק מיט אַ וואַך פון נײַן מאַן? דו האָסט געמיינט, די קאָזאַקן וועלן פאַלן אויף די קני? דיך בעטן מחילה?

— דערהרגעט מיך!

— דאָס וועלן מיר נאָך באַווייזן, — האָט אים גריגאָרי געטרייסט. — די דאָקומענטן ווו האָסטו?

— אין טאַש. נעם זיי, באַנדיט!... אויסוווּרף!...

גריגאָרי האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף די זידל־ווערטער, אַליין באַזוכט ליכאַטשעוון, אַרויסגענומען פון דער קעשענע פון זיין פעלצל אַ צוויטן בראַונינג, אים אויסגעטון דעם מאַוזער צון מיליטערישן טאַש. אין אַ זייטיקער קעשענע האָט ער געפונען אַ קליינעם, מיט פאַרביקער לעדער געדעקטן פּאָרטפעל מיט פּאַפּירן און אַ פּאָרטציגאַר.

ליכאַטשעוו האָט די גאַנצע צייט געזידלט, געקרעכצט פון ווייטיק. זיין רעכטער אָרעם איז געווען דורכגעשאָסן, דער קאָפּ שטאַרק צעקלאַפּט פון גריגאָריעס שווערד. ער איז געווען הויך, העכער פון גריגאָריען, שווערוואָגיק און, מסתמא, שטאַרק. אויפן ברוינעם פריש-ראַזירטן פּנים זענען די קורצע ברייטע שוואַרצע ברעמען הערשעריש זיך צונויפגעגאַנגען איבער דער נאָז. דאָס מויל איז געווען גרויס, די גאָמבע — פּירעקיק. אָנגעטון איז ליכאַ-טשעוו געווען אין אַ פּעלצל מיט פאַלבן, זיין קאָפּ האָט באַדעקט אַ שוואַרץ היטל, וואָס איז צעקנייטשט געווען פון קלאַפּ מיט דער שווערד, הינטערן פּעלצל זענען אויף אים נעט געלעגן דער כּרעטש פון האַקי-קאָליר, די ברייטע גאַליפע. נאָר די פיס זענען געווען קליינע, פיינע, אָנגעטוענע אין עלעגאַנטע שטיוול מיט לאַ-קירטע כאָליעוועס.

— טו אויס דאָס פּעלצל, קאָמיסאַר! — האָט גריגאָרי באַ-פוילן. — דו ביסט אַ גלאַטיקער. זיך אויסגעפּאַשעט אויפן קאָזאַ-קישן ברויט. נישקשה! — וועסט נישט פאַרפרוירן ווערן!

די געפאַנגענע האָט מען געבונדן די הענט מיט די פּאַס-קעס, מיט די לייצן, אַרויפגעזעצט זיי אויף די פערד.

— אין גאַלאָפּ נאָך מיר! — האָט גריגאָרי אַרויסגעגעבן אַ קאָמענדע און גלייך געמאַכט אויף זיך ליכאַטשעווס מאַנזער.

געגעכטיקט האָבן זיי אין באַזקי. אויפן דיל ביים אויוון, אויף אונטערגעבעט שטרוי, האָט געקרעכצט, געסקריפּעט מיט די ציין, זיך געדרייט אויף אַלע זייטן ליכאַטשעוו. גריגאָרי האָט ביים ליכט פון לאָמפּ אים אָפּגעוואַשן און איבערגעבונדן דעם פאַר-ווונדעטן אָרעם. אָבער פון אויספרעגן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ער איז לאַנג געזעסן ביים טיש, דורכגעקוקט ליכאַטשעווס מאַנ-דאַטן, די רשימות פון די וויעשענסקער קאָזאַקן קאָנטר-רעוואָ-

לוציאָנערן, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן ליכאַטשעוון דורכן אַנטלאָפענעם רעוואָלוציאָנאַל, אַ נאָטיץ־ביכל, בריוו, אָנמערקונגען אויף דער מאַפּע. ער האָט פון צייט־צו־צייט זיך אומגעקוקט אויף ליכאַטשעוון, זיך געקרייצט מיט אים מיט די בליקן, ווי מיט קלינגען. די קאָזאַקן, וואָס האָבן געזעצט איקט אין דער כאַטע, האָבן אַ גאַנצע נאַכט זיך געדרייט, אַרויסגעגאַנגען צו די פערד, רייכערן אין הויז אַריין, האָבן ליגנדיק געשמועסט.

איינגעדרימלט האָט גריגאָרי פאַרטאָג, נאָר באַלד זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעהויבן דעם שווערן קאָפּ פון טיש. ליכאַטשעוו איז געזעסן אויפן שטרוי, אויפבינדנדיק מיט די ציין דעם באַנדאַזש, אַראָפּרייסנדיק דאָס טיכל פון דער וווּנד. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף גריגאָריען מיט פאַראַכטנדיקע בלוט־אָנגעגאָסענע אויגן, זיין ווייס־ציינפיק מויל איז געווען פיינלעך אויסגעשטשירעט ווי אין גסיסה, פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַזאַ טויטער אומעט, אַז גריגאָריען איז מיט איינמאָל אַוועקגענומען געוואָרן דער שלאָף פון די אויגן.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס איך וויל!... שטאַרבן וויל איך! — האָט ליכאַטשעוו זיך צערעוועט, בלייך ווערנדיק, זיך אַריינוואַרפנדיק מיטן קאָפּ אין שטרוי.

ער האָט איבער נאַכט אויסגעטרונקען אפשר אַ האַלבן עמער וואַסער. די אויגן נישט צוגעטון ביז טאָג.

אינדערפרי האָט אים גריגאָרי אַוועקגעשיקט אויף אַ וועגעלע קיין וויעשענסק מיט אַ קורצן באַריכט און אַלע צוגענומענע דאָקומענטן.

XXXI

אין וויעשענסק איז צום רויטן געמויערטן הויז פון אויס־פיר־קאָמיטעט שנעל צוגעפאָרן דאָס וועגעלע, וואָס איז באַוואַכט געווען מיט צוויי רייטער־קאָזאַקן. הינטן אין וועגעלע איז האַלב געלעגן ליכאַטשעוו. ער איז אויפגעשטאַנען, זיך צוהאַלטנדיק די האַנט, וואָס איז אונטערגעהונדן געווען מיט אַ פאַרבלוטיקטן באַנדאַזש. די קאָזאַקן זענען אַראָפּגעשטיגן פון די פערד; באַגלייטנדיק אים, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין הויז.

אַן ערך אַ האַלבע סאָטניע קאָזאַקן איז געווען ענג אָנגעפּאַקט אין צימער פון צייטווייליקן קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדערישע כוחות, סויאַראָוו. ליכאַטשעוו, באַשיצנדיק די האַנט, האָט זיך דורכגעשטופּט צום טיש. אַ קליינער, מיט גאָרנישט קיין מערקווירדיקער, סיידן בלויז מיט די זעלטן־ברייטע שפּעלטלעך פון די געלע אויגן, איז סויאַראָוו געזעסן ביים טיש. ער האָט קורץ אַ קוק געטון אויף ליכאַטשעוון און געפרעגט:

— מען האָט טאַקע געבראַכט דאָס טייבעלע? דו ביסט טאַקע ליכאַטשעוו?

— איך. אָט זענען מיינע דאָקומענטן. — ליכאַטשעוו האָט אַ וואָרף געטון אויפן טיש דאָס זעקל, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעבונדן דער פּאָרטפעל, און אַ קוק געטון אויף סויאַראָוון אומצוטריטלעך און שטרענג. — איך באַדויער, וואָס מיר איז נישט געלונגען אויסצופירן מיין אויפגאַבע — צו צעדריקן אייך, ווי שלאַנגען! אָבער סאָוויעט־רוסלאַנד וועט אייך באַצאָלן, וואָס אייך קומט. איך בעט מיך צו דערשיסן. — ער האָט אַ באַוועג געטון מיטן דורכגעשאָסענעם אָרעם, אַ רודער געטון מיט דער ברייטער ברעם.

— ניין, חבר ליכאַטשעוו! מיר אַליין זענען אַרויסגעטרעטן

קעגן דערשיכן. ביי אונז פירט זיך נישט אזוי ווי ביי אייך, — קיין דערשיסונגען קומען נישט פאר. מיר וועלן דיך אויסהיילן, און דו וועסט אונז נאך אפשר נוצן ברענגען, — האט סויאראוו א זאג געטון ווייך, אבער מיט א פינקל פון די אויגן. — זאלן די איבעריקע ארויסגיין פונדאנען. נו, שנעלער א ביסל!

עס זענען געבליבן די קאמאנדירן פון דער רעשעטאווער, טשערנאווער, אושאקאווער, דובראווער און וויעשענסקער סאטניע. זיי האבן זיך אוועקגעזעצטביים טיש. עמעצער האט צוגערוקט מיטן פוס א טאבורעט ליכאטשעוון, נאר יענער האט זיך נישט גע־זעצט. ער האט זיך אנגעשפארט אן דער וואנט, קוקנדיק איבער די קעפ צום פענסטער.

— אט וואס, ליכאטשעוו, — האט סויאראוו אנגעהויבן, זיך איבערקוקנדיק מיט די קאמאנדירן פון די סאטניעס. — זאג אונז וויפיל מענטשן עס געפינען זיך אין דיין אפטיילונג.

— איך וועל נישט זאגן.

— וועסט נישט זאגן? דארף מען נישט. מיר אליין וועלן פון דיינע פאפירן זיך משער זיין. און אויב נישט — וועלן מיר די רויטארמייער פון דיין וואך אויספרעגן. נאך איין זאך וועלן מיר — (סויאראוו האט אקצענטירט דאסווארט) — דיך בעטן: שרייב אן דיין אפטיילונג, זיי זאלן אוועקגיין קיין וויעשקי. מיר האבן נישט צוליב וואס מלחמה צו האלטן מיט אייך. מיר זענען נישט קעגן דער סאוויעטישער מאכט, נאר קעגן דער קאמונע און די יידן. מיר וועלן דיין אפטיילונג אנטוואפנען און אהיימלאזן. אויך דיך וועלן מיר באפרייען. מיט איין ווארט, שרייב זיי אן, אז מיר זע־נען די זעלבע הארעפאשניקעס, וואס זיי, און זיי זאלן פאר אונז נישט קיין מורא האבן, מיר זענען נישט קעגן די סאוויעטן...

ליכאטשעווס שפיי איז געפאלן אויף סויאראווס גרויאינקן פארשפיצטן בערדעלע. סויאראוו האט זיך אפגעווישט דאס בער־דעלע מיטן ארבל, איז רויט געווארן אויף די באקנביינער. עמע־צער פון די קאמאנדירן האט א שמייכל געטון, אבער פארטיידיק דעם כבוד פון קאמאנדיר איז קיינער נישט אויפגעשטאנען.

— באַליידיקסט אונז, חבר ליכאַטשעוו! — האָט סויאַראָוו געזאָגט שוין מיט דייטלעכן אָנשטעל. — די אַטאַמאַנען און אָפּיצירן האָבן זיך פריילעך געמאַכט איבער אונז, געשפּיגן אויף אונז, און דו — אַ קאָמוניסט — שפּייסט אויך. און איר האַלט דאַך אין איין רעדן, אַז איר זענט פאַרן פאָלק... העי, ווער איז דאָרט?... פירט אַוועק דאָס קאָמיסאַרל. מאָרגן וועלן מיר דיך אַוועקשיקן קיין קאַזאַנסק.

— אפשר וועסטו דיך נאָך מישב זיין? — האָט שטרענג געפרעגט איינער פון די סאָטניע־קאָמאַנדירן.

ליכאַטשעוו האָט מיט אַ באַוועגונג זיך גלייך געמאַכט דעם אָנגעהאָנגענעם פרענטש אויף די אַקסל און צוגעגאַנגען צום קאָנוואָי ביי דער טיר.

אים האָט מען נישט דערשאָסן. די אויפשטענדיקע האָבן דאָך געקעמפט קעגן „די דערשיסונגען און רויבערייען...“ צומאָרגנס האָט מען אים אַוועקגעטריבן קיין קאַזאַנסק. ער איז געגאַנגען פאָרויס דעם רייטער־קאָנוואָי, לייכט שפּרייזנדיק איבערן שניי און כמורעדיק די קורצע ברייטע ברעמען. נאָר אין וואַלד, פאַרבייגייענדיק פאַר אַ מת־ווייסער בעריאָזקע, האָט ער הייטער אַ שמייכל געטון, זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעשטרעקט אינדערהייך און מיט דער געזונטער האַנט אָפּגעריסן אַ צווייגל. אויף דעם צווייגל זענען די טונקל־גרויע קנאָספּן שוין אָנגעקוואָלן געווען מיטן זיסן זאַפט פון מערץ; זייער איידעלער, קוים עמפּינדלעכער אַראָמאַט האָט פאָרגעזאָגט, אַז באַלד וועט זיך צעבליִען דער פרילינג, אַז ווידער וועט טריאומפירן דאָס לעבן, וואָס חזרט זיך איבער אונטערן קרייזלען פון דער זון... ליכאַטשעוו האָט געפּאַקט די אָנגעקוואָלענע קנאָספּן אין מויל אַריין, זיי געקייעט, מיט פאַרנעפּלטע אויגן געקוקט אויף די אויפגעטייעטע, העל־געוואָרענע ביימער און געשמייכלט מיט אַ ווינקל פון די געגאָלטע ליפּן.

מיט די שוואַרצע בלעטעלעך פון די קנאָספּן אין די ליפּן איז ער אויך געשטאָרבן: זיבן וויאָרסט פון וויעשענסק, אין די זאַמדיקע, שטרענג אָנגעכמורעטע היילן, האָבן אים די קאָנוואָי־

ליט חיהש צעממיתט. אַ לעבעדיקן אויסגעשטאָכן די אויגן, אָפּ־
געהאַקט די הענט, די אויערן, די נאָז, צעשפּאָלטן מיט די
שווערדן דאָס פּנים. אויפגעשפּיליעט די הויזן און זיך פריילעך גע־
מאַכט, פאַראומווירדיקט זיין גרויסן מענישן שיינעם קערפּער. אָפּ־
געשפּעט פון זיין בלוט־טריפנדיקן קערפּער־שטאַם, און דערנאָך
האָט איינער פון די קאָנוואָי־ליט אַרויפגעטרעטן אויף זיין שוואַך־
ציטערנדיקער ברוסט, אויפן קערפּער, וואָס איז געלעגן אויפן
רוקן, און מיט איין קלאַפּ קרימלעך אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

סוף פון צווייטן טייל, דריטן באַנד.

נייע ביכער אין דער „יידישער אוניווערסאל־ביבליאטעק".

...מיר ענטפערן מיט אינטענסיווער קולטור־ארבעט! מיט געשטייגערטע כוחות ארום די ווייטערדיקע אנשטרענגונגען ביים אויסבילדן א גרויסן יידישן פארלאג, אין וועלכן סיי דער אריגינעלער יידישער שריפטשטעלער זאל געפינען זיין היים, סיי די גרעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור זאלן איבערגעשאפן ווערן אין א ציכטיקן יידיש און אונטערגעטראגן ווערן דעםברייטן לייענער־עולם אין דער פארווארפנסטער שטאט און שטעטל.

נאך קיינמאל האבן מיר זיך נישט געבייטיקט אזוי שטארק אין א ברייטער ארבעט פאר מאסן־קולטור, ווי גראד איצט — אין דערדאזיקער שווערער צייט.

די פינפאונדרייסיק ביכער, וועלכע מיר האבן ביז איצט ארויסגעגעבן און וואס זענען זיך צעגאנגען אין העכער הונדערט פופציק טויזנט עקזעמפליארן, גיבן אונז דעם פעסטן גלויבן, אז דער יידישער לייענער וועט אויך ווייטער שטיין ביי אונזער זייט און אונז מיטהעלפן אין אונזער פאראנטווארטלעכער שעפערישער ארבעט.

יעדעס געקויפטע בוך פאר 60 גראשן איז א ציגעלע אין בנין פון דעמדאזיקן פארלאג.

גלייך נאכן דערשיינען פון עלפטן און צוועלפטן באנד פון „שמילן דאן", וואס שליסן מיט זיך אפ אלץ, וואס איז ביז איצט דערשינען אין רוסיש פון דערדאזיקער גרויסער עפאפייע, הייבט אן דערשיינען דאס בארימטע ווערק פון ל י א ן פ ו י כ ט־ ו א נ ג ע ר „דער פאלשער נעראן". אין דעמדאזיקן ווערק, געשאפן אויף א היסטארישער טעמע, האט דער גרויסער

מייסטער זיך באמת פונאנדערצוּוויקלען פאַר אונז אין איר גאַנ־צער ברייט די פּראָבלעמאַטיק פון אונזער אייגענער עפּאָכע. אין „פאַלשן נעראָן" קומט צום אויסדרוק דער שווערער געראַנגל פון צוויי וועלט־אָנשויאונגען, פון צוויי טענדענצן. פון איין זייט באַריערע שטייט דער רויבערישער עגאָיִסטישער אימפּעריאַליזם, פון דער צווייטער זייט — די אידעע פון טאָלעראַנץ, דער גלויבן אין אַ סינטעזע פון קולטורן און ראַסן.

גלייכצייטיק מיטן „פאַלשן נעראָן" ווערט געזעצט דאָס גרוי־סע מייסטערווערק פון פּ ר אַ נ ץ ו ו ע ר פ ע ל „די פערציק טעג פון מוזא דאַג". דאָס איז אַ קינסטלערישע שאַפונג פון גראַנדיעזן פאַרנעם, און וועלכער די טראַגעדיע פון אַרמענישן פאָלק, וואָס קלינגט ממש, ווי אַן אַלעגאָריע אויף אונזערע היינט־צייטיקע ליידן, האָט געפונען איר תּיקון.

די אַלע ביכער וועלן דערשיינען אין שנעלן טעמפּאָ, און מיר אַפּעלירן צום יידישן לייענער — צום אַבאָנענט, אַגענט און איינצל־קויפער — אונז אַקעגנצוקומען מיט פּינקטלעכקייט בנוגע די צאָלונגען און מיטהילף ביים פאַרשפּרייטן אונזערע אויסגאַבן.